STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06188

VORT UN TSAYT

Abraham Bick

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אווראָם ביק

וואָרט און צייט

Este libro se terminó de imprimir el día 12 de junio de 1951 en los Tall. Gráf. Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires.

אַוורהם ביק

וואָרט און צייט

עסייען וועגן ליטעראַטור־פּראָבלעמען,
שרייבער און ווערק

☆

פאַרלאַג
בוענאָס איירעס

1951

Copyright by
Abraham Bick, New York

ABRAHAM BICK

WORT UN TZAIT

LA PALABRA Y EL TIEMPO

Ensayos sobre problemas literarios, sobre escritores y sus obras

☆

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

☆

Editorial "ICUF"
Buenos Aires, 1951

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון די קולטור־טוער
אין סאנטא־פע
יוסף און הינדע לפידות

אין ליכטיקן אנדענק פון זייערע עלטערן
ר׳ יצחק בן זאב לפידות, שו״ב
געשטארבן ערעוו דער נאצישער אינוואזיע, קעשענעוו, 1940
און **לאה לפידות**
געשטארבן 1942 אין דער סאוועטישער אזיע.

ניט קיין מאציווע אף העפקערדיקער בייסוילעם־ערד, נאר א מאציווע — א ציגל אין אונדזער יידישן קולטור־ביניען!

דער מעבאבער

א י נ ה א ל ט

אָפּגאַנג און אויפגאַנג

ייִדישער קולטור־העמשעך און פּראָגרעס — 11
דער שרײַבער און זײַנע אידעען — 21
וועגן די יעסוידעס פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם — 32
דער קולט פון אינדיווידועלער דיכטונג — 50
אַ דיכטערישער יאָרצענדליק — 57
די שליכעס פון אַ דאָר — 73

אַלט־נײַ

טראַדיציע און באַנײַונג — 85
די ירושה און די קלאַסיקער — 97
שאָלעם אַש און די קריסטוס־טעמע — 97
אווראָם ליעסינס היסטאָריש ליד — 117
מענאַכעם באָריישאָ — 123
ז. ווײַנפּער — 131
מ. א. סול — 138
שאָלעם שטערן — 144

סאָוועטיש־ייִדיש

דאָוויד בערגעלסאָן — 153
דער ניסטער — 177
ש. גאָדינער — 188
נאָטע לוריע — 198
ש. האַלקין — 204

די בירָאבידזשאַנער פּאָעזיע — 214
די בירָאבידזשאַנער פּראָזע — 222

נײַ־פּוילן

בינעם העלער — 233
די ייִדישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור — 238

נײַ־העברעיִש

יוסף חיים ברענער — 245
שאול טשערניכאָווסקי — 251
אווינגדער האַמאירי — 261

פון דער וועלט־ליטעראַטור

טאָמאַס מאַן — 269
אַנאַ זעגערס — 275
אַמעריקאַנער פּראָזע — 282
האָווארד פעסט און אַלבערט מאַלץ — 301

אָפּגאַנג און אויפגאַנג

יידישער קולטור־העמשעך און פראגרעס

(סארטר, שפּרענגלער און די יידישע „קיעמיסטן")

פאר אײנעם וואָס פארנעמט זיך בלויז מיט אויבנאויפיקע באטראכטונגען, איז דער מאַצעוו פון דער יידישער ליטעראטור און קולטור באַם אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט, מיט די גײַסטיקע זוכענישן און נאַציאָנאַליסטישע קיעם־טענדענצן — אַ באַווײַז אַז די יידישע ליטעראטור — אַ הויפּט־צווײַג פון דער יידישער קולטור — האָט דערגרייכט גאָר אַ הויכע מאַדרייגע.

די עצעם אידעע פון זוכן אַ וועג צו ריינער אָריגינעלער יידישקייט דאַרף קלוימערשט באַווײַזן, אַז אין גרונט איז פון דער יידישער ליטעראַטור עלימינירט געוואָרן פרעמדע השפּעות, אָדער גאָר פרעמדע עלעמענטן, וואָס זײַנען אין מעשעך פון יאָרן, אַל פּי קויעך אינערציע, אָנגעוואָרפן געוואָרן דער יידישער קולטור. אין דער עמעסן אָבער זײַנען די קיעמיסטישע טענדענצן און נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען אַ רעזולטאַט פון אַ יִיעש־באַוווסטזײַן און פון אַ ניהיליסטישער קאָנצעפּציע וואָס איז שוין גאָרניט אָריגינעל, נאָר קומט דירעקט פון ניט־יידישע קוואַלן און איז בעפּיירעש פרעמד דעם היסטאָרישן גאַנג פון יידן און דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור.

אָן שום ספק איז די סיבע פאַר די ווענדונגען און שטימונגען בײַ אַ גרויסן טייל פון די יידישע שרײַבער אין צפון־אַמעריקע און אין אַ טייל קרײַזן פון מײַרעוו־אייראָפּע (פראַנקרייך) — די „ביין־השמאָשעס־צײַט" אין וועלכער מיר לעבן. דער טראַגישער צײַט־אַפּשניט, ווען אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס גויסעסט אין קאָנוווּלסיעס און דעגענערירט פון טאָג צו טאָג וויל אויסנוצן די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן קעדיי צו פאַרניכטן די קולטור ביכלאַל און, קעדיי אָפּצוּווענדן די אויגן פון דער

מענטשהייט פון דער געפאר וואס דראט דער אָרדענונג, פארשפרייט זי די פילאָזאָפיע פון אונטערגאנג ביכלאל.

עס הערשט אַ צעמישעניש בא דער בורזשואזער אינטעליגענץ, וואָס האט פארלוירן דעם גלויבן אין פּראגרעס און האט ניט דעם מאָראלישן קוראזש זיך צו שטעלן פּאנעם על פּאנעם מיט די אָנגעוויטיקטע סאָציאלע פּראָבלעמען קעדיי זיי איינמאל פאר אלעמאל צו לייזן פונדאמענטאל.

ווערן אָט די יִעש־שטימונגען און רעאקציאָנערע טענדענצן אויך איבערגעטראָגן אַף דער יִדישער גאס. האט זיך אַף דער גיט יִדישער וועלט באוויזן דער „עקזיסטענציאָנאליזם", זײַנען באלד אויך אַף דער יִדישער וועלט אויפגעקומען די „קיעמיסטן", וואָס אין זייער קלוימער־שטער זאָרג פארן אונטערגאנג פון דער יִדישער קולטור, שרײַבן טייל פון זיי גאַנץ אָפן, אַז צופיל פּראגרעס, פרײַהייט, דעמאָקראטיע פירט צו נאטירלעכער אסימילאציע, אויפלייזונג, און פריידיקן אַז ווײַטגייענדיקע סאָציאלע און עטנישע דעמאָקראטיע און סאָציאליזם זײַנען געפערלעכער פארן קיעם פון דער יִדישער קולטור ווי רעאקציע.

עס איז ניט קיין צופאל וואָס דער יִדישער „קיעמיזם" האט זײַן צענטער אין פאריז. דאָרט האט אויך דער ניט יִדישער „עקזיסטענציא־ליזם" זײַן „גײַסטיקן צענטער", דאָרט זיצט דער קויהען גאָדל פון דער טונקעלער מעטאפיזישער שיטע, זשאן פּאָל סארטר און פארשפרייט זײַן אײַנפלוס ניט נאָר אַף דער פילאָזאָפיע נאָר אויך אַף דער ליטעראטור.

מיר זײַנען דאָ ניט אויסן צו פּאָלעמיזירן מיט סארטרן און זײַנע פילאָזאָפישע און ליטעראַרישע ווערק. מיר וועלן זיך נאָר אָפּשטעלן בעקיצער אַף סארטרס פּאָרגייער מיט הונדערט יאָר צוריק, דער רעליגיעזער דענקער סאָרען קירקעגאַרד. ער איז געווען איינער פון די פּסיכיש־צע־טרייסלטע מעלאנכאָליקער וואָס האט זיך געגריבלט אין זײַנע ספּייקעס און איבערלעבענישן. ער האט דערפילט אַ „פּאַכעד" פאר דער „עקזיס־טענץ" און האט אַף דעם באגריף פון „אנגסט" אויפגעבויט אַ גאַנצע פילאָזאָפיע, וואָס האט געדארפט צושטערן העגעלס סיסטעם פון „וועלט־אָרדענונג".

דעם מענטשלעכן קיעם און דעם מענטשלעכן זײַן — האט קירקע־גארד געהאלטן — קאָן מען מיט קיין שום סיסטעמען ניט דערקלערן. די

עמעסע עקזיסטענץ איז נאָר בא דעם מענטשן און עס דריקט זיך אויס אין דעם וואָס ער האָט די אבסאָלוטע פרייהייט, וואָס ער קאָן מאכן אַ „אויסוואל" און פאָרמירט זיין עקזיסטענץ ווי ער וויל: און ווייל ער האָט מוירע פאַר דער אכראַיעס וואָס ער טראָגט אף זיך און זיין אויסוואל און ער האָט פאַכעד, „אנגסט".

קירקעגאַרדס קווענקלענישן און באַטראַכטונגען זיינען קימאַט גע־בליבן אומבאַקאַנט פאַרן אייראָפּעיִשן דענקען און נאָר בא ניטשען קאָן מען געפינען עקזיסטענציאַנאַליסטישע טענדענצן.

צו אַ פילאָזאָפיע און אַ „ליטעראַטור־טענדענץ" איז דער עקזיסטענ־ציאָנאַליזם אויסגעוואַקסן אָנהייב דער צווייטער וועלט־מילכאָמע און אין דער מילכאָמע און זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן נאָך דעם קריג ווען די „וועלט" (די בורזשואַזע וועלט — א. ב.) איז געוואָרן אומרויִק און דער מענטש האָט באַקומען „פאַכעד" און „אנגסט" פאַר זיין קיעם".

די הויפּט־אידעע פון סאַרטרס פילאָזאָפישן און אויך ליטעראַרישן באַנעם איז, ווי בא זיין פאָרגייער, די איינזאַמקייט פון מענטשן, פונעם יאָכיד. דער מענטש געפינט זיך אין מיטן אַ שווידערלעכער און פאַרגליווער־טער וועלט. יעדע ווירקלעכקייט ווערט געשאַפן פון נעגירן די ווירקלעכ־קייט.

זייענדיק אליין פאַנעם אל פאָנעם מיט אַן אנדערן מענטשן, מוז דער מענטש דעם אנדערן פאַרניכטן, ווי מען פאַרניכטעט אַ זאַך, וואָס מען נעגירט זי. אויב עס געלינגט דעם מענטשן צו פאַרניכטן דעם צווייטן, דאַן איז ער פאַר אים אַ נעגירונג, אַ זאַך, און אויב עס געלינגט אים ניט, געפינט ער זיך אין קאַמף מיט אַ צווייטער נעגאַציע. אין ביידע פאַלן איז נישטאָ קיין שום פאַרבינדונג, קיין שום דערנענטערונג פון ביידע מענטשן, יעדער בלייבט אליין ווי ער פילט זיך אליין בענעגייע דער גאָ־רער וועלט.

דערמיט וואָס דער מענטש עקזיסטירט, עקזיסטירט אויך די וועלט, נאָר ווי אַ נעגירונג. „דער קיעם שאַפט דעם מעהוס", דער איין סאַך גע־פינט זיך אין יעש און ווירקט אף דעם יעש, באַלעבט אים. דער יעש איז די גאַנצקייט, וואָס פאַרבאָרגט אין זיך דעם טייל, וואָס צעשטערט אים און לעבט אים אויף אין דער זעלבער צייט. אין דעם באַשטייט די

צווייבּדײַטיקייט און די סטירע פון מענטשן. דער מענטש איז פולשטענ־דיק פרײַ אין לעבן, פון וועלכן ער קען נישט אנטלויפן. זײַן פרײַהייט באשטייט אין אויסוואל: אָדער ער מאַכט שאָלעם מיט דער סיטואַציע, אין וועלכער ער געפינט זיך און ווערט אַ זאַך, אָדער ער נעגירט, פירט מילכאָמע קעגן יעדער סיטואַציע, אין ביידע פאַלן איז ער פרײַ, ווײַל ער קאָן אויסוויילן פרײַהייט אָדער שקלאַפערײַ.

דער פרײַער מענטש האָט נישט קיין הויווע און נישט קיין אָוואַר, אַלץ איז אָנגעשטעלט אַפן אַסיד.

דער פויעל יויצע: דער מאָראַלישער כוייוו פון אַ מענטשן איז זײַן פרײַהייט, וואָס איז טאַט, אַקציע קעגן יעדער סיטואַציע. אַפילע אַן אַקציע „גלאַט אַזוי" איז אויך גוט, ווײַל זי פירט צו באַפרײַונג. אַף אַזאַ אויפן שאַפט זיך דער מענטש אַליין. נישט די אַרומיקע וועלט שאַפט אים און פורעמט אים, נאָר פאַרקערט. און אין מעשעך פון זײַן אַקציע ווערט דער מענטש דאָס, וואָס ער שטרעבט צו ווערן. דאָס קאָן נאָר זײַן, ווען מען איז אַליין און איינזאַם.

(ציטירט לויט בּיניאָמין גאָרעלים אַרטיקל: „פּראָבלעם פון פרײַהייט בּאַ זש. פּ. סאַרטר", קיעם, נומער 4).

די דאָזיקע פילאָזאָפיע פירט צו פעסימיזם און פאַרצווייפלונג. סאַרטר האָט זיין פילאָזאָפיע „דערגאַנצט" מיט אַ ריי ראָמאַנען און נאָ־וועלן, וווּ די העלדן און די סוויווע דאַרפן באַשטעטיקן, אַז דער מענטש איז בלויז אַ צופאַל אַף דער וועלט און אַן איבעריקער.

„מיר זײַנען געווען אַ הויפן עקזיסטירנדיקע, וואָס פילן זיך אומ־באַקוועם, וואָס שטערן זיך אַליין, וואָס פלאָנטערן זיך צווישן די אייגע־נע פים. מיר האָבן נישט געהאַט דעם מינדסטן טאַם צו זײַן דאָ... מען איז איבעריק, דאָס איז די איינציקע באַציִונג וואָס איך האָב געקענט פעסטשטעלן צווישן די דאָזיקעביימער, די דאָזיקע פאַרקאַנס, די דאָזיקע שטיינער... ס'איז איבעריק דער קאַשטאַנענבוים... און אויך איך אַליין — מיט אַ שוואַכן ווילן, געלאַנגווײַלט פאַרפאַסקודעט. פאַרדײַענדיק דעם עסן, אַרומשלאַגנדיק זיך מיט אומעטיקע געדאַנקען, בין איך אויך געווען אַן איבעריקער".

(„באַלאַשעם" פון סאַרטר)

גלייך נאכן גרויסן יידישן חורבן איז געקומען דער איימעדיקער געשריי: קיום האומה! געזאלט האט דער דאזיקער מאטיוו וועגן אונדזער קלוימערשט באדראטער פאלקס־עקזיסטענץ באדייטן, אז יידישע קולטור־בויונג — אט דאס איז די רעטונג! קיום האומה האט געדארפט זיין די אידעע, וואס זאל געבן מוט און קויכעס פאר דער יידישער קולטור־בויונג. גענוג אבער א שייל טאן דאס מיסטישע היטל פון דער דאזיקער „קיום“־אידעע, קעדיי זי זאל זיך אנטפלעקן פאר אונדז מיט איר פולן רעאקציאנערן טאך, וואס איז אין דער עמעסן גארנישט אויסן אונדז צו מאביליזירן פאר דער קולטור־בויונג, נאר פארקערט — פולשטענדיק אונדז דעמאביליזירן קעגן דער רעאלער געפאר, וואס לויערט אף אונדז מיצאד דעם רעאקציאנערן קויעך, וואס וויל פארניכטן די גאנצע קולטור דורך אנצינדן א נייעם וועלט־קריג. ביכדיי אבער צו דערקלערן דעם עמעסן מאקער פון דעפיטיזם און סובלימירטן „קיעמיזם“, וואס איז מער נישט ווי א יידישע אויפלאגע פון סארטערס „עקזיסטענציאליזם“, איז נייטיק זיך צו ווענדן נישט נאר צו פאול סארטערן, נאר אויך צו זיין גייסטיקן פארגייער דעם געניאלן דעסטרוקטיוון היסטאריאזאף און נאווי פון קולטור־אונטערגאנג אסוואלד שפענגלער.

שפענגלער איז עפשער געווען דער ערשטער, וועלכער האט געלייקנט אין העמשעך און בעמיילע אין פראגרעס. דער אויפטו פון דעם מעכאבער פון „אונטערגאנג“ פון מיירעוו“ — וועלנדיק אף א קאנדענסירטן אויפן איבערגעבן זיין גרונט־טעזע — איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט געגעבן דער קולטור א נייעם באגריף און באדייט. מען איז געוווינט געווען צו באטראכטן די מענטשלעכע קולטור אלס אן איינהייטלעכן און ציל־באוווסטן צוזאמענגעבונדענעם סכום פון ווערטן און מען האט דערפאר געטיילט די געשיכטע אין דריי צייטן: אנטיקע, מיטלאלטערלעכע און ניי־צייטלעכע. די קולטור־געשיכטע איז א ליניע וואס פראגרעסירט, ווי א וועג, ווי א ריכטונג מיט העמשעך, מיט שטייגנדיקן פראגרעס.

שפענגלער לערנט, אז געשיכטע איז נישט מער ווי אייביקער שטראם, פלוס און קולטורן זיינען פארמישפעט צו אונטערגאנג, צום טויט, ווייל „אלץ לעבט און שטארבט לויט די געבאטן פון שיקזאל“.

קולטורן, סטילן, די וועלט פון געדאנקען, פון קונסט — דאס אלץ

וואָס פּילט אויס דאָס לעבן בעייסן שטרעבן צו שיינקייט, עמעס און גע־רעכטיקייט, מוזן סאָף־קאָל־סאָף דערטרונקען ווערן אין די קאָסמישע כוואַליעס פון מאַכט־פּאַקטאָרן. דאָס באַגינען פון אַ קולטור — געטער און דיכטער; איר סאָף — מאַכט־פיגורן, צעזאָרן. די געשיכטע און בעמיילע די קולטור גייט־צו צו ציקליש, ניט ספּיראַל. יעדער היסטאָרישער ציקל באַשטייט, אין פאַרגלייך מיט דער נאַטור, פון פיר צײַט־סעזאָנען: פרי־לינג, אויפקום פון דער קולטור; זומער — פונאַנדערבליִונג; האַרבסט — דער אָנהייב פון רעגענעראַציע און פונאַנדערפאַל, און ווינטער — דער אונטערגאַנג, דער טויט פון דער קולטור.

און ווייבאַלד די קולטור איז אַ קאָסמישער עלעמענט, איז ווי אַ לע־בעדיקער אָרגאַניזם, איז זי אונטערגעוואָרפן דעם נאַטור־געזעץ און פּראָ־גרעסירט ניט, נאָר לעבט, וועלקט און שטאַרבט. דערשײַנונגען וואָס זײַנען אָרגאַניש, זײַנען נאָר איינמאָל. זיי כאַזערן זיך נישט איבער. „דאָס וואָס איז געגאַנגען פאַרלוירן, וועט קיינמאָל אין דער זעלבער געשטאַלט נישט צוריקומען", איז פון דעם געדרונגען, אַז נישט בלויז ווייס נישט די קולטור פון פּראָגרעס, נאָר אויך נישט פון המשך, פון קאָנטינואַי־טעט, ווײַל עס איז ביכלאַל ניטאָ קיין קולטור נאָר קולטורן. און יעדע קולטור איז עפּעס ווי אַ באַזונדער געוויקס, וואָס האָט גאָרנישט קיין געמיינזאַמעס מיט די איבעריקע געוויקסן. דער גאַנצער באַגריף „מענטשהייט" מיינט פאַר שפּענגלערן גאָרניט. „פאַר מיר איז מענטש־הייט נאָר אַ זאָאָלאָגישע אייגנהייט. איך זע ניט אין דער מענטשהייט קיין ציל, קיין פאָרשריט, קיין וועג".

פון די האַנאָכעס האָט ער געמאַכט זײַן אויספיר, אַז די מײַרעוו־אײַ־ראָפּעיִשע קולטור שטאַרבט, ווי עס זײַנען געשטאָרבן אַלע פריערדיקע קול־טורן. „ניט אין אַ צײַט פון ביין־האַשמאָשעס לעבן מיר, נאָר עס איז שוין נאַכט".

געשיכטע, ווייסן מיר, כאַזערט זיך קיינמאָל ניט איבער, לויט דעם וווּנדערלעכן אויסדרוק פון מאַרקסן אין „אַכצנטן ברומער": „צום ערשטן מאָל אַ טראַגעדיע, צום צווייטן מאָל אַ פאַרס", און די פאַרצווייפלטע מײַ־רעווודיקע וועלט, וואָס איז אין שרעק־געפאַר פאַרן פּראָגרעס פון דער וועלט, כאַפּט זיך אָן אין דער שפּענגלערישער סכעמע פון „אונטערגאַנג",

וואס דראט קלוימערשט דער מײַרעוודיקער (קאפיטאליסטישער) קולטור. הערן זיך שטימען וואס זאגן: די אנטוויקלונג פון דער ציוויליזאציע, די אטאמישע קראפט האט אריבערגעיאגט די עטישע גײַסטיקע אנטוויקלונג און דערפאר איז פראגרעס — העוועל־האוואלים. די וועלט ווערט ניט בע־סער, נאר ערגער. עס איז אן אפגעשלאסענער קרײַז־ארטיקער אויסוועג.

באקומט זיך טאקע פון דער טראגעדיע א פארם ניט נאר אף דער אלגעמיינער גאס נאר אויך אף דער יידישער.

אין דער האקדאמע צו זײַן „רעכט־פילאזאפיע", זאגט העגעל: „אלס וועלט־געדאנק, וואס ווײַזט דעם אויפן, אף וועלכן די וועלט דארף איבער־געבויט ווערן, דערשײַנט די פילאזאפיע טאמיד צו שפעט. זי באווײַזט זיך אין א צײַט, ווען די ווירקלעכקייט האט שוין פארענדיקט איר אנטוויק־לונגס־פראצעס און שטייט פאר אן ענדערונג... מאלט די פילאזאפיע אלץ איז גרויע פארבן, איז דאס א סימען אז א באשטימטע סאציאלע פארעם פון לעבן איז געווארן אלט — און מיט סאמע גרויע פארבן לאזט זיך קיין שום לעבנס־פארעם ניט ענדערן. אפן גרויען הינטערגרונט קאן מען נאר דערקענען דעם געדאנק. די סאווע פון מינערווא הייבט אן צו פליען ערשט דאן, ווען ס'ווערט טונקל..."

אזוי איז עס: דער געדאנק, די פילאזאפיע הייבט אן צו מאלן דאס לעבן גרוי נאכדעם ווי ס'איז געווארן טונקל אין דער וועלט, ערשט נאכן פארענדיקן זיך פון א געשיכטלעכער טקופע. פריער: דאס לעבן — די וועלט, און ערשט שפעטער: דאס דענקען, דער געדאנק. פריער: דאס זײַן, און שפעטער: דאס באוווסטזײַן.

איז קלאר, אז דער ייִעש־באוווּסטזײַן, דער פעסימיזם, די אויס־זיכטלאזיקייט און די מיסטישע סובלימאציע פון דעם „אייגנארטיקן גוירל פון יידישן פאלק", וואקסן ארויס פון אונדזער לעצטער טקופע, וואס דאס „זײַן" האט דורכגעמאכט. די דעפּיטיסטישע טעאריעס און נאציאנאליס־טישע שטימונגען פארשפרייטן די פליגלען אפן „טונקעלן" הינטער־גרונט פון דער הײַנטיקער צײַט. די וועלכע באווײַנען דעם אונטערגאנג פון דער יידישער קולטור, אדער דערהייבן די קולטור צו א מיסטעריע־זער מיסיע פון אונדזער פאלק, זעצן פאר, באוווסטזיניק, יענע ניט יידי־שע געדאנקען פון גוירלדיקייט און פאטאליזם, וואס שפענגלער האט

אויסגעדריקט גלייך נאָכן ערשטן וועלט־קריג. די דאָזיקע איינשטעלונג האָט איר סוואַל אין די דעפּיטיסטישע טעאָריעס וועגן „אונטערגאַנג".

***

מיר האָבן זיך בעקיוון אָפּגעשטעלט אַף געוויסע שטריכן פון שפּענגלערס פילאָזאָפיע, ווייל דורכדעם ווערט אונדז קלאָר די דעזאָריענטאַציע, וואָס הערשט איצט, נאָכן כורבן, בא דעם טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אין מיזרעוו־אייראָפּע און אַמעריקע, וואָס גרופּירט זיך ארום „ציקאָ'ישן „קולטור־קאָנגרעס". דאָ איז דער מאָקער פון דעם „באַוווּסטזיין", וואָס רופט צוריק אין דער געטאָ, צו אָפּגעזונדערטקייט, צו פּאַרטיקולאַריזם, צו אַנטלויפן פון דער וועלט. ער איז אַנטשטאַנען בא דער ניט־יידישער געדאַנקען־וועלט און איז פּאַשעט אריבערגעטראָגן געוואָרן פון דער שפּענגלערישער ניהיליסטישער פילאָזאָפיע, וואָס לייקנט אין דער דינאַמיק און האַרמאָניע פון דער געשיכטע, אין העמשעך און פּראָגרעס.

שפּענגלער האָט אַן „אייגנאַרטיקע" שיטע וועגן גוירל און קיעם פון דער יידישער קולטור. די גאַנצע יידישע קולטור ווערט בא אים קאָנצענטרירט אין דער „סינאַגאָגע", אין דער געטאָ, וועלכע האָט פאַר יידן דעם זעלבן באַדייט, וואָס מעקאַ פאַר די אַראַבער.

נאָכדעם ווי ירושאָלאַים איז געפאַלן, האָבן זיך יידן פאַרמאַכט אין די געטאָס און זיינען נישט געווען פאַרינטערעסירט אין דער קולטור־געשיכטע פון ארום. דערפאַר אַזאַ ווידערווילן צו די פּראָטעסט־באַוועגונגען. באַם מיטלאַלטערלעכן יידנטום, צו אוריאַל אַקאָסטאַ און שפּינאָזאַ, וועלכע האָבן געוואָלט דורכהאַקן פענצטער צו דער וועלטלעכקייט. יידן זיינען בלויז אַ טייל פון אַ „מאַגישער קולטור", וועלכע איז שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבן און מיט דעם פּראָגרעס און ציוויליזאַציע וועלן יידן, וועט די יידישע קולטור אינגאַנצן אונטערגיין.

די דאָזיקע טעאָריע איז אינגאַנצן פאַלש צוגעטראַכט. קוידעם־קאָל איז נישט עמעס, אַז יידן האָבן נאָכן פאַרלירן זייער שטאַט, מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, געבויט אַ מאַגישע היימלאָזע נאַציע. די נעוויאים האָבן מיט זייערע „וועלט־געשיכטלעכע פּערספּעקטיוון", טאָמיד גע־

האט אין אויג א קאנקרעטן פאליטישן ציל. מאכנדיק פון „יהוה׳ן" אן אוניווערסאלן גאט, האבן זיי נישט אויפגעהערט צו שפינען דעם געדאנק, אז דאס יידישע פאלק וועט זיך צוריקערן אין זיין היים און ווערן א פאלק גלייך מיט אלע פעלקער.

ס׳איז אויך נישט עמעס אז די „געטא", וואס שפענגלער ברענגט אין צוזאמענהאנג מיט זיין מאגישער מעטאפיזיק, איז געווען דער איינציקער מיטל אויפצוהאלטן אונדזער נאציאנאלע קולטור. בעיים מיר בלעטערן אין דער יידישער געשיכטע נאכן צווייטן כורבן, וועלן מיר נישט געפינען קיין איינציקע טקופע, אין וועלכער די טירן און טויערן פון געטא זיינען געווען פארהאקט פאר די האשפאעס פון די ארומיקע קולטורן. די געטא איז ביכלאל א באגריף, וואס האט אין דער יידישער קולטור קיין שום ווערט נישט. צווישן געטא און דער ארומיקער וועלט איז שטענדיק געווען א לעבעדיקער קאנטאקט אפילע אין די טונקלסטע צייטן פון מיטלאלטער.

די יידישע קולטור איז געלאפן ווי א שטראם דורך א סאך לענדער און באגעגענענדיק זיך אין פארשיידענע צייטן מיט פארשיידענע קולטורן און ציוויליזאציעס, האט זי שטענדיק אויפגענומען אין איר שוים א סאך שפראצונגען פון די דאזיקע קולטורן.

די לעגענדע פון „פארשלאסענעם געטא" איז צעשטערט געווארן איז ליכט פון אונדזער רייכער דינאמישער געשיכטע. וואלט די יידישע קולטור געווען הערמעטיש פארשלאסן קעגן דרויסנדיקע ווינטן, וואלט די יידישע קולטור־שאפונג אויסגעטרוקנט געווארן און מיר וואלטן נישט געהאט יישט קיין רמב"ם, נישט קיין שפינאזא און אקאסטא און אויך נית קייז מוישע העס און הערצל, און אפילע נישט קיין מענדעלען און י. ל. פערעץ.

פון דעם איז קלאר אז די ייעש־שטימונגען. דער פעסימיזם און די זארג פארן „קיעם" פון דער יידישער קולטור, האט זיין מאקער אין די מוטנע טייכן פון דער טונקעלער מעטאפיזישער פילאזאפיע פון קירקעגארד, שפענגלער און סארטר.

קלאר און איבערצייגנדיק האט דעם געדאנק פארמולירט דער יידיש־פוילישער שרייבער ד. ספארד אין זיין בוך „שרייבער און ביכער"

(לאָדזש, 1949): „נאָך יעדער קאַטאַסטראָפע אין דער מענטשלעכער געשיכטע קומען אויף מאַרעשכווירעניקעס, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, און פאַרפּלייצן די וועלט מיט שוואַרץ־זאָגערײַ וועגן דעם פּרינציפּ פון שלעכטס, וואָס הערשט איבער דער וועלט און וואָס פירט אומפאַרמייד־לעך צום סאָף פון דער מענטשהייט.

„גײַסטיק באַהערשט און געפּענטעט דורך אַ וועלט־אָנשויונג פון אַ קלאַס, וואָס איז דורך זײַן עצם אויפקום געוואָרן פאַרמישפּעט צו אונטערגאַנג, וואָס האָט מיט יעדן וווּקס זײַנעם טויזנטפאַכיק פאַר־שטאַרקט די קראַפט, וועלכע דאַרף אים פאַרשלינגען, וואָס טראָגט אין זיך דעם אייגענעם אומקום, ווי אַ נויטווענדיקן עלעמענט פון זײַן עקזיס־טענץ, — זײַנען זיי נישט אימשטאַנד צו דערזען די ליכטיקע קערנער, וועלכע רײַסן אויף יעדע פּינצטערניש, ווי די גרינע פלאַנצן דעם שוואַרצן צודעק פון דער ערד".

אויב מיר קענען האָפן אַף אַ ייִדישן קולטור־רענעסאַנס אין די מיזר־רעך־אייראָפּעיִשע לענדער — און גאָר גרויסע סימאָנים פון דעם קול־טור־אויפבלי זעען מיר שוין, — איז ער זיכער אַ רעזולטאַט פון דער נײַער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער פאָרמאַציע אין יענעם טייל וועלט, וואָס קערעוועט די געשיכטע צו אַ ליכטיקערן מאָרגן.

ייִדישער קולטור־קיום מוז זײַן באַזירט אַף דעם געדאַנק, אַז די געשיכטע און די קולטור פּראָגרעסירן און מוזן זײַן דורכגעדרונגען מיט די שענסטע אידעען פון דער קעמפנדיקער מענטשהייט, פון די נעווי־אים ביז שפּינאָזאַ און מאַרקס און פון יעהודע האַלייווי, בען גבירול ביז פּערעצן און דעם נײַסטן ייִדישן און העברעיִשן קולטור־שאַפער.

נאָר אַף אַזאַ אויפן קען ווײַטער פאָרקומען אונדזער קולטור־העמ־שעך און פאַרגעזעצט ווערן אונדזער קולטור־קיִום.

פון אָט־דעם קוק־ווינקל איז די קולטור ביכלאַל און די ייִדישע קולטור ביפראַט ניט קיין שטאַרבנדיקער בוים, וועמענס פאַרוועלקטע בלעטער פאַלן אַראָפּ אַף האַרבסטיקער ערד, נאָר אַ בוים, וואָס איז אָפּ־געקלאַפּט געוואָרן דורך אַ גרויסן שטורעם, אָבער באַקומט איצט ווידער לעבעדיקע גרינקייט און אַ נײַעם פרילינגדיקן אויפבלי.

דער שרײַבער און זײַנע אידעען

דער אַלטער װיכוח װעגן שײַכעס פֿון שרײַבער צו די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אידעען פֿון זײַן צײַט, איז אין יאָר 1949, ערעװ דער צװײטער העלפֿט פֿון 20טן יאָרהונדערט, װידער געװאָרן אַקטועל.

עטלעכע חדשים איז אין די ליטעראַרישע ספֿערן און אויף די שפּאַלטן פֿון פֿאַרשײדענע ענגלישע און מערב־אייראָפּעיִשע זשורנאַלן געפֿירט געװאָרן אַ דיסקוסיע װעגן שרײַבער און זײַנע אידעען אין שײַכעס מיט אַ פּרעמיע, װאָס אַן אַמעריקאַנער שרײַבער־גרופּע, מיטן דיכטער ט. ס. עליאָט בעראָש, האָט דעמאָנסטראַטיװ געגעבן דעם אַמעריקאַנער פֿאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישן פּאָעט עזרא פּאָונד.

װי באַװוּסט, האָט עזרא פּאַונד, אין די מלחמה־יאָרן, געהאַלטן ראַדיאָ־רעדעס אין רוים פֿאַר מוסאָליניז קעגן אַמעריקע און אויך קעגן ייִדן. אין 1945 איז ער געבראַכט געװאָרן קיין אַמעריקע, װוּ מען האָט אים געמישפּט פֿאַר פֿאַראַט. מען האָט אים ניִשט געגעבן די האַרבע שטראָף, װאָס ער האָט פֿאַרדינט פֿאַר פֿאַראַטן זײַן פֿאָטערלאַנד, אַ דאַנק דער שטאַדלאָנעס פֿון גוטע פֿרײַנט, װאָס האָבן אים דערקלערט פֿאַר משוגע און אים פֿאַרשפּאַרט אין אַ הויז פֿאַר גײַסטיק־קראַנקע אין װאַשינגטאָן.

אַ שרײַבער־גרופּע, װאָס רופֿט זיך „פּעלאָוס אין אַמעריקען לעטער", האָט אים צוגעטײלט די פּרעמיע פֿאַר בעסטער פּאָעזיע. די זשורי־מערהײט האָט געװוּסט װעגן די ערנסטע מאָטיװן פֿון געזעלשאַפטלעך־עטישן כאַראַקטער קעגן קרוינען עזראַ פּאונד װי אײנעם פֿון אַמעריקעס בעסטע דיכטער. אײנער פֿון זײ, קאַרל שאַפּיראָ, האָט אָנגעגעבן װאָגיקע טײַנעס פֿאַרװאָס ער שטימט קעגן פּרעמירן דעם פֿאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישן פּאָעט. אָבער די שרײַבער־גרופּע האָט דערקלערט, אַז זי נעמט אין אַכט בלויז דעם קינסטלערישן װערט פֿון זײַן בוך („געזאַנגען פֿון פּיזאָ") און דערבײַ צוגעגעבן די דערקלערונג:

„צולאזן אנדערע באטראכטונגען, א בוז דעם מאטיוו פון פאעטי־שע פארדינסטן, צו ווירקן אף דעם באשלוס, וואלט צעשטערט די באַ־דײַטונג פון דער פּרעמיע און וואלט אפגעלייקנט אין פרינציפ די גילטי־קייט פון יענער אביעקטיוועד אויפפאסונג פון ווערטן, אף וועלכע יעדע ציוויליזירטע געזעלשאפט מוז זיך האלטן".

די פּראבלעם איז קלאָל נישט נײַ. עס וועקט אויף נישט נאר די אלטע פראגע וועגן „קונסט פאר קונסט", נאר אויך די שײַכעס פון דער שרײַבערישער פערזענלעכקייט און זײַנע נאציאנאלע און סאציאלע אי־דעען.

מיט יארן צוריק האט אנאטאל פראנס אין אן עסיי וועגן דער פראנצויזישער ליטעראטור געשריבן: „אונדזער היינטצײַטיקע ליטערא־טור וואקלט זיך ווי דער אומרו פון א זייגער צווישן כאיעשן גראבן נא־טוראליזם און עקזאלטירטן מיסטיציזם. מיר זײַנען אדער אין שמוץ אדער אין די וואלקנס. קיין מיט איז נישטא".

אן ענלעכן געדאנק זאגט ארויס דער רעדאקטאר פון „פארטיזאן רעוויו". די סיבע פארוואס מען האט פאונדן געגעבן די פרעמיע, שרײַבט ער, איז ווײַל די פארמאליסטישע אמעריקאנער ליטעראטור־קריטיק האט צופיל איבערגעבויגן דעם שטעקן פון א פריערדיקער תקופה, ווען זי איז געווען צופיל פארכאפט פון פאליטיק.

עמעס, די אמעריקאנער ליטעראטור־קריטיק האט אין מעשעך פון יארן זיך באמיט צו שפילן די ראָל פון דעם זייגער־אומרו, אויב נישט צווישן עקזאלטירטן מיסטיציזם און כאיעשן גראבן נאטוראליזם, איז זיכער צווישן דער סאציאל־פאליטישער טענדענץ און קינסטלערישער אפגעזונדערטקייט, וואס אף ענגליש איז פאראן אף דעם א טרעפלעך ווארט „עסקעיפיזם" — מאראלישע דעזערטירערײַ.

וואס שײַך עזרא פאונדס פאעזיע, איז שוין גארנישט קיין צופאל, נאר א פויעל־יוויצע, א לאגישע קאנסעקווענץ פון דער סאציאלער פא־זיציע, וואס די קריטיקער און פרעמיע־צוטיילער פארנעמען אין דער איצטיקער צײַט.

דער וויכוח וועגן דעם, צי דארף א שרײַבער זײַן אקטועל־געזעל־שאפטלעך אדער פארטייִש איז שוין איצט דורך שרײַבער פארענט־

פערט אף פארשיידענע אויפאנים. אויך די פראגע פון „קונסט פאר קונסט", וואס באטראכט די קונסט און אלע אירע צווייַגן אלס ציל פאר זיך, וואס דארף זיך נישט אונטערווארפן דער געזעלשאפט — איז שוין בא א סאך שרייַבער געלייזט געווארן.

וואס־ווייַטער, אלץ אומעגלעכער ווערט פארן קינסטלער צו שטיין אן א זייַט פון די גרויסע סאציאלע ראנגלענישן פון אונדזער דאר. די, וואס קלאמערן זיך נאך אין דער פאראל „קונסט פאר קונסט", זייַנען אויסגעווארצלטע מענטשן, וואס וואקלען זיך צווישן פארשיידענע האשפאעס, אפטמאל — גאנץ קעגנגעזעצטע. דעם קינסטלערס זעונגען קאנען זיך נישט אנהאלטן בא אבסטראקטע פראצעסן. זיי זייַנען ארייַנגעצויגן אין סאציאלן געראנגל פון דער וועלט, זוכן דעריבער שרייַבער און גייַסט־מענטשן ביכלאל א וועג און א ציל, אן ענד־פונקט פאר זייער בליק. פיל האבן זיך פארבונדן מיט דער רעאקציע, מיטן פאשיזם (אנדרעי מאלראא, קנוט האמסון), אנדערע מיט מאנארכיע און קאטאליציזם.

ט. ס. עליאט האט זייַן סאציאל־פאליטישע און טענדענציעז־אקטועלע דיכטונג ארויסגעבראכט אין דער גאנצער נאקעטקייט, ווען ער האט נאך פאר דער מילכאמע דערקלערט זייַן דיכטערישע קרעדא: „אנגלא־קאטאליציזם אין רעליגיע, קלאסיציזם אין דער ליטעראטור און מאנארכיע אין דער פאליטיק". דער אנטיסעמיט און פארטיידיקער פון אלץ וואס איז אבסקוראנט און רעאקציאנער אין אמעריקאנער לעבן, ווערט איצט ארויסגעשטעלט ווי א מוסטער פון ריינער קולטור און „אנגלא־זאקסישן גייַסט" (זע זייַנע ווערק „די אידעע פון א קריסטלעכער געזעלשאפט" און „נאטיצן צו דער דעפיניציע פון קולטור").

קעדיי צו שאפן זיך א בילד וועגן די דיכטער און פראזאיקער, וואס רעפרעזענטירן דעם גייַסט פון דער הייַנטיקער אמעריקאנער קולטור, דארף מען ברענגען א פאר ארויסזאגונגען פון אן אנדער אמעריקאנער שרייַבער, הענרי מילער, וואס איז נאנט צו עליאטס כיידער. הענרי מילער שרייַבט: „מיר אינטערעסירט אינגאנצן נישט דאס לעבן פון די מאסן און נישט די פלענער פון די עקזיסטירנדיקע רעגירונגען אין דער וועלט. איך האף און גלייב, אז די גאנצע ציוויליזירטע וועלט־

מענטשהייט וועט אָפּגעווישט ווערן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד אין מעשעך פון די נאָענטסטע יאָרן!" דער זעלבער מילער, פאַרטיידיקנ־דיק אַ פראַנצויזישן שרײַבער, וועלכער האָט קאָלאַבאָרירט מיט די נאַ־צים, האָט אין 1944 געזאָגט: „צי קאָן מען פאַרורטיילן דעם דאָזיקן שרײַבער? סאָף קאָל סאָף וואָס האָט ער דאָ געדאַרפט פאַרטיידיקן? די היים? די פרוי און קינדער? דאָס פיצל ערד? איך וואָלט זיך דעם מינדס־טן נאָגל נישט געלאָזט אָפּשנײַדן פאַר פאַרטיידיקונג פון אַזעלכע נישט־טיקייטן".

איז דען אַ וווּנדער, וואָס שרײַבער פון דעם מין אָנערקענען די „קינסטלערישע אויפטוען" פון דעם פּאָעט־לאָורעאַט פון דער אַמעריי־קאַנער רעאַקציע, וואָס האָט נאָך אין יולי 1942 דערקלערט דורך ראַדיאָ, אַז „די פאַשיסטישע רעוואָלוציע איז פאַר דער אויפהאַלטונג פון אַ גע־וויסער שטופע און קולטור" און אַז „אַמעריקע — רוזוועלטס אַמעריקע — איז נישט דער אַרסענאַל פון דעמאָקראַטיע נאָר פון יודאָקראַטיע". קאָן מען זיך פאַרשטעלן אַ גרעסערן ציניזם און אַ גרעסערע פאַרשוועך־בונג פון דער סאָציאַלער מאָראַל ווי זאָגן, אַז מיט צוטיילן קאָוועד צו פאָונדן האָט מען אויף „די אָביעקטיווע ווערטן אָפּ וועלכע אַ ציוויי־ליזירטע געזעלשאַפט מוז זיך האַלטן?"

עס איז קלאָר ווי „אָביעקטיוו און אומפּאַרטייִש" די זשורי און די ליטעראַטור־קריטיקער פון פאָונדן זײַנען געווען און צו וואָסער ריכ־טונג זיי געהערן, און אָפּ וועלכע עסטעטישע און עטישע ווערטן זייער „אָביעקטיווע" אויפפאַסונג האַלט זיך.

דאָס זײַנען זיכער נישט די עסטעטישע און מאָראַלישע ווערטן פון אַזעלכע אַכראַיעסדיקע וואָרט־קינסטלער ווי פּאַדייעוו, שאָלאָכאָוו, אַנ־דערסען נעקסע, פּאַבלאָ נערודאַ, אַנאַ זעגערס, לויִס אַראַגאָן און האָוואַרד פעסט, וועלכע האָבן אָנערקענט, אַז די ליטעראַטור איז — באַוווּסט צי אומבאַוווּסט — אַן אָפּקלאַנג און אַ פּאַרויספּילן פון די צײַט־פּראָבלעמען און אַן אינסטרומענט פאַר זייער לייזונג און דערפאַר האָבן זיי זיך געשטעלט מיטן פּאָנעם צום מאָרגן, צו אויפריכטיקער דע־מאָקראַטיע און צום סאָציאַלן פּראָגרעס.

**

אין קיין ספערע פון מענטשלעכן שאַפן הערשט נישט אַזוי דער רעלאַטיוויזם ווי אין דער ליטעראַטור. עס איז נישט דער אַפּט־דערמאָנ־טער רעלאַטיוויזם פון פּערזענלעכן געשמאַק. עס איז דער איקער דער רעלאַטיוויזם פון צײַט און אָרט.

דער גרויסער רוסישער קריטיקער בעלינסקי האָט אַמאָל געשריבן: „די צײַט פון געגראַמטע שפּילערײַען איז פאַרשוווּנדן און וועט זיך צו־ריק נישט אומקערן. די שפּירעכטסן און געפּיקעכטסן האָבן קיין שום ווערט נישט. עס פאָדערן זיך טיפע געפילן און אידעען, ארויסגעבראַכ־טע אף א קינסטלערישן אויפן.

„ווערק, אין וועלכע די מענטשן דערוויסן זיך גאָרנישט און אין וועלכע אַלץ געהערט צום דיכטער, פאַרדינען נישט קיין אויפמערקזאַמ־קייט ווי שטוסערײַען". און נאָך: „דאָס עמעסע קונסט־ווערק דריקט נישט אוים דאָס פּריוואַטע און צופעליקע, נאָר דאָס אַלגעמיינע און נויטווענדיקע".

מיט יאָרן שפּעטער האָט ג. פּלעכאַנאָוו אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער ראָל פון דער אידעע און קונסט געשריבן: „געבן אַן עכטע באַ־גײַסטערונג דעם קינסטלער קאָן בלויז דאָס, וואָס העלפט־מיט דער פאַר־בינדונג צווישן מענטשן, ווײַל קונסט איז איינס פון די מיטלען פאַר גײַסטיקער פאַרבינדונג צווישן מענטשן. וואָס העכער עס איז דאָס גע־פיל, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין געגעבענעם קונסט־ווערק, אַלץ לײַכ־טער קאָן דאָס דאָזיקע ווערק, בײַ אַנדערע גלײַכע באַדינגונגען, שפּילן אַ ראָל אַלס מיטל פון גײַסטיקער פאַרבינדונג צווישן מענטשן. פאַרוואָס קאָן אַ קאַרגער נישט זינגען וועגן פאַרלוירענעם געלט? גאָר פּאַשעט, ווײַל ווען ער זאָל אָנהייבן זינגען וועגן זײַן פאַרלוסט, וואָלט זײַן ליד קיינעם נישט גערירט, ד"ה, דאָס ליד וואָלט נישט געקאָנט דינען פאַר אַ פאַרבינדונג־מיטל צווישן אים און אַנדערע מענטשן. די ליטעראַטור דאַרף אויסדריקן די גרייטקייט און די ווּליקייט פון ליטעראַט צו דינען דער מענטשהייט און אין דער זעלבער מאָס, אין וועלכער זי דריקט אוים אַזאַ גרייטקייט, דינט זי באַשטימט דעם ניוואָ פון קולטורעלער אַנטוויק־לונג, צו וועלכער די מענטשהייט האָט דערגרייכט".

דאָ ווערט באַשטעטיקט די האַנאָכע, אַז ליטעראַטור האָט נאָר דע־

מאָלט אַן עסטעטיש־עטישן ווערט, ווען דער קינסטלער פילט די שייַ־
כעס צווישן אים און דער געזעלשאַפט.

דער עמעסער גרויסער קינסטלער איז גרויס נאָר דאַן, ווען ער שפּיגלט אָפּ די לײַדן און פרײדן פון זײַן פאָלק און סאָציאַלן יווישער און פרײַהייט. די עכטקייט און עמעסדיקייט פון דער שרײַבערישער פּערזענלעכקייט דאַרף דעריבער זײַן געפּאָרט מיט זײַן סאָציאַל־פּאָליטי־שער און עטישער אידעע.

דער געדאַנק פירט אונדז צום צווייטן אַלטן פּראָבלעם. צי דאַרף דער שאַפער שטיין אַף איין מאַדרייגע מיט זײַן שאַפונג. ווי דאַרפן מיר זיך באַציען צו אַ ווערק פון אַ קינסטלער, וואָס פּערזענלעך געפינט ער זיך אין רעאַקציאָנערן לאַגער?

עמעס, יעדע ליטעראַרישע שאַפונג איז נישט קיין פּראָדוקט פון אַן אַבסאָלוט־פרײַען און איזאָלירטן קינסטלער. דער קינסטלער איז אָפּ־הענגיק פון זײַן אָפּשטאַם, פון זײַן פאָלק, און אין מעשעך פון זײַן גאַנץ לעבן ווערט ער באַווירקט פון זײַן צײַט, זײַן סוויווע, זײַן קלאַס און זײַנע לעבנס־באַדינגונגען, און בעמיילע איז אויך זײַן שאַפן אָפּהענגיק פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז אַן עמעס, וואָס קיינער קאָן נישט אָפּפרעגן. אָבער דעם דאָזיקן עמעס טאָר מען נישט אָנווענדן מעכאַניש און איינ־זײַטיק. מען מוז אים דערקלערן דורך אַ צווייטן פאַקטאָר — דורך דער רעלאַטיווער פרײַהייט פון מענטשן, דורך דעם מעטאָד, וואָס קאָן אָנ־גערופן ווערן דיאַלעקטיק פון געוויסן.

די געזעלשאַפט, דעם קינסטלערס קלאַס, באַווירקט און באַשטימט די שאַפונג פון קינסטלער, אָבער אָפט שטעלט דער קינסטלער אַרויס אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם מעכאַנישן דרוק פון דער געזעלשאַפט. דורך דעם וואָס ער פאַרמאָגט אַ גרויסע מאָס שעפערישע פרײַהייט איז ער בעקויעך צו באַהערשן די צײַט און נישט נאָר באַהערשט ווערן פון איר. אין אַנדערע ווערטער: די ערד דרייט זיך נישט נאָר אַרום דער זון, נאָר אויך אַרום איר אייגענער אַקס.*) די באַוועגונג אירע אַרום דער זון איז אַ רעזולטאַט פון די צוויי קעגנגעזעצטע און דאָך אומפאַרמייד־לעכע איינהײַט־באַוועגונגען.

*) זע ו. פּאָלאַנסקי „שטרעמונגען אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור".

נאָר דורך דעם דאָזיקן דיאַלעקטישן מעטאָד קאָן מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אַ גרויסער טייל רעוואָלוציאָנערן קעגן קאַפּיטאַליזם קומען פון העכערע קלאַסן, האַגאַם זייערע קלאַסן־אינטערעסן פאַרלאַנגען דעם היפּעך.

די דאָזיקע פעיִקייט אַרומצונעמען אַ שטאַנדפּונקט פון צוויי קאַטעגאָריעס, פון די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, אידעאַלע און רעאַלע זײַטן, האָט פאַרמאָגט לענין, און אין דעם איז באַשטאַנען זײַן אומפאַרגלײַכלעכע קראַפט אַלס דענקער, סטראַטעגיקער, פּאָליטישער פירער און אויך ליטעראַטור־קענער.

אין אַן אַרטיקל „ל. נ. טאָלסטאָי", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1910, אַנאַליזירט לענין טאָלסטאָיס ווערק: „**לעוו טאָלסטאָי, וואָס שילדערט דער איקער דאָס אַלטע פאַרן רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, האָט באַוויזן זיך צו דערהייבן ביז אַ קינסטלערישער קראַפט, אַז זײַנע ווערק האָבן פאַרנומען איינס פון די ערשטע ערטער אין דער אַלוועלטלעכער קינסטלערישער ליטעראַטור. דער געניאַלער קינסטלער האָט געגעבן ניט נאָר אומפאַרגלײַכלעכע בילדער פון רוסישן לעבן, נאָר אויך ערשטקלאַסיקע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור**". (אונטערגעשטראָכן פון מיר — א. ב.) דאָ ווערט פאַר אונדז אַנטפּלעקט לענינס באַנעם פון ליטעראַטור.

פאַרוואָס זײַנען, פון לענינס שטאַנדפּונקט, טאָלסטאָיס ווערק געניאַל?

לענין האָט געשריבן: „טאָלסטאָי איז גרויס מיט דעם, וואָס ער דריקט אויס יענע אידעען און שטימונגען, וועלכע האָבן זיך אויסגעאַרבעט בײַ מיליאָנען רוסישע פּויערים צו דער האַסכאָלע פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. טאָלסטאָי אַליין איז אַ גוטבאַזיצער, וואָס רעדט אין נאָמען פון קריסטוס".

לאָמיר זיך פונאַנדערקלייבן אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג. לענין נעמט אָן, אַז טאָלסטאָי איז אַ פּאָרעץ, אַ פאָרשטייער פון פּריצים־קלאַס, און דאָך איז ער „דער אויסדריקער פון די שטימונגען פון מיליאָניקן פּויערטום". איז אָט־דער געדאַנק סויסער דעם מאַרקסיזם? ניין! דער געדאַנק לייקנט בלויז דעם פלאַכן מעכאַנישן צוגאַנג, אַז דעם שרײַבערס שאַפן מוז שטענדיק זײַן פאַרבונדן מיט זײַן קלאַסן־אָפּשטאַם.

דער סאָציאַלער אָפּשטאַם פון שרײַבער מוז נישט אַלעמאָל דיקטירן זײַנע אידעען און שטימונגען. אַלץ איז אָפּהענגיק פון די קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס שאַפן פון שרײַבער אַנטוויקלט זיך, און אויך פון אייגיקע אייגנשאַפטן פון זײַן פערזענלעכער אַנטוויקלונג. די אַלגעמיינע האַנאַבע פון מאַרקסיזם וועגן דער ווירקונג פון קלאַס אַף דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, וועגן דער קלאַסאָווער ירושה, בלײַבט עמעס, אָבער אין געביט פון אידעאָלאָגישן און קינסטלערישן שאַפן ווײַזט די דאָזיקע אַקסיאָמע אַן אַף אַ גאַנצער ריי אויסנאַמען. דאָס איז אַ בוינזאַמער, דיאַלעקטישער, נישט קיין מעכאַנישער צוגאַנג.

וואָסער זין האָבן אָט־די „אויסנאַמען״ פאַר אונדזערע באַמערקונגען וועגן פליכט פון שרײַבער? לויט דעם צוגאַנג וועט אַ שלעכטער מאַרקסיסט זײַן דער, וואָס וועט באַם אַנאַליזירן אַ ווערק פון אַ שרײַבער אָנווענדן מעכאַניש דעם „קלאַל״ און איגנאָרירן די מעגלעכקייט פון אַן אויסנאַם.

באַם אַנאַליזירן אַ ליטעראַרישע שאַפונג דאַרף דער מאַרקסיסטישער מעטאָד זײַן בוינזאַם, ברייט און טיף. ער זאָל צולאָזן די פאַרשיידנאַרטיקע מעגלעכקייטן, אַז דער קינסטלער קאָן אָפּווײַכן פון דער אידעאָלאָגיע פון זײַן קלאַס. דערבײַ דאַרף מען אויפדעקן יענעם מעכאַניזם פון סאָציאַלע אײַנפלוסן אַפן שרײַבער, וועלכע האָבן אים אַריבערגעפירט פון זײַן קלאַסן־שטאַנדפּונקט צו די אידעען פון פרעמדע קלאַסן.

ס'איז קלאָר, אַז מען קאָן אַבסאָלוט נישט ריידן וועגן ליטעראַטור, וועלט־ליטעראַטור, אין דעם זין, אַז זי איז שטענדיק באַשטימט געוואָרן דורך דער קלאַסן־אָפּשטאַמונג פון קינסטלער. דער אַנאַליז, וועלכן לענין גיט פון טאָלסטאָין, צעשטערט אַזאַ פאַלשע אָנווענדונג פון מאַרקסיזם. טאָלסטאָי איז טאַקע געווען „אַ גוטבאַזיצער, וואָס רעדט אין נאָמען פון קריסטוסן״, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט ער באַוויזן איבערצוגעבן מיט אַ וווּנדערלעכער קראַפט די שטימונג פון די ברייטע מאַסן, וועלכע זײַנען געווען אונטערדריקט פון יענער אָרדענונג, „צו שילדערן זייער מאַצעוו און אויסדריקן זייער געפיל פון סטיכישן פּראָטעסט און צאָרן״. ווײַל ער איז געווען אַן עכטער קינסטלער.

טאָלסטאָי איז געווען אַ גראַף, אַן אַריסטאָקראַט, פונדעסטוועגן געפינען מיר אין זײַן שאַפן אַן „איבערצײַגטע אָפּלייקענונג פון קאַפּיטאַ־

ליזם, וועלכע איז פול מיטן טיפסטן געפיל און ברענענדיקן צאָרן". די דאָזיקע שטריכן שטעלן מיט זיך פאָר דאָס אייביקע און דאָס אומ־שטערבלעכע אין טאָלסטאָיס ירושה. אָבער צוזאַמען מיט די שטריכן ווײַזט לענין אויך אָן, אַז דער דאָזיקער לײַדנשאַפטלעכער דעמאַסקירער און קריטיקער פון דער צארישער מעלוכע האָט אויך אַרויסגעוויזן אין זײַנע ווערק אַן אומפאַרשטענדעניש פאַר די סיבעס פונעם קריזיס, וועלכער האָט זיך אָנגערוקט אויף רוסלאַנד, און פאַר די מיטלען, וואָס זאָלן אַרויספירן פון קריזיס. די דאָזיקע אָפּהענגיקייט פון דער היסטאָ־ריש־ניש־אַנטוויקלטער סוויווע בילדעט די צווייטע זײַט פון טאָלסטאָיִ דעם קינסטלער, ווײַל געניאַליטעט קאָן נישט אַלעמאָל גוויווער זײַן די היסטאָרישע באַדינגונגען פון אַ טקופע: זי דרינגט אַרײַן מיט אירע סטוי־רעדיקע און נישט־אַנטוויקלטע שטריכן אין זײַן פּערזענלעכער דערפאַ־רונג. און דערפאַר שילדערט לענין טאָלסטאָיס צווייטע זײַט — זײַנע סטירעס, זײַן פּאָליטיק. אַ גרויסער שרײַבער „איז אָבער טאָלסטאָי קאָ־מיש אַלס סאָציאַלער פּאָליטיקער".

און שטודירנדיק ערנסט טאָלסטאָיִן, דערזעענדיק זײַנע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, האָט לענין געקאָנט אָפּטיילן טאָלסטאָיִן, דעם רעאַקציאָנערן פּאָליטיקער, פון דעם גרויסן קינסטלער.

יעדער בעצעמעס שעפעריש בוך פון אַ געוויסער טקופע איז אַן אויסדרוק פון טיפסטן וועלט־ און לעבנס־געפיל פון יענער טקופע. אַ שעפעריש ווערק איז אָדער אַ דערגרייכונג פון דאָס נײַע, אָדער עס שטייט אין טראַגישן קאַמף פאַר דעם נײַעם. דאָס אינטימסטע און טיפס־טע פון נײַעם וועלט־געפיל פון אונדזער צײַט באַשטייט אין שטאַרקע שטראָמען מענטשן־ליבע און סאָציאַלער אכראַיעס; אין אַ נײַער מאָראַל און נײַע פריידן; אין אַ נײַעם אַקטיוון ווילן און אַ נײַעם צאַר. און דאָס געפינען מיר אין אַ סאַך געשטאַלטן און אין די שעפערישע ווערק פון דער מאָדערנער ליטעראַטור; פון ראָמען ראָלאַנס „זשאַן קריסטאָף" ביז דזשאַז סטיינבעקס „פרוכט פון צאָרן", שאָלאָכאָווס „שטילער דאָן" און אַנדערע.

דער קינסטלער דאַרף צוגיין צום הײַנטיקן ווירקלעכן לעבן מיט אַן אינערלעכן ברען. אַזעלכע קינסטלער ווירקן אויף אונדז און דערשיטערן אונדז צום טיפסטן, ווײַל צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָניזירונג פון דער

אָרדענונג ווערט אויך רעוואָלוציאָניזירט די מענטשלעכע נעשאָמע און דער „שרײַבער איז דער אינזשינער פון דער נעשאָמע".

דער מאַרקסיזם, וואָס לערנט אַז מיט דעם אַקטיוון קאַמף איבער־צומאַכן די געזעלשאַפטלעכע וועלט ווערט אויך דער מענטש איבערגע־שאַפן, און וואָס פאַרלאַנגט, אַז די קונסט זאָל גיין מיטן לעבן, איז אַנעוו זייער נאָנט צום נעוויאישן באַנעם, וואָס שטעלט יוישער און אַר־בעט העכער פון שיינקייט.

אַזאַ אָנשווינג איז אויך שטענדיק געווען נאָענט די בעסטע און גרעסטע פאָרשטייער פון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, וועמענס העכסטע קיניאָנים זײַנען געווען: זינלעכע פריידן און שיינקייט, ליבע און סאָציאַלער יוישער, באַזירט אַף די אויפקומענדיקע, צו דער צוקונפט מאַרשירנדיקע קויכעס אין דער געזעלשאַפט.

דער קענצייכן פון די גרויסע פאָרשטייער פון דער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט איז ניט געווען דער באַנעם פון אַ סטרינדבערג אָדער באָדלער, מיט זייער מיטלאַלטערלעכן דואַליזם, מיט זייער פון איבער־זעטיקונג אַרויסגעוואַקסענער פאַראַכטונג פאַרן קערפּער און די כושים, פאַרן לעבן, זײַנע קאַמפן און זײַנע פריידן, נאָר דאָס יאָ זאָגן צום מענטשן און צום לעבן אַלס העכסטן ווערט. די מאָראַלישע הויכסייטן פון דער פאַרצײַטיקער יִדישער נעוווּע און דער קינסטלערישער אויפ־שוווּנג פון העלענישן גײַסט — נוסעך געטע, אָט דער באַנעם, אָט דער סינטעז פון עטיק און עסטעטיק שאַפט מאָנומענטאַלע ליטעראַטור

די שאַפער מוזן זײַן דורכגעדרונגעז מיט דער אידעע. אַז ליטע־ראַטור איז אַן אַכראַיעסדיקע קאָלעקטיווע שאַפונג, אַ געזעלשאַפטלעכן אַקט, וואָס פאָדערט פונעם שרײַבער אַ באַציִונג צו זײַנע לייענער, צו די נויטז פון דער מאַסע. דאָס קאָן נישט געשען ווען עס הערשט אַ קאָנ־פליקט צווישן וואָרט און טאַט. אויב צווישן דעם, וואָס דער שרײַבער שרײַבט און צווישן דעם ווי ער האַנדלט ליגט אַ טהאָם, מוז עס אים און זײַן שאַפן דערפירן צו זינלאָזיקייט און דעמאָראַליזאַציע. פאָדערן דערעכערעץ און יִראַס־האַקאָוועד פאַרן שאַפער איז נייטיק, אָבער גלײַכצײַטיק דאַרף מען פאַרלאַנגען פונעם קינסטלער אויסגעהאַלטנקייט און האַרמאָניע צווישן וואָרט און טאַט.

אין די באַדינגונגען פון אונדזער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג

דריקט זיך עס אויס אין דער באַציִונג פֿון שרײַבער צו די ליכטיקע מענטשלעכע אידעען פֿון דער צײַט.

מיט דער הײַנטיקער אָרדענונג פֿון אימפּעריאַליזם און אונטער־דריקונג קאָן קיין שום שאָלעם נישט זײַן. די קעגנערשאַפֿט צו אַ דריי־טער וועלט־מילכאָמע מוז ווערן אַ טיפֿע איבערלעבונג אין יעדן מענטשן און אַוואַדע אין שרײַבערס באַוווּסטזײַן און אין זײַן עמאָציע. פֿאַרן עכטן קינסטלער איז די איצטיקע צעטיילטע וועלט, ווי די גאַנצע פֿײַנלעכע סאָציאַלע פֿראַגע, אַ זאַך פֿון געוויסן. ער מוז זוכן די וועגן צו דער עמע־סער פֿרײַער וועלט.

וועגן די יעסוידעס פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם

(געדאַנקען און באַטראַכטונגען)

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם, וואָס איז אויפגעקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נאָכן בירגער־קריג און האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, האַלט איצט, באַם אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, צו פאַרכאַפּן אַלע גרעסערע שטאָכים אין דער וועלט־ליטעראַטור און באַאײַנפלוסט דאָס שאַפן פון וואָרט־קינסטלער מיכוץ דעם ראַטנפאַרבאַנד. בוילעטע סימאָנים פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם טרעפן מיר אין די ווערק פון אַזעלכע שרײַבער און דיכטער ווי אַנדערסען נעקסע (דענעמאַרק), לואי אַראַגאָן (פראַנקרײַך), פּאַבלאָ נערודאַ (טשילע), יוליאַן טוּווים (פּוילן), האָוואַרד פעסט (פאַרייניקטע שטאַטן, אַמעריקע) און צענדליקער אַנדערע. קעדיי ריכטיק צו באַלײַכטן די געשטאַלטן און די פאָרמען פון די דערמאָנטע און ענלעכע שרײַבער איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אַף אייניקע גרונט־יעסוידעס פון דעם נײַעם, שעפערישן מעטאָד אין דער ליטעראַטור וואָס הייסט: סאָציאַליסטישער רעאַליזם.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז דער איינציקער מעטאָד פון שאַפונג, וואָס אַנטפּלעקט דיווירקלעכקייט אין איר היסטאָרישער טענדענץ, אין איר ריכטיקן גאַנג און אַנטוויקלונג. ער פאָדערט פונעם שרײַבער צו דערשפּירן יענע טענדענצן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס שטויסן זי פאָרויס און וואָס צו זיי געהערט די צוקונפט.

יענער שרײַבער און קינסטלער וואָס זונדערט זיך אָפּ פון דער לעבעדיקער סאָציאַלער ווירקלעכקייט איז ניט בעקויעך צו דערגרייכן די אידעיש־קינסטלערישע הייכן פון דעם סאָרט רעאַליזם. אויב אפילע אַזעלכע

שרייבער זיינען רעאַליסטן אין זייער רעאַליזם אַ פלאַכער, אויסערלעכער פאַרמעלער און פאַסיווער, אַזאַ רעאַליזם פון דער פאָטאָגראַפישער קאָפּיע, וואָס קאָן ניט אָפּשפּיגלען די טיפע אינערלעכע פּראָצעסן פון מענטשן און זאַכן.

קעדייי ריכטיק און מייז דער פולער אויסדריקלעכקייט אָפּצושפּיגלען די גרונט־קוויכעס פון דער געזעלשאַפט און זייער איינפלוס אַפן יאָביד און זיינע שטרעבונגען, איז נייטיק אַ דינאַמישער רעאַליזם, דאָס איז די אַלזייטיקע מאַטעריאַליסטיש־דיאַלעקטישע וועלט־אַנשויונג פון דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט. אַזאַ איז דער מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

דער ערשטער יעסאָד פון דעם מעטאָד איז די געטרייע שילדערונג פון דער ווירקלעכקייט און די פרוכטבאַרע פאַרייניקונג פון עמעס און שיינקייט.

„די זאַך פון דעם דיכטער באַשטייט ניט אין דעם, ער זאָל אויס־טראַכטן אַן אויסטערלישע אינטריגע, נאָר אין דעם, ער זאָל די געשעע־ניש, אַפילו די אומגלייבלעכע, דערקלערן מיט די געזעצן פון לעבן" (אָסטראָווסקי).

דאָ ווערט שוין אייגנטלעך געגעבן דער קריטעריום, די מאָס פון דער רעאַליסטישער קונסט וואָס באַשטייט צו אַלעם ערשטן אין דעם, ווי ריכ־טיק דאָס קינסטלערישע ווערק אַנטפּלעקט די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט אַפן געגעבענעם עטאַפּ פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ווי וויים די שיינקייט, די עסטעטיק, איז דאָ פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט.

סיי די רוסישע קלאַסישע ליטעראַטור, סיי די יידישע קלאַסיקער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אויסשליסלעכער עמעסדיקייט, מיט זייער מערקווירדיקער רעאַלער שילדערונג פונעם לעבן. אין אַ שמועס מיט טורגעניעוון האָט מערימע באַמערקט, אַז די רוסישע ליטעראַטור, אין אונטערשייד פון דער מיירעווידיקער, שטרעבט קוידעם קאָל צום עמעס. איר שיינקייט, איר עסטעטישער ווערט, קומט פון אָט דער עמעסדיקייט.

קונסט איז עמעס און ווייל עמעס קאָן עס ניט אָפּגעטיילט ווערן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט. צו זאָגן, אַז ליטעראַטור דאַרף ניט אָפּ־שפּיגלען דאָס לעבן מיינט זיך האַלטן אין דער פאַלשער טעזע פון „קונסט לעשעם קונסט", אַז די קונסט האָט גאָרניט צו טאָן מיטן לעבן, נאָר איר

אזוודע איז בלויז צו פאַרמערן געגום און אנטציקונג און עס מיינט פאַר־נאַנדערטיילן פאָרם פון אינהאַלט, די עסטעטיק פון דעם לעבן. דער פרוכט־לאָזער פאָרמאַליזם וואָס איז קולע ליגן.

„ס׳עקזיסטירן צווייערליי שריפטשטעלער, אַזעלכע וואָס שרייבן פאַר דער זאַך און אַזעלכע וואָס שרייבן פאַר שרייבן", האָט שאָפּענהויער אַמאָל געשריבן. די דערציילונגען און ראָמאַנען פון די רוסישע שרייבער אין 19טן יאָרהונדערט זיינען ניט געשריבן געוואָרן בלויז לעשעם שיין־שרייבעריי. זיי האָבן געמיינט די „זאַך". זיי האָבן די שיין־שרייבעריי ניט אָפּגעטיילט פונעם לעבן, די פאָרעם פונעם אינהאַלט, איז אויסגעקומען, אַז וואָס טיפער און גרעסער דער אינהאַלט איז געווען, אַלץ לעבנספולער זיינען געווען די אידעען און אַלץ פולער די געשטאַלטן פון זייערע ווערק.

די רוסישע קלאַסיקער, טאָלסטאָי, טשעכאָוו און אַנדערע, ווי אויך טייל פראַנצויזישע (באַלזאַק, פלאָבער) האָבן גוט פאַרשטאַנען אַז דער בוים, די בלום, די כאַיע, דער פויגל און אַוודע דער מענטש — די שיינ־קייט פון זייער פאָרעם קומט פון לעבן וואָס אין זיי און די מאָס פון זייער שיינקייט איז פּראָפּאָרציאָנעל צום לעבנס־שטראָם וואָס אין זייער טיף.

ווען מיר לייענען „אַנאַ קאַרעגינאַ" אָדער „קריג און פרידן" פון טאָלסטאָי; „מאַדאַם באָוואַרי" פון פלאָבער אָדער „די קאָמעדיע" פון באַלזאַק, דוכט זיך אונדז, אַז מיר געפינען זיך אין סאַמע שטראָם פון לעבן, פילן זיין מעכטיקן אָטעם ווי אויך זיין קאָמפּליצירטקייט און אי־נערלעכקייט.

אויך די יידישע קלאַסיקער האָבן זיך געהאַלטן בא דער נאָרמע אַז קונסט איז אידענטיש מיטן לעבן.

קיין איין ווערק פון מענדעלע מויכער ספאָרים איז ניט געבוירן גע־וואָרן פון ריינעם ווילן צו שאַפן סתם ליטעראַטור. אַלע זיינע ווערק האָבן געהאַט די גרויסע סאָציאַלע טענדענץ און אידעע צו העלפן דער יידישער איידע קעגן דער טיראַנישער מאַכט פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק. „די קליאַטשע ווייל ברויט" איז געווען מענדעלעס „קונסט־באַנעם" און סאָציאַלער דעוויז. און האָט מענדעלע געשילדערט די שיינע נאַטור „גאָטס שיין און מעכאַיעדיק וועלטל", האָט אים אָבער איר שיינ־

קיין ניט פאַרבלענדט ער זאָל ניט זען די טעמפּקייט און שיפלעס פון אַ סאָציאַלן שטאַנד אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זײַן צײַט.

„שפּיל סאָלאָווייטשיק, אַט איז דער מאַרק מיט אַלע זײַנע נעפּאַ־שעס, מיסכאַרים, סאָכרים, מיט זײַנע אַפּנאַרער און אַפּגענאַרטע, קינע־סינע, שפּיל סאָלאָווייטשיק... נאָך אַ סטרונע האָט געפּלאַצט אין מײַן האַרץ" (די קליאַטשע).

און שאָלעם אַלייכעם? ער האָט זיך דאָך געפונען אין סאַמע שטראָם פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט. ער האָט געזען די אָרעמע באַדינגונ־גען פון פאָלק און מיט זײַן קינסטלערישער הומאָריסטישער פּעדער גע־מאָלן דעם טרויעריקן פּויעל־יוויצע פון דעם „קאָמישן לעבן", ווײַל הומאָר איז דאָך ניט קיין ביטל, שפּאַס, נאָר הומאָר איז דער ריכטיקער שפּיגל פון לעבן. אין זײַן מאָלן די טיפן פון קאַסרילעווקע און יעהופּעץ מיט זייער גרויסן פּאַטאָס און מענטשלעכער לעבערלעכקייטן, מיט זייערע ווידער־שפּרוכן און גאַנצער פאַרבן־סקאַלאַ, האָט אונדז שאָלעם אַלייכעם אָנגע־וויזן דעם אויסוועג פון דער טראַגי־קאָמישקייט. די יידן פון קאַסרילעווקע, די קליינשטעטלדיקע יידן, האָבן נישט די מעגלעכקייט און די באַדינ־גונגען צו פאַרבעסערן זייער לעבנס־מאַצעוו, זיי האָבן זיך אָבער אויסגע־לערנט צו זאָגן אַ גוט איראָניש ווערטל און פאַרשטיין דעם „סייכל" פון אַ גוט לעבן.

דאָס וואָס שאָלעם אַלייכעם האָט באַנומען די טרויעריקע לאַגע און דאָס וואָס ער האָט איבער איר אַזויפיל „געלאַכט" איז שוין געווען אַ קאָמפּענסאַציע פאַר דער גרויער טונקעלער ווירקלעכקייט. און עס איז דערפאַר קיין ווונדער ניט וואָס אַלע טרויעריקע געדאַנקען ווערן צערונען און אַלע אומעטן פאַרשווינדן באַם לייענען שאָלעם אַלייכעמס ווערק.

אויך פּערעץ האָט זיך לעראָוו געהאַלטן באַ דעם מעטאָד פון פאַריי־ניקן די קונסט מיטן לעבן. ווען פּערעץ האָט אין זײַנע שאַפונגען דאַ־האַנדלט דעם סאָציאַל־אונטערדריקטן, האָט ער קוידעם קאָל געדענקט אין זײַן טאָג־טעגלעך ברויט און לעבנס־באַדינגונגען. אַט דער פּראַט, וואָס געשטאַלטיקט די עסטעטיק, די אינערלעכע שיינקייט פון דער מענטשלע־כער נעשאָמע.

אַ באַווײַז איז זײַן „באָנטשע שווײַג", וואָס אין זײַן נעשאָמע איז דאָ

איין מענטשלעכער עלעמענטארער פארלאנג און געפינענדיק זיך אפילע אין די הימלישע ספערן דריקט ער אוים דעם פארלאנג:

„נו אויב אזוי — שמייכלט באנטשע — וויל איך טאקע אינדער־פרי א הייסע בולקע מיט פרישע פוטער".

און באנטשע שווייג פארלאנגט ערשט נאכדעם, ווי מען זאגט אים:

„אלעס איז דיין, אלעס אין הימל געהערט דיר, קלויב און נעם, וואס דו ווילסט, דו נעמסט נאר בא דיר אליין".

דאס איז די לאזונג פון שאפן באדינגונגען, אז די מאסן באנטשע שוויינס זאלן קוידעם קאל האבן די מעגלעכקייטן צו באקומען א שטיקל ברויט.

אט דער זעלבער פערעץ, וואס האט זיך ליב געהאט צו גריבלען אין דער מענטשלעכער נעשאמע, אין די „אייביק מענטשלעכע בענקשאפטן" און „קאסמישע געפילן", האט פונדעסטוועגן ניט געלייקנט, אז דער מענטש, וואס ראנגלט זיך מיט טויט־הונגער, דער מענטש פון סאציאלן עלנט, פארמאגט אויך די „אייביקע מענטשלעכקייטן".

די קלאסיקער האבן אונדז געלערנט, אז דער עכטער קינסטלער און זיין שאפן האבן א סאציאלע מיסיע, טאכלעס, ווי עס זאגט פערעצן א „ייד פון פאלק":

„איר האט ליב ראבאנים, צי צאדיקים, וואס האבן אליין האלץ און הייצן בא ארעמע אלמאנעס" (שטעט און שטעטלעך).

א גרונט־עלעמענט פון סאציאליסטישן רעאליזם איז דערפאר דאס צואייגענען זיך די ירושע פון די קלאסיקער, די רעאליסטן און דעם רעא־ליזם פון פאריקן יארהונדערט.

די יערידע פון דער בורזשואזער ליטעראטור ווערט באגלייט מיט אנפאלן אפן רעאליזם, מיטן אפלייקענען דעם רעאליסטישן מעטאד.

עס איז קיין צופאל ניט וואס א פראנצויזיש רעאקציאנערער שריי־בער האט לעצטנס דערקלערט, אז ער האלט פאר נייטיק צו „פארענדיקן מיטן רעאליזם" און וואס די אנהענגער פון „עקזיסטענציאנאליזם" (פאל וואלערי, אנדרע מאלרוא, סארטר), זיינען קעגן די „באאבאכטונגען אי־בער די וואכעדיקע דערשיינונגען פון דער עקזיסטענץ", ווייל די דאזיקע עקזיסטענץ איז „אן דערויף אויך געגנוג העסלעך".

דער גרונט־העלד פון די הײנטצײטיקע ראמאנען אין בורזשואזן

פראַנקרייך — דאָס איז אַ צעטראָטענער נעבעכדיקער מענטש און דער־פאַר שרײַבט דער רעאַקציאָנער מיאָמאַנדר, אַז „די צוקונפט פונעם רעאַ־ליסטישן ראָמאַן איז אומזין און פּלאַפּלערײַ".

די שרײַבער פון דער הײַנטצײַטיקער רעאַקציע אין אַמעריקע און מײַרעוו־אייראָפּע זײַנען צוליב זייער סינע צום לעבן, צום פאָלק, זיך גרייט אָפּצוזאָגן אפילו פון די בעסטע דערגרייכונגען פון דער רעאַליסטישער קונסט. אַ קריטיק אױף די גרויסע רעאַליסטן פון דער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור פונעם אכצנטן און נײַנצנטן יאָרהונדערט באַגעגענען מיר איצ־טער אין דער רעאַקציאָנערער פּרעסע פון פראַנקרייך, אין די עסייען פון אַזאַ רעאַקציאָנערן דיכטער ווי ס. ט. עליאָט פון אַמעריקע און אפילו בײַ די יִדיש־בורזשואזע ליטעראַטן וואָס פאָדערן אַ רעוויזיע פון מענדעלען.

מען קען אָבער ניט לייקענען די גרויסקייט פונעם רעאַליזם פון דער פאַרגאַנגענהייט און אַז די בעסטע ווערק פון אונדזער צײַט זײַנען אויך געשאַפן געוואָרן אױפן גרונט פון דעם רעאַליסטישן וועלט־באַנעם.

***

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז אָבער ניט בלויז דער יורעש פון די בעסטע געשטאַלטן פון דער קלאַסישער ליטעראַטור נאָר אויך פון דעם ראָמאַנטיציזם, דעם אַקטיוון, שעפערישן ראָמאַנטיציזם.

זען די געשעענישן אין זייער היסטאָרישן גאַנג און זיי שילדערן גע־נוי, רעאַל איז אויך ניט גענוג. דאָס מוז דערגאַנצט ווערן מיט דער אַנט־וויקלונג פון דער שעפערישער פאַנטאַזיע באַם וואָרט־קינסטלער.

די פאַנטאַזיע, דער טרוים, איז אָבער ניט עפּעס קיין הוילע אויס־טראַכטעניש וואָס איז אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט. די פאַנטאַזיע איז שעפערישער שווונג, וואָס באַזירט זיך אױף דער אַקטיווער דערלער־נונג פון דער ווירקלעכקייט. אַט די שעפערישע פאָרשטעלונג־קראַפט טראָגט אַרײַן אַ באַשטימטע אויסבעסערונג אין דער ווירקלעכקייט. די פאָרשטעלונג־קראַפט, דאָס איז אַזאַ קראַפט, וואָס העלפט מיט צו קעמפן פאַר דער עקזיסטענץ דערפאַר, ווײַל זי העלפט מיט דערגאַנצן, פאָרזעצן דעם אָנדײַט וואָס די נאַטור, דאָס לעבן, זאָגט אונטער און זי צווינגט אי־בעראַנדערשן די זאַך אַזוי, אַז עס ווערט לײַכטער צו גיין פאָרויס, איבער־אַנדערשן דאָס לעבן.

קאָן דער שרײַבער, דער קינסטלער, אין זיך אַנטוויקלען די פאַנטאַזיע? דער ענטפער איז אַ פּאָזיטיווער. אויב נאָר ער פאַרשטייט דעם מעהום פון דער פאַרשטעלונגס־קראַפט, פון דער פאַנטאַזיע. באַלעמען, פאַנטאַזירן, מיינט מיט אַ באַזונדער קראַפט דיסקאַנטירן די ווירקלעכקייט. דער גרונט־באַדינג פאַר דער שעפערישער פאַנטאַזיע איז קאָנען אָנכאַפּן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון לעבן און אָפּן סמאַך פון דער לעבנס־דערפאַרונג אויסוועבן און פאָרזעצן די געשטאַלטן אין דער קונסט, אין דער ליטעראַטור, לויט די געזעצן פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער פילאָזאָפיע.

אין „קאַפּיטאַל" שרײַבט מאַרקס: „נאָר אפילו דער סאַמע ערגסטער אַרכיטעקטאָר אונטערשיידט זיך פון דער בעסטער בין, פון סאַמע אָנהייב אָן, מיט דעם וואָס איידער ער נעמט זיך בויען אַ קעמערל פון וואַקס, האָט ער עס שוין אויסגעבויט אין זײַן קאָפּ". דאָ ליגט שוין דער יעסאָד פון דער פאַנטאַזיע וואָס איז האַרמאָניש מיט דער ציל־אײַנשטעלונג און באַוווּסטזיניקייט פון דער מענטשלעכער טעטיקייט.

די ראָמאַנטיקער האָבן, לעהייפּעך צו די רעאַליסטן, פאַרכאַפּט די ווירקלעכקייט. אין גרונט פון פּאַסיוון ראָמאַנטיציזם איז געלעגן די פאַבל וועגן פוקס, פאַר וועלכן די ווײַנטרויבן זײַנען זויער נאָר דערפאַר, ווײַל ער קאָן זיי ניט דערלאַנגען. זײַנען זיי דערפאַר, ווײַל זיי האָבן ניט אײַנגעשטימט מיט דער ווירקלעכקייט און ניט געגלייבט אין זייערע קויכעס זי צו ענדערן — געוואָרן פּאַסיוו און זיך באַרויִקט אין זייער פאַנטאַזיע, זײַנען געוואָרן פּאַסיוו און דערקלערט די פּאַסיוויקייט פאַר דער העכסטער קלוגשאַפט און פאַרן איידלסטן שטריך פון גײַסטיקער אַריסטאָקראַטיע.

„ מײַן טרוים — שרײַבט לענין וועגן פּיסאַרעוון — קאָן אָדער איבעריאָגן דעם נאַטירלעכן גאַנג פון די געשעענישן, אָדער ער קאָן פאַרקריכן אין אַ זײַט, דאָרטן, וווּ דער נאַטירלעכער גאַנג פון די געשעענישן קאָן קיינמאָל ניט אָנקומען. אינעם ערשטן פאַל ברענגט דער טרוים קיין שום שאָדן ניט, ער קאָן אפילו אונטערהאַלטן און פאַרשטאַרקן די ענערגיע פונעם האָרעפּאַשנעם מענטשן.

„אויב דער מענטש וואָלט אינגאַנצן ניט געהאַט די פעיִקייט צו טרוימען און ער וואָלט ניט געקענט פון צײַט צו צײַט פאָרויסלויפן די געשעענישן, און אין אַ פאַרגאַנצט, פאַרענדיקט בילד באַטראַכטן מיט זײַן

פאַנטאַזיע דאָס זעלביקע ווערק וואָס הייבט זיך ערשט אָן אויספאָרמירן אונטער זײַנע הענט — דענסטמאָל קאָן מען זיך בעשום אופן ניט פאָר־שטעלן, וואָס פאַר אַ טרײַב־קויעך וואָלט געצווונגען דעם מענטשן זיך נע־מען פאַר אַ גרויסער אַרבעט אין געביט פון קונסט, וויסנשאַפט, און עס דערפירן ביז צום סאָף".

הייסט עס, אַז טרוימען צו טרוימען איז ניט גלײַך. אין זײַן איי־דעיִשן קאַמף מיט די עמפּיריקער האָט לענין געפאָדערט דאָס רעכט צו טרוימען. „פאַנטאַזיע איז זייער אַ ווערטפולער איגיען", אָבער דערבײַ דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז דער טרוים טאָר ניט פאַרלויפן דעם נאַ־טירלעכן גאַנג פון די געשעענישן. די פאַנטאַזיע, דער כאָלעם, דאַרף אויפ־גיין אַפן פרוכטבאַרן באָדן פון דער רעאַלערווירקלעכקייט.

אין זײַנעם אַ בריוו צו לאַסאַלן שרײַבט ענגעלס וועגן דעם פלע־בייִישן פויערים־פירער טאָמאַס מיונצער: „ער — מיונצער — איז גע־גאַנגען אַזוי ווײַט ווי די ווירקלעכקייט האָט אים דערלויבט". נאָר דער וואָס איז פעיִק צו זען די דיאַלעקטישע איינהייט פון אַלגעמיינעם און דעם איינצלנעם, פון דעם אַבסטראַקטן און קאָנקרעטן, קאָן אויך באַנעמען די צווישנווירקונג פון רעאַלן און פאַנטאַסטישן.

גרויסע לײַדנשאַפט, העכסטן פּאַטאָס פאַר גלויבן, כאָלומעס און פאַנטאַזיעס, וואָס זײַנען ניט באַזירט אַף אַבסטראַקציעס און פוסטע זו־כעניש, נאָר אַף לעבעדיקע געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, דאָס איז דער געזונטער ראָמאַנטיציזם, די פרוכטבאַרע פאַרייניקונג פון רעאַליזם און ראָמאַנטיק.

פון דעם איז קלאָר, אַז רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק וואָס גייט אויף אַפן באָדן פון רעאַליזם, וואָס באַזירט זיך אַף דער רעאַלער ווירקלעכ־קייט, איז דער יעסאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

***

נאָך אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קומט אויף אין דער רוסישער ליטעראַטור אַ נײַער פּרינציפּיעלער עטאַפּ וואָס קאָן באַצייכנט ווערן מיטן נאָמען: אַ ק ט י ו ו ע ר ר אָ מ אַ נ ט י ז ם.

מאַקסים גאָרקי איז אין דער ליטעראַטור געוואָרן דער פאָרשטייער פונעם נײַעם קלאַס, וואָס איז פול מיט ענערגיע, דעם אַרבעטער־קלאַס.

אין די נײַע אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען האָט ער פאַרקערפּערט אין זיך די בעסטע קויכעס און טענדענצן פון גאַנצן אַרבעטנדיקן פאָלק. שטיצנדיק זיך אויף די פּרעכטיקע דערגרייכונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרזעצנ־דיק אירע שענסטע טראַדיציעס, און זייענדיק פאַרבונדן מיט די בעסטע געשטאַלטן פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור, האָבן אָבער גאָר־קיס העלדן און שפּעטער די העלדן פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור — פאַראייניקט אין זיך די אומגעהייערע מאָראַלישע קראַפט. עס האָט זיי אָבער אונטערשיידט פון דער עלטערער ליטעראַטור דער אַקטיווער ווילן און דער מוט, וואָס שטאַמט פון קלאָרן ציל, די איבערצײַגונג און דער האַרטנאַקיקער קאַמף פאַר דעם סאָציאַלן איבערבוי פונעם לעבן.

פּאַוועל װלאַסאָװ, דער העלד פון גאָרקיס ראָמאַן „מוטער“, האָט ניט נאָר שיין געטרוימט וועגן צוקונפטיקן לעבן. ער האָט שוין געוווּסט ווי אַזוי צו מאַכן, אַז דאָס לעבן זאָל זײַן גוט. זײַן טרוים האָט אַנטשפּראָכן זײַן טאַט. אַנשטאָט דער אייגנאַרטיקער פּאָעטיזירונג פון לײַדן, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ באַדײַטנדיקן טייל פון דער רוסישער לי־טעראַטור פון פאָריקן יאָרהונדערט, (דאָסטאָיעווסקי, און טיילווײַז טאָלסטאָי און טשעכאָװ) איז געקומען די סינע צו לײַדן. אַנשטאָט דעם פּאַסיוון מיטגעפיל צום מענטשן איז געקומען דער אַקטיווער קאַמף פאַר דער באַפרײַונג פונעם מענטשן. אַזוי האָט זיך אויסגעקלאָרט דער כאַראַק־טער פונעם נײַעם הומאַניזם, דעם הומאַניזם פון אַקטיוון טאַט, וואָס איז געוואָרן שפּעטער דער באַדײַטנדיקסטער שטריך פון דער גאַנצער סאָ־וועטישער ליטעראַטור.

„הערקולעס, פּראָמעטיי, דאָן־קיכאָט, זײַנען ניט קיין אויסגעטראַכ־טע העלדן, פּרוכט פון פאַנטאַזיע“ — האָט גאָרקי געזאָגט — נאָר גאַנץ געזעצמעסיקע, אַ נויטווענדיקע פאַרגרעסערונג פון רעאַלע פאַקטן“. און טרײַ צו דעם געדאַנק האָט ער אויך ניט איינמאָל געזאָגט, אַז די ליטע־ראַטור דאַרף זײַן נאָענט צום לעבן, צו דער ערד, צו דערווירקלעכקייט ניט צוליב דעם, אַז זײַענדיק פאַרזונקען אין די פאַקטן פונעם הײַנטיקן טאָג, זאָל זי פאַרגליווערט ווערן און ניט זען די צוקונפט, נאָר צוליב דעם זי זאָל שטענדיק פילן און וויסן די רעאַלע פּערספּעקטיוו פון דער אַנט־וויקלונג, זי זאָל לײַדנשאַפטלעך שטרעבן צו דער צוקונפט און רופן צו איר.

דערפון דרינגט אַרויס גאָרקיס אַרויסזאָגונג וועגן רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם, וואָס איז ניט אַנדערש פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם: „רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם — דאָס איז אין טאָך אַ פּסעוודאָנים־פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וואָס זײַן ציל איז ניט נאָר צו שילדערן קלאָר, קריטיש די פאַרגאַנגענהייט אין דער קעגנוואַרט, נאָר, דער איקער, מיטהעלפן פאַרפעסטיקן דאָס רעוואָלוציאָנער־דערגרייכטע אין דער קעגנוואַרט און באַלײַכטן די צוקונפט".

דאָס איז געווען די אַטמאָספער פון גאָרקיס העלדן, געשטאַלטן און סימבאָלן און דאָס איז די אַטמאָספער פון די בעסטע סאָוועטישע ביכער, אָנהייבנדיק פון פורמאַנאָווס „טשאַפּײַעוו" (1923) און געענדיקט מיט פאַדייעווס בוך „יונגע גוואַרדיע".

הייליקע סינע צו די טרעגער פון אַלע נידערטרעכטיקייטן פונעם לעבן, טיפע איבערצייגונג, אַז דער מענטש איז געבוירן פאַרן גליק און איז ווערט דאָס גליק און דער איקער אַקשאָנעסדיקער קאַמף — דאָס איז די קינסטלעריש־אידעיִשע קרעדאָ, וואָס גאָרקי האָט אָנגעצייכנט פאַר זיך און פאַר זײַנע נאָכגייער. „מעוועס רעווען פאַר אַ שטורעם, מעוועס וואָגלען איבערן יאַם, זיי זײַנען גרייט צו באַהאַלטן אין די טהאָמען זייער שוידער פאַרן אָנקום פונעם שטורעם. אָבער דער שטאָלצער שטורעם־פויגל לאַכט פון די וואָלקנס. ער איז דער אָנזאָגער פון זיג. ער שרײַט אויס: זאָל שטאַרקער אויסברעכן דער שטורעם!"

אַט דער גרונטטאָן פון גאָרקיס „שטורעם־פויגל" דרינגט אַרויס אומיטלבאַר פון דער וועלט־אויפפאַסונג און וועלט־באַנעם פון די סאָוועטישע העלדן אין דער ליטעראַטור. איין בײַשפּיל פון אַ סאַך ענלעכע: דער הויפּט העלד פון פאַדייעווס באַרימט בוך „צעשמעטערונג", דער ייִד לעווינסאָן, וואָס איז אין די יאָרן פון בירגער־קריג געוואָרן אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וועלכער האָט מילכאָמע געהאַלטן קעגן די יאַפּאַנישע אינטערווענטן און קעגן די ווײַסגוואַרדייער. לעווינסאָן האָט אין פאַרלויף פון זײַן לעבן דורכגעמאַכט אַ גאַנצע ריי אילוזיעס און אַנטוישונגען.

ער האָט זיך שוין לאַנג איבערצײַגט אין דעם, אַז די באַדנלאָזיקייט פון טרוימערײַ, די ראָמאַנטיק, וואָס איז אָפּגעריסן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, אַז די „מײַסעס וועגן שיינע פייגעלעך", ברענגען בלויז אַנטוי־

שונג און שאָדן, און ער „האָט אומבעראַכמאַנגעסדיק דערשטיקט אין זיך די טאַטלאָזע זיסע בענקעניש נאָך זיי". לעווינסאָן איז געקומען צום אויספיר, אַז אַ כאַכעם איז דער, „וואָס קען זען אַלץ אַזוי, ווי עס איז פאַראַן, קעדיי צו קענען איבעראַנדערשן דאָס, וואָס עס איז פאַראַן, און אָנפירן מיט דעם, וואָס עס איז פאַראַן".

אין דעם, קען מען צוגעבן, ליגט ניט נאָר כאָכמע, נאָר אויך גליק, ווייל בלויז די באַגרייפטע ווירקלעכקייט און נויטווענדיקייט עפענען דעם וועג צו דעם געפיל פון פרייהייט.

אין דער פאָרמולירונג פון פאַדייעווס העלד איז אין טאָך געגעבן געוואָרן די באַשטימונג פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין זיינע גרונט־שטריכן, דער רעאַליזם, וואָס נעמט אַריין אין זיך די ראָמאַנטיק, אָט די ראָמאַנטיק, וואָס שטיצט זיך אַף די טענדענצן פון דער רעאַלער ווירק־לעכקייט.

ווי נאָר לעווינסאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם „שיין פייגעלע" האָט ער זיך דעראָבערט אַ נייעם טרוים, וואָס איז געוואָרן די ריכטנדיקע קראַפט אין זיין לעבן און אויפפירונג און האָט באַשיינט זיין לעבן מיט ליכטיקן אָפּטימיזם און האָט אים אַליין געשאָנקען יענעם קויעך פון הור־מאַנישקייט, וואָס האָבן אים אין די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען פונעם בירגער־קריג געמאַכט פאַר דעם באַליבטן קאָמאַנדיר פון די פּאַרטיזאַ־נער.

און די זעלבע העלדן זיינען דאָ אין אַלעקסיי טאָלסטאָיס ראָמאַן־עפּאָפּייע פון בירגער־קריג „דער וועג פון פיין", וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די „פּעטערבורגער סאַלאָנען" און זייערע „קונסט־פאַר־קונסט" טרוי־מען און זיינען אין טיגל פון קאַמף און ליידן געלייטערט געוואָרן ביז זיי האָבן דערגרייכט צו ווערן איינס מיט דער נייער ווירקלעכקייט.

עס איז דאָ אַ גרונט־אונטערשייד אין סטיל און געמיט פון די סאָ־וועטישע שרייבער, פאַרשיידנאַרטיק זיינען די ווערק פון לעאָניד לעאָנאָוו „סאָטבוי" און „אינוואַזיע", פון שאָלאָכאָווס „שטילער דאָן" אָדער „רויערד", אָדער, אַ שטייגער פון אַלעקסיי טאָלסטאָי און פיאָדאָר גלאַד־קאָוו, ערענבורג און פאַדייעוו, סימאָנאָוו און פּאַוולאָ טיטשענאַ, פּונקט ווי פאַרשיידנאַרטיק עס איז די פּראָזע פון דאָוויד בערגעלסאָן און פּערעץ מאַרקיש, די ליריק פון קושניראָוו און פיגינבערג. אָבער דער גרונט־מאָטיוו

פון אַלע ווערק ליגט אין דער פאָרמולע, וואָס אַלעקסיי טאָלסטאָי האָט געגעבן שוין ווי אַ סאָכאַקל נאָך אַ פינף און צוואַנציק יאָריקער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור:

„די רוסישע ליטעראַטור איז מענטשלעך ווי קיין שום אַנדערע ליטעראַטור. אָבער דער הומאַניזם פון דער קלאַסישער ליטעראַטור האָט זיך פּרינציפּיעל אונטערשיידט פון דעם סאָוועטישן הומאַניזם. דאָרט איז ראַכמאָנעס, ווייטיק פאַרן מענטשן, מיטלייד צו אים. דאָ — רעאַלער, ווירקזאַמער קאַמף פאַר שאַפן באַדינגונגען פאַרן מענטשלעכן גליק".

***

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם באַנוגנט זיך ניט מיט רעפּראָדוצירן דאָס לעבן, ער מישט זיך אַקטיוו אַריין אין לעבן. דער העלד, דער אינדיווידע, איז אַ טייל פון דער געזעלשאַפט. ער איז דער געזעלשאַפטלעכער מענטש.

ברענגט ניט אָט די אידעע פון צילגעווענדטקייט און סאָציאַלער מיסיע צו מאָנאָטאָנער אייגנאַרטיקייט? דאָ קומען מיר צום דריטן יעסאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, די דיאַלעקטישע איינהייט פון מענטש און געזעלשאַפט, פון יאָכיד און סוויווע.

דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם וואָס האָט זיין יעסאָד אין דער פילאָזאָפיע פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם האָט קיינמאָל ניט געוואָלט די ניוועלירונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, פון דער קאָמפּליצירטער און אייגנאַרטיק־דיפערענצירטער אינדיווידואַליטעט.

האגאַם דאָ ווערט שטאַרק אַקצענטירט דאָס געזעלשאַפטלעכע, פירט עס אָבער ניט צו אַ מעכאַנישן קאָלעקטיוויזם, נאָר ער שטעלט איין אַ נייע פּראָפּאָרץ צווישן אינדיווידו און דער געזעלשאַפט.

אין דעם אַריינפיר „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע" גיט מאַרקס זיין קלאַסיש אויסשעפּנדיקע דערקלערונג וועגן דעם „זיין" פון דער פערזענלעכקייט: „דער מענטש איז אינעם בוכשטעבלעכן זין אַ פּאָליטישע כאַיע: ניט בלויז אַ געזעלשאַפטלעכע, נאָר ביז אַזאַ גראַד אַזאַ געזעלשאַפטלעכע כאַיע, וואָס נאָר אין דער געזעלשאַפט קאָן ער זיך אויסלעבן אַלס אַ זעלבסטשטענדיקער איינס".

דאָ ווערט שוין אָנגעוויזן דער וועג פאַר דער האַרמאָנישער אַנטוויק־

לונג פון דעם יאַכיד אין דער געזעלשאַפט. די דיאַלעקטישע איינהייט פון אָביעקט און סוביעקט. דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם באַטראַכט ניט בלויז די ווירקלעכקייט אַלס אָביעקט נאָר אויך די סוביעקטיווע אידעע, ווי אַ טייל פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט.

„פונקט ווי די מענטשלעכע באַגריפן זײַנען אַן אָפּבילד פון זאַכן, אַזוי זײַנען אויך די קינסטלערישע געשטאַלטן אַן אָפּבילד פון דער ווירקלעכקייט, אין דער אָדער יענער מאָס — און טאַקע דעריבער אין יענער מאָס — אין וועלכער די קינסטלערישע שאַפונג איז אַ שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט" (פרידריך ענגעלס). דער זעלבער ענגעלס שרײַבט אויך: „ווער עס אינטערעסירט זיך ניט אין זײַן דענקען מיטן רעזולטאַט, וועמענס פילאָזאָפיע עס אָנערקענט ניט איר אייגענע אויפגאַבע, יענער איז געגליכן צו אַ קינסטלער, וועלכער וואָלט גענומען מאָלן אין דער וועלט אַרײַן, אַבסאָלוט ניט טראַכטנדיק וועגן דעם וואָס פון זײַן אַרבעט וועט אַרויס" (מאַרקס און ענגעלס געזאַמלטע ווערק, באַנד 11, ז' 128).

ווײַל די שטרעבונגען פון יאַכיד דאַרפן זיך צונויפפאַלן מיט דעם אָביעקטיוון עמעס און ווײַל אַלץ ווערט באַטראַכט אין פאָרעם פון פּראַקטיק, ווערט דער סוביעקטיווער שטרעבן בעמיילע אַ טייל פון אָביעקטיוון גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

די פּסיכאָלאָגיע פון די אָנטיילנעמער אין אַ קינסטלעריש ווערק באַקומט אין אונדזערע אויגן אַ גוואַלדיקע וויכטיקייט, ווײַל דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון גאַנצע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן אָדער שיכטן, און דערפון איז געדרונגען אַז „די פּראָצעסן וואָס קומען פאָר אין נעשאָמע פון באַזונדערע מענטשן, זײַנען אַן אָפּשפּיגלונג פון היסטאָרישער באַוועגונג" (פּלעכאַנאָוו).

די גאַנצע מענטשלעכע פּראַקטיק — זאָגט לענין — דאַרף אַרײַנגיין אין דער „באַשטימונג" פונעם קעגנשטאַנד — סײַ אַלס די קריטעריע פון עמעס, סײַ אַלס דער פּראַקטישער באַשטימער פון דעם וואָס איז נייטיק דעם מענטשן" („וועגן דיאַלעקטיק", זאַמלבוך נומ. 21).

דאָס הייסט, אַז די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט מוז האַרמאָניזירן מיטן סוביעקטיוון ווילן און דער סוביעקטיווער ווילן מיט דער ווירקלעכקייט, מיט דעם „וואָס איז נייטיק דעם מענטשן".

דאָס לעבן איז פילפאַרביק, פילזײַטיק און סטירעסדיק, פול מיט ווידערשפּרוכן. דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליסט און דער סאָציאַליסטישער רעאַליסט דאַרף געפינען יענעם פירנדיקן רינג אין דער קייט, וואָס פאַרבינדט אַלע רינגען, געפינען די פאַרגאַנצטע איינהייט פון דער פילזײַטיקייט, ד"ה געבן קאָנקרעט דאָס אינדיווידועלע אין די ראַמען פון סאָציאַלן.

אין וואָס פאַר אַ פאָרעם ווערט דאָס סוביעקטיווע צוזאַמענגעגאָסן מיטן אָביעקטיוון, ווערט אײַנגעשטעלט די האַרמאָניע פון אינדיווידועלן מיטן סאָציאַלן? אין דער פאָרעם פון „ווידערשפּרוך וואָס פירט פאָרויס" (העגעל), אין דער דיאַלעקטיק. די לוסט צום ווידערשפּרעכן איז די לוסט פון שאַפן. דער מענטש ווידערשפּרעכט און אַזוי קעמפט ער, שאַפט ער. די סטירעס העלפן אים שטײַגן. ער ווידערשפּרעכט און אַזוי שלאָגט ער אָפּ, באַזיגט ער.

לויטן מאַרקסיזם קומט די גאַנצע אַנטוויקלונג פאָר דורך דעם פּראָצעס פון אויפדעקן קעגנזאַצן און זיך אָנשטרענגען זיי צו פאַרענטפערן, זיי סינטעטיזירן אויף אַ העכערער מאַדרייגע. דאָס איז דער טרײַב־סויעך פון געשיכטלעכן פּראָצעס, אָבער דאָס איז ניט קיין אַבסטראַקטע און סוביעקטיווע דיאַלעקטיק, אַזאַ וואָס לייקנט אינעם „זײַן", נאָר באַטראַכט אַלץ פון דעם שטאַנדפּונקט אויף וויפיל עס דינט דער „פּראַקטיק".

אין זײַן אַרבעט „צו דער פראַגע פון דיאַלעקטיק" שרײַבט לענין: „דער גריכישער העראַקליט האָט אַזאַ פאָרמול: „מען קאָן ניט אַרײַנגיין צוויי מאָל אין דעם זעלבן טײַך און מען קאָן אַפילו איינמאָל אויך ניט (ווײַל ביז דער גאַנצער קערפּער ווערט זיך אַראָפּלאָזן אין וואַסער, ווערט שוין דאָס וואַסער ניט זײַן דאָס פריערדיקע), דאָס איז אַ דיאַלעקטיק דערפירט ביז צו סאָפיסטיק, ווײַל עס זאָגט, אַז קיין זאַך איז ניט עמעס. אָבער גאָרניט קאָן מען וועגן קיין זאַך ניט זאָגן, — אַזאַ אויספיר איז סאָפיסטיש און נעגאַטיוו איז זײַן אויספיר.

דער אונטערשייד פון סוביעקטיוויזם, סקעפּטיציזם, סאָפיסטיק און דיאַלעקטיק, באַשטייט אין דעם, וואָס אין דער דיאַלעקטיק איז רעלאַטיוו אויך דער אונטערשייד צווישן רעלאַטיוון און אַבסאָלוטן. פאַר דער אָביעקטיווער דיאַלעקטיק איז אין רעלאַטיוון אויך דאָ דאָס אַבסאָלוטע,

פאַרן סוביעקטיוויזם און סאָפּיסטיק איז דאָס רעלאַטיווע בלויז רעלאַטיו און שליסט אויס דאָס אַבסאָלוטע.

און לענין מאַכט דעם ריכטיקן אויספיר: „ווענן אַ מענטשן אורטיילט מען ניט סוביעקטיוו, לויט דעם וואָס ער זאָגט אָדער דענקט וועגן זיך, נאָר לויט זײַנע מעשׂים. וועגן פילאָזאָפן — מען קאָן צוגעבן אויך קינסטלער — דאַרף מען אורטיילן ניט לויט די שילדן, וואָס זיי הענגען אָף זיך אָן, נאָר לויט דעם ווי זיי לייזן אין טאַט די טעאָרעטישע גרונטפראַגן. מיט וועמען גייען זיי האַנט בא האַנט, וואָס לערנען זיי אויס און וואָס האָבן זיי אויסגעלערנט זייערע שילער און נאָכפאָלגער".

אָט דער געדאַנק האָט זײַן אָנשפּאַר אין מאַרקס באַרימטן טעזיס: „די פילאָזאָפן האָבן ביז איצט דערקלערט די וועלט. עס גייט אָבער אין דעם מען זאָל זי ענדערן".

פון אָט דער לערע וועגן דיאַלעקטיק דרינגט פולשטענדיק אַרויס דער איינציק ריכטיקער מעטאָד אין דער קונסט — דער מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. אָט־די אויפפאַסונג פון ווידערשפּרעכלעכקייט, וואָס שליסט אײַן די אידעען־וועלט אין דער געשטאַלט פונעם קינסטלער און גיט אים די מעגלעכקייט אָפּצושפּיגלען דאָס לעבן ווי אַ שטיק געשיכטע, פונעם שטאַנדפּונקט פון די היסטאָרישע טענדענצן און געזעצמעסיקייטן. דאָ ווערט פאַראייניקט די קאָנקרעטע וועלט מיט דער סוביעקטיווער עמפינדלעכער געשטאַלט.

דער קינסטלער, דער שרײַבער איז אַ רעאַליסט. ער זעט די ווירקלעכקייט אַלס מאַטעריע וואָס אַנטוויקלט זיך לויט דיאַלעקטישע געזעצן. זײַנע כּושים, עמפינדונגען זײַנען „אָפּבילדונגען פון דער אויסערלעכער וועלט" און זײַנע אויגן זײַנען גענוג אָפן צו דערזען די פילפאַרביקע ווירקלעכקייט אין אַלע אירע דערשײַנונגען. ער זעט דאָס אַלגעמיינע אינעם איינצלנעם און דאָס איינצלנע אַלס אַנטפּלעקונג פון אַלגעמיינעם.

איך געפין ניט קיין בעסערן אויסדרוק פאַר דער קינסטלערישער האַרמאָניע צווישן מענטש און לאַנד, מענטש און קאָלעקטיוו ווי דער פערז פונעם יונגן ביראָבידזשאַנער דיכטער עמאַנועל קאַזאַקעוויטש.

„די גרויסע וועלט, וואָס רינגלט מיך אַרום,
און אויך די וועלט, וואָס איז אין מיר פאַרבאָרגן,

פאַרבונדן זײַנען מיט דעם זעלבן רום
די זעלבע גרויסע מוטערלעכע זאָרגן.
ס'איז מײַנער יעדער ווײ-געשרײַ אין רוים
און אויב נאָר מיר טוט ווײ, — טוט ווײ אַ צווייטן
און אַלע כאָוועז מיר איין גרויסן טרוים
אַז עס זאָל שוין קיינעם גאָרניט ווײ טאָן."

פאַר דעם סאָציאַליסטישן רעאַליסט איז דאָ איין וויכטיקער געזעץ פון וועלכן ער קאָן קיינמאָל ניט אָפּטרעטן: זיך ניט באַגרענעצן מיט דער קליינער וועלט פון דער געשטאַלט אָדער העלד. נאָר דורך דער קליינער וועלט זען די גרויסע וועלט און אַף איר זיך אָריענטירן. דערבײַ טאָר אָבער דער קינסטלער ניט פאַרלירן פונעם אויג קיין איין דעטאַל, קיין איין רעאַליסטישן אינדיווידועלן שטריך פון דער געשטאַלט.

מיט רעכט זאָגט דער יונגער קאָזאַקעוויטש אין זײַן דערמאָנט ליד:

„אָקטאָבער מײַנער, דו ביסט פיל-געשטאַלטיקט,
און איין געשטאַלט פון דיר בין איך אַליין".

די דעטאַל, די געשטאַלט איז גלײַכצײַטיק די סינטעטישע פאַראַלגעמיינערונג, דער סאַכאַקל פונעם גאַנצן. אַ קינסטלערישע שילדערונג פונעם יאָכיד איז גלײַכצײַטיק אַ שילדערונג פונעם גאַנצן קאָלעקטיוו. קוואַנטיטעט גייט איבער אין קוואַליטעט.

אין וואָס באַשטייט די קינסטלערישע קראַפט פונעם שרײַבער? וואָס גיט צו קויעך זײַן טאַלאַנט? די טיפקייט און די פולקייט פון עמאָציע. ער פאַרמאָגט אין זיך די לײַדנשאַפטן פון טויזנטער, די עמאָציעס און די שטרעבונגען פונעם פאָלק. ווי אַ טוי צו דער ערד, אַזוי פאַלט ער צו צו די הערצער פונעם פאָלק. זײַענדיק טרײַ צו די רעאַלע נויטן און באַדערפענישן פון פאָלק איז ניט נאָר וואָס ער באַשרײַבט, נאָר ער ווײַזט וואָס צו טאָן. עכטע קונסט איז אַ פאַרמעסט, אַ מיסיע. ס'איז דאָס דינסט צום עמעס דורך שיינקייט און די שיינקייט, די עסטעטיק איז אַף אַזויפיל שיין, עסטעטיש, קונסט, אַף וויפל זי איז עמעס.

***

וויבאַלד קונסט איז אידענטיש מיטן לעבן, מיט די דינאַמישע

געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, קאָן מעמיילע פאָרעם ניט אָפּגעטיילט ווערן פון אינהאַלט. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם וואַרפט אײַנגאַנצן אָפּ די מעכאַנישע פונאַנדערטיילונג פון פאָרעם און אינהאַלט. וויכטיק איז ניט די קיילע נאָר דער אינהאַלט מיט וועלכן זי איז אָנגעפילט. פונקט ווי אין מאַטעריעלע דערשײַנונגען, אַזוי אויך אין סאָציאַל־פּסיכישע איניאַנים זײַנען פאָרעם און אינהאַלט ניט פונאַנדערצוטיילן. זיי קומען צוזאַמען און גייען צוזאַמען.

אָפּן געביט פון סאָציאַלער פּסיכיק פּאַסירט אָפּט, אַז ווען אַן אַלטער אינהאַלט האָט זיך אויסגעשעפּט, און עס פאָדערט זיך אַ נײַע אָנשעפּונג און זי קומט ניט — ווערט דער אַלטער אינהאַלט הוילע פאָרעם, ליידיקע פראַזע, און ווען מען קלאַמערט זיך אַלץ אין דער פאָרעם, ווערט די קונסט אַ געטשקע, אַ פעטיש ווי בײַ די בורזשואַזע פאָרמאַליסטן.

בײַ די פאָרמאַליסטן באַדײַט טאַקע פאָרעם אויסערלעכקייט. אין די דערשײַנונגען פון דער ווירקלעכקייט זעען זיי בלויז דאָס אויסערלעכע און מעמיילע זײַנען זיי ניט פעיִק צו זען אין דער קונסט די אינהאַלט־לעכקייט פון דער פאָרעם. זיי צעשפּליטערן מעכאַניש דאָס ווערק. זיי זעען די בלעטער, זיי באַזינגען דעם צווייט, די בלומען, די פרוכט איז פאַר זיי פאַרהוילן.

גאָר אַנדערש באַנעמט די דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישע וועלט־אָנשויונג און דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם דעם איניען פאָרעם. דאָס איז אַ פאָרעם וואָס אַנטשפּרעכט דעם אינהאַלט, איז איינס מיטן אינהאַלט. לויט דער פאָרמולע פון לענינען אין זײַנע ראַנד־באַמערקונגען צו העגעלן „די פאָרעם איז וועזנטלעך. דאָס וועזן איז אויסגעפורעמט אַזוי צי אַנדערש, אָפּהענגיק טאַקע אויך פון וועזן גופא" (לענינישער זאַמלבוך, 1 ז' 153).

אויב טאַלאַנט שפּײַזט זיך פון אידעע, פון געזעלשאַפטלעכער ציל־באַוווּסטקייט איז קלאָר, אַז ווער עס פעלשט אין אידעאַל, אין דעם אידעיִשן אײַנשטעל, פאַרלירט מעמיילע דעם טאַלאַנט. טאַלאַנטן, וואָס קלאַמערן זיך נאָך אין דער „קונסט פאַר קונסט"־אילוזיע, מוזן אָנווערן זייער טאַלאַנט. פאָרמאַליזם פירט צו דעפאָרמאַציע.

**

מיר קאָנען איצט מאַכן אַן אויספיר, אַז די גרונט־שטריכן פון סאָ־ציאַליסטישן רעאַליזם זײַנען: עמעסדיקייט און היסטאָרישע קאָנקרעט־קייט, אידעיִשקייט און סאָציאַלע ציל־געוועדטקייט: שטרענגע נאָענט־קייט צו דער רעאַלער ווירקלעכקייט, איבערגעפלאָכטן מיט רעוואָלוציאָ־נערער ראָמאַנטיק: האַרמאָניע פון סוביעקטיוון מיטן אָביעקטיוון: אידעג־טישקייט פון פאָרעם און אינהאַלט.

אין דער צווייטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קען זיך דער רעאַליזם דערשלאָגן צו אַ נײַעם פּראָגרעס פון דער ליטעראַטור בלויז ווי אַ סאָציאַליסטישער רעאַליזם.

נאָר אַזאַ מעטאָד אין דער ליטעראַטור וואָס אַנטשפּרעכט די אינטע־רעסן פון מיליאָנען לייענער טראָגט מיט זיך די סאַמע פּראָגרעסיווסטע טענדענצן פון אונדזער צײַט.

דער קולט פון אינדיווידועלער דיכטונג

וועגן דער פּאָעזיע פון די אַמעריקאַנער „יונגע"

אין יעדער נאָרמאַלער ליטעראַטור לאָזן די פּלעיאַדעס שרײַבער איבער די שפּורן פון זייערע טריט. די שרײַבער און דיכטער גייען דורך זייער וועג, זייער צײַט, און לאָזן איבער זייערע דערגרייכונגען. עס אַנטשטייען נײַע דוירעס, וואָס פאַרנעמען זייער אָרט, ווערן די באַלעבאַטים פון זייער צײַט.

קיין שום גײַסטיקע ווערטן קאָנען זיך ניט אָפּזאָגן פון זייער צײַט. זעלטן ווען עס טרעפט אַזאַ מערקווירדיקייט אַז איין קינסטלערישע גרופּע זאָל אַרײַנוואַקסן ווי אַ גאַנצקייט אין אַ נײַער עפּאָכע.

די עפּאָכע פון די אַמעריקאַנער יידישע דיכטער, וועלכע האָבן זיך גערופן די „יונגע", איז אין דער נײַער צײַט ניט אַרײַנגעוואַקסן און איר ירושה דעם נײַעם דאָר ניט איבערגעגעבן.

צו זאָגן אַז אין דער טקופה פון די „יונגע" האָט די אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור געהאַט איר „גאָלדענע עפּאָכע" איז מער ווי אַ גוזמע. אויב די ערשטע עפּאָכע פון די אַמעריקאַנער יידישע דיכטער (ווינטשעווסקי, עדלשטאַט, באָווישאָווער, ראָזנפעלד), שטעלן מיט זיך פאָר די אייזערנע טקופה פון דער דיכטונג („אייזערנע" אין זינען פון דער סאָציאַלער באַוווּסטזיניקייט און רעוואָלוציאָנערער ציל־געווענדטקייט, וואָס האָט געפירט מיט זייער ליד), האָט זיך די פּאָעזיע פון די „יונגע" באַוויזן אין גאָר אַן אַנדער שײַן, אין דעם שאַרפסטן אָפּנויג פון דעם סאָציאַלן טאַבלעם פון וואָרט און בילד. זייער טאַבלעס איז געלעגן אין יעבידישקייט, אין זייער אייגענער פּאָעטישער וועלט.

די אַזוי גערופענע טעאָריע פון די „יונגע", וואָס האָט געלערנט, אַז פּאָעזיע איז איבער צײַט און סוויווע, האָט אייגנטלעך געמיינט, אַז דער

פּאָעט איז אויסער צײַט און געזעלשאַפט און בעמיילע האָט ער גאָרניט קיין קאָנטאַקט מיט דער וועלט.

די מערסטע פון דער גרופּע „יונגע" זײַנען געבליבן אײַנגעמויערט אין די ענגע טפיסע־ווענט פון זייער באַגרענעצטער עסטעטישער טעאָריע. זיי האָבן מוירע געהאַט איבערצוטרעטן די אָנגעצייכנטע פאַר זיך גרענעצן פון לירישׂ־שטימונגספולן ליד קעדיי מוטיק אַ קוק צו טאָן אין די אויגן פון דער וועלט. דער דיכטער, וואָס האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַן אָפּגעשלאָסענער איינהייט, האָט געקרײַזט אַרום זײַן אייגענעם אָנהייב און אייגענעם סאָף, וואָס האָט עפּשער גאָר קיין אָנהייב ניט און גאָר קיין סאָף ניט ווי די מעטאַפיזיקער באַצייכענען גאָט, אַלס איינסאָף.

אָט די דאָגמע, אַז פּאָעזיע הייבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס מיטן דיכטער, האָט דערפירט צו דעם, אַז טייל יונגע האָבן געדיכטעט ווי אין אַ כאַלעל, אַנדערע האָבן, אַרויסהייבנדיק דעם אייגענעם „איך", זיך אָפּגעשלאָסן קעגן דער וועלט און זײַנען דערגאַנגען צו נאַרציסיזם, זײַנען געוואָרן ווי נאַרציס אין דער גריכישער לעגענדע, יענער יינגל, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין זײַן אייגענער געשטאַלט אין וואַסער־שפּיגל און איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט צו זיך אַליין.

דאָס באַקאַנטע וואָרט: „ווילסטו קענען דעם דיכטער גיי אין זײַן אייגן לאַנד", וואָלט מען דאָ געקענט אַזוי פּאַראַפראַזירן: „גיי אין זײַן אייגן הויז"! די דיכטערישע טעמאַטיק און דער וואָרט־אוצער פון די „יונגע": בלאַסע מיידלעך, אַרונטערגעצויגענע ראָלעטן, צאַרטע שטימונגען, ראָזעווע בענקענישן, די שפּראַך, אין וועלכער זיי האָבן גערעדט צו זייערע געליבטע און צו זיך אַליין.

כ'האָב אין מיטן טאָג אָף מײַן פענצטער אויפגעהאַנגען
פון דער זון און פון די מענטשן האָב איך
מײַן טיר פאַרמאַכט און אַ בלייכער אין דער פינצטער
בין איך לאַנג אַרומגעגאַנגען
און די קאַלטע הענט געריבן און צו זיך אַליין געלאַכט".

אַזוי זינגט דער דינער ליריקער מאַני לייב, און זישאַ לאַנדוי, דער אידעאָלאָג פון די „יונגע", פּאָעטיזירט פאַר זײַן געליבטער:

„אין דער פינצטער איז דײַן פּנים, בלייכער,

אין דער פינצטער זײַנען דײַנע פינגער ווייכער, ווייכער".

אונטער פּאַרמאַכטע טירן האָבן די ליריקער זישא לאַנדוי און מאַני לייב געמײַסטערט די ליריק, געהילט דאָס וואָרט אין זײַד און אין סאַמעט, מוירע געהאַט אַז דאָס דרויסנדיקע לעבן זאָל כאָלילע ניט פאַרומווירדיקן דאָס וואָרט.

דער קולט פון „איך" האָט געעפנט צוויי טויערן: די נאַקעטקייט און די עגאָצענטרישקייט. אויב די וועלט דאַרף גענעזן ווערן דורכן „איך" און דער „איך" איז דער צענטער פון איר, ווערט בעמיילע אַלץ וואָס איז פאַרן „איך" דערהייבן צו אַ מאַדרייגע פון קאָסמישער געשעעניש און מען פאַלט קוירים פאַר זיך אַליין.

זינגט זישא לאַנדוי אין זײַן זעלבסט־פאַרליבטקייט:

„דערווײַל איז גוט מיר דאָ אויף דער וועראַנדע,
אַרום די בערג — ווי זײַלן טויטע רו.
און גוט איז מיר וואָס איך בין זישא לאַנדוי,
און גוט איז אַלעס וואָס איך טראַכט און טו".

וואָס מער באַשרענקטער, איכישער, די פּאָעזיע איז, אַלץ מער הע־דאָניסטישער, אויפֿעמהאַזעדיקער מוז זי זײַן. באַ זישא לאַנדוין, וואָס האָט פּראָקלאַמירט אַז דער פּאָעט און זײַנע שטימונגען זײַנען דער אור־קוואַל פון יעדער פּאָעזיע, דאָמינירט ניט בלויז דער עגאָ־צענטרישער מאָ־טיוו, נאָר אויך די עראָטיק וואָס גייט שטענדיק געפּאָרט מיט זײַן „עסטע־טיק".

אָט איז אַ דעקלאַראַציע פון זעלבסט־פאַרליבטקייט און עראָטישער פאַרצווייפלונג.

„ווײַל ס'האָט אַזוי געמיין פאַרשוויגן מיך די פּרעסע
און וואָס איך עס אויף מיטאָג שרײַבט זי ניט —
דערפאַר קאָן איך ביז איצט ניט קריגן קיין מעטרעסע
און נידעריקער פאַלן נעמט אַלץ מײַן קרעדיט".

דער פּוריטאַנער פון איין זײַט, דער ציניקער פון דער צווייטער — ביידע פלײַסן זיך צו פאַרמיעסן די געשלעכטלעכע ליבע. האָט זישא לאַנ־דוי געשריבן אָפּן וועגן „דברים שבצנעה" און פּראָקלאַמירט, אַז ער

האָט ליב נעגער־פּרויען בלויז צוליב דעם, ווײַל „די גראָבע ליפּן הענגען בא זיי אראָפּ ווי בא כאַזיירים" און בא מאַני לייבן, בא וועמען די פאַרבן־שפּיל פון ליד איז מאַמעש די הויפּט־טעמע, פאַרלירן מענטשן און זאַכן אינגאַנצן זייער סאָציאַלע וואָג. ער דערגייט ביז אַ פּרוכטלאָזן אומעט און איז צופרידן אויב נאָר ער קאָן זיך געזעגענען מיט זײַן געליבטער.

„איך קוש די דינע האַנט, אַ גוטע נאַכט.
אַ גוטע נאַכט, נו גיי געזונטערהייט
און מיר איז אַזוי אומעטיק און שווער
ניט גוט, ניט גוט, איז וואָס? אַ גוטע נאַכט".

און ניט נאָר לאַנדוי און מאַני לייב. די שטימונגען און פּראָבלעמען פון די אַנדערע יונגע דיכטער קרײַזן זיך אַרום זעלבן „איך" און אַרום זייער מאַכטלאָזיקייט און ווינקלדיקער איינזאַמקייט.

דער דיכטער יוסף ראָלניק האָט זיך דערשראָקן פאַרן לעבן און איז אַוועק צו זײַן ליטוויש שטעטל, צו דער מיל און צו דער קו און צום שטערן נויד און זײַן פערד איז באַלאָדן מיט פּאַטאַליסטישער שווערקייט.

„איך בין אַן אַלטער, אַלטער ייִד
איך פאָר אַהיים שוין פון יאַריד
אַביסל קראַנק: אַביסל מיד:
נאָר צום יאַריד דאָך האָב איך ניט" —

האָט ראָלניק געשריבן מיט איבער פערציק יאָר צוריק. די זעלבע פריע אַלטקייט און מידקייט האָט אויך אויסגעדריקט דער היפּער־ראָפּינירטער רוּוון אײַזלאַנד:

„איך ווייס ניט וואָס מיר איז
איך קיל אין שויב דעם שטערן
און ס'ציטערן מיר די פיס".

אַז אַ דיכטער איז מוידע, אַז עס ציטערן אים די פיס איז אַ סימען, אַז די ערד וואַקלט זיך אונטער אים.

די „יונגע" האָבן ניט געוואָלט מיטלעבן מיט דער צײַט נאָר אַרויס־לעבן זיך פון זייער צײַט, האָבן זיי אַפילע די אַמעריקאַנער ערד, אַף

וועלכער זיי האָבן געווינט, ניט געוואָלט און ניט געקענט זען. אויך די פּראָבלעמען פון די פּעלקערשאַפטן פון אַמעריקע האָבן זיי ניט אינטע־רעסירט. פּאָעזיע מיינט אָבער עקספּאַנסיע פון דעם איך, מיינט זיך אויס־צוגלייכן מיט דער וועלט.

דער פּאָעט ברענגט מיט זיך פון געבורט טאַלאַנט, אָבער טאַלאַנט איז נאָר אַ קיילע, וואָס מוז זיך אָנשעפּן מיט רוים און צייט. די „יונגע" וואָס האָבן אַלץ געבויט אַף זיך, האָבן זיך געגראָבן אין זיך, זיי־נען דערגאַנגען צו אַ סוביעקטיוויזם, וואָס האָט פאַר זיי פאַרשטעלט די אָביעקטיווע באַדינגונגען!

ליריזם איז ניט דאָס זעלבע וואָס סוביעקטיוויזם. דער „אין זיך" איז נאָר אַ לאַבאָראַטאָריע, וווּ עס ווערט אויסגעאַרבעט דער אינהאַלט פון דעם סאָציאַלן אָרום. דער דאָזיקער אינהאַלט, די גרויסע אָביעקטיווע וועלט־ווירקלעכקייטן, ווערן אויפגענומען דורכן דיכטער ניט מיט דער קאַלטקייט פון אַ פאָרשער, נאָר מיטן הייסן געמיט פון איינעם וואָס לעבט אַלץ איבער, ווי אייגנס. אַזוי ווי ער לעבט איבער די וועלט־ווירקלעכ־קייטן האָט ער צו זיי אַן עמאָציאָנעלן צוגאַנג, דאָס איז ליריק.

פון דעם איז קלאָר, אַז אַ דיכטער, וואָס האָט נאָר צו דערציילן וועגן זיך פּערזענלעך, קאָן ניט זיין פּאָעטיש קרעפטיק. אויך ווערטער זיינען בלויז מאַטעריאַל פאַר אידעען, טאַלאַנט נאָר אַ קיילע פאַרן אינהאַלט און ווען די אידעע איז קליין, דער אינהאַלט — באַגרענעצט, קאָנען די ווערטער ניט זיין גרויס.

מיט רעכט האָט אַ קריטיקער באַצייכנט אַזאַ פּאָעזיע מיט דעם זאַץ: אַ פראָש, וואָס לעבט אין ברונעם, וואָס קאָן ער וויסן פון גרויסן אָקעאַן? אַ פּאָעזיע, וואָס שפּיגלט ניט אָפּ דעם אָרום, די צייט, דאָס לעבן, איז ווי אַ שטראָם וואָס שלאָגט ניט אין זיינע ברעגן.

*****

די „יונגע" מיט זייער קולט פון „איך" מיט זייער אוועקפליען פון דער אַלטעגלעכקייט, איזאָלאַציע פון דער ווירקלעכקייט און פאַרהערלעכן די אייגענע שיינע אינערלעכקייטן, זיינען אָבער אויך ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, נאָר האָבן אויסגעדריקט אַ באַשטימטע פילאָזאָפיע און זיינען געווען אין הסכּם מיט אַ געוויסן קלאַסן־איינשטעל. זיי האָבן אַף אַ

נאַיִוון אויפן איבערגענומען די נאַיִווע אידעאַליסטישע, סאָקראַטישע „דערינערונגס־טעאָריע", די טעאָריע, אַז די מענטשלעכע נעשאָמע, אייי־דער זי איז געקומען אַף דער וועלט, האָט געלעבט אַף יענער וועלט און פון דאָרטן האָט זי מיטגעבראַכט אַלע באַגריפן פון גוט און שלעכטס, עמעס און שעקער, שיינקייט און מיעסקייט.

זיי האָבן דעריבער די וועלט, ווי די פילאָזאָפן פון אידעאַליזם אויפ־געפאַסט איזאָלירט, אַ צעשפּליטערטע אַף איינצלנע, באַזונדערע דערשיי־נונגען.

„דער סאָפיזם פון דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע באַשטייט אין דעם, וואָס די שפּירונג ווערט אויפגענומען ניט ווי אַ פאַרבינדונג פונעם באַוווּסטזיין מיט דער אויסערלעכער וועלט, נאָר ווי אַ צאַם, ווי אַ וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם באַוווּסטזיין פון דער אויסערלעכער וועלט" (לענין, „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָ־קריטיציזם", ז"ז 14-24).

האָבן די יונגע אָפּגעטיילט די פּאָעזיע פון געשיכטע; זייער עמאָ־טיווע געפילן, מענטשן און זאַכן זיינען איזאָלירט און אָפּגעריסן געוואָרן פון אַרום. אין טאָך איז אָבער זייער פילאָזאָפיע זיך צוזאַמענגעקומען מיט די הויפּט־באַגריפן פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע פון זייער צייט.

צום אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אָנגעהויבן באַפעסטיקן אַ נייע יידישע בורזשואַזיע פון מיזרעך־אייראָפּעיִשן אָפּשטאַם. אַ טייל פון די פריער אומבאַהאָלפענע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך לעבאַטכילע געראַטעוועט פון הונגער און „שוויץ־שאַפּ", האָבן זיך ביסלעכווייז אַריבערגערוקט אין בורזשואַזן לאַגער. אַנדערע אימיגראַנטן האָבן זיך לעבאַטכילע גענומען צו „ביזנעס". מען האָט זיך ביסלעכווייז „אויסגעמענטשלט", זיך אַריי־בערגעצויגן אין רייכע געגנטן, זיך געקויפט „הייזער" און געוואָרן „אַמע־ריקאַניזירט", ד"ה אַסימילירט, אָבער אין דער מערהייט איז מען גע־בליבן בא דער יידישער שפּראַך און ס'איז אַנטשטאַנען אַ נאָכפראַגע אַף אַן אייגענער ליטעראַטור.

די גרופּע „יונגע" איז געווען דער ליטעראַרישער ליפעראַנט פאַר אַט דער אייגנטימלעכער יידישער מיטל־ און קליין־בורזשואַזיע. דאָס באַ־וווּסטזיניקע ניט וועלן וויסן וועגן סאָציאַלן לעבן און די נאַציאָנאַלע קאַמפּן און דער אינטערעס אין יאַכיד, איז געווען אין פולן העסקעם מיט

דער פּסיכאָלאָגיע פון דער בורזשואַזיע. „מיר ווילן ניט קיין געטער, מיר ווילן ניט קיין פּראָבלעמען!" דאָס איז געווען דער שלאַכט־רוף פון די „יונגע". אונטער געטער האָבן זיי פאַרשטאַנען אַלערליי סאָציאַלע פראַגן — אַזעלכע וואָס האָבן געמאַטערט אַ מענדעלע, שאָלעם אַליכעם, פּערעצן אָדער וויסנבערג. „באַפרייַונג פון די יידישע קלאַסיקער!" איז געווען אַן אַנדער לאָזונג. פּערעץ האָט זיך צופיל געגראָבן אין קלאַל. מענדעלע איז אָפּט פּובליציסטיש און שאָלעם אַליכעם איז פלאַך. אַלע האָבן צופיל געטראַכט וועגן מאַטעריעלן לעבן. די סאָציאַליסטן? דער סאָציאַליזם? „דעם גאַנצן פּראָבלעם פון אָרעם און רייַך — האָט זישא לאַנדוי געשריבן צו זייַנעם אַ פרייַנט — האָבן בלויז אויסגעטראַכט סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן"...

זאָל לעבן די ריינע קונסט! די קלאַסן־פּראָבלעם, די סאָציאַלע צעגלידערונג פון אַרבעטער און בורזשואַזיע, דאָס אַלץ זייַנען זאַכן וואָס האָבן צו טאָן מיט דער „גאַס" און די „יונגע" זייַנען אַנטלאָפן פון דער גאַס אין די טעמפּלען פון דער „ריינער און הייליקער קונסט".

אין אָט דעם באַנעם פון די „יונגע" האָט זיך אויסגעדריקט די אידעאָלאָגיע פון אַ בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך מער אָדער ווייניק, דערפילט זיכער, פון אַן עמיגראַציע, וואָס האָט זיך אויסגערוט פון די צאַרישע רעדיפעס און ניט געוואָלט מער קלערן וועגן „צייַט־פּראָבלעמען".

„די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער נעשאָמע פון באַזונדערע מענטשן, זייַנען אַן אָפּשפּיגלונג פון היסטאָרישער באַוועגונג" (פּלעכאַנאָוו). דאָס לעבן איז ניט סטאַטיש נאָר באַוועגט זיך דינאַמיש און אין דער געענדערטער קלאַסן־פאַרהעלטעניש ווערן אויך געענדערט די פּראָצעסן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע. עס איז געקומען אַ יערידע־פּעריאָד פון דער בורזשואַזיע און זי האָט זיך שוין געגייטיקט אין אַנדערע אידעאָלאָגן ווי די עסטעטישע אינזיכיקע דיכטער. צוליב דעם אַלגעמיינעם באַרג־אַראָפּ־גאַנג פון קאַפּיטאַליזם האָט אָבער די בורזשואַזיע ניט אַרויסגעשטעלט קיין באַדייַטנדיקע טאַלאַנטן פאַרן נייַעם פּעריאָד. מיכוץ עטלעכע דיכטער, וואָס זייַנען אַוועק אַף אַנדערע וועגן ווי מ. ל. האַלפּערין, לייוויק, מעניאַכעם, האָט די גרופּע יונגע אָפּגעשלאָסן אַ פּעריאָד און ניט געלאָזן קיין העמשעך און נאָכוווקס.

אַ דיכטערישער יאָרצענדליק

(1949 — 1939)

„די ליטעראַטור — האָט אַמאָל געשריבן עמיל זאָלאַ — ווערט גע־ענדערט בלויז דורך איבערקערענישן".

עס איז עפּשער נאָך נישט געקומען די צײַט אונטערציען אַ סאַ־כאַקל פֿון דעם ייִדיש־קינסטלערישן אָפּרוף אַף דעם גרעסטן קאַטאַקליזם אין דער געשיכטע, דעם גרויסן כורבן, וואָס דער גרויזאַמער היטלעריזם האָט געבראַכט אַף אונדזער פֿאָלק. ווען מיר באַטראַכטן אָבער דעם דיכ־טעריש־קינסטלערישן פֿאַרמעג פֿון די יאָרן 1940 — 1949 און סומירן אים אין קורצע שטריכן, מוז מען קומען צום שלוס, אַז די ליטעראַטור, דער שפּיגל פֿון לעבן, און בעיִקער די פּאָעזיע, דער עמאָטיווסטער צווײַג פֿון דער ליטעראַטור, איז ווירקלעך געענדערט געוואָרן דורך דער איבערקע־רעניש.

די דיכטער אַלס „מענטשן פֿון זייער צײַט" האָבן, נאַטירלעך, זיך געמוזט אָפּרופֿן, אונטערן דרוק פֿון גרויסן כורבן, און פּאָעטיש רעאַגירן אַף דער טקופֿע, די גרויליקסטע אין אונדזער געשיכטע.

ווי האָבן זיך ייִדישע פּאָעטן אָפּגערופֿן אַף דעם אומפֿאַרגלײַכלעכן בראָך און מאַסן־אומקום? און וואָס איז דער אויסוועג וואָס זיי האָבן אונדז געוויזן נאָכן כורבן?

אַ גאַנצער יאָרצענדליק איז אונדזער דיכטונג באַהערשט געוואָרן פֿון איין טעמע: דער כורבן און גרויל. אָבער דער אופֿן פֿון באַהאַנדלען די טעמע, ווי פֿאַרשיידן ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די ביידע צענטערן פֿון אַמעריקע און מיזרעך־אייראָפּע, מיטן הויפּט־צענטער דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

מיכוּח דער סאָוועטיש־ייִדישער דיכטונג, ווען די מילכאָמע האָט

א ווענד געטאָן צום גרויסן טראַגישן און קעמפערישן אינהאַלט, און טייל דיכטער פון אַנדערע לענדער, ווי סוצקעווער (ישׂראל), בונעם העלער (פּוילן), מ. שולשטיין (פראַנקרייך) און אַנדערע, האָט די ייִדישע דיכטונג נישט געפונען דאָס פּאַסיקסטע וואָרט פאַר דער צייַט.

אָן עכט קינסטלערישן טיקן פאַר די מוירעדיקע איבערלעבונגען פון ייִדישן פאָלק און זייַן העלדישן קאַמף אין דער לעצטער וועלט־מילכאָמע געפינען מיר בלויז אין די ווערק פון די סאָוועטיש־ייִדישע דיכטער, וואָס זייַנען טריי געבליבן זייער קאַמפס־ און גוואַרע־טראַדיציע פון בירגער־קריג און די געצייַלטע ייִדישע דיכטער, וואָס האָבן, אונטערן דרוק פון דעם גרויסן חורבן, עמאָציאָנעל רעאַגירט אויף די גרויזאַמע לייַדן, געוועקט צום קאַמף און געזייט ביטאָכן.

די סאָוועטישע ייִדישע דיכטער, וואָס האָבן פאַרגאָסן זייער אייגן בלוט אויף די שלאַכטפעלדער, האָבן געפונען דאָס גרויסע אויסלייז־וואָרט. די גרויסע רעשימע פון די ייִדישע דיכטער שלאַכטלייַט, וועלכע זייַנען אומגעקומען „ווי ראָסין, זעלדין, אַליעווסקי, כאַשטשעוואַצקי, הארצמאַן, שווערדיק און אַנדערע) און די וועלכע האָבן א פאַר יאָר נאָך דער מילכאָמע געטראָגן די וווּנדן און דעם בראַנד פון קריג (פינינבערג, קושנירעוו) האָבן מיט זייער טראַגיש דערהויבענעם בייַשפּיל פאַראַלגעמיינערט און באַזיגיקט דעם אומגליק.

די אַנדערע דיכטער, וואָס זייַנען ניט געווען אויף די שלאַכטפעלדער, אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער און אויך ניט אין די טרעבלינקעס, מייַדאַנעקס און אַנדערע טויט־לאַגערן, האָבן געמוזט יוויצע זייַן מיט היילן זיך אין שאָטנס פון אַבסטראַקטער „קדושה"־מעליצע, און זיך קוויקן מיט א פאַפּירענעם „אומקום און פייַן", א דיכטונג וואָס איז טיילווייַז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מיסטישער סובלימאַציע פאַר עמעסע לייַדן און קאַמפן.

טרויער און אומקום — דאָס איז געווען דער גרונט־מאָטיוו פון ה. לייוויקס דיכטונג נאָך פאַר דער מילכאָמע. זייַנע מערסטע לידער זייַנען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם געפיל פון זעלבסט־פּייַניקונג און אַבסטראַקטער הייליקייט. און כאָטש ער האָט אין זייַנע פּאָעטישע שאַפונגען א ריי איבערלעבונגען, מעדיטאַטיווע באַטראַכטונגען וואָס בלייַבן א קערן אין דער ייִדישער פּאָעזיע (טייל סיבירער לידער, די ציקלען

„שפינאזא־מאטיוון", „היים סאוועטישע" און „דארטן ווו די צעדער"), — זיינען זיי בלויז אן אפנייגונג פון דעם הויפט־מאטיוו, וואס לייוויק אליין האט אים פארמולירט אין די שורעס:

„טרויער ברענג איך א פולן וואגן
און טייל עס אלעמען ווי מען טיילט ברויט".

זיין פאטעטישער אפרוף אף דעם גרויסן חורבן „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", איז דערפאר דער נאטירלעכסטער אויסדרוק פון דיכ־טערס אינעווייניקסטער פעסימיסטישער שטימונג, פון זיין „אומקום"־באנעם, פון זיין וועלט־געפיל וועגן טראגישער אומזיניקייט און אומצו־טרוי צום פארויס־מארש פון דער וועלט און ארויפגאנג פון דער מענטש־הייט צו העכערע מאדרייגעס.

„אף אונדזער ערד, ווי אף קיינעמס ערד,
זיינען אלע יעסוידעס איבערגעקערט".

לייוויק האט אין די יארן פון קאמף געהאלטן אין איין איבערכא־זערן, אז „מאשיעך קומט נישט און וועט נישט קומען אף א טאנק", און האט מיט איעווישער ליידנשאפט און פארצווייפלונג אפגעפרעגט די ווירקזאמקייט פון ווידערשטאנד און קאמף אין יענער איימעדיקער צייט. ווי א רעזולטאט פון דער פארצווייפלונג האט געמוזט קומען די פארהער־לעכונג פון קאלעקטיווער מאכטלאזיקייט און א זיס־פעסימיסטישער אויסוועג פון אומקום.

„א טרייסט נאר. אינמיטן פון קלוימערשט טיינוגים
נעמט ברענען א טרוקענער פלאם אף מיין גומען,
און כ'הער א באסקאל פון קדושים, הארוגים:
נישט זארג זיך, דיין ריי וועט נאך קומען, נאך קומען".

אינאיינעם מיט דער העכסטער פארשפיצטקייט פון זעלבסט־פייניקונג קומט דער אטעם פון ספייקעס. די פיינלעכע מאטערניש פון קפירע און די צוויי־געשטאלטיקייט פון „גאטהייט און מארד".

אט־די פארצווייפלונג האט אויך געפירט אנדערע דיכטער צו דער־זען א טהאם צווישן ווארט און וויזיע. לייוויקס בען־דאר א. לעיעלעס,

האָט זײַן לעצט לידער־בוך א נאָמען געגעבן „א ייִד אפן יאַם”, אפן נאָמען פון זײַן צענטראַל־ליד, ווו ער באַזינגט אַ שיף אף אַ מיסטישן יאַם, און אף דער שיף אַ לעצטער ייִד. די אַנדערע האָבן זיך אַליין דערטרונקען און דער לעצטער קלעטערט אַרויף אף אַ מאַסט און צינדט זיך דאָרט אונטער און מיט זײַן ברענען רודערט אויף די וועלט, ביז ער רײַסט אויף די הימ־לען און זיי לעשן אים אויס מיט זייערע טרערן.

אף אַ פּאָדעם, וואָס איז אָנמאַמאַשעסדיקער פון אַ שטראַל,
הענגט דער אַל פון מײַן גלויבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פון פאַרנט דער יאַם פון שלינגנדיקע שאָטנס,
אָן אָנטרינונג.

אַ זוכער אָן געפינונג, אַליין, אַלץ אַליינער,
שטיי איך איינער אינמיטן”.

דאָס זעלביקע געפיל פון רעזיגנירטן טרויער און פּעסימיסטישער פאַרניינונג, וואָס דערגייט צו פאַרהערלעכונג פון די גרעסטע ליידן, האָט אויך ז. סעגאַלאָוויטש אויסגעדריקט אין זײַנע כורבן־סאָנעטן:

„אין די פאַרבלוטיקטע גרויזאַמע טעג
איז אונדזער לײַדן דער גרעסטער פאַרמעג”.

נאַציאָנאַלע אויסוועגלאָזיקייט און אינזיכיסטישע קאַקעטערײַ גע־פינען מיר אין די לידער פון יאַנקעוו גלאַטשטיין. זײַן ליד „אַ גוטע נאַכט דיר, וועלט”, ווו ער הייסט דער וועלט זיך וועגן מיט די ייִדישע מאַרק־סעס, וועט בלײַבן ווי ניט בלויז אַ דאָקומענט פון צײַט־שטימונג, נאָר אויך אַ דאָקומענט פון יערידע און פאַכדאָנעס, מוירע אויפצונעמען דעם קאַמף אָפן, ווי ס'האָבן אים אויפגענומען די ייִדן, וואָס האָבן געקעמפט אין די געטאָס, די וועלכע האָבן אויפגעהויבן די אויפשטאַנדן, פּאַרטי־זאַנער־אַקציעס און מוטיקע ווידערשטאַנדן קעגן סוינע.

„אונדזער פרייד איז אָל,
אונדזער קויעך — קאָל;
אונדזערע סימכעס זײַנען טאַנייסים,
אין אונדזערע שולן דאַווענען מייסים”.

א ר ן צ ײ ט ל י ן, דער אינטעלעקטועלער מיסטיקער, האָט זײַן פּערזענלעכן טראַגיזם איבערגעטראָגן אַפן גאַנצן וועלט־באַגריף און איז דערגאַנגען צו אַ נאַציאָנאַליזם פון גײַוועֶ־מאַניע, אַז יעדער ייִד איז קאָשער און יעדער גוי טרייפע.

עס איז מערקווירדיק: דאַווקע די וועלכע זײַנען אין די גרויל־יאָרן געזעסן אין דער זאַטער אַמעריקע און האָבן ווייניקער געליטן, זײַנען גרייט מיט אַ גרינג געמיט זיך אָפּצוזאָגן פון דער וועלט און איר צוּוואַרפן אַלע אונדזערע שטאָלצע פּערזענלעכקייטן און אוניווערסאַל־דערלייזערי־שע אידעאַלן.

דער פאַרשטאָרבענער מענאַכעם באָריישאַ האָט אין זײַנער אַ פּאָע־מע „בעשבן אַפן אַש", געשריבן:

„צו וואָס האָט ס'בלוט פון אָוועס אויך גערדאַרפט
אַרויסגעבאָרן אַף דער וועלט מעשיכים?
אַמאָל דער גאַלילער, וואָס האָט מיט ליבשאַפט און האַכנאָע
צעעפנט דעם גאַניידן פאַר דער זינדיקער נעשאָמע
און אַכצן הונדערט יאָר נאָך אים דער טרירער*),
וואָס שטײַפט דעם גוף באַ שטאָלענע מאַשינען
מיט סינע און רעוואָלט — צו וואָס האָט אונדזער בלוט
גערדאַרפט אין ביידנס אָדערן רינען?"

ק אַ ד י ע מ אָ ל אָ ד אָ וו ס ק י, די געוועזענע דיכטערן פון דער וואַרשעווער אָרעמקייט „דזשיקע גאַס", האָט רעוואָלטירט קעגן איר אייגענעם ליריש־סאָציאַלן באַרוף און אין אָנבליק פון גרויסן אומגליק איז אין דעם באַוווּסטזײַן פון דער טאַלאַנטירטער דיכטערן פאַרגעקומען אַזאַ אינערלעכע איבערקערעניש, אַז אַפילו איר פאַרערונג פאַר דער אַל־טער ייִדישער נעוווּע, ייִראַס־האַקאָוועד און ליבע צו גאַאווינעם איז אָפּ־געטאָן געוואָרן:

„אייל כאַנון,
נאָר איין בעסעד טו מיט אונדז:
נעם צו פון אונדז די שכינע פון גאַאווינעם".

*) קאַרל מאַרקס, געבוירן אין טריער, פּרײַסיש ריינלאַנד.

זיי ווערן גאַרנישט מיד צו וויינען, די פּרוויען־דיכטערנס פון אַמע־ריקע און די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע לענדער (כאַווע ראָזנפאַרב, בעלגיע; ראָכל קאָרן, קאַנאַדע), ווי איינע וואָלט געוואָלט איבערשטייגן דער אַנ־דערער: ווער וועט שענער קלאָגן.

קלאָגט קאַדיע:

דער מיילעך דאָוויד אַליין איז געבליבן.
אָט איז דײַן קעסער, מאָשיעך,
אָף די צוויי לעצטע יִדישע הענט".

און ר אָ כ ל ק אָ ר ן, וואָס האָט אין די יאָרן פון קריג פאַר־בראַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און וועמען אַ ניו־יאָרקער ווינקל־בלעטל („עפּאָכע") האָט אַ נאָמען געגעבן אַ „יִדישע אכמאַטאָווא", ווײַל זי האָט נישט געוואָלט פאַרבלײַבן אין באַשקירן לאַנד, „דאָרט ווו די ערד איז גרויזאַם רויט", האָט באַוויזן איר סאָציאַלן דאַלעס און היימלאָזי־קייט, ווען זי האָט זיך אַ מידע און אַנטוישטע אומגעקערט פון דער סאָוועטישער ערד ווו זי איז געראַטעוועט געוואָרן.

„היים און היימלאָזיקייט" הייסט איר בוך לידער, אין וועלכן זי האָלט אין איין זאָגן קינעס אָף דער וועלט:

„צו וועמען טראָג איך נאָך מײַן וואָרט, מײַן אָרעם
לעצטע גאָב?
אין וועמענס אויגן ברעכט זיך איצט מײַן שאָטן שטיל און מיד?
כ'בין שולדיק, שולדיק טויזנט מאָל, וואָס איך
געשפּענסטער נאָך
און היט דעם כאָלעם פון דער וועלט מיט מײַן
פאַראייינזאַמט ליד".

דעם כאָלעם פון דער נײַער ליבטיקער וועלט קאָן מען טאַקע מיט קיין „געשפּענסטער" און פאַראייינזאַמטע לידער נישט אויפהיטן און נישט כאַוועץ, דערפאַר אָבער איז שוין גאָרנישט שווער אין דער ענגער און טרויעריקער וועלט צו זייען סינע צו דער „גוייִשער" וועלט אָן שום אונטערשייד.

„פאַרוואָס־זשע הייסט דער פאַסטעך פון מײַן טאַטנס שאָף

ניִשט יאַנקעווו, נאָר איוואַן — און פון זיַין גאַרטל בליצט
אפיר אַ האַק,

און ס׳ליגט שוין אין זיַין בוזעם אָנגעגרייט
פאַר מיַין מאַמעס שאַבעס־קלייד דער זאַק?״

פון אַזעלכע קלאָג־האַלוציִנאַציעס ווערט באַהערשט די „ייִדישע אַב־מאַטאַווא״. און כ א י ם   ג ר א ד ע , וואָס איז אויך געווען אין די כורבן־יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און אין וועמענס „פּלייטים״־לי־דער מיר האָבן געפילט אַן אינטענסיוון און ברייטן באַנעם פון זאַכן, איז אין זיַינע לעצטע יאָרן, ווען ער האָט געמאַכט פּליטע פון פּראָגרעסיוון לאַגער צו דער פיַינטלעכער מאַכנע, דערגאַנגען צו אַ פּלייטע־ראָמאַנ־טיזם. די פּוילישע כורוועס ווי עס וויינען „די גוייִם מיט שמאַלציקע פּע־נימער און שמייכלען געהיימע״, זיַינען געוואָרן דער גרונט־פּייזאַזש פון זיַין דיכטונג און פון זיַין ליד, וויַיזט איצט אַ טיפע שווער־מוטיקייט — אַ שליכצן איבער כורוועס. ער קאָן נישט פאַרהוילן זיַין אינעווייניקסטן געפיל פון פּוסטקייט, פאַרלוירנקייט און פאַריאָסעמטקייט.

„אַ בלינדער בין איך אַף דער וועלט.
איך בין אַ מידער גייער,
און ווו איך קום — פאַרבליַיב איך פרעמד.
מיַין פּאָנים איז אַ שלייער,
מיַין גוף איז אַ געשענקטע העמד״.

אויסוועגלאָזיקייט, פּרוכטלאָזער ניט־שעפערישער פּעסימיזם, סטאַ־טישער אָפּגאַנג, דאָס איז דער גרונט־טעזיס און דער לייט־מאָטיוו פון דעם טייל אַמעריקאַנער און מיַירעוו־אייראָפּעיִשע פּלייטע־דיכטער, וועל־כע מיר האָבן דערמאָנט.

אַנדערש, היסטאָריש אַנדערש און אידעיִש אַנדערש, האָט דער סאָ־וועטישער קריַיז־דיכטער, און דער צוויַיג וואָס האָט זיך מיט אים אי־דענטיפיצירט אין קאַמף און ביטאָכן, אויפגענומען דעם כורבן און אַף אים רעאַגירט מיט וואָרט. אַ געליַיטערטער אין זיַינע ליַידן און אַ גע־מוטיקטער אין זיַין שלאַכט איז דער קעמפעריש פּראָגרעסיווער דיכטער פון אָנהייב אָן ניט געזונקען אין טהאָם פון פּעסימיזם און ייִעש, איז

ניט פאַרשלונגען געוואָרן פון „אַפּגאַנג" און פון אומקום־געפילן, נאָך זיך באַהעפטן גענראַנקלעך, וויזיאָנעריש און עמאָציאָנעל מיט אַן אָפּטימיס־טישן באַנעם, קעדיי צו קענען געשטאַלטיקן זייערע לײַדן און זייער קאַמף מיט וואָרט, פאַרב און קלאַנג.

עס איז געקומען דאָס יאָר 1941 און אַ גרויסע צאָל סאָוועטיש־ייִדי־שע דיכטער זײַנען אַוועק אַפן פראָנט און מיט זייער האַרציק אויפגע־פלאַמט ליד מאָביליזירט, געמוטיקט און גערופן צום שלאַכט.

טרײַ צו זײַן אייגענעם געבאָט פון ליבע צום היימלאַנד, וואָס אַזאַ דיכטער ווי ב ו ז י א ל י ע ו ו ס ק י האָט דעקלאַרירט נאָך פאַר דער מילכאָמע:

„און ס׳וואָלקנט זיך דער ראַנד, און כ׳זע זי שוין די שײַן
פון סרייפעס נאָענטע, פון פלאַמיקע געמיטער,
און ווידער בין איך גרייט באַגעגענען די פּײַן,
און גרייט בין איך באַגעגענען דעם געוויטער...
אין פײַערן די ווײַט — אין רויכן און אין גלוט
ס׳ווערט פול די ערד מיט קריצעניש פון ציינער
און כ׳טראָג דער וועלט די פינף ליטער בלוט,
אַז אַף אַ האָרעלע די וועלט זאָל ווערן ריינער..."

און אַוועק איז ער דער יונגער דיכטער אַליעווסקי און אויסגעמישט זײַן בלוט מיטן בלוט פון זײַנע כאַווײרים: ש. ראָסין, כאַשטשעוואַצקי, זעלדין, האַרצמאַן, שוועדיק.

אין זײַן לײַדנשאַפטלעכער ליבע צו היימלאַנד און אין דער פלאַ־מענדיקער סינע צום מערדערישן סוינע האָט עזרע פיניגבערגס דיכטונג דערגרייכט צו אויסערגעוויינלעכער פאָלקישקייט.

אין שטאַרקן ליד „מײַן באַריכט" פון שלאַכט, דערציילט דער דיכ־טער, ווי:

„געגאַנגען זײַנען מיר — אַ הויכע לעבעדיקע וואַנט,
אַ באַרג אַ שטאָלענער, אַ פלאַמענדיקע פעסטונג.
געגאַנגען זײַנען מיר דורך וואַסער און דורך בראַנד
ס׳זאָל ווערן וואַרעמער די פייגעלעך אין נעסטן.

אוי, וויפיל זיינען מיינע פריינט אין פלאם געבליבן,
נעגאנגען זיינען מיר פאר אלץ וואס מיר כאוועז און מיר ליבן".

נעגאנגען זיינען פילע, די בעסטע, אפן שלאכטפעלד. געגאנגען איז אויך פינינבערג און קושניראוו, אנגעזויגן מיט זייער קאמפס־בלוט די פארסארפעטע רויט־ארמייישע ערד, דערלעבט דעם זיג און נאכדעם ביידע פריציייטיק פארשניטן געווארן. טריי צו זיין קרעדא פון קארבן־גרייטסייט קעדיי רוימען זאלן ווערן העלער און גראמער, די ערד שענער און די וועלט בעסער, זאגט דער ערשטער:

„עס האט די „קרירה" מיר געלעמט די פינגער.
איך האב פארקריצט די ציין, פארשלאסן כ'האב דאס מויל:
— כ'וועל אומקומען, נאר זאל דעם היימלאנד ווערן גרינגער!"

און די זעלבע גרייטקייט באם צווייטן:

„צעמאלט מיך, צעמאלט מיר א קערנדל,
מילשטיינער פון אלע צייטן, —
אויב דורך דעם וועט ווערן נאר
דער מארגנשטערן ווי אן עפל צייטיק".

מיט די סאמע שארפסטע פאעטישע כושים האט די סאוועטיש־יידי־שע דיכטונג, דער ריזלדיקער קוואל, וואס האט געשטראמט מיט בלוט, אויך א שטראם געטאן מיט גוורע און ביטאכן.

בעשאס דער טונקל־געפארבטער ארן צייטלין איז ווי היינעס וואנ־זיניקער בא די כוואליעס פון יאם געזעסן און זיך געמויעכט אפן רע־דאקציע־שטול וועגן די „אייביקע צוזאמענהאנגען" און „צוזאמענקלאנ־גען":

„א גאנצן טאג אן ענטפער געזוכט
בא קרעציקער ערד, בא אשיקע הימלען
געזוכט א צוזאמענהאנג צווישן צוויי גימלען:
גאזקאמער — און גאט".

האט עפשער אין זעלבן טאג און זעלבן יאר ש. ראסין געזונגען טרא־

גיש רירנדיק וועגן דעם, אַז „ליד מיט שווערד האָבן געשלאָסן אַ בונט" און אַז „ווייַ און מוט קאָן איך איצט ניט צעטיילן".

די מוטיקע און קעמפערישע דיכטער האָבן דערזען דעם צאַר גאָר אין אַ נייַער פּערספּעקטיוו, אין דעם באַוווּסטזייַן, אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין אַבסאָלוטער אומקום, פּונקט ווי האַרבסטיקער וועלקן קאָן אויך זייַן האַרבסטיק רייפן און אויפגאַנג; שקיע קאָן אויך זייַן דער ערשטער שטראַל פון אויפגאַנג.

„אין לעצטן גורל זעטיק מיך מיט גלויבן,
אַז מאָרגן וועלן זיבן זונען
אויפגיין אין אַ טרער,

אַז ערגעץ נעמען שפּראָצן שוין
אין אויסגעלייזטע שטויבן
גיבוירים קערנער־מעכטיקע
מיט ווילן און באַגער".

אַזוי האָט געזונגען אין 1943 דער דיכטער פּאַרטיזאַן אַ. סוצקעווער.

און עזרע פינינבערג האָט אין זעלבן יאָר, אין זייַן בוך „אין ריזיקן פייַער", אַרויסגערופן דאָס געשטאַלט פונעם נאָווי יירמעיאָהו, ווי ער וואָלט מיט דעם אַליין אונטערגעשטראָכן, אַז יעדע עמעסע דיכטונג איז אויך צוגלייַך אַ טרייסטונג. און אויב אַפילע אַ ייִד האָט זיך אין די שווערע מינוטן פון לעבן געגומען זאָגן קינעס, איז עס ניט דערפאַר קעדיי נאָך טיפער פאַרזינקען אין ייִעש.

אין דעם בוך איז דאָ אַ גאַנצער ציקל אַף ריין־ביבלישע טעמעס „פון האַרציקן בוך". די ביבל איז פאַר אים דאָס האַרציקע בוך מיט אַ מאָטאָ פון יירמעיאָהו: „החריבו כל צבאה" — „דאָס גאַנצע כאַיל אירם פאַרטיליקט". אין דעם צייכן שרייַבט ער זייַנע לידער, אין וועלכע ער דערציילט די געשיכטע ווי באָוול איז כאָרעוו געוואָרן און פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„אין ווייען עס טרייסלט זיך באָוול,

און ס׳פרייען אין וועלט זיך פעלקער...
אַזוי איז אַף אייביק פאַרשריבן
אין בוך, וואָס וועט אייביק ניט וועלקן״.

פינינבערג רופט אַרויס דעם נאָווים געשטאַלט און דעם נאָווים סטיל, אָבער ער איז ניט סטאַם קיין אַרויסרופער פון העלדן־געשטאַלטן. ער איבערזעצט דעם אַמאָל אַף דעם איצט און אין דער גרויסער טראַגיק קומט די מונטערע טרייסט. אַזעלכע זײַנען די לידער „צוויי שטימען״, ווו איבערגעדיכטעטע פּסוקים פון שיר־השירים פלעכטן זיך איבער מיט פּסוקים פון איכה, און אַזאַ איז דאָס וווּנדערלעכע ליד וועגן ירמע־יאָהו: „אַ זײַל פון אײַזן״.

„דאָס קאָל איז געווען שטאַרק,
דאָס קאָל איז געווען הויך:
— נאָך איידער איך האָב דיך באַשאַפן
אין דער מוטערס בויך,
האָב איך דיך געוווּסט שוין,
האָב איך דיך דערקענט שוין.
כ׳האָב דיך אַוועקגעשטעלט — אַ פעסטונג,
וועלכע ווערט ניט אײַנגעבראָכן,
אַקעגן האַרן פינצטערע,
אַקעגן די בייזווילִיקע מעלאָכים,
אַקעגן די קויהאַנים די אומווירדיקע,
אַקעגן בלענדזשעניש און ליגן.
זיי וועלן גיין מיט קריג אַף דיר,
דיך קיינמאָל ניט באַזיגן״.

דער דאָזיקער ריין־טאַנאַכישער ווענד און פאַרנעם דערהייבט די פײַערלעכקייט פון די לידער. דער פּאָעטישער דראַמאַטיזם טרעט דאָ אַרויס אין פולן אויסדרוק און העלפט דעם דיכטער פורעמען די אַקטועלע געשעענישן און פּאָעטישע לאַקאָניזמען אין פּסוקים.

פינינבערגס ליד פון דער גרויסער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע איז אַרומ־גערינגלט מיט אַ זילבערן רעמעלע פון האָפענונג. ער שילדערט ליידן, אָבער ניט אומקום, און ער ווייס, אַז זײַן לאַנד וועט אויסהאַלטן. ביז

גאר מונטער ווערט זײַן טאָן גלײַך ווי דער לעצטער שאָס איז אָפּגעפײַערט געוואָרן און ס'לאנד איז ארײַנגעטראָטן אין פּראָצעס פוןווידעראויפבוי.

**

אין רייזל זשיכלינסקיס מעלאָדיש ליד זײַנען בעיים דער מילכאָמע־זאוועריכע אויפגעגאנגען וויזיעס פון דער אַלטער היים. אָבער די אידיי־לישע רויִקייט פון פּויליש־יידישן שטעטל האָט זיך אויסגעמישט מיטן מילכאָמעדיקן פיבער און עם האָבן אויפגעטויכט שורעס פון הערצוק. אויף א דיסקרעטן אויפן באזינגט זי די ריזיקע שניי־פעלדער פון די רוסישע מילכאָמע־סטעפּעס, ווו זי דערזעט דאָס געשטאַלט פון טאניע (זאיא קאָסמאָדעמיאנסקאיא).

קלאָר און פּראָסט קלינגט די שורעס פון ליד „טאניע”, וואָס וועט בלײַבן אין דער ליטעראטור.

„ארומגעוויקלט אין קאַלטע ווינטן,
אײַנגעהילט אין צעשטערנטע נעכט,
אײַנגעטוליעט אין ווײַסע פרעסט,
שלאָפט טאניע אונטער א בערגל ליכט.

און ווען פּארטיזאַנען אין טיפע שנייען —
טראָגן דעם טויט דעם סוינע אין רוקן —
פירט זיי פאָרוים די טויטע טאַניע,
צינדט זיי אָן דאָס פײַער אין זייערע בליקן”.

גוטע גוטערמאן האָט נאָך פאַר דער מילכאָמע געדיכ־טעט וועגן שטיל־לעבן און מיט א געוויסן שטימונגס־געמעל, וואָס האָט איר צוגעגעבן אייגנארטיקייט. אין דער האקדאָמע צו איר נײַ בוך „דער אַפּגרונט רוישט”, זאָגט בינעם העלער: „דאָס ליד פון גוטע גוטערמאַן גייט פון א גוטער טראדיציע. מען פילט דאָרט דעם צניעסדיקן נוסעך פון מיריאם אולינאווער און אויך די אָנגעלאָדענע און אומצופרידענע געמיט פון י. ל. פּערעץ”.

איר ליד איז נאָך שווערמוטיק און טיף־עלעגיש, אָבער גלײַכצײַ־

טיק אויך האַרציק־אויפריכטיק און די בילדער זײַנען טיף ייִדיש און אָרי־גינעל. סײַ די לידער אַפּן גרויסן כורבן און סײַ די פּערזענלעכע לידער און בענקשאַפט־אויסגוסן איבעראַשן מיט זייערע אייגנאַרטיקע מעטאַפאָרן, וואָס באַווײַזן, אַז די דיכטערן קומט מיט אייגנס און וואָגיקס.

מיר וועלן ציטירן פון איר ליד „דו", וואָס באַווײַזט דער דיכטערינס צוגעבונדנקייט צו איר אַלט־נײַער היים:

„זאָל ווער עס וויל מעסטן פון פרעמדקייט די גרענעצן
שלינגען דעם טאַם פון געבעטלטן ברויט;
איך וויל אַ גאָרטן באַם פענצטער פאַרזעצן
פון בוריקעס, מייערן, קרויט".

אַ פּערז, וואָס זאָגט אײדעס אַף דער שטימונג פון דער דיכטערן, אַ יונגן צווײַג פון דער ייִדישער פּאָעזיע אין פּוילן, וואָס האָט זיך ניט אָפּ־געלערנט פון עלטערע דיכטערנס, וועלכע מעסטן אָן אַלץ פרעמדע גרע־נעצן און זיי איז ליבער דער טאַם פון געבעטלטן ברויט אין די מאַרשאַל־לענדער, ווי די נײַע פריש־אויפגעגאַנגענע מי אין דעמאָקראַטישן פּוילן...

פאַר דער מילכאָמע האָט דער דיכטיער ע ל כ אָ נ אָ ן וו אָ ג ־ ל ע ר געהערט צו דער גרופּע „יונג־ווילנע" און ער האָט געהאַט זײַן אייגענעם טאָן און נוסעך. ער איז געווען דער מעטאַפאָרן־דיכטער פון דער אומעטיקער ליטווישער ערד. איציק מאַנגערס דעפיניציע, אַז „די באַלאַדע איז די וויזיע פון בלוט" איז ווי אָנגעמאָסטן אַף וואָגלערן. ער האָט זײַן דיכטערישע וויזיע, זײַן געזאַנג, אײַנגעזאַפּט אין זיך מיט דער לאַנדשאַפט־אַטמאָספערע.

אין זײַנע פאַרמילכאָמעדיקע צוויי ביכער „צוויי בעריאָזעס באַם טראַקט" און „אַ בלעטל אין ווינט" לאָזט ער זיך פירן פון זײַנע באַליב־טע מעטאַפאָרן דער „פלוימענסאַד", „קאַרשנבוים", קאַרשון און „בער־ריאָזע". דעם ליטווישן פייזאַזש מיט זײַן אומעט האָט וואָגלער אויפגענו־מען אין זיך — און ער איז געוואָרן דער איקערדיקסטער טייל פון זײַן דיכטערישער פּסיכיק. דער נאַטירלעכער אויסדרוק פון זײַן אינעווייניקס־טער אָנגעלאָדנקייט איז דער געפיל פון רעזיגנירטן טרויער, וואָס דער־גייט צו ביטערקייט און שאַרפקייט.

אין זײַנע נײַע לידער, באַלאַדן און פּאָעמעס — איז ער דער זעלבער

וואַגלער. ער האָט ניט אויסגעשניטן קיין איין עלעמענט פון זיין „איך". ער לאָזט זיך נאָך אַלץ פירן פון דער מעטאַפאָרע. מער ניט, ער האָט זיין פּערזענלעכן אומעט איבערגעטראָגן אַפן פאָלקס־אומעט. דער ווי נאָך דעם אומקום פון פאָלק ווערט אויסגעדריקט באַ וואָגלערן מיט די זעלבע מיטלען ווי פריער. עס קומט אויף באַם דיכטער אַן עלעגיע נאָך זיינע אויסגעהאַקטע קאַרשן־ביימער און „פּאַרלווירענער גאָלדן־קאָרן היים". אָבער אין די יאָרן פון זיין פאַרברענגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט וואָגלער געפונען ווערטער ניט נאָר פאַר קינע, נאָר אויך פאַר הימן, פאַר לויב דעם סאָוועטישן מענטשן.

אָ, מוטער געטריַיע, אין ווייסן כאַלאַט,
הייל אוים די ווונד פון דער וועלט מיט דיין פרידן,
באַשיץ אויך מיין פאָלק, וועלכער איז נאָווענאַד
און רוט אַף קוואָרים זיין קערפּער, זיין מידן".

דער דאָזיקער פּערז פונעם ליד „מיין דאָקטאָר אין ווייסן כאַלאַט", געהערט, ווי עס ווייזט אַן דעם קריטיקער ב. מאַרק, צו זיינע שעיסטע לידער. מיט דעם דאָזיקן גלויבן אין סאָוועטישן מענטשן און אין רויט־אַרמייער, וואָס גייט באַפרייען זיין לימע.

„ברודערל, מיין האַרץ דורך נעכט פון אייזן און פון בליי
איך טראָג,
עס זאָל ליכטיק ווערן אונדזער מאַמעלען, דער ליטוויש ערד.
ס'האָט קעגן טויט דער ניעמאַן
אויפגעברויזט — איר בלויזע שווערד
און גייט אויף פאַר דער וועלט —
אַ קלינגענדיקער שפּראַץ אַף טאָג".

איך דערמאָן זיך, ווי איך בין מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געזעסן מיטן דיכטער אין לאָדזש און אים געהערט לייענען זיינע נייע לידער און באַלאַדן. ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר געזעסן און איך האָב אַריינגעאָטעמט אין זיך די כוואַליענדיקע שורעס פון „צידוק הדין" אַף זיינע אָפּגעקאָסעטע פעלדער און פאַרשניטענער היים און דעם גלויבן

אין דעם אויפבלי און אויפגרין פון דער דאָזיקער טרויעריקער לאַנד־שאַפט זײַנער.

„איך גיי קיין מאַידאַנעק די פעלדער אויפגרינען,
מיט ליכט, וואָס דו האָסט אָנגעפילט אין מײַן בליק,
די ווײַסל — מײַן טרער אין דײַן שוים לאָז איך רינען,
דײַן האַנט איבער איר — איז מײַן אײַזערנער בריק".

און עס ווילט זיך ווינטשן דעם אייגזאַמען ייִדיש־ליטווישן דיכטער, ער זאָל אַליין מער דערקענען די אײַזערנע און טרייסטנדיקע האַנט פון דער נײַער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס פירט די וועלט אַף אַ זיכערער בריק.

***

אויך די יונגע ביראָבידזשאַנער דיכטער, ע. קאַזאַקעוויטש און אַרן ווערגעלים, האָבן טיף איבערגעלעבט דעם טראַגישן העראָיזם אַף די שלאַכטפעלדער, אָבער זיי זײַנען ניט אַרײַנגעפאַלן אין אַ פעסימיסטישער אַפּהענטיקייט, וואָס פירט אומפאַר־מײַדלעך צו אַן אינערלעכער אויסגעהוילטקייט. מיט אַ דערהויבענער ווי־זיאָנערישער קראַפט באַזינגט ווערגעלים זײַן אייגענעם פאַלן אין אַ ווײַט רוסיש דערפל און שפּירט דעם באַגליקנדיקן רויש פון דער נאַטור און מענטשן אפילע נאָך זײַן טויט:

„ס'האָט געהוידעט אַ טײַפון מײַן וויג,
נעמט מיך איצט קיין ווינט ניט און קיין פראָסט ניט,
וויפל בלוט דער זיג זאָל מיך ניט קאָסטן,
וועל איך אים אָוועקנעמען באַם קריג.

מאָרגן וועט דאָס לעבן מיך דערמאָנען
אויב אַפילע פאַלן וועל איך טויט,
אַף די ברעגן ליכטיקע בידזשאַנער
וועלן פעלדער לויבן מיך מיט ברויט".

און אין באַוווּסטזײַן אַליין, אַז אַף ווײַטע פעלדער וועט אויפגיין ברויט, געפינט ער סכאַר פאַר זײַן קאָרבן ביז זעלבסט־פאַרגעסונג. דאָס

איז די האַרמאָניע פון אַ דיכטער, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט זײַן לאַנד, זײַן ערד, מיט אַלץ וואָס אַרום, אין אַזאַ גראַד, אַז אַלץ ווערט ער, און ער — איז אַלץ. דער קאָרבן גיט דעם מענטשן די עמעסע עקזיס־טענץ אין דעם אַרום, אין דער נאַטור.

פאַר קאַזאַקעוויטשן זײַנען די מענטשן און נאַטור־דערגרייכונגען פון זײַן געגנט אַזוי וויכטיק, אַז ער לייזט אויף דעם טראַגישן געפיל אין דער שעפערישקייט פון נאַטור און מענטש און דערהויבט דאָס רעאַלע לעבן פון זײַנע אינטימסטע געפילן צו אַ סימבאָל.

„כ'האָב באַ בינשטאָקן געריטן,
כ'בין דורך צעדער־וואַלד געגאַן
און געזען דעם גרויסן פרידן
פון בירע און ביז כינגאַן.
אַף די פעלדער האָבן פרויען
מיך מיט שמייכלען צאַרט באַגלייט,
כ'האָב נאָך לאַנג געזען אין זאַיען
מײַן געליבטערס ווײַסע קלייד.
און אין שטילער יעגער־הײַזקעס
איז פאַר מיר געלעגן גרייט
האַלץ און שוועבעלעך און שפּײַז־קעסטל:
און געהייסן האָט עס: פרייד".

אָט־די דערהויבונג פון ווירקלעכן סימבאָל איז די עמעסע און טיפסטע אַנטפּלעקונג פון דער ווירקלעכקייט אין אירע דיאַלעקטישע צונויפהאַנגן. די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט הייבט אָן האַרמאָנירן מיטן דיכ־טערס סוביעקטיוון לעבן, דאָ ווערט פאָרמולירט דער געזעץ פון סאָציאַ־ליסטישן רעאַליזם, און דאָס רופט דער דיכטער „פרייד".

דאָרט וווּ עס הערט אויף דאָס פּאַסיווע ליידן און זײַן אָרט פאַר־נעמט דאָס אַקטיווע, איז דאָ די האָפענונג אַף אויסלייזונג, אַף זיג, איז שוין דאָ דער צוטרוי אין אַ מעגלעכן אויסוועג און גלויבן אין די אייגענע קויכעס צו געפינען דעם אויסוועג. איז אַנשטאָט אָפּגאַנג, דאָ — אַרויפ־גאַנג.

די שליכעס פון א דאָר

וועגן ראָזע לוקסעמבורג און כאַנע סענעש

פאַרהוילן זײַנען די וועגן צו דער אַנטפּלעקונג פון דער העראָישער געשטאַלט אין דער געשיכטע. שווער זיך צו דערגרונטעווען צו דער סי־בע, וואָס דאַרף דערקלערן ווי אַזוי דער יאָכיד ווערט דערהייבן צום העד־ראָיש־געוואָגטן טאַט אין זײַן דאָר: וואָס איז די קראַפט וועלכע הייבט אַרויס דעם יאָכיד און שטעלט אים אַוועק אין צענטער פון דער עפּאָכע.

נאָך שווערער איז צו אַנטפּלעקן דעם סאָד פון דער העראָישער פרויען־געשטאַלט, וויאַזוי זי ווערט די העלדין פון איר דאָר, פון דער געשיכטע. וויפל ווערק עס זײַנען, צום בײַשפּיל, אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דער 18־יאָריקער פראַנצויזישער פאָלקס־העלדין זשאַן ד'אַרק, וואָס איז מיט 300 יאָר צוריק לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן אויפן ענגלישן שײַטערהויפן, וויפל פּרוּוון עס זײַנען ניט געמאַכט געוואָרן אויסצוטײַטשן זשאַן ד'אַרקס געשטאַלט, איז זי אָלץ פאַרבליבן אַ לעגענדע.

אויפן קרייצוועג פון דער מענטשלעכער געשיכטע הייבט זיך אָן די ראָל פון דער פרוי. זינט מענטשן געדענקען האָט מען זי ניט צוגעלאָזט צו דער מיזרעך־וואַנט פון לעבן. האָט זי זיך פאַרשוועסטערט מיט די קליינע געשעענישן פון טאָג און אַז זי איז געשטעלט געוואָרן פאַרן גוירל, איז די ליבע בלויז געווען אַ טירל, וואָס האָט זיך געעפנט קעדיי אַרײַנ־צולאָזן דאָס מענטשלעכע, דערהויבענע.

אָבער אַז די פרוי זאָל ווערן די נעווייִטע און קעמפערן פאַר אַ נײַעם עמעס, זאָל פאַרקערפערן דעם העראָישן ווילן און געוואָגטן טאַט? דאָס איז אַ דערשײַנונג וואָס מאַכט אַן אײַנדרוק, וואָס רעגט אָן צו דענ־קען.

בעמעשעך פון דורעס האָבן מיר, ייִדן, אין זיך אײַנגעזאַפּט קאָלער־

ליי ווינטן פון פאַרשיידענע קולטור־קלימאַטן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אויספורעמען אונדזער כאַראַקטער, אָבער דערביי איז צו זען אַז בעיים אַ דערשיטערונגס־עפּאָכע — ניט געקוקט דערויף, אין וועלכן לאַנד מיר וווינען — שווימען אַרויף די זעלבע דערשיינונגען.

טרעפט אַז מיר באַגעגענען זיך מיט אַזעלכע געשטאַלטן, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטן ווענד צום רעאַלן, זיינען געגאַנגען מיט אַ מוטיקן בליק צו דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, צו זייער אייגענעם אַרום, און האָבן דערפאַר אין זייערע נעשאָמעס אָפּגעשפּיגלט דעם וועזן פון אַ גאַנצן דאָר, אַ דאָר ווען עס איז באַשערט געווען צו זען ווי עס ענדערן זיך די היסטאָרישע גורלען פון פעלקער און קלאַסן.

און דערפאַר זיינען אונדז אַזוי נאָענט די געשטאַלטן פון ראָזע לוקסעמבורג, די לערערן און פירערן פון דער „ספּאַרטאַקוס״־רעוואָלוציע, וואָס איז מיט 30 יאָר צוריק אומגעקומען צוזאַמען מיט קאַרל ליבקנעכט אין זייער פלאַמיקן קאַמף קעגן דייטשן מיליטאַריזם און פאַרן דייטשן פּראָלעטאַריאַט, און פון כאַנע סענעש, די 23 יאָריקע כאַלוצע און העברעיִשע דיכטערן, וואָס האָט געוווינט אין דער ערעציסראָעלדיקער פישער־קווּצע „שדות ים״ און האָט אין 1943 זיך אָנגעשלאָסן אין אַ פאַראַשוטיסטן־בריגאַדע, וואָס איז אין שליכעס פון יִישעוו געשיקט געוואָרן אין אַ צאָל פיינטלעכע לענדער; האָט דורכגעפירט איר פאַרטיזאַנישע שליכעס אין יוגאָסלאַוויע און איז אַריבער אין איר אָקופּירט געבוירנלאַנד, אונגאַרן, געכאַפּט געוואָרן פון די פאַשיסטן, איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין בודאַפּעשטער טורמע און איז דערשאָסן געוואָרן דעם 7טן נאָוועמבער 1944.

ראָזע און כאַנע.ביידע טעכטער פון אַ טראַגיש־געפּייניקטן פאָלק. די ערשטע — אַ טאָכטער פון פּויליש־יִידישע עלטערן אין פערעצעס שטעטל זאַמאָשץ, וואָס איז נאָכדעם געוואָרן דער מויעך און די נעשאָמע פון דייטשן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

די צווייטע — אַ טאָכטער פון בורזשואַזע, יִידיש־אַסימילאַטאָרישע עלטערן אין בודאַפּעשט, וואָס איז געוואָרן אַ כאַלוצע און איז שוין איצט אַ סימבאָל פון העראָיִש־קעמפנדיקן יִיסראָעל.

לויט אידעע און סוויווע זיינען ביידע אַזוי פרעמד און דאָך — סאַראַ נאָענטקייט אין געמיט, אין סטיל און פאַראייניקט אין בראַוון

טאט, אין הערא‏ִישן אקט, ווײַל — פארבארגן זײַנען די וועגן צו דער אנט־פלעקונג פון דער גרויסער פערזענלעכקייט אין דער געשיכטע און עס זײַנען ווײַזט אויס, פאראן זײַטיקע פארבארגענע שטעגן, קרייצוועגן, אף וועלכע עס באגעגענען זיך פון אויבנאויף פרעמדע און דאך אזוי נאענט אין קינסטלערישער רעגונג און טרײַקייט צום געשיכטלעכן גורל, צום באפעל פון א דאר.

דאס איז א באווײַז, אז אין דער אכראיעסדיקער שליכעס פון א סאציאל־אויפגעטרייסלטער צײַט גייט דער געוואגטער טאט שטענדיק געפארט מיט דער קינסטלערישער אנטפלעקונג, ווי ע׳ס האט אזוי געלונ־גען פאעטיש פארמולירט דער פארשטארבענער סאוועטיש־ייִדישער דיכ־טער א. קושנירא‏ָוו: „העלדישקייט מיט העלדישקייט זיך רופן איבער".

סײַ ראזע לוקסעמבורג און סײַ כאנע סענעשעס געזונטער הערא‏ִיזם איז געווען פארברידערט מיט גרויס־קינסטלערישן אנרעג. זייער דיכטונג, אין פראזע און אין פערז, איז געווען איינס מיט זייער פערזענלעכקייט און מיט די שטרעבונגען און קאמפן פון זייער דאר. איז זייער גרויס־קייט, אין לעצטן סאכאקל, געווען גרויס מיט דער גרויסקייט פון א דאר, און דאווקע דא ווערט פאר אונדז אנטפלעקט דער זעלטן אנטפלעקטבא־רער עמעס, אז „מענטשן, אף וויפל זיי פארשטייען ריכטיק די באדינגונ־גען פון זייער דאר און ווילן די דאזיקע באדינגונגען ענדערן, מאכן די געשיכטע" (קארל מארקס, „דלות פון דער פילאזאפיע").

***

דער נאמען ראזע לוקסעמבורג איז א וועג־ווײַזערישער באגריף אין דער געשיכטע פון ארבעטער־קלאס אין קאמף פאר זײַן דערלייזונג, זי איז די „שווערד און פלאם" פון ספארטאקוס". אבער עס איז אויך געווען אן „אנדער ראזע", און אין אונדזער ליטעראטור האט מען זיך נית איינ־מאל אפגעשטעלט אף דער „אומבאקאנטער ראזע", אף דעם דיכטערישן מעהום און דער גלײַקער נעשאמע־לירי קפון דער רעוואלוציאנערקע.

„די נעשאמע פון איינער פון די אויסגעצייכנטסטע דיכטערנס גע־פינען מיר אין די טפיסע־בריוו פון דער שטרענגער „בת אדם" (מענטשן־טאכטער), — שרײַבט דאוויד פרישמאן — „לירישע טענער, וואס צו זיי איז מעסוגעל דער לויטערסטער מענטש, אלס אזא אנטפלעקט זיך פאר

אונדז די ווונדערלעכע פּרוי אין אירע בריוו, געשריבן אין די טפּיסעם פון וואַרנקע, פון ברעסלוי, אַף גראָב און גרוי אַרעסטאַנטסקע פּאַפּיר" (מכתבים על דבר הספרות, ז' 19).

אַנדערע שרײַבער האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט אַף איר דאָקומענטאַל מיניאַטור־ווערק וועגן „דער נעשאָמע פון דער רוסישער ליטעראַטור" און אַף די טפּיסע־בריוו פון דער עקאָנאָמיסטן און רעוואָלוציאָנערקע, וואָס איז געווען שטאָל־קאַלט אין איר לאָגיק, אַכזאָריעסדיק־שאַרף אין אירע סאָציאַלע אורטיילן און צאַרט ווי זײַד, נעשאָמעדיק צעגויפּגעגאָסן מיט כאַיע און פויגל, מילב און זשוק, גראָז און בלאַט, בלום און טײַך־כוואַליע, וואָלקן־פאָרמאַציע און שטערן־געוועלב אין הימל.

פאַראַן אין ראָזעס בריוו שטעלן פון אַזאַ פּאָעטישער דערהויבנקייט, אַז מיר דערשפּירן: דאָ איז הייליקע ערד און עס ווילט זיך טויזנט זײַן אין דעם יאַם פון שיינקייט.

ניט גאָר אַלט און אויך ניט גאָר יונג איז ראָזע געווען ווען זי האָט געשריבן אירע בריוו פון דער טורמע. גאָר יונג איז כאַנע געווען ווען זי האָט אָנגעהויבן פירן איר טאָגבוך, וואָס איז, פונקט ווי ראָזעס בריוו, פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט נאָך איר מאַרטירערישן טויט, אָבער סאַראַ ענלעכקייט אין מאָטיוון־געדאַנק! אין פערזענלעכן אויסדרוק און שטימונג! דאָס איז ווײַלביידע האָבן ניט בלויז געשריבן, נאָר יעדער וואָרט איז באַ זיי געווען געכאַסמעט מיטן אייגענעם לעבן, אַז עס איז נישט צו דערקענען וווּ עס הייבט זיך אָן לעבן און וווּ פּאָעזיע.

„אין ראָמאַן — שרײַבט ראָזע צו סאָניע ליבקנעכט — זוך איך ניט קיין טענדענץ, נאָר קינסטלערישן ווערט", און דאָך איז זי איבערצײַגט אַז שטימונגען אַליין זײַנען גאָרניט. אין אַ צווייטן בריוו דריקט זיך אויס איר גאַנצע פאַראַכטונג דער עסטעטישער צאַצקעניש מיט „קונסט פאַר קונסט".

„באַ זיי אַלעמען (די דײַטשע דיכטער) האָב איך מוירע פאַר דער מײַסטערהאַפטער באַהערשונג פון פאָרעם, די פּאָעטישע אויסדרוק־מיטלען, און דעם פעלן פון אַ גרויסער איידעלער וועלט־אָנשויונג דערבײַ. דער דאָזיקער מאַנגל קלינגט אַזוי ליידיק אין מײַן נעשאָמע, אַז די שיינע פאָרעם קוקט מיר אויס ווי אַ גרימאַסע. זיי גיבן געוויינלעך ווונדערלעכע שטימונגען, אָבער שטימונגען מאַכן נאָך ניט קיין מענטשן".

און אין איר ווונדערלעך ווערק וועגן דער „נעשאָמע פון דער רוסי־שער ליטעראַטור": „דאָס אָנטיילנעמען אין סאָציאַלן ליידן, דאָס באַ־צייכנט דעם גאַנצן אינהאַלט און די קינסטלערישע גרויסקייט פון דער רוסישער ליטעראַטור. בלויז דער וואָס איז אַליין באַווירקט און דורכגע־ציטערט איז מעסוגל צו ווירקן און מאַכן אויפציטערן די הערצער פון אַנדערע".

אַט דער באַוווסטזיין האָט געפירט מיט דער פען פון ראָזען און שפּעטער אויך פון כאַנען. „אַלץ — שרייבט סענעש אין איר טאָגבוך — קומט באַ מיר פון אינערלעכער נויטווענדיקייט און שטייט אויסער יע־דער דיסקוסיע און צו אַלץ ווער איך פּערזענלעך פאַרפּליכטעט, נאָך איי־דער איך געפין די פאָרעם און דעם אויסדרוק פאַר די זאַכן".

ראָזעס בריוו זיינען לידער, גלאַט און ליכטיק אויפגעהעלט ווי דער אָפּשיין פון דער לעוואָנע אַף אַ יונג וועלדל, ווי די הויט אַף אַ יונג פּאַ־נעם. דאָס זיינען בריוו וואָס זינגען מיט זייער בענקשאַפט און טרויער. זי אָטעמט מיטן פליענדיקן פויגל, פאַרברידערט זיך מיט דער מילב און פאַראייניקט זיך אין שטומען ליידן מיטן בופלאָקס וואָס איז „געצוווּנגען צו שלעפּן דעם יאָך אין מילכאָמע־וואָגן מיט סאָלדאַטסקער מאַסע, בעיים ער בענקט נאָכן מעלאַדישן רוף פון פּאַסטוך אַפן פרייען פעלד".

אָט די קרישטאָלענע סובטעלקייט, דער מיטגעפיל פאַרן באַלכאַי, וואָס האָט ניט די קראַפט זיך צו ווערן קעגן דער רויער מאַכט און גוואַלד, איז ניט קיין נאַיווע ראַכמאָנעס. עס איז אַ פאַשטעס, וואָס צוליב דעם איבערפלוס פון געלייטערטער כאָכמע, מוז זי דערגיין צום פּרימיטיוו.

„אין דעם טפיסע־גאָרטן אָדער אין פעלד צווישן בלומען און גראָזן — שרייבט זי — פיל איך מיך מער אין דער היים ווי אַף אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און דאָך קאָן מיך קיינער ניט באַשולדיקן אין פאַראַט צום סאָציאַליזם, ווייל איך וועל אַמאָל שטאַרבן אַף מיין פּאָסטן... אויב מיין אינעווייניקסטער איך געהערט מער מיינע כאַווירים־זשוקעס, ווי די כאַווירים, איז עס ניט דערפאַר ווייל איך געפין אין דער נאַטור אַן אָפּרו, אַן אָרויי־מיקלעט, ווי אַ סאַך באַנקראָטירטע פּאָליטיקער, נאָר ווייל איך גלייב, אַז דעם סאָד פון פריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן ליגט ניט אין קיין אַנדערע זאַך ווי אין דער נאַטור, אין לעבן גופע".

און אַט דעם זעלבן אָטעם פון פליכט און שליכעס געפינען מיר אין כאַנע סענעשעס טאָגבוך. דעם 25טן מאַרץ פאַרשרײַבט זי:

„מיר האָבן געלערנט וועגן אַ טייל צעלן, וואָס האָבן דעם נאָמען „קליפּטראַ". דאָס זײַנען די צעלן פון דעם וואָרצל וואָס דרינגען די ערשטע אַרײַן אין באָדן און ברעכן דורך דעם וועג פאַרן גאַנצן וואָרצל, אָבער זיי אַליין ווערן אינצווישן פאַרניכטעט. אונדזער לערער אַליין האָט זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן פאַרגלײַך: זיי זײַנען די פּיאָנערן פון דער פּלאַנץ".

כאַנע סענעש אַליין איז געווען איינע פון די „קליפּטראַ־צעלן" פון אַ גאַנצן דאָר, וואָס האָט אַף זיך גענומען די פליכט פון פאַרניכטעט ווערן, קעדיי די נײַע עמעסן פון איר דאָר זאָלן זיך קאָנען אָננעמען און שלאָגן וואָרצלען.

פון איר גרויען טפּיסע־צעל אין ברעסלוי שרײַבט ראָזע אַז זי שטודירט גאַנצע טעג די באָטאַניק, די געאָגראַפיע פון פלאַנצן „ווײַל באַ זיי טרינקט מען זיך אָן מיט אַזאַ פאַרשטענדלעכער און אייביק־מערקווירדיקער כאָכמע און עמעס".

23 יאָר איז אינגאַנצן כאַנע סענעש אַלט געווען ווען זי האָט איז טורמע געשריבן איר לעצט העברעיִש ליד און ווי קלאָר עס האָט זיך אויסגעוויקלט דער גאַנג פון דער יונגער טאַלאַנטירטער דיכטערן! פריער האָט זי דערזען אַרום זיך די נאַטור און די וועלט, און באַלד זעט זי זיך אַליין ווי אַ טייל פון דעם נאַטור־לעבן, ווי אַ טייל פון וועלט־אָטעם. זי דערפילט דעם פרילינג אין זיך און זיך אין דעם פרילינג.

אין טאָגבוך פון 14טן יולי, 1941:

„אַמאָל ווילט זיך אַ קוק טאָן אַף די זאַכן מיט אַ ווײַט־בליקנדיק אויג, מיט אַ היסטאָריש, ניט פּאַטאַליסטיש אויג. זוכן דערקלערונגען פאַר זאַכן וואָס מען קען ניט דערקלערן. און אָט... פאַר מיר שטייט אַ בילד פון אַ פרוכט־גאָרטן.

אַ גאָרטן מיט ביימער־פעלקער, עס שטייען דאָרטן יונגע און אויך אַלטע ביימער. זיי זײַנען שוין נאָך דער בלִיונג, נאָכן געבן פרוכט. דער ווינטער קומט און זיי שטייען שוין צווישן די געפאַלענע בלעטער. דער גערטנער קומט און זעט די טרוקענע פוילנדיקע צווײַגן: ער מאַכט דעם בעשבן פון פרילינג און שנײַדט אָן ראַבמאָנעס... און אָט אין שוים פון די

צווייגן, גלייך פון שטענגל ארויס, שפראצט א נייע בליונג. א קליין צווייגל, נאענט צו די דאזיקע ווארצלען, פולע קנאספן טראגן אין זיך די האפענונג פון נייעם לעבן. וועט דאס אויך פארשניידן די דאזיקע האנט?״

און מיט דעם פולן גלויבן אין א נייער בליונג פאר איר אלטן שטאם, האט זי אף זיך גענומען די שליכעס, איז זי אוועק אפן באפעל פון „גע־שיכטלעכן מוז״ צו פארשניטן ווערן און דער שטאם זאל שלאגן מיט נייע זאפטן.

„ווי צו א נאטור־דערשיינונג, צו ווינטן און שטורעמס, ווענדט מען ניט אן קיין מאראלן מאסשטאב, אזוי דארף מען באטראכטן די איצ־טיקע געשעענישן און דורכמאכן די שרעקלעכסטע מענטשלעכע ליידן״ — פארענדיקט ראזע אירס א בריוו. אט די ווערטער גיבן איינדרוק די מעגלעכ־קייט אריינצובליקן אין דעם אידעיש־קינסטלערישן מעהוס פון די צוויי ווייטע, אזוי נאענטע שוועסטער. ביידע האבן זיך געלערנט בא די גע־זונטע און פארוואָרצלטע ביימער, וואס פאר זיי איז גארניט שווער. — ניט דעמאלט ווען זיי גיבן זייער פרוכט אוועק, ניט דעמאלט ווען זיי טראגן זייער פרוכט.

קוקנדיק מיט בענקעניש צו פייגל, וואס פליען אפ אין קאלטן ווינ־טער צו די ווארעמע לענדער, האט ראזע געגלויבט, אז זיי וועלן זיך שפע־טער אומקערן, קעדיי די לופט צעשניידן מיט זייער פריליינגדיקן צעכוואַ־ליעט ליד״ און פון זיי האט זי זיך געלערנט צו גיין אנטקעגן שטורעם בראוו אומדערשראקן. אזוי ראזע. און באנע? „עס זיינען פאראן מינוטן — פארצייכנט זי אין איר טאגבוך — בעיים איך שטעל זיך די פראגע: וואס באקומסטו פון לעבן? — בלויז דאס וואס דו גיסט, און דאס איז נישט ווייניק״.

„מיין אינערלעכער גלייכגעוויכט און גליקזעליקייט — שרייבט ראזע אין א בריוו — נעמט זיך פון מיין גרייטקייט צו באגעגענען אלץ מיט פליכט און מיט פרייד״.

**
*

באנע סענעש האט נאך ניט באהערשט גענוג די העברעיִשע שפראך צו קענען מייסטערעווען איר פערז. דער פראצעס פון געראנגל מיט איר שפראך איז נאך ניט געווען פארענדיקט. דאך פארמאגן ניט אירע לידער

קיין שפּור פון רעטאָריק. הינטער יעדער וואָרט שטייט ניט קיין שטי־מונג נאָר די הערלעכע טאַט. די פּאַשטעס פון איר ליד איז באַ איר גע־בליבן ווי איר אייגענער עמעס. און דער עמעס האָט אַרויסגעדרונגען פון דער נאַטור, פון לעבעדיקן ווי פון פאַרגליווערטן עלעמענט פוי דער „הע־ראָישער לאַנדשאַפט".

„אָט די שטרענגע קאָנטורן פון די בערג מיט זייערע נאַקעטע פעלזן־מאַסן, יעדער מאָל מאַכן זיי אויף מיר אַזאַ גרייַפנדיקן איינדרוק" — זינגט ראָזע אין פּראָזע.

„בלויז אין די בערג קאָן מען מעקאַבל זייַן אַ באַפעל פון אייבן" — ליריזירט כאַנע אין איר טאָגבוך — „אָפן באַרג ווערן די האָריזאָנטן ברייט אין יעדן זינען און מען פאַרשטייט דעם סיידער האָוילעם. איז די בערג שטעלט זיך אַליין די פראַגע: וועמען זאָל איך שיקן? און דער ענט־פער קומט: שיק מיך!" און באַלד פאַרצייכנט זי אַ ליד:

„אַ קאָל האָט געוועקט, כ׳בין אָוועק,
כ׳בין אָוועק, ווייַל אַ קאָל האָט געוועקט
כ׳בין אָוועק — ניט צו פאַלן אין וועג".

„אָוועק ניט צו פאַלן" — און איז יאָ געפאַלן. אויך ראָזע לוקסעמ־בורג איז אָוועק אין די ברייטע זאַלן און זיך צוגעשמידט צו דער טריבו־נע צו וועקן צום קאַמף, אָוועק ניט צו פּראָוון קיין העלדישקייט און ניט צו זייַן אַ קאָרבן נאָר צום געזעץ פון קאַמף — און איז אויך געפאַלן. מערקווירדיק ווי סימבאָליש ענלעך זייַנען די לעצטע מעטאַפאָרן פון ביי־דע דיכטערנס־מאַרטירערנס:

„אַפילע ווען די ליכט ברענען אויס אין זאַל
הייבט אָן זייער אַראָמאַט זיך צו טראָגן ווייַט" —

האָט ראָזע פאַרענדיקט איר ספּאַרטאַקוס־רעדע.

און כאַנע אין איר לעצט ליד „אשרי" — „ווויל", וואָס זי האָט געשריבן זומער 1944 אין סערדעציע, יוגאָסלאַוויע, ערעוו איר איבער־גייין די אונגאַרישע גרענעץ:

„אַז וווּיל דעם שוועבעלע פאַרברענגטן,
פלאַמען ט׳עם צעהעלט,

אַז ווויל די פלאַמען, וואָס האָבן
די הערצער אויפגעהעלט*).

פונקט ווי ראָזע לוקסעמבורג מיט דרײַסיק יאָר פריער אַזוי האָט קאַנע סענעש ניט געוווּסט, אַז מיט די ווערטער האָט זי איר געשטאַלט אײַנגעקריצט אין אַזויפיל הערצער און אַז דער פערז וועט שײַנען דורך דורות ווי אַ ברענענדיקער סימבאָל פון עקזאַלטירטער און דערהייבענער שליכעס פון אַ דאָר.

*) די איבערזעצונג איז פון כ. גאָלדאַווסקי „ליטעראַרישע זאַמלונגען", שיקאַגאָ 5.

אַלט־ניי

טראַדיציע און באַנייונג

„די טעאָריע, מײַן פרײַנט, איז גרוי. אייביק גרין איז דער גאָלדענער לעבנסבוים“, די דאָזיקע ווערטער פון געטעס מעפיסטאָפעל — דערציילט דער יונגער סאָוועטיש־ייִדישער היסטאָריקער און ליטעראַטור־קריטיקער אַרן גורשטיין — האָט לענין ליב געהאַט איבערכאַזערן. דער שעפער פון דער גרעסטער רעוואָלוציע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט מיט דעם אונטערגעשטראָכן דעם גאַנצן זינען און באַדײַט פון דער פראַקטיק.

און פונקט ווי לענין האָט קיינמאָל ניט אָפּגעלייקנט דעם אומגעהויערן באַדייט פון טעאָריע — ער האָט בלויז געקעמפט פאַר רעוואָלוציאָנערער טעאָריע — אַזוי האָט ער קיינמאָל ניט געלייקנט דעם ווערט פון טראַדיציע און ירושה אין דער וויסנשאַפט, אין דער סאָציאָלאָגיע, אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט. מאַכנדיק זיי פאַר אַן אומיטלבאַרן אָביעקט פון פאָרשן, שטודירן, אָפּשאַצן דערשײַנונגען פון דעם לעבן, פון דעם „אייביק גרינעם לעבנסבוים“.

אין וואָס־זשע פאַר אַ פאָרעם דאַרף דער סאָציאַל־באַוווּסטזיניקער ליטעראַטור־פאָרשער פאַראייניקן די טראַדיציע, די פאַרגאַנגענהייט, מיט דעם לעבעדיקן, ווירקנדיקן און קעמפנדיקן הײַנט?

נאָך אין יאָר 1940 האָט דער דערמאָנטער א. גורשטיין געשריבן: „די אייגנאַרטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער פאָרעם האָט אַלעמאָל איר לעצטע סיבע אין דער פאַרשיידנקייט פון דער לעבעדיקער קאָנקרעטער געשיכטע באַ פאַרשיידענע פעלקער. אויב זיך דערלויבן אַ מעטאַפאָרע, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז נאַציאָנאַלע פאָרעם איז קריסטאַליזירטע געשיכטע“. (זאַמלבוך סאָוועטיש׳, 11).

אָט די „קריסטאַליזירטע געשיכטע“ גייט אַרײַן ווי אַ לעבעדיקער, פונקציאָנירנדיקער באַשטאַנדטייל פונעם נײַעם, פּראָגרעסיור־סאָציאַלן אינהאַלט פון דער וואָרט־קונסט, דער ליטעראַטור.

קולטור מיינט טראַדיציע, מיינט אומאיבערגעריסענער העמשעך און גלײַכצײַטיק באַנײַונג, מיינט אַ רינג אין אַ לאַנגער קייט פון דורעס וואָס האָט דערפירט צום הײַנט און פירט ווײַטער צום מאָרגן.

יעדער קינסטלער פילט שטענדיק זײַן אָרגאַנישן צוזאַמענבונד מיט אַ לאַנגער ריי דורעס, מיט די פײַנפולע זוכענישן, מיט דעם קאַמף און מיט די דערגרייכונגען פון די דאָזיקע קולטורן. דאָס דאָזיקע געפיל איז באַזונדערס נאָענט דעם דיכטער און שרײַבער פונעם נײַעם קלאַס, וואָס איז באַרופן צו יאַרשענען אַלדאָס בעסטע און ווערטפולסטע וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן. אַזאַ קולטור־שפּירונג האָט געפונען דעם בעסטן אויסדרוק סײַ אין די ווערק פון די מאַרקסיסטישע קלאַסיקער און סײַ אין די גרויסע ווערק פון די בורזשואַזע קינסטלער, וואָס דער צוזאַמענבונד מיט דער פאַרגאַנגענהייט איז בײַ זיי אַרויסגעטראָטן אַלס טונטערער געפיל פון קולטור־רײַכקייט.

אין איינעם פון זײַנע יוגנט־שריפטן זאָגט מאַרקס: „עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז מענטשן באַלעמען לאַנג וועגן אַ זאַך, וואָס זיי דאַרפן נאָר באַזיצן דעם באַוווּסטזײַן קעדיי זי (די זאַך) בעעמעס צו באַזיצן. עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז די מענטשהייט הייבט ניט אָן קיין נײַע אַרבעט, נאָר זעצט פאָר מיט באַוווּסטזײַן איר אַלטע אַרבעט".

קיינער האָט אַזוי ניט באַקעמפט די ניהיליסטישע אומהיסטאָרישע באַציִונג צו נאַציאָנאַלער פאָרעם אין דער קולטור און די פאַראַכטונג צו יערושע ווי לענין. אָט וואָס לענין שרײַבט וועגן קלאַסיקער טאָלסטאָי:

„עס איז געשטאָרבן טאָלסטאָי, און אָפּגעגאַנגען איז אין דער פאַרגאַנגענהייט יענע פאַר רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד, וואָס איר שוואַכקייט און מאַכטלאָזיקייט האָט באַקומען אַן אויסדרוק און איז געשילדערט געוואָרן אין די ווערק פון דעם געניאַלן קינסטלער. אין זײַן יערושע אָבער איז פאַראַן אַזוינס, וואָס עס איז ניט אָפּגעגאַנגען אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס עס געהערט דער צוקונפט. די דאָזיקע יערושע נעמט און איבער דער דאָזיקער יערושע אַרבעט דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט" (באַנד 11, ז' 118).

אַזוי ווערט ווי קלאַסיק דער קוואַל פונוואַנען צו שעפּן פאָרעם און אינהאַלט.

בײַ אַ געלעגנהייט — דערציילט מאַקסים גאָרקי — האָט לענין באַ־

מערקט: „מיר זײַנען די גרויסע צעשטערער אין דער מאָלערײַ. דאָס שײַ־נע דאַרף מען אויפהיטן, עס נעמען ווי אַ מוסטער, מאַכן עס פאַר אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג, אויב עס איז אַפילע „אַלט". פאַרוואָס דאַרפן מיר זיך אָפּקערן פון עמעס שיינס, זיך אָפּזאָגן פון אים, ווי פון אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג, בלויז אַף דעם יעסאָד, וואָס עס איז „אַלט"?

אָט די באַמערקונג איז פון אויסערגעווײנלעכער וויכטיקייט. לויט לענינס מיינונג קומט אויס, אַז האַגאַם די אַלטע קונסט איז „אַלט", פאַר־מאָגט זי אָבער אין זיך עלעמענטן, צוליב וועלכע מיר דאַרפן זי אײַנהיטן, טײַער האַלטן, מאַכן זי פאַרן אויסגאַנג־פּונקט פון דער ווײַטערדיקער אַנט־וויקלונג.

נעכטן, הײַנט און מאָרגן זײַנען ענג צוזאַמענגעבונדן. באַם עמעסן קינסטלער איז די צײַט אַ פּונקט, ווו דער אָוואַר ענדיקט זיך און ווו די צוקונפט הייבט זיך גלײַך אָן.

„אין אַ שטראָם איז דאָס וואַסער, וואָס דו באַרירסט — דער סאָף פון אַ כוואַליע, וואָס איז פאַריבער, און דער אָנהייב פון אַ כוואַליע וואָס קומט, און אַזוי איז אויך דער הײַנט" (לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי), און דער פראַנצויזישער סטאַנדאַל רעדט וועגן דער געשיכטע ווי וועגן „דער גע־שיכטע פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע".

***

די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע קולטור וואַקסט און אַנט־וויקלט זיך אַפן באָדן פון די קולטור־דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט. אָבער דאָ קומט אַרויף די פראַגע:

דער שרײַבער, דער קינסטלער איז דאָך סוביעקטיוו, ער איז דאָך געשטעמפּלט פון זײַן דאָר, זײַן קלאַס און זײַן סוויווע, הײַנט ווי קאָן דאָ זײַן אַ רייד וועגן אייביקע עלעמענטן אין דער ליטעראַטור?

דער ענטפער איז: אַז די דאָזיקע סוביעקטיווקייט איז כאַראַקטע־ריסטיש ניט בלויז פאַרן קינסטלער, נאָר אויך פאַרן וויסנשאַפטלער און געלערנטן. גרעצס אידעע וועגן דער „גײַסטיקער מיסיע, וואָס ייִדן האָבן אויסגעפילט אין דער געשיכטע" און דובנאָווס „גײַסטיק נאַציאָנאַליס־טישער אָביעקטיוויזם" איז ניט ווייניקער סוביעקטיוו לעמאָשל פון מענ־

דעלעם האסקאַלעדיקן אָדער פֿערעצעם ראָמאַנטישן סוביעקטיוויזם און די ליטעראַטור איז אין דעם פּראַט ניט מינדערוועירטיקער פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער און צווייטנס האָבן מיר אַ סגולע סײַ קעגן וויסנשאַפֿטלעכן אָביעקטיוויזם, סײַ קעגן דעם קינסטלערישן סוביעקטיוויזם.

אונדזער דאָר איז אויך סוביעקטיוו. אַף אונדז אַלע ליגט דאָך דער כויסעם פֿון אונדזער צײַט באַגלײַך מיטן יאָך פֿון אונדזער סאָציאַלער ירושה און אָרומרינגלונג. איז, בעשאַס אַ צוזאַמענשטויס פֿון אונדזער הײַנטצײַטיקן לעבעדיקן און אַקטועלן סוביעקטיוויזם מיטן פֿרעמדצײַטיקן אָדער פֿרעמד־סוויוועדיקן שרײַבער, ווערט דעם דאָזיקן שרײַבערס אײַנזײַטיקייט באָטל און פֿאַר אונדז בלײַבט בלויז דער אויסגעשיילטער געשיכטלעכער קערן, דערווירקלעכער אָביעקטיווער היסטאָרישער פֿאַקט אָדער סיטואַציע, וואָס בלויז זיי אינטערעסירן אונדז.

די ירושה־מעגלעכקייטן קאָנען ניט ליקווידירט ווערן, אָבער עס ווענדט זיך וואָס פֿאַר אַ ירושה מיר נעמען איבער.

ס'איז דאָ אַ פֿאַרשיידענע ירושה: מ'קאָן באַקומען בעירושה אַ סאָד, אַ הויז, אַ פּאַלאַץ, און די כוואַלעס. מיר האָבן ליב אין אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט אַלץ וואָס מיר האַלטן פֿאַר שיין און גערעכטפֿערטיק. מיר דאַרפֿן ניט אויפֿנעמען די פֿאַרגאַנגענהייט גלײַכגילטיק: עס איז פֿאַר אונדז ניט קיין טויטע שטיינער, נאָר לעבעדיקע ערד" (איליאַ ערענבורג, די פֿליכט פֿונעם שרײַבער").

מען קען ניט נעמען די טראַדיציע ווי אַ טויטן באַלאַסט, נאָר ווי אַ טרײַב־קויעך צו דער צוקונפֿט. ווי אַ העברעיִשער שרײַבער האָט זיך אויסגעדריקט, ניט ווי אַ בער וואָס שלאָפֿט דעם גאַנצן ווינטער און זויגט די אייגענע לאַפּע, נאָר טאָמיד אַף אַ וואַכן און פֿרילינגדיקן אויפֿן.

דער באַגריף געשיכטע ווי דער באַגריף טראַדיציע איז לויטן מאַרקסיסטישן באַנעם גאָר אַנדערש, ווי אין פּעאָדאַלן אָדער בורזשואַזן געדאַנקענגאַנג. די גרענעצן פֿון דער געשיכטע ענדיקן זיך פֿאַרן בורזשואַזן באַוווּסטזײַן ערגעץ ווו פֿאַרן אָנהייב פֿון הײַנט, אָדער נאָר באַם אָנהייב פֿון הײַנט. אינעם מאַרקסיסטישן באַוווּסטזײַן שטעלט זיך די געשיכטע ניט אָפּ אַפֿילע מיט דעם הײַנט, נאָר ציט זיך ווײַט, ווײַט אין דער צוקונפֿט. די בורזשואַזע היסטאָריקער און ליטעראַטן גייט דאָך אין פֿאַראײַביקן דאָס אַלטע, אָפּגעלעבטע און פֿאַרגליווערן דעם הײַנט. זיי מעסטן

דעריבער אלץ מיט דער מאס פון דער פארגאנגענהייט. אויב זיי ריידן אפילע וועגן דער צוקונפט איז דאס בלויז ווי א מין „חדש ימנו כקדם", א צוריקער צום אמאל. פארן סאציאליסטישן באוווּסטזיין מעסט די פארגאנגענהייט, דעם אמאל און דעם היינט שטענדיק מיט די מאסן פון דער צוקונפט, ווייל דער עמעסער אינהאלט פון יעדער צייט איז טאמיד דאס דינאמישע, שטייגערישע, דער פראגרעסיווער, דער העכערער ציל. דאס איז א ריכטונג נית פון דער קעגנווארט צום אוואר, נאר צו דער צוקונפט, און אפילע ווען עס זעט אויס אז די קולטור, די ליטעראטור גיט זיך צומאל א קער צום אוואר איז עס נית קיין צוריקגאנג, נאר ווי יענער, וואס מאכט א פאר טריט צוריק ביכדיי צו האבן א מעגלעכקייט זיך צו פארנאנדערלויבן און געבן דעם עמעסן שפרונג פארויס, אין דער צוקונפט אריין.

דאס הייסט „קריסטאליזירטע געשיכטע" אדער ווי גורשטיין אליין האט עס פארמולירט: „געשיכטע שליסט איין זיך אין די קעגנווארט און די צילן אין דער צוקונפט. די פארגאנגענהייט ווערט דעריבער געזען אינעם אספעקט פון די דאזיקע צילן, אף וויפל דאס שטרעבן צו זיי איז שוין עמבריאנעל פאראן אין דער פארגאנגענהייט. געזען דורכן אספעקט פון אונדזער (סאציאליסטישער) קעגנווארט און אירע צילן, הייבן אן די בעסטע געשיכטלעכע טראדיציעס אף א נייעם אויפן צו גלאנצן און צו פינקלען".

***

די טראדיציע און יערושע קענען נית באטראכט ווערן אין אייביקע, פארגליווערטע קאטעגאריעס. נית יעדער אייגנארט קען און דארף אויפגעהיט ווערן. יערושע איז נית קיין דאגמע און נית קיין קולט פאר דער קונסט. די רודימענטארע, אפגעלעבטע עלעמענטן שטארבן אפ. בלויז די ווערטפולע, לעבנספעיקע באקומען א נייע עקזיסטענץ. זיי ווערן איבערגעשטאלטיקט לויט די ענדערונגען און די נייע סאציאלע אינהאלטן פון דער צייט. פאראן טראדיציעס וואס זיינען גארנית טראדיציאנעל. האלטן זיך סטאם צוגעשמידט צום אמאל איז גלייך צו א קינד וואס האלט זיך בא דער מאמעס פארטעך, ווייל ער האט מוירע אליין צו שטעלן א טראט. פון דעם ווערט קלאר, אז אויב מיר טרעטן צו צו דער יידישער, פונקט ווי

צו יעדער נאציאָנאַל־קולטורעלער ירושע, פונעם שטאַנדפונקט פון אַלגע־מיין־מענטשלעכע אידעאַלן, קאָנען מיר ערשט דאַן אָפּשאַצן דאָס אייבי־קע ווערטפולע אין די קולטור־שאַפונגען פון יעדער תקופה אין דער גע־שיכטע.

אַלע קולטור־שאַפונגען און דערשײַנונגען, וואָס זײַנען צו זייער צײַט געווען פּראָגרעסיוו, וואָס זײַנען געווען פארבונדן מיט די היסטאָרישע רעאַלע אינטערעסן און שטרעבונגען פון דער שעפערישער קעמפנדיקער מענטשהייט, זײַנען אייביק, ווײַל דער עמעס איז ניט נײַ און ניט אַלט, נאָר אייביק. ווערטלאָז און אָפּגעלעבט איז דאָס, וואָס איז אויך בעשאַטוי געווען רעאַקציאָנער, אַנטי־סאָציאַל און אַנטי־פּראָגרעסיוו.

דאָס ארויסאָנטפּלעקן די אַלטע קולטור־ווערטן, זייער סאָציאַלן און קולטורעלן אינהאַלט אין די נאַציאָנאַלע ראַמען, קאָן זיכער דערהייבן דעם מוט פון די פאָלקס־מאַסן אין זייער קאַמף פאַר סאָציאַלער דערליי־זונג, ווײַל דער הײַנטיקער קאַמף פאַרן בעסערן מאָרגן פאַרוואַנדלט אין טאַט די שטרעבונג פון די פאַרגאַנגענע דורות צו דערלייזונג.

טיף און איינגאַרטיק איז דער געדאַנק אויסגעדריקט אין לירישן פערז פון דיכטער אריע שאַמרי:

„מיר געהערן יענע שטאַמען,
וואָס צעבליִען זיך אין שטורעם.
מיר קומען פון פריסטן פריער,
מיר גייען צום שפּעטסטן שפּעטער.
מיר געהערן יענעם שייוועט,
וואָס שרײַבט אייביק אַ באַגינען
אויף די פײַערדיקסטע בלעטער“.

דאָס איז די טראַדיציע וואָס איז באַהאַפטן און צוגעשמידט צו גרויסע סאָציאַלע אָנהייבן, צו באַגינענס און זי שטרעבט צום זעניט פון העלער זון, פון ליכטיקן טאָג.

דאָ איז אויך פאַרקערפּערט מאַרקס באַרימט וואָרט וועגן דעם אַז דאָס גאַנצע פאַריקע מענטשלעכע לעבן איז בלויז פאָרגעשיכטע און די באַרימטע ווערטער פון ענגעלסן אין „אַנטי דיורינג“: „ווי יונג עס איז נאָך די געשיכטע פון דער מענטשהייט“.

די יערושע און די קלאַסיקער

„איך בין אויך אַ היסטאָריקער — האָט אַמאָל דער זיידע פון דער ייִדישער ליטעראַטור מענדעלע מויכער ספאָרים געזאָגט צום ייִדישן היסטאָריקער שימעון דובנאָוו — אַז איר וועט קומען צו דער געשיכטע פונעם 19טן יאָרהונדערט, וועט איר זיך מוזן באַנוצן מיט מײַנע ווערק, קעדיי צו שילדערן דעם לעבנס־שטייגער פון די דאַמאָלדיקע דוירעס" (ש. דובנאָוו, פון זשאַרגאָן צו ייִדיש). דער קלאַסיקער מענדעלע איז זיכער געווען דער שילדערער פון זײַן עפּאָכע, דער כראָניקער און היסטאָריקער פונעם ייִדישן לעבנס־שטייגער אינעם 19טן יאָרהונדערט. ער האָט אָבער אויך גענומען פאַר זײַן גרויסער קלאַל־טעמע דעם קלאַל, דאָס קריסטאַליזירטע פון דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע. דער וואָרט־קינסטלער האָט אַף דעם שעפערישסטן אויפן באַהאַפטן די טראַדיציע, די פאַרגאַנגענהייט מיט זײַן עפּאָכע.

מענדעלע איז דורכויס פאָלקיש. דער שפּראַך־סטיל פון זײַנע בעסטע שאַפונגען איז אַזוי אויסגעפורעמט געוואָרן, אַז די מאַסע זאָל אים קאָנען פאַרשטיין. עס איז אָנגענומען, אַז מענדעלעס סטיל איז דער סטיל פון פאָלקס־לעבן. ער האָט גענומען דאָס וואָרט פון פאָלקס־מויל, פון גאַס און מאַרק און האָט עס געשניצט און געטאָקט, אויסגעשאַרפט און אויסגעשליפן, אַז דעם וואָרטס געבוירענע ביינען האָבן באַקומען נאָך אַ ביין — די אײדעלע שיינקייט און קלוגשאַפט פון אַ קונסט־ווערק.

אָבער אויך נוסעך, סטיל איז פאַרבונדן מיטן קאָנקרעט־היסטאָרישן אינהאַלט פון דער קונסט. די פאָרעם באַציט זיך שטענדיק אַף די בעסטע טראַדיציעס פונעם פאָלקס־שאַפן. און וואָס באַדײַט פאָלקסטימלעכקייט אויב ניט די ענגע פאַרבונדנקייט מיט דער שעפערישקייט וואָס האָט אַ טראַדיציע פון דוירעס און איז געווענדט אַף דער צוקונפט.

און ווי אין פאָרעם אַזוי אין אינהאַלט. מענדעלע איז אין זײַנע ווערק

נאָכגעגאַנגען נאָך דער אַלטער אייראָפּעיִשער טראַדיציע און אויסגענוצט די זשאַנערן פון יענע אייראָפּעיִשע קלאַסישע ראָמאַנען, וואָס זיינען געווען אַן אויסדרוק פונעם קאַמף פון דער בורזשואַזיע קעגן פעאָדאַליזם. מער ניט ער האָט די דאָזיקע אייראָפּעיִשע טראַדיציע אַזוי נאַציאָנאַל אויסגעפורעמט, אַז זי איז אינגאַנצן צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער סוויווע, און דורך דער נאַציאָנאַלער פאָרעם דערפילט די אידעיִשע אויפגאַבע.

אַט וואָס דער יונגער סאָוועטיש־יִדישער ליטעראַטור־פאָרשער, היסטאָריקער מ. ווינער, שרייבט אין זיין גרונטיק און אינטערעסאַנט ווערק וועגן מענדעלען (אין צווייטן באַנד „צו דער געשיכטע פון דער יִדישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט):

„לאָמיר נעמען אַזאַ ווי „מסעות בנימין השלישי", די בעסטע שאַפונג מענדעלעס. אין פּלוג דוכט זיך: אַ מעשונעדיק אַלט־פראַנקישע מייסע וועגן עפּעס צוויי ווילד אָפּגעשטאַנענע שטעטלדיקע יִדן. אין עמעסן, איז דאָס, ערשטנס, אַ ראַפינירטע סטיליזאַציע אַף באַשטימטע העברעיִשע און אַלט־יִדישע רייזע־באַשרייבונגען, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן ברייטסטע לייענער־קרייזן. און, צווייטנס, האָט דאָ מענדעלע אַף אַ געניאַלן אויפן אויפגענומען און באַאַרבעט איינע פון די פּראָכטפולסטע טראַדיציעס אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, זי וווּנדערלעך אָרגאַניש צוגעפּאַסט צו אומשטענדן אין דער דעמאָלטדיקער יִדישער סוויווע, קעדיי אַזוי אַרום אויפקלערן די מאַסן וועגן דער אומגעלומפּערטקייט פון זייער לעבן און פון זייערע פאָרשטעלונגען. ווי אַן עמעסדיקער מייסטער האָט דאָ מענדעלע אויסגענוצט דעם סוזשעט און פּאַבולע פון סערוואַנטעסעס „דאָן קיכאָט", פון אַ ווערק, וואָס האָט אויך צו זיין צייט געדינט דעם קאַמף קעגן פעאָדאַליזם און פעאָדאַלישע פאָרשטעלונגען, אויסגענוצט, אָבער וווּנדערלעך טראַנספאָרמירט, צוגעפּאַסט צום לעבן און צום באַנעם פון דער דעמאָלטדיקער יִדישער סוויווע".

דאָן קיכאָט איז פאַר מענדעלען מאַמעש געווען אַן אויצער, אָנצושעפּן קאָמישע סיטואַציעס און זיי צופּאַסן צום יִדישן אָרעמאַן און זיין שטעטלדיקע טונעיאַדעווקע. אַט די רייזע פון בּיניאָמין און סענדערל אין דער וועלט פון יווישער און גערעכטיקייט איז בלויז איין ביישפּיל פון מענדע־

לעם גאַנג פון אַמאָל צום הײַנט און פון זײַן ציל־באַוווּסטער דערציִונגס אידעע פון די מאַסן.

***

פון זיידן — צום אייניקל. מען וואָלט געדאַרפט שרײַבן אַ ווערק וועגן די געשיכטלעכע וואָרצלען פון שאָלעם אַליכעמס הומאָר, קעדיי בעסער צו פאַרשטיין זײַנע סאָציאַלע וואָרצלען. דעמאָלט וואָלט מען לײַכט אויסגעפונען אַט די עלעמענטן און מאָטיוון פון סאַרקאַסטישער איראָניע, פון סאַטירע און הומאָר, וואָס מיר געפינען בײַ די נעוויאים, אין דער לירישער ספּערע פון דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור און אין די הומאָריסטישע מאָטיוון און עפּיגראַמען פון יעהודע אַלכאַריזי, וועמען היינע האָט גערופן „אַ וואָלטעריאַנער, פינף הונדערט יאָר פאַר וואָלטערן" — די אַלע האָבן נִיט ווייניק באַאײַנפלוסט דעם טראַגיש פאַרטיפטן דערציילערישן הומאָר און גרענעצלאָזן אָפּטימיזם פון דעם געניאַלן שאָלעם אַליי־כעם.

לאַכנדיקע טראַגיק איז עפּשער די סאַמע ביטערסטע טראַגיק. דער טראַגישער הומאָר איז דער עמעסדיקער הויכער הומאָר. דאָס איז מעגלעך נאָר בײַ אַן אויסערגעוויינלעך שאַרפן דערזען און דערפילן די ווירקלעכקייט, אַזוי ווי עס קאָן נאָר די קלוגשאַפט פון פאָלק, די פאָלקסטימלעכע געניאַלקייט. צי האָט שאָלעם אַליכעם געקענט שאַפן זײַן עכטן הומאָר אָן דער ירושה פון דוירעס? צי וואָלט אַט דער געניאַלער קריטיקער־קינסטלער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דעם פּעריאָד פון צונויפשטויס פון אימפּעריאַליזם מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַטמאָספער, צי וואָלט ער געקענט קינסטלעריש דעמאַסקירן די סאָציאַלע אַוולעס פון דער געזעלשאַפט אָן דער הילף פון די דרייסטע אידעען פון דער געשיכטע?

נעמען מיר שאָלעם אַלייכעמס הויפּט־געשטאַלט, דעם באַגאַבטן, ביז מעשוגאַס אַרטיסטישן מענאַכעם מענדל. אויך ער האָט זײַן בײַשפּיל אין דער ייִדישער געשיכטע. אין די צײַטן פון דעם פריערדיקן רענעסאַנס, ווען די פאַרגליווערטע רעליגיעזע ראָמאַנטיק שטויסט זיך צונויף מיט די פרישע הומאַניסטישע פאָרשטעלונגען וועגן וועלט, מענטש און געזעלשאַפט.

אווראָם עוון עזרא (סאָף עלפטן — ערשטע העלפט צוועלפטן יאָר־

הונדערט), וואָס שפּינאָזאַ האָט אים אַזוי שטאַרק געשעצט סײַ אַלס פילאָ־זאָף סײַ אַלס ביבל־קריטיקער, האָט געשריבן שאַרפע גראַציעזע הומאָ־ריסטיש־עפּיגראַמאַטישע לידער, ווי לעמאַשל, דאָס ליד וועגן אַ דע־מאָלטיקן מענאַכעם מענדל („גלגל ומזלות"), אין וועלכן ער דערציילט אַז „ווען איך זאָל האַנדלען מיט ליכט, וואָלט ביז צום טויט מײַנעם די זון ניט אונטערגעגאַנגען", ווען איך זאָל האַנדלען מיט טאַכריכים — וואָלטן די מענטשן אויפגעהערט צו שטאַרבן" אאַז"וו.

און דער אידעישער אינהאַלט פון דעם פאָלקס־העלד טעוויען, דורך וועמענס שמייכל עס ווערט ערשט רעכט קלאָר די גרויזאַמקייט פון די לײַדן, וואָס די פאָלקסמאַסן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין שאָלעם־אליי־כעמס צײַט. איז דאָך טעוויע אַ „שמייכלענדיקער איעוו". שאָלעם אליי־כעם אליין פאַרגלײַכט אים מיטן היסטאָרישן איעוו: „און אַז איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט און געזעסן אויף דער בריטשקע און אײַנגעטיילט מײַן פּעדל, נעבעך, וויפל ס'איז אין אים אַרײַן, האָב איך ערשט דער־מאָנט געפרעגט בא גאָט אַ קשיא, אַזוי ווי איעוו האָט אַמאָל געפרעגט: „וואָס האָסטו, גאָטעניו, אַזעלכעס דערזען אין דעם אַלטן איעוו, וואָס דו לאָזט אים ניט אָפּ אויף קיין מינוט?" (טעוויע, קאַפּיטל „שפּרינצע").

איז טאַקע טעוויע מיט זײַנע בענימעסדיקע וואָכעדיקע רייד פּונקט אַזוי טראַגיש, ווי דער וויינעדיקער איעוו מיט זײַנע פּאַטעטישע רייד. דורך שאָלעם אלייכעמס הומאָר ווערט ערשט די טראַגיק מעשונע און גע־פינט איר פאַרגלײַך אין היסטאָרישן אַמאָל.

***

נאָך גאָר צום אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט האָט י. ל. פּערעץ אין זײַן אַרטיקל וועגן געשיכטע (1891) פאָרמולירט זײַנע פאָ־דערונגען צו דער יידישער ליטעראַטור אויף דעם אופן: „נישט נאָר אַ מענטש, נאָר אויך אַ פאָלק דאַרף האָבן זיכּאָרן! און אַ פאָלקס זיכּאָרן איז די היסטאָריע!" און מיט זײַן שאַפערישן גאַנג האָט פּערעץ אַלץ מער אויסגעפונען, אַז דאָס געפיל פון אייגענער פאַרגאַנגענהייט דאָס איז אַ שטענדיק וואַכער פאָלקס־געפיל און פון דעם געמאַכט זײַנע אויספירן, אַז די ליטעראַטור דאַרף זיך אויסלערנען קוקן דער געשיכטע אין די אויגן און דורכדעם גיין צו אַנטשיידענער באַנײַונג, צו דער צוקונפט.

קוקן דער געשיכטע אין די אויגן הייסט בא פּערעצן נישט שפּיגלען זיך אין עפּעס אַן אויסגעטראַכטער פאַרגאַנגענהייט, זיך שפּילן מיט אידילישע זיכרוינעס, נאָר זוכן אין איר דאָס וואָס קאָן שטיצן זײַן גלויבן אין פאָלק און אין זײַן צוקונפט. אַט אַזוי האָט אויפגעשוועבט פאַר פּע־רעצן שוין אין יאָר 1891 דאָס פאַרבילד פון דער „גאָלדענער קייט" — „די גאַנצע לענג פון אַלע דוירעס" און — וואָס איז באַזונדערס מערק־ווירדיק — „אַלע דוירעס" שליסן זיך שוין דעמאָלט בא פּערעצן אין דעם „הײַנטיקן דאָר, וואָס איז צעשפּרייט און צעזייט".

איינעם פון זײַנע בענדער האָט פּערעץ באַצייכנט מיטן נאָמען „אַלט און נײַ". אין דעם נאָמען האָבן מיר דעם שליסל צו אַ סאַך דער־שײַנונגען אין פּערעצעס שאַפן. אַלדאָס נײַע, וואָס פּערעץ שאַפט, זעט אַרום זיך, נעמט ער אויף נישט אַנדערש ווי אַפן פאָן פונעם „אַלטן" ד"ה אַף אַ ברייטן היסטאָרישן פּאָן. אָבער פּונקט דאָס זעלבע פּאַסירט בא אים ווען ער נעמט צו באַטראַכטן דאָס „אַלטע", פאַר זײַנע אויגן טוט זיך דעמאָלט אַ שפּרייט די ברייטע פּערספּעקטיוו פונעם „נײַעם". אַף דער פאַרגאַנגענהייט פאַלט אויך די שײַן פון דער קעגנוואַרט.

„אַלט־נײַ" איז דערפאַר ניט בלויז די באַצייכענונג פון איין באַנד פּערעצעס, ס'איז יענע פירנדיקע אידעע, נאָך וועלכער ער איז יאָרנלאַנג נאָכגעגאַנגען.

זײַן טרײַ דעם שטענדיק וואַכן פאָלקס־זיקאָרן, נישט פאַרלירן דעם שעפערישן קאָנטאַקט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער ווי טײַער עס זײַנען נישט „אַלע דוירעס", דאַרף נאָך מער טײַער זײַן דער „הײַנטיקער דאָר" וואָס פירט זײַן קאַמף פאַר דער צוקונפט.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז פּערעץ געווען דער בויער, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ נײַעם ביניען נוצנדיק דערבײַ די לעבעדיקע עלע־מענטן פון אַלטן. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז פּערעץ האָט געפּריידיקט אַן אומקער צו טראַדיציע, אין איר רעאַקציאָנערן לעוווּש, ווי מען האָט אים פאַרגעוואָרפן. ווײַל אַן דעם רעבעלן־קויעך אומצוּוואַרפן די ווענט פון טראַדיציע, ווען עס איז נייטיק, און זיך אָפּצוזאָגן פון אייגענער יע־רושע און שימל, וואָלט פּערעץ ניט געקאָנט אַנטדעקן נײַע ווערטן אין דער טיפעניש פון ניט־אויסגעפאָרשטע קוואַלן. פּערעץ האָט געהאַט דעם געבענטשטן מוט צו באַנײַען דאָס אַלטע און אָפּפרישן זײַן גײַסט, ווײַל

„גײַסט איז פּונקט ווי ערד, דאַרף מען אויך גײַסט שטענדיק אויפסנײַ אַקערן און זייען. מען טאָר בעשום אויפן ניט אוועקוואַרפן דאָס אַלטע מיטן אויסרייד, אַז עס איז פאַרשימלט; אויב מיר אַליין זײַנען נאָך ניט פאַרשימלט, וועלן מיר שטענדיק קאָנען דאָס אַלטע באַנײַען און אַף נײַע יעסוידעס צופּאַסן צו זיך". (פּערעץ „פון מײַן ווינקעלע").

מיט זײַנע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָט פּערעץ געהאָלפן לייגן דעם יעסאָד פאַר דער יידישער פאָלקסשאַפונג. דאָרטן ווו אַנדערע האָבן געזען בלויז אַפּאַטיע און רעאַקציע, האָט ער געזען דאָס ליכט פון גלויבן און אַקטיוון ביטאָכן. די „געשיכטן" זײַנען מײַסעס פון ווײַטן און נאָענטן אָוואַר: פון דײַטשלאַנד און האָלאַנד; פון פּראָג און פון צפאַס; פון דעם היימישן וואָלין און דער מעדינע פּוילן, און דורך די „געשיכטן" האָט ער צוריקגעבראַכט די גרויסע געשטאַלטן אין לעבן אַרײַן, געוויזן זייער מעסירעס נעפעש, זייערע העלדנטאַטן, זייער גאַנצע דינאַמיק.

פּערעץ איז געווען איבערקלייבעריש און ניט אַלץ האָט ער אַראָפּגע־שריבן פון די אַלטע פאַרגעלטע בלעטער פון שיימעס און פּינקייסים. ער האָט בלויז גענומען דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט באַלעבן, מאַכן פאַרן יע־סאָד פון אַ באַנײַטן פאָלקס־עפּאָס. דערמיט האָט ער אונדז געלערנט, אַז ווערטן ווערן איבערגעגעבן פון דאָר צו דאָר, נאָכדעם ווי זיי גייען אַדורך דעם שמעלץ־אויוון פון דער געשיכטע, בלײַבן זיי אַ לעבעדיקע יערושע פאַרן נײַעם דאָר.

שאָלעם אַש און די קריסטוס־טעמע

די פיר זײַלן פון אונדזער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור — מענדעלע, פּע־רעץ, שאָלעם־אַלייכעם און אַש — טיילן זיך אַף צוויי סימעטרישע גרו־פּעס: פון איין זײַט שטייען די רעאַליסטן — מענדעלע און שאָלעם־אַליי־כעם, פון דער צווייטער זײַט — די ראָמאַנטיקער: פּערעץ און אַש. ווי אַנדערשדיק עס זאָל נישט זײַן מענדעלעס סאַרקאַסטישער רעאַליזם פון שאָלעם־אַלייכעמס ליריש־ווייכן הומאָר, איז אָבער נישטאָ צווישן זיי אַזאַ טאָך־אונטערשייד, ווי צווישן פּערעצעס און אַשס ראָמאַנטיק. פּע־רעץ האָט זיך דערגראָבן אין זײַן ראָמאַנטיק צו דער נעשאָמע פונעם אָוואָר און באַפרײַט די דינאַמישע קראַפט, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין דער פאַרגאַנגענהייט און וואָס אין קאַמף פון דער האַסקאָלע פאַר דער פאַר־ווערטלעכונג פון אונדזער לעבן און קולטור — האָט מען אָט דעם עלע־מענט געמוזט פאַרזען. דער קעמפער מוז זײַן עקסטרעם, קעדיי צו האָבן מוט צו קעמפן, באַקעמפן און זיגן. אַש איז געפאַלן קורים פאַר דעם דאָזיקן אָוואָר ווי ער שטייט און גייט, ער האָט גלאָריפיצירט די פאַר־גאַנגענהייט מיט איר אַמאָליקן נוסעך. פּערעץ איז דערגאַנגען צו יענעם קוואַל, פון וועלכן עס שטראָמט אַרײַן דער אינהאַלט פון אַלטער פאָלקס־טימלעכער לעגענדע און פון כסידעס אין דעם נײַעם סאָציאַלן און נאַציאָ־נאַלן קאַמף. זוכנדיק דעם סאָציאַל־עטישן יעסאָד אין פאָלקס־גײַסט, האָט פּערעץ אים געפונען אין די אַלטע אוצרעס. ער האָט צעבראָכן די פאָ־רעם און דערזען דאָס גײַסטיק־דינאַמישע. פּערעץ איז דעריבער געווען אַ שעפערישער, אַקטיווער ראָמאַנטיקער, ד"ה אַזאַ, וואָס אַקטיוויזירט פאַרן הײַנט גײַסטיקע ווערטן פון ווײַטן און נאָענטן אַמאָל. אַש, אין זײַנע ערשטע ראָמאַנטישע ווערק, האָט אָנגענומען סטאַטיש די אויסערלעכע פאָרעם, דעם אַמאָליקן לעוווש. ער איז דערפאַר אין זײַנע ווערק „שלמה נגיד", „קידוש־השם", דער געפילס־שרײַבער, דער סענטימענטאַלער ראָ־

מאַנטיקער ,וואָס שטעלט דעם הײַנט אין שאָטן פון דער אָוואַרדיקער דע־קאַראַציע. אַש איז אַזוי פאַרגאַפט געוואָרן פאַר די גײַסטיקע ווערטן פו־נעם אָוואַר, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרײַען פון איר היסטאָריש־דעקאָראַטיווער קליידונג. פאַר פּערעצעס ראָמאַנטיק איז כאַראַקטעריס־טיש די געשטאַלט פון „אויב נישט נאָך העכער", ווי דער ערדיש־הומאַנער טאָט (העלפן אַן אָרעמער קראַנקער אַלמאָנע) איז העכער פונעם הימל; פאַר אַשס ראָמאַנטיק איז כאַראַקטעריסטיש שלוימע נאַגידס טילים־זאָגן אין אַן אייס צאָרע; און ס'העלפט. פאַר פּערעצעס ראָמאַנטיק איז כאַ־ראַקטעריסטיש ר' שלוימע פון דער „גאָלדענער קייט", וואָס ראַנגלט זיך פאַר דער געולע, וואָס וויל נישט מאַכן קיין האַוודאָלע; פאַר אַשס ראָ־מאַנטיק איז כאַראַקטעריסטיש דער פרומער שנײַדערל פון „קידוש־השם", וואָס הייסט בלויז לעבן מיט ביטאָכן, אַ ביטאָכן וואָס איז ווײַטיקער פון אַקטיווון טאָט, פון קאַמף און ווידערשטאַנד.

אין דער צײַט וואָס פּערעץ איז געווען אַן אינטעלעקטועלער דיכטער, איז אַש אַ געפילס־קינסטלער. זײַן קראַפט איז אין דער ראָמאַנטישער גלאָ־ריפיקאַציע פון אַלטן ייִדנטום. אַשס ווערק, ווי ער פירט אַרויס אידעאָ־לאָגישע העלדן, און באַהאַנדלט צײַט־פּראָבלעמען, האָבן ניט די מעכטיקע אַשישע קראַפט (דאָס קאָן באַוויזן ווערן מיט „כאַים לעדערערס צוריק־קומען", מיט די אידעאָלאָגישע טיילן פון „פאַרן מאַבול"). שטאַרק איז אַש ווי ער קומט אין באַרירונג, ווי דער גריכישער מיטאָס־העלד אַנטעי, מיט זײַן מוטערלעכן באָדן, מיט דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער ראָמאַנטיק, וואָס איז באַזוימט מיט דער גוורע פונעם קוילער־געסל.

אויב מענדעלע האָט אונדז געגעבן, ווי בלײַבנדיקע געשטאַלטן, פּיש־קע דעם קרומען און ביניאָמין האשלישי (רעאַליסטישע געשטאַלטן, וואָס שילדערן אונדזער ווירקלעכקייט); אויב שאָלעם־אַליי‍כעם האָט אונדז גע־לאָזן בעיערושע אַזעלכע געשטאַלטן ווי דעם רעאַליסטיש־ווערטפולן טעוויע דעם מילכיקן, אויב פּערעץ האָט באַוויזן די רעוואָלטירנדיק־ראָמאַנטישע געשטאַלט פון ר' שלוימען און די גײַסטיקע, מיט די בעסטע אידעאַלן פון אייביק מענטשלעכן געשטאַלט פונעם נעמיראָווער אין „אויב נישט נאָך העכער", — האָט אונדז אַש אַרויסגעבראַכט די דעקאָראַטיוו־סטאַ־טישע געשטאַלט פון אַ שלוימע נאָגיד, וואָס איז פּאַסיוו־ראָמאַנטיש, און זײַן אידעאַליזאַציע פון יעבעזקל גאַמבינער דעם פּאַטריאַרכאַלן גוויר,

וואָס איז לאַבּלוטן ניט געווען צוגעפּאַסט פאַרן קעמפנדיקן הײַנט און דער בעסערער צוקונפט.

עס איז באַקאַנט די דערקלערונג פון געוויסע ליטעראַטור־קריטיקער, אַז אַ שרײַבער איז אייביק צוגעשמידט צו זײַן קלאַס, צו זײַן קרײַז ליטעראַטור־געשטאַלטן. דאָס איז זיכער אַ מעכאַניסטישער צוגאַנג, וואָס קאָן ניט אָנגעווענדעט ווערן אַפן קלאַל. דער אויסנאַם באַשטעטיקט אָבער דעם קלאַל און דער דאָזיקער צוגאַנג וואַרפט אַ העלע ליכט אַפן קינסטלעריש מעטאָד און סאָציאַלן אינהאַלט פון ש. אַש שאַפן.

אַש איז דער קינסטלער פון אידעאַליזאַציע פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון פּאַסיוון ראָמאַנטיזם. ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן פּונקט אין יאָר 1900, באַם אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט, ווען די „העכסטע סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם", דער מאָנאָפּאָל, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן און פאַרשקלאַפן און אַרויסרוקן די מיטעלע בורזשואַזיע, דעם קליין־האַנדל. דאָס „שטעטל" איז אויפגעריסן געוואָרן. עס איז שוין שווער געווען אָנצומאָלן אַן אידיליע פון קלאַסן און שיכטן אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט. עס איז שווער געווען צו באַווײַזן די הערלעכקייט פונעם הײַנטיקן אונטערנעמער, לײַכטער איז ווען מען גייט אַוועק צום נעכטן, צום ווײַטן, און אַמאָל צום גאָרניט ווײַטן נעכטן.

האָט אַש אָנגעהויבן מאַכן די עקסקורסיע אין דער פאַרגאַנגענהייט, קעדיי אַרויסצופירן די הערלעכע פיגור פונעם „פּאָלקס פאַרטרעטער", פון יעכעזקל גאַמבינער אָדער שלוימע נאָגיד. אידעאַליזירן דעם גרויסן וואַלד־און טוווע־הענדלער האָט מען ניט געקענט אַפן באָדן פון רעאַלע באַציִונגען פון קלאַסן און שיכטן. האָט מען דיווירקלעכע באַציִונגען אַנטקעגנגעשטעלט אויסגעטרוימטע באַציִונגען.

„שטעטל", „שלוימע נאָגיד", זײַנען העלדן־געזאַנגען פון יענער צײַט, ווען דער סויכער איז געווען די צענטראַלע פיגור פון דער געזעלשאַפט.

דער פּאַסיווער, סטאַטישער ראָמאַנטיזם ווערט אויסגעדריקט אינעם גאַנצן סטיל. אין די נאַטור־שילדערונגען. די פּייזאַזשן אָטעמען מיט דער זעלבסט־צופרידנקייט פונעם בורזשוי וואָס איז צופרידן מיט זײַן גורל און וויל גאָרניט ענדערן.

„אויבן אַפן הימל האָט זיך איין שטיק העל־שײַנענדיקער הימל אין

אַנדערע אַרײַנגעגאָסן. פון אַלע עקן זײַנען אָנגעקומען צו שווימען העל־זילבערנע נעגידיש־כסידישע וואָלקענדלעך, און איינס האָט דורכגעשוועבט איבערן צווייטן. און עס וועלט האָט זיך געכמאַרעט, נאָר דער שוואַרצער וואָלקן איז צערונען... (אַ שטעטל). ניט די רעאַלע ווירקלעכקייט, די באַציִונגען צווישן דעם גרויסן וואַלד און טוווּע־הענדלער און דער האָרעפּאַש־נער מאַסע פון שטעטל דינען פאַר אַ קוואַל און אויסגאַנג־פּונקט, נאָר די „כסידיש נעגידישע וואָלקענדלעך". „ווער איז דאָס, וואָס פאָרט פאַרבײַ? פאַר וועמען נייגן זיך עס די ביימער אין וואַלד, די זאַנגען אין פעלד? עס איז דער סויבער ר' שלוימע נאָגיד, וואָס פאָרט אַף שאַבעס אהיים. פאַר אים שרעקן זיך עס די ביימער אין וואַלד און די זאַנגען אין פעלד. אָפּ־געקויפט האָט ער זיי, די שטאַר־מעכירעס אין זײַן בוזעם־טאַש. פאַר אים וואַקסט דער וואַלד, רײַפט די זאַנג. ער וועט זיי לאָזן וואַקסן ווי לאַנג ער וועט וועלן, שנײַדן לאָזן ווען ער וועט וועלן". גוטע צײַטן זײַנען דאַן געווען: „עס זײַנען נאָך געווען יענע צײַטן, ווען די יאָרמערק זײַנען פול געווען מיט פויערים און פורן: געשעפטן האָבן זיך אין די גאַסן געוואַל־גערט: דער פאָרעצל האָט ניט געוווּסט פון דער שטאָט און געדאַרפט האָבן דעם יידן". (שלוימע נאָגיד). דאָס אַלץ רעדט אַ ביז גאָר דייטלעכן לאָשן. די בענקשאַפט צו אַמאָליקע גוטע צײַטן, אַשס ראָמאַנטיק, וואַקסט פון הײַנטיקע שלעכטע געשעפטן. זי מישט זיך אָבער אויס מיטן געפיל, אַז אַזוי איז געווען, און אַזוי וועט זײַן, אַזוי דאַרף זײַן.

דער קינסטלערישער וועג צו דער פאַרגאַנגענהייט מוז ווערן באַשטימט פון דער באַציִונג וואָס מען האָט צום הײַנט. אַש איז אָנגערעגט געוואָרן פון אַמאָליקן „אַמאָל", אָבער אָן שום באַציִונג צום ווײַטן אַמאָל, צום „אַמאָל וואָס וועט זײַן". בא אַשן, וואָס האָט פון אָנהייב אָן געשיל־דערט „קלאַסן־אַכדעס" — אַף דער דאָזיקער שוטפעס־ און אַכדעס־באַזע זײַנען געבויט אַלע זײַנע ווערק — („יאַטישע טאָכטער", „קוילער געסל", „אָנקל מאָזעס", „כאַים לעדערערס צוריקומען"), האָט געפירט זײַן קונסט צום סטאַטישן אַמאָל, פונדאַנען זײַן פּאַסיווער ביטאָכן פון „ליידיקע פּאָ־ליצעס" (דער שנײַדערל אין „קידעש האַשעם") צו דער „קישעפמאַכערן פון קאַסטיליע", וואָס פאַרשלייערט מיט מיסטיק די טרויעריקע ווירקלעכ־קייט. צו דער בענקענדיקער „מערי" וואָס אַנטלויפט פון הײַנט — „נאַ־קעט שטייט אַליין אין דער וועלט, אָן טראַדיציע אָן גלויבן" —, און גאָר

אינגיכן באַקומט זי „בענקעניש און גאַרעניש און ציענִיש צום אַמאָל“. דער וואָס זעט ניט קיין „ויתרותצצו“ אין היינט, מוז איבערנעמען דעם גאַנצן סטאַטישן פּאַסיוון „אַמאָל“.

— .2 —

אין זיין פולער קינסטלערישער רייפקייט, נאָך אַזעלכע ווערק ווי „פאַרן אַפּגרונט“, „טילים־ייִד“, האָט זיך אַש אָנגעהויבן ציען צו דער איינזאַמער לעגענדאַרער ישו־פיגור, געגומען שילדערן די גאַנצע געשיכטע פון פרויען־קריסטנטום, ישו, די הייליקע מוטער און דעם „אַפּאָסטאָל“, פּאָול דער שעליעך.

„מאַן פון נצרת“, „דער שליח“ און „מאַרי“ — די דאָזיקע דריי ריינגען אין אַש ראָמאַנען־קייט האָט געקענט הייסן די עוואַנגעליע, קינסטלעריש געשטאַלטיקט. אונטערן דאָזיקן נאָמען קאָנען אַרונטערגיין אַלע דריי ווערק, ווייל אַש האָט אַלע העלדן מיט זייערע פּסיכישע צושטאַנדן, די שילדערונגען און מאָלערייען פון יענעם לעבנס־שטייגער, גענומען פון קוואַל, פון נייעם טעסטאַמענט, פון דעם קריסטוס־מיטאָס אָדער „לעגענדע“.

צוערשט — לאָמיר באַטראַכטן דעם קינסטלערישן פּאַרנעם פון דעם ווערק.

דער מעטאָד און די פאָרעם פון גילגולים, דורך וועלכע אַ מענטש טראָגט אין זיך זיכרוינעס וואָס ער האָט אין די פריערדיקע צייטן דורכגעמאַכט, איז אַ מיסטישער און פּרווידיאַנישער, אָדער —ביידע צוזאַמען.

אַ נעשאָמע אין איר וויַיטערדיקן גילגול געדענקט, וואָס זי האָט דורכגעלעבט אין אַ פריערדיקן גילגול. דער „שר של שכחה“ האָט ניט געטאָן זיין אַרבעט בישליימעס. עס ווערט געבוירן אַ נעשאָמע, וואָס גייט אַרום אין דער היינטיקער וועלט, אָבער אינערלעך לעבט זי גאָר אין אַן אַנדערער שוין לאַנג פאַרשווּנדענער וועלט. אַזאַ געשטאַלט איז פאַן וויאַדאָמסקי אין שאָלעם אַשס ווערק. אַ פּאָליאַק דרייט זיך אַרום אין וואַרשע ווי אַ געשפּענסט פון פריערדיקע דוירעס. אַ קראַנקער, אַ נערוועזער און אַ היסטעריקער, לעבט ער מיט וואַנזיניקע זיכרוינעס. ער איז אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט, ער שרייבט גיפטיקע העצערישע אַרטיקלען קעגן ייִדן,

ער האָט זיי פֿײַנט מיט אַ ברענענדיקער סינע, ער זעט אין זיי אַ מיס־טישן וועלט־קויעך, אייביקע פֿאַרשווערער קעגן דער מענטשהייט. וויאַ־דאָמסקי האַסט די ייִדן, אָבער ער דרייט זיך אַרום צווישן זיי ווי צווישן אַלטע באַקאַנטע און אַלטע סאָנים פֿון די אַמאָליקע צײַטן. ער דערקענט יעדן איינעם פֿון זיי נאָך פֿון די צײַטן, ווען ער איז געווען רוימישער הענגעמאַן אין יערושאַלאַים אונטער דעם פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַ־טוס. דאַן האָט ער געהייסן קאָרנעליוס.

פֿאַן וויאַדאָמסקי, דער אַמאָליקער קאָרנעליוס, לאָדט אײַן צו זיך אַ ייִדישן ווילקענעווידיקן יונגערמאַן, ער זאָל אים באַהילפֿיק זײַן באַם אי־בערלייענען אַן אַלטן פּאַרמעט־קסאָוו. אין דעם וואַרשעווער יונגערמאַן האָט וויאַדאָמסקי דערקענט אַ געוויסן טאַלמיד־כאָכעם פֿון יערושאַלאַים מיטן נאָמען יויכענען. ביסלעכווײַז דערוועקן זיך אויך אינעם באַכער פֿאַר־געסענע זאַכן. זיי לעבן זיך אײַן איינער אין צווייטן, איינער העלפֿט דעם צווייטן זיך געגויער דערמאָנען די געשיכטע ווי מ'האָט אַמאָל געקרייציקט אַ געוויסן רעבן פֿון נאַצערעס אין יערושאַלאַים. אַזוי אַרום ווערט פֿונדאַס־נײַ אויפֿגעלעבט די גאַנצע מײַסע מיטן ישו.

דער סוינע־ייִסראָעל פֿאַן וויאַדאָמסקי וואַנדערט אַף די וואַרשעווער גאַסן, ער זוכט זײַנע אַמאָליקע פֿרײַנט און פֿײַנט. אָבער מערקווירדיק: צווישן די וואַרשעווער גוים דערקענט ער ניט קיין איינעם פֿון די אַלטע ייִדן־פֿײַנט, די רוימער מיט וועלכע ער האָט זיך אײַנגעלעבט אין יערו־שאַלאַים. אָבער די ייִדן? זיי האָבן זיך אַף אַ האָר נישט געביטן. די איי־גענע היימישע און אומרויִקע פּענעמער פֿון די יערושאַלאַימער און גאַלי־לער ייִדן. אַפֿילע די באַוועגונג, די טנועס פֿון די ייִדן, אין די אָרעמע וואַר־שעווער קוואַרטאַלן, זײַנען פּונקט די זעלבע ווי אין די געסלעך אַרום בייס־האַמיקדעש אין יערושאַלאַים. איבערהויפּט ווען עס קומט פֿאַר פּייסעך, קאָן דער אַנטיסעמיט ניט איינזיצן אין דער היים. גאַנצע טעג דרייט ער זיך אַרום איבער די וואַרשעווער ייִדישע געסלעך און מאַרקן און קוקט זיך צו צו די פֿאַרשיידענע ייִדישע טיפּן. ער טרעפֿט דאָרטן אַמאָליקע באַ־קאַנטע, ער רופֿט זיי אָן באַ די נעמען און דערמאָנט זיי אין זייער טעט־טיקייט אין יענע גרויסע טונקעלע טעג, ווען ייִדן האָבן געפֿיבערט אין דערוואַרטונג פֿון אומבאַקאַנטע געשעענישן, געשעענישן פֿון דערלייזונג, פֿון אַ נײַעם הימל און אַ נײַער ערד; אין יענע טעג, ווען די פֿעלדער פֿון

ייִדישן לאַנד זײַנען געווען פול מיט קרייצן, אויף וועלכע עס זײַנען געהאָנ־גען די הילפלאָזע מעשיכים.

די שילדערונגען צוזאַמען מיט דעם „איש־קריות־פּאַרמעט", פאַר־נעמען דעם ערשטן טייל פון בוך. דער צווייטער טייל גיט איבער די ישו־זיכרוינעס פון ייִדישן יונגערמאַן יויכענען, וואָס דורך זײַנע געשפּרעכן מיט דעם פּאַן וויאַדאָמסקי־קאָרנעליוס און פון זײַן לייענען די פאַרבאָר־גענע זיכרוינעס, שיילן זיך פאַר אים אַרויס די געשעענישן, וואָס ער האָט אַמאָל אַדורכגעלעבט אין פריערדיקן גילגול.

עס מוז זײַן אַן ענגע פאַרשמעלצונג צווישן פאָרעם און אינהאַלט, צווישן בילד און אידעע, — איינס וואַקסט טיף אַרײַן אינעם צווייטן. די קינסטלערישע שילדערונגען זײַנען דאָך ווי אָדערן, וואָס פולסירן מיט אידעיִשן בלוט. שטעלן מיר די פראַגע: וואָס איז אייגנטלעך די הויפּט־אידעע פונעם ווערק? וואָס איז דער ציל פון אַשס ישו?

אויף דעם קאָן מען געבן איין ענטפער: אַש וויל ישון רעהאַבּיליטירן אין די אויגן פון די ייִדן. ניט אומזיסט האָט ער אויסגעקליבן פאַר אים דעם טיטל „רבי". דאָס איז בא אים, אַזוי צו זאָגן, אַן אידעאָלאָגישער גרונט־פּרינציפּ. בא אַשן איז ישו ניט נאָר אַ ייִד צווישן ייִדן, אַ פּאָרוש צווישן פּאָרושים, וואָס היט אָפּ די תרי"ג מיצוועס, נאָר איז אַ מוסטער פון ייִדישער קדושה און דערהויבנקייט. ער קומט בא אים אַרויס העכער פון די געוויינלעכע פרומע ייִדן. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי ישו וואָלט זײַן אויטאָריטעט און גײַסטיקע פולמאַכט געקראָגן ניט פונעם טוירעדיקן וואָרט, נאָר פון עפּעס אַ העכערער אינסטאַנץ, פון גאָט אַליין, וואָס איז איבער דער טוירע.

שאָלעם אַש בלײַבט טרײַ די לעגענדעס וועגן ישוס ניסים און ניפ־לאָעס, וואָס זײַנען אײַנגעוויקלט אין איבערנאַטירלעכע סוידעס, וואָס אַ מענטש קאָן ניט מאַסיג זײַן, די לעגענדעס וואָס זײַנען דער יעסאָד פון די עוואַנגעלישע שריפטן און דערמיט מאַכט ער ישון פאַר אַ קאָדעש, אַ רעבן. אפילו די קרייציקונג, דער קלימאַקס און דער פינאַל פון קריסטוס־מיטאָס ווערט בא אים געשילדערט ווי אַ מין קידוש־האַשעם. דאָס ווײַזט געוויס בוילעט אויף דער טענדענץ אַרײַנצושטעלן דעם קריסטלעכן גאָט אין דער ייִדישער געשיכטע, ווי איינעם פון אירע ליכטיקסטע געשטאַלטן.

אַט די אידעאַליזאַציע שפּײַזט אַש'ס וויזיע און פאַנטאַסטישן סטיל.

ביידע, די פֿאָרעם און דער אינהאַלט זײַנען דאָ פּאַקטיש צוזאַמענגעשמאָלצן.

דער רעאַליסטישער נוסעך, דער היסטאָריש־רעאַליסטישער אָטעם גייט אָפּט איבער אין צעהיצטער פֿאַנטאַזיע, אין היסלאַוועסדיקער ראָמאַנטיק. ניט נאָר ישו אַליין און די אַנדערע העלדן קומען אַרויס פֿאַנטאַסטיש, נאָר אויך דער לעבנס־שטייגער, די גאַנצע אַטמאָספּער.

די שילדערונגען, צום בײַשפּיל, פֿון מיריעם פֿון „מגדלה", איר וווינונג, איר בשׂמים־גאָרטן, אירע אַריסטאָקראַטישע פֿרײַנט און אירע בעטלער־מאַכנעס זײַנען אומגעהייער פֿאַנטאַסטיש. צענדליקער זײַטן זײַנען אָנגעפֿילט מיט די פֿאַנטאַסטישע שילדערונגען. בלויז צוויי בײַשפּילן, וויאַזוי אַש שילדערט מיריעם פֿון „מגדלה", וויאַזוי זי פֿלעגט אויפֿנעמען אירע רײַכע אָנהענגער:

„נאַקעט, אײַנגעהילט אין אירע געדיכטע פֿלאַמענדיקע האָר־קאַסקאַדן, וואָס זי האָט געקענט מיט דער הילף פֿון אירע דינסטן אַזוי קינסטלעך צוזאַמענפֿלעכטן אַרום זיך אַז עס האָבן זיך נאָר געוויזן שפּאַלטן פֿון איר שטראַלנדיקן קערפּער". קענט איר זיך פֿאָרשטעלן אַ פֿרוי מיט אַזוי פֿיל האָר אָפֿן קאָפּ? איז מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל קענען שלעפּן אַזאַ מאַסע אָף זיך?

און אָט איז נאָך אַ בײַשפּיל פֿון גוזמע: „עס איז ניט געווען קיין געווײנלעכער גאָרטן פֿון בלומען נאָר אַ ביים־אוילעם, אין וועלכן עס זײַנען אין פֿלאַנצונגען פֿאַרשטיינערט געוואָרן מינעראַלן, ווערעם און כאַיעס, אייוורים פֿון אומבאַקאַנטע ברויִם, אַלץ איז דאָ מעגולגל געוואָרן אין געוויקסן און אײַנגעפֿלאַנצט געוואָרן אין דער ערד צו אַ נײַ לעבן... דער גאָרטן האָט געשעמט אין גאַנץ ירושלאַים און ער איז טאַקע געווען אַ ווונדער. זי האָט אין אים פֿאַרפֿלאַנצט די אויסטערלישע בלומען, די פֿרעמדאַרטיקסטע געווירצן, קרײַטעכצער, וועלכע זי האָט געלאָזט ברענגען פֿון די ווײַטסטע לענדער. ווען זי האָט געהערט פֿון אַ זעלטענער פֿלאַנצונג, אַ בלום אָדער אַ קאַקטוס־דאָרן פֿאַרוואָרפֿן ערגעץ אין דער מידבער און וואָס גיט אַרויס פֿון זיך אַן איידעלן געשמאַק, האָט זי געשיקט מענטשן און געלאָזט אַריבערטראָגן די פֿלאַנצונג אין איר גאָרטן אַרײַן".

איז אין יענע צײַטן מעגלעך געווען אויפֿצוהאַלטן אַזאַ גאָרטן? לויט אַשס שילדערונג האָט מיריעם אויסגעטיילט אויצרעם מיט צדאָקע. ווו

האָט זי געגומען די אויצרעס און דאָס געלט צו אראנזשירן די הוליאַנ־קעס? מיריעם איז געווען אַ קורטיזאַנקע, איז נאַטירלעך, אַז אירע פאַרערער און געליבטע האָבן זי באַוואָרפן מיט געלט און מאַטאַנעס. דערציילט אָבער אש, אַז זי האָט פון זיך געטריבן די פאַרערער, פלעגט אַנטלויפן פון זיי, זיך אָפּזונדערן, טשוווע טאָן און איינזאַם זיך ציען צום אָרעמען גאַלילער מאָשיעך.

מיכוץ דער קאָנטראַסטפול־פּסיכאָלאָגישער געשטאַלט פון מיריעם פון „מגדלה" זיינען די שילדערונגען וועגן איר סוויווע און געזעלשאַפט פאַנטאַסטיש און גוזמעדיק און מעלאָדראַמאַטיש.

— 3. —

ישו איז דאָך ניט קיין אינדיווידועלער העלד. ער איז, מוז זיין, קאָ־לעקטיוו, האָט ער דאָך צוגעצויגן אָנהענגער, איז ער דאָך געווען אַ „רבי", אַ „משיח" און ער האָט אפילו לויט דער לעגענדע געלעבט און געווירקט אין אַ קאָנקרעטער היסטאָרישער צייט און סוויווע. וויאַזוי שילדערט אש דעם קלאַל־לעבן, די סאָציאַלע אַטמאָספער פון זיין העלד, וואָס פאַר אַן אָרט האָט ער פאַרנומען אין דעם קלאַל־לעבן?

אין ענטפער אַף די פראַגעס ליגט דער קינסטלערישער און אויך אי־דעיִשער שליסל פון דעם ערשטן טייל פון אשס קריסטוס־טרילאָגיע, וואָס איז בעמיילע כאָל אַף די אַנדערע צוויי טיילן.

ערעציסראָעל, פּאַלעסטינע איז אין יענע יאָרן געווען אונטערן רוי־מישן יאָך. די מאַסן זיינען געווען נאַציאָנאַל און סאָציאַל אונטערדריקט. איבער זיי האָט געהערשט אַ דרייפאַכע מאַכט, וואָס האָט זיי פאַריאָכט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און גייסטיק: די רוימער האָבן זיי באַרויבט פון זייערע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע רעכטן און פריַיהייטן: די קוֹיהאַנים האָבן דורך דער רעליגיע זיי געדריקט עקאָנאָמיש. זיי האָבן פאַרוואַנדלט דעם בייס־האַמיקדעש אין אַ פייער־קאַסע און געשונדן געלט פון אָרעמען פאָלק פאַר קאָרבאָנעס, און די פּרושים, די אויסדערווײלטע לאָמדים, וועלכע האָבן מיט זייער קאַלטער שאַרפקייט און ריין סייכלדיקן אויס־בליק זיך אָפּגעגרענעצט פון די מאַסן, דער דינער שיכט צידוקים. די בייס־כאַנאָן, האָבן געבילדעט אַ מאַמלעכעס קויהאַנים, אַ באַזונדערע ביור־

ראָקראַטישע קאַסטע, ניט דערלאָזט דעם פּראָסטן האָמוין צו נעמען אָנ־טייל אַפילע אין די אַווידע־פּראָצעסן. אָן דעם פּרישן צופּלוס פון גע־זונטן פאָלקס־בלוט, איז געבליבן ליגן אַ פאַרגליווערטער גײַסטיקער קאַ־פּיטאַל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אָנווענדונגען אין לעבן, די פאַרבאָר־גענע קויכעס האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן, זיי האָבן געזוכט אַ וועג פאַר אויסדרוק. און אָט האָט זיך באַוויזן אַ טרוימער פון גאַליל, וואָס האָט צו זיך צוגעצויגן אָרעמע לײַט, פאַרוואָרלאָזטע קריפּלען און קאַליקעס, געפּו־נען פאַר זיי אַ טרייסט אין פּראָסט־האַרציקע און וואַרעמע ווערטער.

אָט דער מאַטעריאַל איז שוין גאָר אַ דאַנקבאַרער. ער לאָזט זיך קינסטלעריש עקספּלואַטירן. אָבער אַש שטעלט זיך אָפּ ווייניק אַף דער סאָציאַלער באַזע פון דעם גרויסן מעשיכים־סאָציאַלן שפּיל. ער פאַרפּיק־סירט דעם נאַטירלעכן געראַנגל צווישן די „צוויי לאַגערן", די קויהאַנים און די אַמכאַ־ייִדן, אָבער ער שאַפט אַ רעספּעקט־דיסטאַנץ צווישן די פּרושישע מאַסן און דעם „רבין", וואָס האָט געדאַרפט זײַן זייער דער־לייזער. די סאָציאַלע אָרנאַמענטיק לאָזט ער רויִק ליגן אין די שאָץ־קאַ־מערן פון דער געשיכטע, מיר זעען אין ישון בלויז דעם גויעל, וואָס האָט צו פאַרדאַנקען זײַן קאַריערע אַ הימלשער האַשגאָכע. ישו וואַקסט ניט אַרויס, בא ש. אַש, פון דער סאָציאַלער סוויווע, נאָר ער דערשײַנט פון די הימלשע וואָלקנס...

אין זײַן אידעע איז אַש טרײַ צו זײַן סטאַטיש־אידעיִשן באַנעם. ער שילדערט די טרויעריקע לאַגע, דעם עלנט פון די ייִדישע מאַסן, וואָס דאָס דאַרף זײַן דער סאָציאַלער הינטערגרונט פון דער גאַנצער יעזוס־דראַמע. אָבער ער לאָזט אונדז ניט זען ישון דורך די אויגן פון דער מאַסע. ער איז ביכלאַל ניט דער העלד פון אַ נאַציאָנאַלער פאָלקס־דראַמע נאָר פון געוויסע סאָציאַלע גרופּעס. די מאַכנעס מענטשן וואָס גייען נאָך דעם רעבן, וואָס באַלאַגערן זײַן וווינונג, זײַנען קראַנקע, ארויסגעשטויסענע פון דער געזעלשאַפט, אַ מין זינדיקער אָפּפאַל, אָבער ניט דאָס גאַנצע פאָלק. עס איז קיין וווּנדער ניט. אַזוי מוז עס זײַן. אַש איז טרײַ דעם נײַ־טעס־טאַמענטלעכן מאָקער און לויט דער עוואַנגעליע איז יעזוס געקומען אויס־לייזן די ליידנדיקע מאַסן ניט פון די פּרעמדע רוימישע באַדריקער, נאָר פון די אייגענע, די קויהאַנים און די פּרושים. מיט די רוימער האָט ער

דאָך געשלאָסן שאָלעם. האָט ער דאָך געאייצעט זײַנע נאָכפאָלגער: „גיט צעזאָרן וואָס געהערט צו צעזאָרן".

די מוטער, אָדער די מוטערשאַפט, איז אַ גרונט־מאָטיוו אין אַשס שאַפן. אָבער זײַנע אַלע פּרויען־טיפּן, אַלץ וואָס ער האָט ביז אַהער געשריבן וועגן מוטערס און מוטערלעכקייט, איז אַנדערש פון דער געשטאַלט, וואָס ער האָט אונדז געגעבן דורך מיריעם דער „הייליקער קאַלע" פון נאַצערעס. עס איז ווי ש. אַש וואָלט אונדז געוואָלט באַווײַזן, אַז זײַנע פריערדיקע מוטער־טיפּן זײַנען געווען בלויז פּאָראַרבעטן, צוגרייטונגען צו דעם בילד פון אַ מוטער, וואָס איז די מאַמע פון „דערלייזער" און איז דערפאַר אַ „הייליקע מאַמע". אין דעם דאָזיקן בוך דערגרייכט די מוטערשאַפט צו איר קלימאַקס, צו איר לעצטער דערגרייכונג. דער הימן פאַר ישון, דעם זון, איז גלײַכצײַטיק דער זיג פאַר דער מוטער. און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי אַש וואָלט אונדז געזאָגט: עס איז ניט גענוג וואָס דער „דערלייזער" איז אויסגעטראָגן געוואָרן אונטער אַ מוטערס האַרץ, נאָר דאַווקע אונטערן האַרץ פון אַ „הייליקער מוטער", פון אַזאַ וואָס איז נאָר פון אַן אַנדער שטאָף... אַזאַ, וואָס ציט איר ייִכעס ניט נאָר פון דאָוויד האַמילעך, נאָר אויך פון רוס, אָט־דעם ביבליש־ייִדישן פרויען־טיפּ, וועמען אַש ווידמעט עטלעכע בלעטער און פון דער מוטער ראָכל, דער „מוטער פון די מוטערס" (ראָכל — „אם־האם"־פערז געבאָרגט בײַ דער דיכטערן פון קינערעס, ראָכל).

מאַרי איז גיכער פון אַלץ אַ וואַריאַציע פון אַשס דערציילונג „אין אַ קאַרנאַוואַל נאַכט", פון „קידוש־השם" און דער „קישעף־מאַכערן פון קאַסטיליע".

יענע מיידל מיריעם, וואָס גייט פון אַ ווײַטן שטעטל אַפּן וועג קיין בײס־לעכעם צו איר קרוווע און שטעלט זיך אָפּ בײַ ראָכלס קייווער און רעדט צו איר און גייט נאָכדעם צוריק און וואָס איר דאַכט זיך, אַז — „זי גייט איבער אַ ברייטן, לאַנגן הימל־וועג, ווו עס ציען זיך ליכטיקע מילך־וועגן און איבער די ליכטיקע פעלדער זײַנען מאַלאָכים געגאַנגען און געבויגן זייערע קעפּ פאַר אירע פיס" — די זעלבע מיריעם פון „אין אַ קאַרנאַוואַל נאַכט", ווערט דאָ שוואַנגער פון הייליקן גײַסט, און דאָזיקע אין געשטאַלט פון אַ זעקס־פליגלדיקן מאַלעך...

דאָרט איז שוין געווען דער אָנהייב פון אַשס קריסטלעכער ביבליש־

קייט, און וואָס ער האָט געזאָגט אין יענער דערציילונג האָט ער שוין אַף אַן אַנדער אויפן געזאָגט אין „קידוש השם", אין „דער קישעף־מאַכערן". די אַטמאָספערע איז דאָ אַן אַנדערע. דער שטאָף און דער געמעל — אַן אַנדערער. דאָרט האָבן מיר צו טאָן מיט מענטשן, וואָס ראַנגלען זיך מיט אַ סוינע און לעשן זייער גייסט אין הייליקן אומקום און „קידוש־השם". אַנדערש אין „מאַרי". דאָ ווערן געשילדערט מענטשן רויִקע, טמימעסדיקע. זיי וועבן זייער פּאַשעטן לעבן אין אידילישער שטילקייט פון פעלד און דאָרף. אָבער די אידעע, וואָס איז פּרעזערווירט אין איר, דער אינהאַלטלעכער מיין איז דער זעלביקער, נאָר בוילעטער, אָפענער.

אין דעם פאַרלעצטן קאַפּיטל פון „קידוש השם" שילדערט אַש דעם איינדרוק, וואָס די יונגע דווירע האָט מיט איר הייליקן טויט געמאַכט אַפן קאָזאַק יערעם. איינס פון די פאַנטאַסטיש־ראָמאַנטישע קאַפּיטלעך אין אַשס ראָמאַנטיק. אים, דעם קאָזאַק, האָט זיך דאָ געדאַכט, „אַז ער האָט זי ווו און ווען געזען, ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל און ער געדענקט ניט ווו ער האָט זי געזען". נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט: „און ער האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ פאַר דווירען אַף די קני און אָנגעהויבן צו בעטן, ווי מען בעט אַ הייליק בילד"... ער איז געווען זיכער, אַז ער זעט פאַר זיך „גאָטס מוטער", ער — און לויט אַשס אויפפאַסונג — דער קריסטלעכער העלד.

אין דער „קישעף־מאַכערן" איז די הויפּט־העלדין פון ראָמאַן אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל פון דער הייליקער מוטער.

יעפטאָ האָט געשטאַמט פון דער פאַמיליע אַבאַרבענעל — אַ צווייַג פון דאַווידס שטאַם, אַ לייַבלעכע קרויווע, הייסט עס, פון מיריעם פון גאַליל — און דער ווענעציאַנער מאָלער פאַסטילאַ האָט פון איר געמאָלן אַ מאַדאָנע־בילד און ווען מען האָט איינמאָל דערזען די לעבעדיקע יעפטאָ, איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַ לעגענדע, אַז גאָטס מוטער, „די מאַדאָנע פון ליבע", די הייליקע געשטאַלט, האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער ייִדישער געטאָ.

אַט־אַזוי איז שוין אַש פאַרקאָכט געוואָרן אין דער „מאַדאָנע פון ליבע" מיט דרייַסיק יאָר צוריק. די בילדער און מעטאַפאָרן, די אינעווייניקסטע עמאָציאָנעלע שטריכן, דעם פּאַטאָס פון מיריעמס בילד, האָט ער

ברייטער געשילדערט אין זײַן לעצטן ראָמאַן, וואָס איז דער סאַכאַקל פון זײַן עוואַנגעלישער דערפאַרונג, פון קריסטלעכן מיטאָס, קינסטלעריש גע־שטאַלטיקט.

***

לאָמיר איבערגעבן בעקיצער דעם סיפּער האַמײַסע.

אין אַ לויטערן באַגינען רײַט אַרײַן אַף אַן אייזל אין שטעטל ניצע־רעם דער יאַכסאָנישער יונגערמאַן יויסעף בען יאַנקעוו. ער קומט צו פאַר־קנאַסן זיך פאַר זײַן קאַלע מיריעם, די טאָכטער פון דער אַלמאָנע כאַנע, וואָס ציט איר יִכעס פון מאַלכעס ביים דאָוויד. דער שאַדכן איז מיריעמס אַ קאָרעוו ר׳ אַלימעלעך. די טנאָים ווערן געפּײַערט אַפן דעמאָלטדיקן יִידישן שטייגער. די באַכיינטע און פאַרטרויִמטע מיריעם גייט אַרום נאָך די טנאָים פול מיט אַנגסט און באַהאַלטענעם טרויער־פאַכעד. זי פילט, אַז איר גוירל איז ניט סטאַם ווערן יויסעפס ווײַב, נאָר אַז איר איז באַשערט צו געבוירן אַ זון, וואָס וועט ברענגען פאַר דער וועלט די געולע.

די סצענע, ווי אַש שילדערט זי, האָט אין זיך עפּעס פון אַ נאַכט־מיסטעריע. ס׳דאַכט זיך אונדז, אַז מיריעם גייט ווי אַ שלאָפוואַנדערן אַנטקעגן דעם באַשערטן.

אין אַ שיינעם טאָג, ווען די פאַרכאַלעמטע קאַלע קערט זיך אום פון ברונעם, וווּ די מיידלעך שעפּן וואַסער, אין איר קאַמער, דערשײַנט דאָרט דער הייליקער גײַסט אין געשטאַלט פון אַ סאָרעף און דעקט פאַר איר אויף דעם סאָד, וואָס די מוטער ראָכל האָט איר שוין אַמאָל גע־היימניספול איבערגעגעבן בעשאַס זי האָט מיט אַ צײַט צוריק, פאַר־בראַכט מיט איר קרוויוּע עלישעוואַ אין „עזרת נשים" — די פרויען־אָפּטיילונג פון ביים־האַמיקדעש, אַז זי וועט אויסטראָגן מאָשיעכן... דער מאַלעך זאָגט צו איר אַזוי: „שרעק זיך ניט, מיריעם, וואָרעם האָסט גע־פונען כיין בא גאָט. זע, דו וועסט טראָגנדיק ווערן און וועסט געבוירן אַ זון און רופן זאָלסטו אים יעשוע און ער וועט זײַן גרויס און וועט גערופן ווערן דער זון פון העכסטן: און גאָט, דער האַר, וועט אים געבן דעם טראָן פון זײַן פאָטער דאָוויד און זײַן קעניגרײַך וועט זיך ציען ביז צו אייבי־קייט".

און ווען מיריעם פרעגט דעם מאַלעך: „וויאַזוי קאָן עס געשען. אַז

איך קען דאָך ניט מײַן מאַן?" ענטפערט דער סאַרעף: „דער הייליקער גײַסט וועט קומען איבער דיר און די מאַכט פון אייבערשטן וועט דיך באַשאָטענען און דעריבער וועט די הייליקע זאַך, וואָס וועט פון דיר געבוירן ווערן, גערופן ווערן דער זון פון גאָט".

און אַז מיריעם גייט נאָכדעם צום ברונעם מיטן קרוג, דערקענט אַן אנדער מיידל, אַז זי איז מעוברעת און עס פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג וועגן איר שוואַנגערשאַפט. „איר בויך צווישן די ציין", זאָגט איידעס דערווייף. מען רופט דעם כאָסן צום בעסדן, ער זאָל זיך מוידע זײַן, ווײַל אויב ניט, קומט לויטן דין דער קאַלע סקילע, פאַרשטיינערט ווערן. יויסעף בען יאַנקעוו ווײַל ראַטעווען זײַן קאַלע פון אַ שענדלעכן טויט, נעמט ער אָף זיך די זינד. ער פּלאַנט אוועקצוגיין צוריק אין זײַן לאַנד יעהודע, פון וואַנען ער איז געקומען, באַווײַזט זיך אָבער צו אים ווידער אַ סאַרעף און זאָגט אים: „יויסעף בען יאַנקעוו, פאָרכט ניט צו נעמען דײַן קאַלע מיריעם פאַר אַ ווײַב, ווײַל דאָס וואָס זי טראָגט איז פון הייליקן גײַסט, זי וועט געבוירן אַ זון און זאָלסט רופן זײַן נאָמען יעשוע, וואָרעם ער וועט אויסלייזן זײַן פאָלק פון זינד און דערפילן די רייד פונעם נאָווי: זע, אַ יונגפרוי וועט טראָגעדיק ווערן און וועט געבוירן אַ זון".

מיריעם אַנטלויפט פון איר גאַליל־לאַנד קיין יעהודע צו איר קרוווע. דאָס געבורט פון קינד קומט פאָר אין אַ שטאַל, ווײַל קיינער ווײַל דאָס פאָר פאָלק ניט אַרײַנלאָזן אין שטוב, און עס איז אַ קאַלטע־נאַכט. די שטערן שײַנען אין הימל און די מאַלאָכים זינגען שירע און עס גנעפינען זיך דאָרט די פּאַסטוכער און אַפילע די אָוועס: אווראָם, יִצכאָק. יאַנקעוו, וואָס ברענגען מאַטאָנעס צום נײַ־געבוירענעם.

אַזוי אַנטוויקלט זיך גראַדנווײַז, אין געוויינלעכן אַשישן סטיל, אַן דינאַמישן אימפּעט, דער סיפּער־האַמײַסע, אַלץ ווי עס שטייט אין עוואַנגעליע ביזן סאַמע פינאַל, ווען יעשוע ווערט געקרייציקט, שטייט אויף טכיאַס־האַמייסים און באַווײַזט זיך פאַר דער מוטער.

מיר האָבן דאָ די גאַנצע ווונדער־מײַסע אין אַ מין רעאַליסטישער ראַם, באַקרוינט און באַפליגלט מיט אַשם ראָמאַנטיק און פאַנטאַסטיק.

פאַר דער קרייציקונג קומט ווידער די מוטער ראָכל, פירט מיט מיריעמען אַ שמועס און זאָגט: „זײַ געטרייסט, מײַן קינד, וואָרעם דו וועסט געבענטשט ווערן. דאָס איז די נאַכט פון ניסאָיען. דער לעצטער

טראָט צום באַרג מוריָה, ווו דער שטיין פון יִצחָקס עקידע ליגט אַנ־געגרייט פאַרן קאָרבן".

דער סיפּער־האַמיַיסע איז אָבער דאָ נישט דער איקער. ווען מען לייענט איבער דאָס ווערק, ווערט נאָך שטאַרקער דער איַינדרוק, אַז דער אידעִישער מיין פונעם ווערק שטיַיגט אַריבער זיַין דערציילעריש־פּאָע־טישע פאָרעם.

מיט אַ פאַרשוווּנדעריִשער האַנט מאָלט דער מעכאַבער שטיקער לעבן, שטייגער, לאַנדשאַפט. דאָס מענטשלעכע אָבער ווערט פאַרשלונ־גען און דאָס איבערמענטשלעכע האָט די אויבערהאַנט, עם הערשן איבער־מענטשלעכע קויכעס, וואָס לעבן אין מיריעמען און אין ישון. אַלץ איז אַן „אַרויסשטראַלונג" פון געהיימע קויכעס.

די קאַוואָנע פון דעם ראָמאַן איז ניט די אויספירלעכע באַשריַיבונג פון זאַכן, נאָר דער אויספיר. ניט אַזוי די עסמעטישע אויפפאַסונג, ווי די קריסטלעך־רעליגיעזע ציל־אָנגעווענדטקייט. די שילדערונגען גופע זיַינען געהיימניספול אָנגעלאָדן. די קרייציקונג און דער טכיאַס־האַמייסים זיַינען די אויפלייזונג פון דראַמאַטישן עפעקט און שפּאַנונג. דער ריטם און דער כאַראַקטער פונעם דערציילן פאַרלאַנגזאַמט זיך, די שילדערונג פאַרברייטערט זיך. אָבער אַנשטאָט לעבעדיק־מענטשלעכע פיגורן פאַרוואַנדלען זיך די העלדן אין מיסטיש־הייליקע סימבאָלן. אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיַין. אַש נעמט דאָך אַלץ פונעם „קוואַל", מיכוץ דער עוואַנגעליע זיַינען דאָך קיין אַנדערע היסטאָרישע קוועלן ניטאָ, באַקומט זיך, אַז ווען ער וועבט אפילע אַריַין די רעמאָזים אין שטייגערישע בילדער און דיאַלאָגן, בליַיבן זיי אַלץ סימבאָלן, אָן דעם מינדסטן פּרווו צו אַנטפּלעקן דעם מענטשלעכן קערן, וואָס ליגט אין דער געשיכטע און באַוויַיזן ווי אַזוי עס איז דערפון אויסגעוואַקסן די לעגענדע.

***

אַש האָט אויסגעוועבט אַרום די באַציִונגען פון דער מוטער מיטן זון, אַן אַטמאָספערע פון וווּנדער און מיסטעריע. די סצענעס, ווו די מוטער מיריעם באַגלייט ישון, זיַינען די הויפּט־פונקטן, וואָס אין זיי בינדן זיך צונויף אַלע פעדים פון דער דערציילונג. זיי זיַינען אָבער פּסיכאָלאָגיש נישט מאָטיווירט.

ישוס ליבע, מאָראַל, זײַן ראַכמאָנעס, זײַן גרייטקייט צום קאָרבן, זײַנען אַלץ אַבסטראַקטע טאַטן, מיסטעריעזע סימבאָלן. וואָלטן זײַנע האַנדלונגען אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אין דער ראַם פון מענטשלעכע באַציִונגען, וואָלטן זיי געקענט ברענגען פּרוכטן, ווײַל די עמעסע מאָראַל גייט אויף און בליט בלויז אין דער פּראַקטיק. אין סאָציאַלן לעבן ווערט באַצייכנט דאָס שלעכטס ווי די זאַך וואָס שטעלט איין מענטשן קעגן צווייטן. אין דער קריסטלעכער מיסטיק איז אָבער דאָס רישעס, יענע טרויעריקע אַבאַסטראַקציע, וואָס ווערט גערופן מיטן נאָמען שאָטן. די גאַנצע אַטמאָספערע, אין וועלכער אַש פירט צונויף די מוטער מיטן זון, איז פאַרשלייערט אין שאָטנס פון אַבסטראַקטן מאַקריוו זײַן זיך...

צווישן די צענדליקער ניסים וועניפלאָעס ווערט דערציילט דער נעס פון כאַסענע אין „קנה". מיריעם און ישו געפינען זיך אויף אַ כאַסענע צווישן אָן אוילעם, וואָס איז זיך מעסאַמייעך, האַלט אין איין טרינקען ווײַן ביז די קריגלעך ווערן אויסגעליידיקט. די מעכוטאָנים און געסט ווילן ווײַן און ס'איז ניטאָ. מיריעמס האַרץ צעגייט פון ראַכמאָנעס אויף די מענטשן וואָס לעבצן נאָך דער מאַשקע. זי שטעלט אָן אירע צאַרפולע אויגן אויף ישון, יענער נעמט די קריגעלעך, פּילט זיי אָן מיט וואַסער און פאַרוואַנדלט זיי אין ווײַן...

ישו, הייסט עס, ווערט באַאײַנפלוסט פון דער מוטער. „תינוקי" — מײַן זויגלינג — אַזוי רופט זי אים, זי ווירקט אויף אים מיט איר מאַמעשן בליק און פּועלט בײַ אים אויס אַ נעס. און דאָ קומט ערשט אַש'ס סענטימענטאַלע אויסטײַטשונג: „ברויט פאַר די הונגעריקע וואָלט זי גיט געפאָדערט פון איר זון, דעם באַל-מויפעס, ברויט פאַר הונגעריקע איז בלויז גערעכטיקייט און אויף גערעכטיקייט האָט זי קיין שליטע ניט. אָבער דער ווײַן פון דערלייזונג וואָס נאָר יעשוע קאָן ברענגען צו די דאָזיקע אונטערטעניקע מענטשן — דאָס איז ניט קיין גערעכטיקייט: דאָס איז דערבאַרעמונג".

אין אָט-דעם ליגט עפּשער דער קערן פון דער קריסטלעכער מיטאָלאָגיע און איר מאָראַל. עס איז „דערבאַרעמונג", עס איז „חסד" — גנאָד — קעגן גערעכטיקייט. „רחמים" קעגן „דין", קעגן געזעץ. דאָס איז די פאָרשטעלונג פון קריסטוס דעם „פּאַסטוך", דעם זיסלעכן געפילמענטשן, דעם גוטינקן „קינד".

די דאָזיקע ראָמאַן־פאָרשטעלונג, די אידיליע, האָט ניט, קאָן ניט האָבן קיין רעאַליסטישן יעסאָד. אַש האָט גענומען פון נײַעם טעסטאַ־מענט דעם ראָמאַן: אַ מוטער, וואָס האָט אַ זון און האָט אים אַזוי ליב אַז זי שטעקט אים אָן מיט איר ליבע, ער זאָל ווערן אַ דערבאַרעמדיקער פאָטער, וואָס קאָן מיט ראַכמים אָפּווענדן „גזר דין", ענדערן דעם סאָ־ציאַלן גאַנג פון דער וועלט.

אין אַשס ראָמאַן איז, אויסער דער מוטער, דאָ אַ מומע מאַריאַמע און אויך מיריעם פון מיגדאל — מאַגדאַלענע. דערציילט אַש — אין נו־סעך פון דער עוואַנגעליע — אַז איין מאָל איז געקומען די „הייליקע זונה" און געבראַכט אַן אַלבאַסטער קריגל מיט טײַערן זאַלבאייל, און זי האָט אים אויסגעגאָסן אויפן קאָפּ פון ישון. נאָר אַז די טאַלמידים האָבן דאָס געזען, האָט עס זיי פאַרדראָסן, און האָבן געזאָגט: „לעמאַי אַזאַ פאַר־שווענדעניש? מען האָט דאָך דאָס געקענט פאַרקויפן פאַר אַ סאַך געלט און עס צעטיילן די אָרעמע לײַט? האָט ישו געענטפערט: „פאַרוואָס זענט איר מעצאַער די דאָזיקע פרוי? אָרעמע לײַט וועט איר טאָמיד האָבן אַרום זיך — אָבער מיך וועט איר באַלד נישט האָבן".

ישו האָט גאָר ניט געוואָלט לייזן די סאָציאַלע פּראָבלעם, — „אָרע־מע לײַט וועט איר טאָמיד האָבן אַרום זיך". דער קויעך פון דער ישו־לע־גענדע ליגט ניט אין איר צוגריפּגעפּלאָכטנקייט מיטן פּאַשעטן, פאַר־שטענדלעכן און נאָענטן מענטשלעכן גוירל, נאָר מיט פאַרבאָרגענע קרעפטן פון ראַכמים און מעכילע.

אַש שילדערט ווי אַזוי מיריעם ברענגט ישון אַף פּייסעך קיין יע־רושאָלאַים אָוילע רעגל צו זײַן צום ביים־האַמיקדעש, ווי דער מינהעג איז געווען. ישו זעט די שטאָט מיט איר קלאַסן־צעטיילונג, מיט אירע קויהאַנים און פּרושים. ער זעט די פאַרדאָרבענע, היפּאָקריטישע מײַסים פון דער קויהאַנים־דינאַסטיע, אָבער פאַרציטערט ווערט ער נאָר ווען ער דערזעט ווי מען ברענגט אַ קאָרבן, מען שעכט אַן אומשולדיק לעמעלע.

דער קליינער, געפּילפּולער יעשוע פרעגט די כאַכאָמים וואָס איי־נער פון זיי איז ר' יויכענען בען זאַקאַי, צו וואָס מען דאַרף די קאָרבאָ־נעס, צו וואָס שעכטן אומשולדיקע לעמעלעך?

אַנשטאָט ר' יויכענען זאָל אים ענטפערן, אַז מען דאַרף טאַקע ניט די קאָרבאָנעס און אַז דערפאַר האָט דער נאָווי געצאָרנט קעגן די וואָס

קויפן אוים די בייזע מײַסים מיט קאָרבאָנעס. ענטפערט דער טאַנע, אַז „דאָס לעמעלע נעמט איבער די זינד פונעם כויטע".

אין טאַלמוד איז עס ניטאָ. אָבער אָט־די טשוווע, וואָס אַש לייגט אַרײַן דעם טאַנע אין מויל, שטימט שוין גאָר מיטן גאַנצן מיטאָלאָגישן באַנעם פון קריסטנטום וועגן „חטא הקדמון", וועגן זינד־באַלאָדענעם מענטשן, וואָס ישו האָט אים אויסגעלייזט מיט זײַן בלוט. „וואָרעם — דערציילט אַש — דעמאָלט האָט ישו באַגריפן, וואָס דער נאָווי האָט גע־מיינט, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם מאַן פון די ליידן, וואָס וועט טראָגן אונדזער זינד און וועט געבראַכט ווערן ווי אַ לעמעלע צו דער שכיטע"... און „ער האָט איצט געוווּסט, אַז מאָשיעך איז גאָטס לעמעלע, זײַן געפּײַניקטער קערפּער וועט טראָגן די זינד פון אַלע, און מיט זײַן בלוט, וואָס ער וועט ברענגען אַף גאָטס מיזבייעך, וועט ער אָוועקנעמען די זינד פון ייִסראָעל".

די קריסטלעכע פאָרשטעלונג וועגן קאָרבן און זינד, וועגן געפּײַ־ניקטן דערלייזער, דאָס איז דער אַקאָרד פון אַשס ראָמאַן.

***

סײַ די צענטראַלע אידעע פון „מאַרי" און סײַ די צענטראַלע העלדן זײַנען ניט קיין היסטאָרישע, נאָר איבער־היסטאָרישע. מיר זעען ניט אײַ־נעם ראָמאַן דאָס קאָלעקטיווע דענקען פון די ייִדן. ניטאָ דאָ די פאַרבינ־דונג מיטן גאַנצן ווירקלעכן דענקען און איבערלעבן פון די ייִדישע מאַסן אין יענע פּײַנלעכע צײַטן, וואָס זײַנען געווען פול מיט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אַספּיראַציעס.

די עפּאָכע, אין וועלכער מיריעם און ישו האָבן געלעבט, איז געווען אַ צײַט פון רוימישע רעדיפעס און נעגישעס. אַ טקופע, אין וועלכער עס האָט געהערשט און געשאַלטעוועט הורדוס „דער רוימישער קנעכט", דער רוימישער לעגאַט, דער טאַליען. וואָרום האָט דעמאָלט דערשטיקט אין ערעציסראָעל דעם ערשטן אויפשטאַנד פון יעהודע האַגלילי, דעם פירער פון די קאַנאָים (זעלאָטן) און קימאַט אין דער זעלבער צײַט, וואָס ישו איז געבוירן געוואָרן, האָט ער געטויט אַפן קרייץ צוויי טויזנט געפאַנ־גענע ייִדישע פרײַהייטס־קעמפער, דערציילט דער היסטאָריקער פלאַוויוס. אַש דערציילט, אַז דער יונגער ישו האָט געזען ווי די רוימער האָבן

געמאָרדעט, געפּלינדערט און פאַרבראַנט די שטאָט ציפּורי. „דער וועג פון נאַצערעס ביז ציפּורי איז געווען איין וואַלד מיט צלאָמים, אַף וועלכע יידן זײַנען אויסגעגאַנגען אין די גרעסטע אַגאָניע־מאַטערנישן", און אַז ער האָט געפרעגט דער מוטער פאַרוואָס אַזאַ אַכזאָריעס, ברוטאַלקייט? האָט זי אים געענטפערט, אַז מען טאָר זיך ניט אַנטקעגנשטעלן די זינדי־קע מיט גוואַלט. „מיר וועלן ניט בײַקומען די אומעס מיט קראַפט. מיר טאָרן ניט האָפן אָפן טויט פון די זינדיקע".

אַ רעמעז, אַז ישוס דערלייזונג איז פאַרבונדן מיט גאָר אַן אַנדער אידעע און דאַרף דורכגעפירט ווערן מיט גאָר אַנדערע וועגן.

און מיריעם און ישו, — ווי האָבן זיי זיך באַצויגן צו די נאַציאָנאַלע טרוימען און האָפענונגען פון פאָלק, צו זײַנע רעאַלע נויטן און באַדערפע־נישן? דער אויספיר וואָס דער לייענער קאָן מאַכן פון שאָלעם אַשס ראָ־מאַן איז בלויז איינער: מיריעם און ישו זײַנען געווען טויב און בלינד צום פּאָליטישן קאַמף. זייער גלויבן אין גאָלע איז געווען געבויט אַף גאָר אַנדערע יעסוידעס ווי די פון די קאַנאָים און פּרושים.

עס איז עמעס, אַז די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן האָבן אין יענער צײַט ניט דערלויבט צו לייגן גרויסע האָפענונגען אַף אַ לייזונג אָן דער הילף פון איבערנאַטירלעכע קויכעס. דאָס האָט ארויס־גערופן באַם פאָלק אַ פּסיכישע גרייטקייט און אַ מעכטיקע דערוואַרטונג אַף אַ לייזונג, וואָס זאָל קומען דורך אַ גרויסער פּערזענלעכקייט און זאָל אפילע זײַן אַזאַ וואָס „נידערט אַראָפּ פון די וואָלקנס אין הימל". אויב אַזוי שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס האָבן זיך די קאַנאָים, די נאַציאָ־נאַלע בונטאַרן ניט אָנגעכאַפּט אין ישון? פאַרוואָס זײַנען בלויז געציילטע אים נאָכגעגאַנגען?

פון אַשס נײַעם בוך — ווי פון פריערדיקן „מאַן פון ניצערעס" — זעען מיר, אַז דאָס פאָלק איז געווען צעטיילט אַף קלאַסן. די געוואַגטע קעמפער, די קאַנאָים, זײַנען געקומען פון די פאָלקס־שיכטן, פון די אַמע־ראַצים. אָבער די קויהאַנים און די געלערנטע האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט סינע. די שטעלונג פון דער טעאָקראַטישער שיכט, די קויהאַנים און די טאַנאָים (געלערנטע), צו דעם פרײַהייטס־קאַמף קעגן רוים איז געווען אַבסאָלוט קעגנעריש. שטעלט זיך אַ פראַגע: פאַרוואָס האָבן זיי טאַקע געראָדעפט ישון? פאַרוואָס האָט ישו אַזוי געלעסטערט די פּרושים?

וואָס זײַנען עס די סאַקאָנעס, וואָס די קויהאַנים און די פּרושישע גע־לערנטע האָבן אין אים געזען? דאַווקע ישון מיט זײַן לערע וועגן דולדן דאָס שלעכטס; זײַן פּרעדיקונג, אַז די פּאַרגיטיקונג דאַרף קומען פון הימל און ניט דורך מענטשלעכע הענט, האָבן זיי דאָך געקענט אויסנוצן ווי אַ דאַמבע קעגן די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען פון די מאַסן און די רעבע־לירנדיקע כוואַליעס קעגן רוים?

דאָס זײַנען אַלץ פּראַגעס, אויף וועלכע אַשם ווערק קאָנען ניט געבן קיין ענטפער. די צענטראַלע אידעע און די הויפּט־געשטאַלטן פון „מאַן פון נצרת" און פון „מאַרי" זײַנען גענומען פון קריסטלעכן מאָסער און זײַנען דערפאַר ניט באַלויכטן מיט אַ נײַעם סאָציאַלן היסטאָרישן אינ־האַלט.

ישו איז בא אַשן ניט קיין סאָציאַלער רעפאָרמער, נאָר אַ מיסטי־שער דערלייזער, וואָס פאַרזיכערט פרײַהייט און גאולה, פאַר וועלכער מען דאַרף ניט קעמפן.

דער קוואַל פון דעם קריסטלעכן גלויבן איז אַ מיטאָס, אַ לעגענדע, וואָס טראָגט ניט אין זיך קיין נאַציאָנאַל־עטנישן און סאָציאַלן כויסעם. דער צענטער פון דער עמונע איז אַן איינציקע פיגור, — אַ מענטש־גאָט אָדער אַ גאָט־מענטש — וואָס זײַן ייִדישער אָפּשטאַם איז עפּעס ווי אַ צופאַל. ער האָט געלעבט אין אַ צײַט, ווען אַ פרעמדער הערשער האָט גע־דריקט זײַן פאָלק. אָבער אויף אים האָט עס קיין רווישעם ניט געמאַכט; ווען זײַן פאָלק איז געשטאַנען באַם ראַנד פון כורבן, האָט ער וועגן דעם ווייניק וואָס געדערדט און זיך קימאַט ניט געקימערט. ער ווערט דערפאַר אין דער קירך און אין אירע הייליקע שריפטן באַזונגען און געמאָלן ווי „אַ מענטש ביכלאַל"; זײַנע רייד און געדאַנקען האָבן געשוועבט אין די אַבסטראַקטע הימלען פון אַלגעמיינער מאָראַל. דאָס קאָנקרעטע לעבן פון אַ באַשטימטן קלאַס, זײַן היסטאָרישער שיקזאַל, די פרייד און צאַר פון סאָציאַלן לעבן, האָט מיט אים עפּשער קיין שייכעס ניט געהאַט, און דאָס זאָל זײַן די סי־בע, וואָס האָט דערפירט צו דער היסטאָרישער קאָרופּציע פון קריסטנטום.

אין סאַכאַקל: אַשס קריסטוס־ראָמאַנען האָבן ניט קיין סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אויסקוק. אַש איז דאָ, ווי אין זײַנע פריערדיקע ווערק, ראָ־מאַנטיש פּאַסיוו און דערפאַר אידעיִש רעגרעסיוו.

אווראָם ליעסינס היסטאָריש ליד

אין קיין שום ספערע פון מענטשלעכן שאַפן הערשט ניט אַזוי דער באַגריף טראַדיציע, ווי אין דער ליטעראַטור, און באַזונדערס — אין אירע הויפּט־צווייגן: די פּאָעזיע און פּראָזע. עס איז ניט נאָר די טראַדיציאָנעל־קייט פונעם דיכטערס פּערזענלעכקייט, פון זיין שטאַם און קינדהייט, עס איז בעיקר די טראַדיציע פון צייט און אָרט — די געשיכטלעכע און נאַ־ציאָנאַלע פּערספּעקטיוו. דער דיכטער, אַפילו דער סאַמע רעוואָלוציאָ־נערישער, רעדט ניט פאַר זיך אַליין, — דורך איםריידן דורעס און טקופעס.

די אינטימע פעדעם, וואָס פאַרבינדן די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, זיינען אַנגערעגט פון זיין אייגענער צייט. די פּאָעטישע אינספּיראַציע פון די העלדן פון דער פאַרגאַנגענהייט — די געשיכטלעכע זעונגען און וויזיעס, וואָס זיינען דאָ אין אַזאַ שעפע אין דער ליטעראַטור פון אַ געוויסער עפּאָכע, — האָבן זייער מאָקער אין די פּראָבלעמען פון יענעם פּעריאָד.

אין דער האַסקאָלע־טקופע, ווען די ליטעראַטור האָט זיך באַגעגנט מיט אירע צייט־פּראָבלעמען, האָט זי געזוכט פאַר זיי אַ באַשייד ניט נאָר אין איר צייט; אין דער אָנהייב פון אַ דראַמאַטישער קאַטאַסטראָפע האָבן די העברעישע דיכטער פון סאָף 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט, י. ל. גאָרדאָן און ח. נ. ביאַליק, געשריבן אויף דער אייביקער טעמע פון „צער האומה", „צער הדורות", „צער התולדה".

אין דער יידישער ליטעראַטור איז אַווראָם ליעסין געווען איינער פון די ערשטע דיכטער, וואָס זיין ליד איז געוואָרן אַן אינטימער דיאַלאָג מיט אַנדערע טקופעס און דורעס, און דאָס וועקט מיט אים — דעם פאַר־וואָרצלטן און פאַראַנקערטן אין אוואַר — האָט די יידישע פּאָעזיע גע־מאַכט אַ נייעם אָנהייב.

אַ. ליעסינס מעהוס, די טיפסטע שטרעבונג זיינע, דאַרף מען זוכן

נישט אין דער אָדער יענער געשיכטלעכער טעמע, נאָר אין דעם מאָטיוו פון זײַן גאַנצער דיכטונג, און זײַן גרונט־מאָטיוו איז די פאַרהײַנטיקונג פון דעם אָוואַר, וועלכן ער האָט אַזוי שאַרף געשפּירט.

א. ליעסין איז, ניט געקוקט אַף זײַן היסטאָרישקייט, געווען אַ זון פון זײַן צײַט. די אידעען, וואָס האָבן אים געגערט, זײַנען געווען די נאַציאָנאַלע ראַנגלעניש פון זײַן ייִדיש־סאָציאַליסטישן דאָר און די העראָיק פון ייִדישן אַרבעטער באַ די ערשטע טריט פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אויפגענומען די טראַדיציאָנעלע פאָרמען און זיי אָנגעפילט מיט אַ נײַעם העראָיִשן טאָך פון זײַן דאָר, און געגעבן אַ היסטאָרישן לעוווש דעם נײַעם רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט.

עס איז ריכטיק, וואָס ער זאָגט וועגן זיך אַליין אין זײַן ליד „אין גוטער ייִדישקייט", נעמענדיק אַלס מאָטאָ יעהודע האַלייווים אַפאָריזם: „ואל תשיאך חכמת יונית, אשר אין לה פּרי כי אם פרחים" — „ווער ניט פאַרפירט פון דער העלענישער כאָכמע, וואָס האָט ניט קיין פּרוכט נאָר בלומען". —

„האָב איך, ווי אַ ייִד, געזוכט
ניט די בלומען, נאָר די פּרוכט".

און די פרוכט פון זײַן עפּאָכע, דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק און טאַט, האָט ער געזען אָנגעוואָקסן אַף דעם צוויי־טויזנט־יאָריקן בוים, וואָס הייסט: ייִדישע געשיכטע.

פון זײַנע ערשטע לידער, געשריבן אין די 90קער יאָרן, ביז די שפּעטערדיקע, געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן, איז דאָ אַ ווײַטער מעהאַלעך. ער איז איבערגעגאַנגען פון לײַכטן סאַטירישן עפּיגראַם און שטימונגס־ליד צו שאַפונגען פון טיפן געמיט. דורך דעם גאַנצן סכום פון זײַן שאַפן דאָמינירט דער ווילן, דאָס שטרעבן צו שאַפן אַ בריק צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דעם הײַנט, צו פאַרברויכן די יערושע־ענערגיע, וואָס זאָל דינען ווי אַ טרײַבקראַפט פאַר די נײַע רעוואָלוציאָנערע קויכעס.

די היסטאָרישע טעמע איז באַ אים געווען אַ לעבנס־טעמע, זי איז אויסגעדריקט געוואָרן אין יעדן קער און ווענד פון זײַן פּאָעטישן געדאַנק און געפיל. ס'איז קיין צופאַל ניט, וואָס אין זעלבן יאָר, ווען ער שרײַבט

אָן זײַן היסטאָרישע באַלאַדע, אָדער ליד־כראָניק „ר׳ עקיבא״ (1907), שרײַבט ער אויך זײַן פּאָעמע „דער שמיד״.

ווי ער אליין דערציילט אין זײַן אַרײַנפיר, האָט ער „...די ערשטע זיבעציק שורעס אויפגעשריבן אין יענעם יאָר אין דער שווייץ, וווּ איך האָב געהערט די טראַגישע מעשׂה פון בויסקער שמיד, א טאַטע פון פינף קינדער, וואָס האָט געשמידט געווער פאַרן זעלבסטשוץ, און איז, באַם אונטערדריקן פון אויפשטאַנד אין די באַלטישע פּראָווינצן, פון די קאָזאַקן דערשאָסן געוואָרן. פון די פּאָר מאָגערע פאַקטן, וואָס איך האָב גע־הערט, האָב איך דערזען אין דעם שמיד פון קורלאַנדישן שטעטל די נע־שאָמע פון א רעבי אַקיווע, וואָס איז אויך, באַם אונטערדריקן דעם באַר־קויכוואָ־אויפשטאַנד פון די רוימער ניט אַנטלאָפן און ער האָט געוואַרט אָפן טאַליען. אונטערן פרישן אײַנדרו־ האָב איך אַרום יענער צײַט אויפ־געשריבן מײַן פּאָעמע „רבי עקיבא״, וואָס האָט געזאָלט אַרײַנגעפלאָכטן ווערן אין דער פּאָעמע וועגן שמיד. ביידע, דער אָנהייב פון דער פּאָעמע וועגן שמיד און די פּאָעמע וועגן רעבי אַקיוון, זײַנען דעמאָלט אָפּגע־דרוקט געוואָרן״.

דעם הערא̇ישן טאַט פון בויסקער שמיד האָט דער דיכטער דערזען אין זײַן נאַציאָנאַלער פּילבארקייט, און האָגאָס דאָס געפיל פון עלעגישן טאָן באַגלייט די פּאָעמע, וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורעס —

„ניט לוסטיק פרײַ אין פעלד,
אין העלן זונען־שײַן,
דערשײַנט פאַר מיר מײַן העלד,״

שמידט ער אָבער באַלד אויס פערזן, וואָס זײַנען באַהויכט מיט קאָנ־דענסירטן פּאַטאָס פון צאָרן און נעקאָמע:

„עס האָבן די פונקען געשפּריצט,
געשפּריצט און געשפּריצט;
א קלינג נאָך א קלינג האָט געבליצט,
געבליצט און געבליצט;
עס האָט אין די פונקען געטראָגן דער קויעך,
דער הייליקער, רויט;
עס האָבן די קלינגען געבליצט אים אין מויעך

א קאַמף ביזן טויט!

עס האָט אים דער בלאָזזאַק געברומט,
געברומט און געברומט;
דער מישפּעט דער גרויסער, ער קומט,
ער קומט און ער קומט!
ער קומט, ווי דער צאָרן פון פאָלק, דער באַפרייער,
דער הייליקער, רויט;
ער דונערט דורך טויזנטער צינגער פון פייער:
א קאַמף ביזן טויט!"

***

א. ליעסין איז געווען נאַציאָנאַל, אָבער ניט פייערלעך־נאַציאָנאַל, וואָס נעמט דאָס לעבן יאָנטעווודיק אינמיטן פון לעבן, וואָס איז דורכ־געזאַפּט מיט וואָכעדיקן יאָגן־וועאַנאָכע־זיפץ. ער איז געווען פאָלקסטימ־לעך. עס איז דאָ אין זיינע לידער די שטילע האַרציקייט פון דער יידישער היים, וואָס מאַכט ווייכער און ליכטיקער דעם טרויער, וואָס באַשטראַלט דעם טונקעלן וואָכעדיקן עלנט. דאָס ליד, האָט ער געהאַלטן, דאַרף טאַקע האָבן אין זיך דעם ווידערקלאַנג פון דוירעס, אָבער עס דאַרף אויך זיין דער העמשעך פון דעם כיינעווודיקן פאָלקס־אויצער אונדזערן, דאַרף האָבן דעם באַזונדערן יידיש־פאָלקישן אַראָמאַט, קעדיי עס זאָל זיין בעעמעס יידיש.

א. ליעסין האָט אַף צוויי אויפאַנים געשטאַלטיקט זיין יידיש ליד: פון איין זייט האָט ער עס דערוויטערט צום מיטלאַלטערלעכן „פּיוט". זיינע לידער פאַרמאָגן עטלעכע געציילטע טעמעס, וואָס זיינען אייגנטלעך איין טעמע. און פון דער אַנדערער זייט דערנענטערט עס צום יידישן פאָלקס־אויצער — „צאינה וראינה", „רבנו בחיי" און דעם טייטש־כור־מעש. דאָס האָט ער דערגרייכט מיטן ווידערקאָל פון ליד, מיטן געמיט אין זיי, ניט דאַווקע מיט סטיליזאַציע. אַלס ביישפּיל וועלן מיר ברענגען דאָס ליד „פרשה בהעלותך":

„זעצט זי זיך אַוועק בא האַלב־פאַרמאַכטע לאָדן;

פינטלען זײַלן שטראָל־שטויב אין אַ שטיל אַ שײַנעם,
פינטלען דאָרט די מײַסעס און די שאַבעס לאָדן,
און די מאַמע מיטן טײַטש־כומעש אײנײנעם —
גאָלדיק־דורכזיכטיק, אין פלאַטערניש אין גרינגער,
לויכטן זיי פון מידבער ביז צו אונדז אין דירע,
טײַטלט מיר פון דאָרט די מאַמע מיט די פינגער,
רופט מיך מיט די ליבע קלינגענישן אירע:
„הער, מײַן טײַערער, די מײַסע פון דעם וואָלקן,
ווי ער האָט אַמאָל אין מידבער אונדזער פאָלק באַגלייט.״

לייענט מען ליעסינס געשיכטלעך־פאָלקישע רעמיניסצענצן, זעט מען, אַז זײַן ליד איז ניט נאָר אַ „בת קדושים״, אַזאַ וואָס שטאַמט פון קידעש־האשעם־מאָטיוו, נאָר אויך אַ „בת־טובים״, אַ העמשעך פון סאָרע באַס־טויווים, פון דער פאָלקסטימלעכער מאַמעשער טכינע.

**
*

א. ליעסין איז אויך געווען איינער פון די גרויסע בענקער אין אונדזער ליטעראַטור. ער האָט געבענקט נאָך אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער יידיש־מענטשלעכער וועלט־אויפפאַסונג און געשטרעבט צו דעם סינטעז, אין העכערן זין פון וואָרט, פון פובליציסטיק און ליד, פון בילד און געדאַנק. מיט רעכט זאָגט ב. ריווקין:

„ליעסין האָט געאַרבעט אַף זײַנע לידער־כראָניקעס סיסטעמאַטיש, ווי דער פובליציסט־היסטאָריקער וואָלט אים אויפגעגעבן אַ פּראָגראַם: איבערזעץ די גאַנצע יידישע געשיכטע אין כראָניקע. אָבער קוקט מען אַרײַן אויפמערקזאַמער, מערקט מען, נישט אַלע געשיכטלעכע געשטאַלטן נעמט ער אין כראָניקע אַרײַן. ער נעמט נאָר די, וואָס זײַנען געווען לעבעדיקע פּערסאָנאַזשן פאַר אים אין זײַן קינדהייט, קאָן ער זיי מיטגעבן פון זײַן קינדהייט נעשאָמע־שפּאַנונג. מאָמענטנווײַז קומט ער צו יענער טיף, ווו באַוווּסטזײַן און אינטויִציע זײַנען איינס. ער האָט דערגרייכט דעם סינטעז — די קונסט פון דירעקטער דערלאַנגונג, דורך וועלכער די עמעס־זאָגערישע אידעע, אַנגעטרונקענע מיט עמאָציע, וואַרפט זיך פונאַנ־

דער אין שפּילנדיקער בילדלעכקייט". („גרונט־טענדענצן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע").

א. ליעסינס מעטאַפאָרן און פאַרגלייַכונגען זייַנען פעסט און גליענדיק; זייַן דינער ליריזם פאַרמאָגט עפּעס שטיינערדיקס. ווען ניט זייַן אינטויִטיווער כוש, וואָלט די געדאַנקלעכקייט און די סכעמאַטיק געווען דאָמינירנדיק. אָפטמאָל ווערן בא אים די געקייטלטע אידעען און בילדער־אַסאָציאַציעס געדיכט אָנגעהויפט. ערטערווייַז דריקט די באַלאָדעניש, אָבער די פּאָעטישע גאַנצקייט ווערט ניט פאַרפאַלן צווישן די געדאַנקלעכע שטיינער, זייַן דיכטערישער „איך" ווערט ניט פאַרזונקען אין די הויפנס רעטאָריק און מעליצע. ער האָט לידער, וואָס ווירקן סוגעסטיוו ניט בלויז מיטן עכטן קלאַנג פון זייער פּלאַסטישקייט, נאָר אויך מיט זייערע ניואַנסירטע פאַרבן.

עס בעט זיך א פאַרגלייַך צווישן ליעסינען און זייַן בען־דאָר ביאַליקן. ווי ביאַליק, איז ליעסין געווען אַ טיף־ייִדישער דיכטער. דער אונטערשייד צווישן אים און ביאַליקן איז ניט קיין גרונט־אונטערשייד פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזייַן און טראַדיציע, ס'איז אַן אונטערשייד אין דיכטערישער קוואַליטעט. ליעסין האָט ניט דערגרייכט די אויטאָריטעט פון ביאַליקס וואָרט, די מאַדרייגע פון זייַן נעוויִיִשן טאָן און אויסדרוק. אָבער אין דער פּלעיאַדע דיכטער, וואָס זייַנען אויפגעקומען אין „ביאַליקס דאָר", איז אויך ליעסינס שטים איינע פון די ייִדישסטע, אייגנסטע.

מענאַכעם באָרײַשאָ

אין אַ ליד פון זײַן לעצט בוך „אַ דאָר" (אַן אָפּקלײַב פון לידער און פּאָעמעס, מיט אַ נאָכוואָרט, 1947), וואָס הייסט „מײַן שאָדן", זאָגט דער דיכטער מענאַכעם באָרײַשאָ:

„אַלע ווײַטע שליאַכן,
ווו כ'האָב צעוואָרפן מײַנע דאָנערשטיקס און פרײַטיקס,
מיט אַלע אויפגאַנגען, וואָס האָבן ניט דערבליט
און אַלע בליונגען, וואָס האָבן ניט דערצײַטיקט.
איז קומט און זעט:
פאַר יעדער קלאַפטער ערד, ווו כ'בין געגאַנגען
מיט גלײַכן טראָט איבער געפּלאָסטערטע שאָסייען,
האָב איך מיט גריבערדיקע מײַלן אָפּגעצאָלט".

מענאַכעם האָט דורכגעמאַכט אין זײַן שאַפן פאַרשיידענע איבער־וואַנדלונגען. אָנגעהויבן האָט ער מיט „תפילות" און „שוואַרצע רויזן", — עלעגישע מאָטיוון פול מיט צאַר, טרויער און אומעט, דער באַזונדערער אומעט פון אַ פּויליש־ייִדישן יינגל. די טפּילעס און די אומעטיקע געזאַנגען מאַכן דעם אײַנדרוק פון רעפלעקסיעס וועגן אומעט און איינזאַמקייט; וועגן טרויעריקן אַרומדרייען זיך אין אַ קאַלטער און פרעמדער וועלט.

„אומעטיק, האַרציקע?... אויגן צעעפנט,
אין טונקעלן הימל פאַרקוקט זיך, פאַרטראַכט...
אומעטיק איז דיר? וואָס זוכסטו אין הימל?
וואָלקן אַף וואָלקן, אַ טרויער דערזעסטו?"

אַזוי הייבט זיך אָן זײַן ערשט ליד „קדוש", געשריבן אין יאָר 1906.

אין טאָך איז מענאַכעם באָריישאָ געווען אַ דיכטער פון טענדענצן און אידעען. דער אומעט פון זײַנע לידער קאָן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ באַשטימטער פּאָעטישער מאָטיוו, נאָר ווי אַ פּסיכאָ־אידעאָלאָגישער שטריך, ווי איינער אַ דיכטער האָט געזאָגט: „ווײַל מען וויסן דעם דיכ־טערס ליד, דאַרף מען ניט נאָר גיין אין זײַן לאַנד, נאָר אויך צו זײַן צײַט". ס'הייסט — צו דער סאָציאַלער טקופע, אין וועלכער ער האָט אָנגעהויבן, ווי אויך צו זײַן שטאַם.

אין דער פּאָעזיע איז מענאַכעם פון אָנהייב־אָן אַראָפּ פון דערעך האַמעלעך, און געזוכט געדאַנקען, פּראָבלעמען. ער האָט דער דיכטונג געשטעלט אַ פאָדערונג. ווי ער וואָלט וועלן די יעכידישע ליריק צערודערן דורך אידעען, פּראָבלעמען.

אין נאָכוואָרט צו זײַן לעצטן פּאָעטישן אָפּקלײַב דערציילט ער אונדז אַליין וועגן זיך: „אין אַן עסיי מיטן נאָמען „זינגער", געדרוקט אין 1912, האָב איך אַזוי געשריבן: „דאָס אַלטע פאָלק האָט קיינמאָל נישט גע־קאָנט אונטערשיידן צווישן דיכטונג און געדאַנק. און איך, וואָס איך האָב דאָס בלוט פון פאָלק אין זיך, בלײַב שטיין פאַר די לידער פון די נײַע דיכטער און קאָן נישט אָפּטרײַבן פון זיך די נאַרישע פראַגע: וואָס גייט עס מיך אָן? נישט דאָס זינגער־פאָלק, נאָר דאָס דיכטער־פאָלק זײַ־נען מיר..."

מענאַכעם באָריישאָ האָט געוואָלט זײַן דער דיכטער פון געדאַנקען און אידעען.

פון וועלכע אידעען? אויך וועגן דעם דערציילט ער אונדז עפּעס, וואָס וואַרפט אַ שײַן אויף אים און אויף זײַן עפּאָכע. די עפּאָכע פון רעאַק־ציאָנערע שטימונגען אויף דער אַלגעמיינער און דער ייִדישער גאַס, די יאָרן נאָך 1905, נאָך דער דורכגעפאַלענער רוסלענדישער רעוואָלוציע, די יאָרן פון רעזיגנאַציע־שטימונגען, פון „גאָט־זוכעניש" און „גאָט־בוייונג". דער אָפיציעלער קריטיקער פון יענער צײַט, באַל־מאַכשאָוועס, האָט, ווי מענאַ־כעם דערציילט, אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, איינפאַך „באַגאַנגען אַ ראַפּי־נירטן ליטעראַרישן מאָרד" אויף אים. „פאַר באַל־מאַכשאָוועסן איז דער איניען געווען קלאָר; נישטאָ קיין טאַלאַנט. פאַר פּערעצן — נישט (מענאַ־כעם איז געווען אַן אָפּטער אַרײַנגייער בײַ פּערעצן און זיך באַטראַכט פאַר זײַנעם אַ טאַלמיד — א. ב.). ער האָט געוווּסט, אַז עפּעס איז דער

מער מיט מיר, און מיך געוואָלט היילן מיט וויסן און קונסט, די בעסטע צוויי רעפֿועס, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט. עס האָט מיר גענומען אַ סאַך יאָרן ביז איך האָב אַליין אָװעקגעשטעלט דעם דיאַגנאָז פֿון מײַן „קראַנקהייט". עס איז מיט מיר פֿאָרגעקומען אַ פֿאַטאַלער טאָעס. איך האָב נעדאַרפֿט זײַן מײַן טאַטנס זיידע און נישט זײַן זון. אָנשטאָט אַרײַנגעבוירן צו ווערן אין אַ דאָר מיט אַ גאַנצער עמונע, בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ דאָר מיט אַ צעשטויסענער. האָט דער דאָר זיך געפֿונען, און בײַ מיר האָבן זיי זיך נישט צונויפֿגעמישט, כאָטש איך בין קלוימערשט מיטגעגאַנגען מיט באַוועגונגען און אידעען".

אין אַנדערע ווערטער: טיף אין האַרצן האָט אים געבוירט אַ כאַראָטע, פֿאַרוואָס ער איז ניט געבוירן געוואָרן פֿריער. אין די צײַטן פֿון די „זיידעס", הייסט עס, וואָלט ער געשריבן מיט גלויטיקער עמונע פּיוטים און פֿרומע געזאַנגען. איז ער אָבער געבוירן געוואָרן אין אַן „אומגליקלעכער צײַט", אין אַ דאָר, וואָס איז אָוועק צו נײַע אידעען און באַגריפֿן, וועלכע ער האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אָננעמען.

אויך קונסט האָט אים ניט געהאָלפֿן. בײַ מענאַכעמען איז פֿון אָנהייב־אָן קיין גרויסער כילעק צווישן דיכטונג און געדאַנק ניט געווען. ער האָט געפֿאָדערט פֿון דער דיכטונג געדאַנק און אַן ענטפֿער אױף פּראָבלעמען. ביידע האָט ער געהאַלטן, דאַרפֿן דער וועלט צוטראָגן אידעען. דאָס האָט אַרויפֿגעלייגט אַ שווער געמיט אױף זײַן דיכטונג. זײַן ליריק איז געווען אַ געדאַנקען־ליריק. אין יעדער זאַך האָט ער געזוכט געדאַנקען. דאָס איז זיכער געווען אַ באַגרענעצטקייט פֿון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, ווײַל דער גאַנצער און פֿולער קינסטלער קומט פֿון זאַכן צו אידעען, ניט פֿאַרקערט — צו זאַכן פֿון אידעען.

„בײַ אַ גרויסן קינסטלער — שרײַבט ראָזאַ לוקסעמבורג אינעם אַרײַנפֿיר צו קאָראָלענקאָס ווערק — האָט דער געדאַנקלעכער רעצעפּט, וועלכן ער לייגט פֿאָר, אַ צווייט־ראַנגיקע באַדײַטונג; אַ דעציַדירנדיקער מאָמענט איז דער קוואַל פֿון זײַן קונסט. דער גײַסט, וואָס באַלעבט אים, און ניט דער ציל, וואָס ער האָט זיך באַוווּסטזיניק געשטעלט".

בילד און געפֿיל, ווי אַ מיטל פֿון אויסדרוק, זײַנען פֿאַר אַ דענקער ניט מער ווי אַ צוגאָב, קעדיי צו דערפֿירן דעם געדאַנק נענטער צום לייענער אָדער צוהערער. אין די ספֿערן פֿון קלאָרן גײַסט זײַנען זיי, אַזוי צו

זאָגן, נאָר באַדינער. אָבער גראָד ווען מען איז אויג אויף אויג מיט דעם נאָענטסטן, אינעווייניקסטן סאָד, קליידט מען אים אָן אין קלאָרע, פאַר־שעטע דיבורים, — דאָס איז די אידעאַלע שפּראַך פון דענקען. גאַנץ אַנ־דערש איז אין די ספערן פון קונסט; געפילן און בילדער שוועבן דאָ אַרום פריי, אפילו ווען זיי זיינען געקליידט אין פאָרמען פון סייכלדיקן וואָרט. ווייל דאָס סייכלדיקע איז דאָ, אין דער עסטעטיק, ניט מער ווי אַ באַדי־נער. דער טאַכלעס איז בעיקער דאָס בילד. ניט בילדער און געפילן, נאָר געדאַנקען, אידעען — דאָס איז דער ציל, וואָס מענאַכעם האָט זיך גע־שטעלט. פון דאַנען נעמט זיך, וואָס ער איז אָפּט אַריינגעפאַלן אין ריין־סכאָלאַסטישע וואַנדלונגען, און אַ סאַך ערטער זיינען באַ אים שווער און אומפאַרשטענדלעך.

מענאַכעם באַריישאַ איז געקומען אין דער דיכטונג אַן אָנגעלאָדע־נער מיט אַ ירושע, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט אַראָפּוואַרפן פון זיך, און ס'איז אים שווער געווען צו געפינען די האַרמאָניע צווישן דער פאַר־גאַנגענהייט און דעם נייעם זיין.

זיין לידער־בוך „זאַמד" איז טאַקע דערפאַר, ווי ער אַליין זאָגט (אין דערמאָנטן נאָכוואָרט), „אַ בוך מיט אַ נאַציאָנאַלער אידעע, וואָס איז געלעגן אָפּן אויסגעשפּרייט אויף יעדן ליד. פּראָסט־פּאָשעט — אַ מוסער־בוך. איך האָב גענומען די מיטלען פון קונסט און זיי פּאָשעט אויסגע־נוצט אויף פריידיקן אַן אידעע", און דאָס — זאָגט ער אַליין — „האָט ניט געקאָנט געלונגען".

איז זיין בוך „זאַמד", מיטן אויסנאַם פון עטלעכע לידער, געווען מער אַ אידעען־בוך ווי ריינע ליריק.

***

דאָס געלונגנסטע צווישן זיינע עפּישע ווערק איז זיין פּאָעמע „זאַוול רימער", אַ כראָניק וועגן מאָמענטן פון ייִדישן לעבן פון פאַר און בעיס דעם ערשטן וועלט־קריג. אין דער דאָזיקער פּאָעמע האָט ער באַוויזן אָנ־שטאָט גלאַט צעזונגענע רייד אין אַ צעפלייץ פון געפילן, — געבן סי־טואַציע, כאַראַקטערן, געשטאַלטן. אויך זאַוול רימער אַנטפּלעקט אַרויס זיין אייגענע אינערלעכע וועלט, עס פאַרקנוילן זיך דאָ אויך פראַגן און

פּראָבלעמען, עס איז אָבער פאַראַן אין דער פּאָעמע אַ גרויסער איקער — ער האָט באַוויזן אַרײַנצודרינגען אינעווייניק אין דער נעשאָמע פון זײַן העלד. אין זײַן גאַנג ווערט זאַוול רימער געלײַטערט, דערהויבן און פול מיט גלויבן אין אַ נײַעם מאָרגן.

„די שײַן איז דאָ און וואַרט אַף דיר,
און ווען סטו עפענען די טיר,
וועט זי דיר אויפקומען אַנטקעגן
ווי העלער מאָרגן אַף די וועגן."

דאָס איז די לעצטע סטראָפע, מיט וועלכער מענאַכעם האָט פאַר־ענדיקט זײַן פּאָעמע־כראָניק.

זאַוול רימער איז, אָן שום ספק, געווען אַ מאָדרייגע און אַן אויס־שטײַג אין מענאַכעמס שאַפן.

מיט זײַן לעצט גרוים ווערק, „דער גייער", האָט ער געמאַכט אַ גרויסן פאַרמעסט. „דער גייער" האָט אַרויסגערופן מיינונגס־פאַרשיידנ־הייטן. די לויב־געזאַנגען זײַנען ניט געווען אינגאַנצן קיין אומבאַרעכ־טיקטע.

„דער גייער" (קאַפּיטלען פון אַ לעבן) איז אין טאָך ניט קיין פּאָע־מע, גוט אָדער שלעכט אויפגעבויט. עס איז אַ בוך פון סימבאָלן און אי־דעען, מער ווי אַ סיפּער־האַמײַסע. עס איז אַ ברייטער עפּישער לײַוונט, אַף וועלכן מענאַכעם האָט אַרויפגעפירט זײַנע פילאָזאָפישע אידעען־פּראָבלעמען.

דער העלד נויעך גייט פון דעם אידעיִשן געראַנגל פון עלישע בען אבויע און ר' אַקיווע, איבער דעם סוידעסדיקן זוכן פון דער קאַבאָלע; דורך דער פאַרגלייווערטקייט פון ראַמבאַמישן סייכליזם; דורך דעם היס־טאָריאָסאָפישן באַנעם פון קראָכמאַל און אַנדערע מאַסקילים. האַסקאָלע, דעמאָקראַטישע בסידעס, מאַסקילישע פּלוטאָקראַטיע און קאָהעלשע ביור־ראָקראַטיע. מיט רעכט האָט עם די קריטיק באַצייכנט מער אַלס „ספר" ווי בוך אין געוויינטלעכן זין.

„דער גייער" איז פּראָבלעמאַטיש־געדאַנקלעך אין אינהאַלט, האַרט אין סטיל, און אין דער זעלבער צײַט אָפט אויך ליריש און אויך אָנגע־לאָדן מיט בילדער.

„דער גייער" איז אַ דירעקטער העמשעך פון לידער־בוך „זאַמד".
עס איז דער נאַטירלעכער אויסדרוק פון מ. באַרײַשאַס געדאַנקען־אָנגע־לאָדנקייט — פון זײַן שטענדיקן גריבלען זיך און זוכן, וואָס די ערשטע סימאָנים זײַנען שוין קאָנטיק געווען בײַ אים מיט דרײַסיק־פערציק יאָר צוריק. דער זוכעניש־מאָטיוו איז שוין דאָ קלאָר און אָפן, ווי מענאַכעם וואָלט געזאָגט צו זיך אַליין: אויב ס'איז מיר באַשערט צו פאַרברענגען אין בלאָנדזשען און זוכעניש, וועל איך אוועקגיין צום אוואַר, צו די דווי־רעס, און דאָרט זוכן אַן ענטפער.

אָט די היסבוינענעס (קאָנטעמפּלאַציע), די גריבלעניש און טראַכטע־נישן, האָבן אים דערפירט צו פּעסימיזם און רעזיגנאַציע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פּרוכטלאָזער גאָט־זוכעניש און אַנטוישונג אין סאָציאַל־פּראָגרעסיווע מענטשלעכע אידעאַלן און אידעישער דעזערטירונג פון פּראָגרעסיוון פראָנט.

אין אַ בריוו, וואָס מ. באַרײַשאַ האָט מיר געשריבן (דעם 20טן נאָ־וועמבער, 1941), דערציילט ער וועגן דער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט בײַם פאַרענדיקן דעם „גייער": „עפּעס בין איך אַרײַנ־געכאַפּט געוואָרן אין אַ קלעם און קאָן נישט קומען צו זיך. בײַ די לעצטע 40 זײַטן פון בוך האָב איך מיטאַמאָל דערשפּירט, אַז איך שרײַב אין אַ פּוסטן כאָלעל אַרײַן. מיט אַ וואָך צוריק בין איך געווען אָפן דאָרף, גע־זעסן פאַר אַ קאַמין, געפּורקעט די שײַטלעך ברענענדיקע האָלץ און אָנ־געטאַפּט אין זיך דעם אָראָפּגאַנג מײַנעם, און דעם אָראָפּגאַנג פון אַלץ מיט וואָס איך האָב געלעבט, ווייניקסטנס פון שאָלעכץ פון דעם „אַלץ". מײַן אילוזאָרישע וועלט איז באָטל אומעוויוטל געוואָרן..."

און מיט פינף יאָר שפּעטער (דעם 9טן נאָוועמבער, 1946) שרײַבט ער מיר: „אַ פּאָר יאָר נאָכן כורבן האָב איך זיך צו קיין זאַך ניט געקאָנט נעמען, אָבער איצט זיץ איך איבער אַן אַרבעט, וואָס וועט זײַן נאָך ווײַ־טער פון פּאָעזיע און קונסט, ווי וועלכע נישט איז פון מײַנע פריערדיקע זאַכן. אַז איך וועל זוכע זײַן, וועל איך זיך צו עפּעס דערשלאָגן..."

די „נײַע אַרבעט" איז געווען אַ דראַמאַטישע פּאָעמע וועגן „מוישע אין דער מידבער", וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן. אין יענעם בריוו האָט ער אַליין כאַראַקטעריזירט די אַרבעט ווי „אַ ראַנגלעניש מיט גאָט". אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זײַן: זויגט מען זיך אַרײַן אין אונ־

דזער אומגליק מיט לײַב און לעבן, זײַנען דאָ צװײ אױסװעגן — אָדער א טאָטאַלער איָעװישער „שילט גאָט און שטאַרב“, אָדער א פרישער שפּראָץ פון גלױבן, אַז די געשיכטע פּראָגרעסירט און גאַראַנטירט דעם קיעם פון דער מענטשהײט און פון ײדישן פאָלק.

אין דער װײַטער פּערספּעקטיװ פון צײַט און געשיכטע װערן פאַר־ענטפערט סטירעס צװישן דעם געשיכטלעכן װעג און די גורלאָלעס פון יעכידים; צװישן דער אבסטראַקטער פאָרשטעלונג װעגן גערעכטיקײט און איר קאָנקרעטער פאַרקערפּערונג אין א געװיסן געשיכטלעכן עטאַפּ, אָבער אפן שעטעך פון צײַט, אין װעלכער מיר לעבן, טרעפט אָפט, אַז די סטירע פאַרװאַנדלט זיך בא יעכידים אין אַן אײנהײַטלעכער פּעסימיס־טישער װעלט־אָנשױונג.

אין די יאָרן 1905 — 1906, װען באָגדאַנאָװ, לונאַטשאַרסקי און אַנדערע פילאָזאָפיש־געשטימטע אינטעלעקטועלע סאָציאַליסטן האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט אין גאָט־זוכעניש און „גאָט־אױפבױ“, און א. לונאַטשאַרסקי האָט געטײַנעט: „מיר זוכן דעם עמעס“, האָט אים לענין געענטפערט: „װאָס איז שײַך מיר, בין איך אױך א זוכנדיקער אין דער פילאָזאָפיע, נעמלעך: אין די דאָזיקע נאָטיצן (עס האַנדלט זיך װעגן בוך „מאַטעריאַ־ליזם און עמפּיריאָקריטיציזם“ — א. ב.) האָב איך זיך געשטעלט פאַר אַן אױפגאַבע אױסצוזוכן די סיבע פאַרװאָס די בורזשואַזיע ז ו כ ט א י ן א ײַ ך: זי זוכט אײַך צו פאַנגען אין אירע נעצן דורך קונסט און פילאָזאָפיע“.

לענין האָט אױך געזאָגט, אַז א װיכטיקער אופן װי אַזױ אױסצור־פּרוּװן אַ פילאָזאָפיע איז אױסצוגעפינען װאָס אירע געלערנטע און נאָכ־פאָלגער האָבן פון איר געלערנט — „לױט זײערע פּרוכטן, װעט איר זײ דערקענען“.

מענאַכעם באָרײשאָ און די אַנדערע גאָט־זוכער די לעצטע יאָרן זײַ־נען געװען באַװירקט פון באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן. זײ זײַנען געװען א פּראָדוקט פון אונדזער פאַרװירטער צײַט, די צײַט פון דער רעאַקציע. און זײער אָנקלײדן זײער סאָציאַלן פּעסימיזם אין א לע־װוש פון „קיעם־פאַרזיכערונג“ און „פרומקײט“ איז אין טאָך עפּשער גאָרניט ײדיש.

אין אונדזער צײַט, מער װי אין אַלע צײַטן, דאַרפן רעליגיע און פי־

לאָזאָפיע זײַנען די פאַרלויפער פונעם דאָר און געדאַנק. רעליגיע קאָן אין אונדזער צײַט נאָר גיין אויף די וועגן פון סאָציאַל־פּראָגרעסיווער באַנײַונג.

מענאַכעם באָריישאָ איז געווען אַ זוכער און אַ פרעגער, און אין זוכן אַן ענטפער איז ער אַוועק צום סטאַטישן אַוואַר. דער כילעק אָבער צווישן דער פּראָגרעסיווער דיכטונג און דער בורזשואזער איז, וואָס די ערשטע שעפּט איר פּאָעזיע פון דער צוקונפט אין דער צײַט, ווען די לעצ־טע — פון דער פאַרגאַנגענהייט. רעדט מען אָבער וועגן אַ פּראָגרעסיוון קלאַס, וועגן זײַן פּײַנלעכער פּאָרמיר־ און קאַמף־געשיכטע, האָבן מיר אַזאַ דיאַלעקטישע פאַרהעלטעניש: די צוקונפט וואַקסט אַרויס פון דער פאַר־גאַנגענהייט; די פאַרגאַנגענהייט באַקומט איר היסטאָרישן טיקן אין דער צוקונפט. ווײַזן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרגאַנגענהייט, הייסט שעפּן פון און לעטוויוועס דער צוקונפט.

אומבאַוווּסטזיניק האָט עס עפּשער מענאַכעם באָריישאָ אַליין אויסגע־דריקט דורכן מויל פון זײַן גייער (אין קאַפּיטל „בלוט און ביר״):

„אַמאָל וואָס געווען און אַמאָל וואָס וועט קומען —
ס׳איז ביידע דאָס זעלביקע וואָרט, אָט און אָט.
דאָס גרעזל וואָס שטאַרבט לאָזט אַ וואָרצל איבער
פאַר אויפגאַנג פון נײַעם זאַפטיקן גראָז.

מיר זײַנען דאָס הויפן ערד פאַרן גרעזל
און אַלע אַמאָלן אין אונדז פאַרקניפּט,
ווען מענטש וועט דעם קנופּ דערקענען, וועט נעכטן און מאָרגן
זיך זײַען דורך אים ווי מעל דורך אַ זיפּ.

וועט ווערן איין הײַנט פון אַלע צײַטן און דוירעס,
פון אַלע ווײַטן און רוימען וועט ווערן איין הי,
און מענטש וועט זײַן דער ליכטיקער ראַנד פון באַגינען,
ווו הימל און ערד באַגעגענען זיך אין גלי״.

מענאַכעם באָריישאָ האָט דעם דיאַלעקטישן קנופּ פון דער געשיכטע נים דערזען, האָט ער פאַרלאָרן דעם גלויבן אין די פּראָגרעסיווע קויכעס, וואָס פירן צו דעם טאָג, ווען „מענטש וועט זײַן דער ליכטיקער ראַנד פון באַגינען״.

ז. ווײַנפּער

דער וועג פֿון אַ פּאָעט איז קימאַט שטענדיק דער געשלאָסענער קרײַז: ער קערט זיך אום צום פּונקט, ווו ער האָט אָנגעהויבן און דאָס איז נים קיין צופֿעליקייט און אויך נים קיין מיסטעריע. פֿון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורע זוכט דער דיכטער דעם אײַנדרוק פֿון זײַן געמיט, פֿון די אָנונגען, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר זײַן פּאָעטישן וועלטבאַנעם. אַ סך מאָטיוון, פֿאָרמעס קאָנען באַרירט ווערן, מער אָדער ווייניקער געבראַכט ווערן צו שלימעס, אָבער הינטער אַלע פּרוּוון רוט שטענדיק אומבאַרירט דער דראַנג פֿון קומען צום אויסדרוק פֿון אַ הויפּטגעמיט. די אומוועגן, די זיג־זאַגן זײַנען אָפֿטמאָל זייער ווײַט איינס פֿון אַנדערן. אָבער אָן סאָפֿעק זײַנען דאָ אינטימע פֿעדים וואָס האַלטן זיי צוזאַמען.

ז. ווײַנפּערס פּאָעטישן מעהוס דאַרף מען זוכן נים אין דעם מאָטיוו פֿון זײַן ליד, נאָר אין פּאָעטישקייט ביכלאַל. ווײַנפּער האָט זיך געשאַפֿן אַפֿן ליד, ער האָט זיך געהאַלטן שפּירעוודיק וואָך דורך גראַם, ריטם, וואָס פֿאַרגרעסערט די איבערלעבונג, וואָס שאַפֿט און מאַכט וואַקסן. נים אומזיסט שליסט ער זײַן קאַמעסדיק און אייבעסדיק ווערק „געקליבענע לידער“ (1932) מיט אַ פּאָעטישער טפֿילע צום ליד און פֿאַרן ליד.

„גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן פֿאַר די קליינע לידער מײַנע וועגן!
ביז איצטער זײַנען זיי געוואַקסן איבער אַלע וועגן, שטעגן
און איך האָב זיי געקליבן, געצערטלט און געפּײַלט און
אָפּגעהיט.
אָ, וויפֿל ווייסן דען באַ אונדז, וואָס עס מיינט אַזוינס אַ ליד!
אַ גראַם, אַ שטראָם, אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, — וואָס
קאָנען ווערטער געבן?

איך לעב דורך אין די לידער מײַנע דאָס שאַרפּסטע פון
מײַן לעבן".

און ווײַל ער האָט געמאַכט דאָס ליד פאַר דער אַוודע און אַווידע פון זײַן לעבן איז ער זיכער, אַז דאָס געזאַנג וועט יערן, קוועלן און אויפקוועלן און אַז

„דער וואָס האָט באַשערט, וועט ווײַטער נאָך באַשערן, —
מאָרגן וועל איך מיט אַ נײַ געזאַנג אַרויס דעם האָריזאָנט
אַנטקעגן".

ווײַנפּער האָט פון אָנהייב אָן די פּאָעזיע גענומען יאַנטעוודיק אין מיטן פון אַ לעבן וואָס איז וואָכעדיק. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז ריכטיק וואָס ער זאָגט וועגן זיך אַליין:

„אַזוי האָב איך צום באַרוועסן גערעדט, גערעדט,
דערציילט אים, אַז איך בין אַ יידישער פּאָעט,
וואָס קישעפט פעדים גילדענע אַרויס פון גראָע יאָר,
ווײַל כאָלעם איז דאָך האָבן אונדזער ווייסטע וואָר.
— — — — — — — — — — — — — — — — —
געקומען איז דער באָרוועסער און קומען וועט ער נאָכאַמאָל.
איך ווייס, אַז הערן וועל איך דורך די טעג און נעכט זײַן קאָל,
וואָס וועט זיך אײַנעסן אין מיר, ווי אין אַ מענטשנס לײַב
די רוט,
נאָר געבן קען איך נישט מער, ווי בלויז מײַן אייגן בלוט. —
מײַן אייגן בלוט און מערער גאָרניט, גאָרניט ניט.
מײַן אייגן בלוט, — מײַן אייגן ליד".

דאָס אַרײַנפיר־ליד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ווײַנפּערס פּאָעטישן גאַנג. זײַן אייגן בלוט, זײַן אייגן לעבן, דאָס איז ס'ליד און מיטן ליד האָט ער באַוויזן ווי גרויס עס איז דער יאָנטעוו, וואָס וואַקסט אַרויס פונעם וואָכעדיקן לעבן.

פאַרשיידן זײַנען די מאָטיוון פון ווײַנפּערס פּאָעזיע. פאַרליבטקייט אין שטעטל־שטייגער און אין דער נאַטור; פעלד, פייזאַזש, אָבער אומעטום איז זײַן סטיכיע דער אייגענער פּאָעטישער ניגון, דאָס לויב־געזאַנג פון בלוט, וואָס פירט אים צום באַוווּסטזײַן אַז —

„נאָכאַלעמען איז גאָר ניט אַזוי שלעכט צו לעבן,
שטייסטו אויף פרימאָרגן, פילסטו ווענמען אָפּצוגעבן
אַ לויב דערפאַר, וואָס דורך די שויבן
שיקט מען דיר ליכטיקייט פון אויבן
און מאַכט זיך ווען אַ טאָג פאַרוואָלקנט אין טומאַנען
איז אויך אין אים קיין אומגליק ניט פאַראַנען —
צינד אָן דאָס אייוועלע און לאָז זיך עס צעברענען
און דו וועסט קענען פלאַם די וואָלקנס ניט דערקענען".

דאַנק און לויב, זיַינען עפּשער וויַנפּערס באַליבטע ווערטער, כאָטש ער נוצט זיי ניט אַזוי אָפט, איז אָבער זייער פאַראַלגעמיינערונג גרויס, צוליב דעם כאַראַקטער וואָס זיי טראָגן אין זיך.

אין „בא דער גרעבליע" קומען צום אויסדרוק די ספּעציפישע אוקראַינער אייגנשאַפטן ווי לעבן־פאַרליבטקייט און אָפּטימיזם („לחיים", „אַ שניי־מענטש"), וואָס וואָרצלט אין דער פּסיכיק פון די שטעטלדיקע ייִדן. טעמאַטיש זיַינען די לידער קליינשטעטלדיק. אָבער וויַנפּערס ווייזיעס, זעונגען, אימאַזשן אַנקערן ניט אין דער שטעטלדיקער מיליע. ער האָט אַ וויזועלן כוש פאַר דער שטעטלשער אָרעמקייט. די בענקעניש נאָכן שטעטל דרינגט אריַין אין זיַין געמיט אָבער ליגט זיך ניט שווער. די ליבע און בענקעניש פונעם דיכטער צו זיַין טריסקער פאַרגאַנגענהייט זיַינען ניט גוירעם סטאַם אַ פאַרערלעכונג און ראָז־פאַרביקע אידעאַליזאַציע. ווי אידיליש־שאַלוועדיק ער זאָל ניט שילדערן דאָס לעבן פון פאַרגאַנגענעם דאָר, זיַינען די בילדער אָנגעזעטיקט מיט וויזיעס וואָס שטיַיגן אריבער די שטעטלדיקע ראַם און איבער דעם ריטמישן איבערשניט פון זיַין פערז אָטעמט מיט יאָנטעוודיקער שטימונג. די דיכטערישע דערקענטעניש פונעם שטעטלשן פאָלקס־מענטשן און זיַינע ליַידן און פריידן און פונעם קישעפדיקן וואָלינער פייזאַזש האָט אים באַוויגן זיך צו גרונטעווען צום מאָקער פון אַלע פּאָעטישע שיינקייטן, צום פאָלקס־ליד (אַ פאַסטוכל). וויַנפּער האָט אָבער דאָס פאָלקס־ליד איבערגעדיכטעט און דורך דער מעלאָדישקייט און זאַפטיקייט אים געגעבן דעם כיין פון פאָלקסטימלעכקייט („אַ קו", „בים־באָם").

וויַנפּער טראָגט אין זיך די בענקעניש נאָכן שטעטל. ווי ס'ראָוו סאָציאַל־אָריענטירטע ליריקער האָט ער זיך ניט געשטעלט מיטן רוקן צום

שטעטל און אַף וויפיל ער זאָל ניט האָבן געשעפּט אַנרעגונגען פון זײַן פּאָעטישער טעמאַטיק פון אַמעריקאַנער גרויסשטאָט, האָט ער אָבער די שטעטל ראָמאַנטיק ניט פאַרלאָרן. עס איז פאַראַן בײַ אים אַ מין גלײַכגעוויכט צווישן סאָציאַלן מאָטיוו און יעבידיש־בענקענדיקער שטעטל־ראָמאַנטיק. דער סאָציאַל־אינדיווידועלער באַלאַנס איז באַזונדערס געלונגען אַנצוהאַלטן אין זײַן קלאַנגפול אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע „פּיניע" (1939), וואָס איז אין אַלגעמיין געשריבן אין עפּיש־דערציילערישן טאָן, אָבער עס וויייעט פון דער פּאָעמע מיט ליריזם.

די טעמע: די געשיכטע פון אַ דיכטערס וואַנדלונגען און איבערוואַנדלונגען, ווי אַזוי ער איז פון אַ פּאָעט, בײַ וועמען דער גאַנצער אוניווערז איז באַשטאַנען פון אַ פערז, געוואָרן אַ סאָציאַלער פּאָעט.

„געווען איז ער —
ניט מער ווי אַ דיכטער וואָס האָט געזען
אַן אילוזיע רײַטן
אַף אַ וואָלקנדל פון ווײַטן,
פון ערגעץ ניט,
קיין ערגעץ ניט,
אָט אַזוי,
גלאַט אַזוי —
פאַר שיינקייט וועגן".

דאָס איז געווען אַמאָל, אָבער איצט איז ער דערגאַנגען צו דער מאָדרייגע פון איינעם וואָס טראָגט דעם געראַנגל פון

„קלאַסן און
ראַסן, —
דעם אַל פון זײַן אייגענעם ראַסע און
קלאַס,
און ניט איינמאָל צעהילכט זיך אַף גאַסן
זײַן ברוזיקער צאָרן און האַס".

אין גרויס־שטאָט, ווו עס האָט געברויזט מיט הייסן אָטעם פון שטרײַקן, דעמאָנסטראַציעס און בונט־פאַרביקן פּראָטעסט האָט זיך פּיניעס קאָל „צעהעלט

ווי אַ גליִיקער פלאַקער,
און ווי אַ גלאַנציקער אַקער
שנייַדט ער איצט פּאַסן
נאָך פּאַסן
אַף ניו־יאָרקישע גאַסן
און סקווערן".

וויבאַלד אַזוי איז זײַן גאַנץ לעבן געוואָרן ציל אַנגעוועגדעטער, קלאָ־רער, העלער, ווײַל ליד פון לעבן קאָן ניט אָפּגעטיילט ווערן. דערפילט דער דיכטער, אַז

„איצט איז ער אַ פּאַדעם אינעם געוועב
ניט נאָר פון ניו־יאָרק,
נאָר ער איז באַזעלט
מיטן לעבן אַף דער וועלט".

דאָס כאַראַקטעריסטישע אין ווײַנפּערס פּאָעזיע איז די קורצע גע־גראַמטע און אָנגעלאָדענע שורע. וואָרט און גראַם. עס איז בייטיק צוצו־געבן, אַז זײַן קאָמפּאַקטקייט געווינט פון דעם זייער אַ סך אין זײַנע עלעמענטאַרישע נאַטור־לידער, ווו די פּאַראַלגעמיינערונג און אין דער זעלבער צײַט געצאַמטקייט ווערט דערהייבן דורך זײַן לירישקייט און שאַפט, אַזוי נאָך, דעם אומדירעקטן אומבײַט צווישן מענטש, נאַטור און דעם לעבן הינטער זיי.

„דאָס גאַנצע לאַנד געוואָרן איז מײַן ברייטער האָריזאָנט,
מײַן בליק צעוואַכט איז איבער אַלע און איבער אַלע טאָלן.
און איז מיר עפּעס דאָ אַרום ניט געגוי באַקאַנט,
איז איצט דאָס גרינגער דאָך פאַר מיר זיך אויסצומאָלן.
עס זינגט דער טאָל צום באַרג אַרויף מיט זילבערדיקן טײַך
דער באַרג כאַפּט אויף דאָס ליד מיט שווײַגנדיקן פאַרגעניגן".

אין די אַנדערע לידער פונעם ציקל „דער געזאַנג פונעם קולטור־שליח" ווערט זײַן פערז דערהייבן פונעם גראַמען־שאַבלאָן, מיט וועלכן עס צייכענען זיך אויס אַ טייל פון זײַנע לידער אין בוך „דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן" און דאַווקע דאָס עלעגישע און דער לירישער טאָן פון זײַן סאָציאַלער טעמאַטיק שטרײַכט אונטער זײַן דיכטערישן אייגנ־

ארט און ווירקט איבערצייגנדיקער ווי זיין קורץ געגראַמט ליד אין דעם דערמאָנטן בוך.

„זאָלסט זיין געבענטשט מיין לאַנד פאַר די כסאָדים וואָס דו טוסט
מיט אַט אַזאַ, ווי איך, וואָס באַוועגט זיך פון גרענעץ ביזקל גרענעץ!
ביסט וווּנדערלעך אין דיין געיעג און שיין אויך ווען דו רוסט,
דו בלענדסט מיט יוגנטלעכע ציין אַפילע אין דיין גענעץ".

אַט די לידער ווי אויך זיין פּאָעמע „אלה אזכרה" — אַז איך טו זיך טאָן דערמאָנען! ווירקט באַצווינגענדיקער אַף אונדז ווי די אייכאַ־איסטיק־פּאָעזיע. אַט די פּאָעמע דערהייבט זיך ווי אַ טאָפּאָל און מאַכט אונדז פאַרלירן די אַלע אַנדערע פּאָעטישע גראָזן און גרעזלעך, וועלכע זיינען באַ אים פאַראַן אין אַ געוויסער מאָס אין „געזאַנג פון גלוביקן".

וויינפערס בוך „באַם גרענד קעניאָן" (1947) האָט אונטערגעשטראָכן, אַז זיין סאָציאַלע טעמאַטיק איז דורכגעדרונגען מיט ליריק און איז באַהאָפטן מיטן אַמעריקאַנער פּייזאַזש. אין „באַם גרענד קעניאָן" זינגט דער דיכטער וועגן מאַרהגן־רויט, וועגן ווייסע וואָלקנדלעך, אַ שאָף וואָס צוקט פון לאַנקע דאָס גראָז, אַ בלימעלע אין שפּאַלט פון אַ שטיין אאַ"וו. זיין נאַציאָנאַל־יידישער באַוווּסטזיין ווערט פּאָעטיש אויסגעדריקט אין די דעקלאַרירטע אַריינפיר־לידער:

„אַף יעדן באַרג, אין יעדן טאָל, —
אומעטום, אומעטום; אומעטום
איז דאָס הייליקע לאַנד פון „ישראל".
ווו יידישער צונג איז ניט שטום,
ווו יידישער טראָט איז אין גאַנג — — — —
די זעלבע זון, די זעלבע לעוואָנע,
די זעלבע שטערן אומעטום, אומעטום, —
אַזוי ווי אין יעהודע אַזוי אין אַריזאָנע".

אין „באַם גרענד קעניאָן" טרעט דער דיכטער אַרויס ווי אַ ליריקער וואָס גייט צום סינטעז פון דעם געזעלשאַפטלעכן עלעמענט און דעם אינדיווידועלן, צווישן דעם נאַציאָנאַלן און יעכידיש פּאַרטיפטן.

אַפּט ווערט דער גראַם באַ אים געזוכט אַזוי, ער זאָל זײַן אַמפּאַ־סיקסטן צו דער אַנגעלאָדנקייט וואָס די שורע פּאָדערט. דער פּאָעט פּילט, אַז „שווײַגנדיק ליד, גליט ווי דער גראַניט” פון דעם וווּנדערלעכן אַריזאָנער פעלז, אָבער דער גליִענדיק־שווײַגנדיקער גראַניט פאַרוויגט אים ניט אין כאַלעמדיקער רו, נאָר דערמאָנט אים אין עפּעס, רופט באַ אים אַרויס אידעיִשע אַסאָסיאַציע:

„גרענד קעניאָן, —
עס טויכט אין מויעך אויף דער נאָמען לעניִן.
— — — — — — — — — — — — — — — — —
ער איז ווי זעמדעלע אין קאָלאָראַדאָ טײַך,
וואָס שניצט,
און קריצט
און מאָדעלירט
און פּירט
צו אַט אַזאַ מין קעניאָן.
אַזוי איז אויך געווען דאָך לעניִן,
וואָס האָט אַ קריץ געטאָן דאָס לעבן אַף דער ערד
און טיף אין דעם צעיערט
אַ נײַ געוויקס, וואָס בליט”.

און פּונקט אַזוי דערמאָנט אים אַ בלימעלע צווישן שטיינער, אַ רויטע בלוט־באַפּלעקטע פאָן; אַ פערד און שפּאָרן און ענגלישע ביקסן און קאַנאָנען וואָס שיסן אַף ייִדישע קינדער.

גרענד קעניאָן איז זיכער אַ מאָדרייגע אין ז. ווײַנפּערס פּאָעטישן גאַנג, אין זינגעוודיקער פּאָעטישקייט ביכלאַל.

מ. א. סול

מ. א. סול איז אַן אויפריכטיקער סאָציאַלער ליריקער, וועמענס גע־זאַנג איז אַנגערעגט פון סאָציאַלן ארום און קומט אויך פון דער טיף, איז אויפגעקוואָלן פון זײַן דיכטערישן וועזן. דרײַ לידער־ביכער האָט דער יונגער פּאָעט ביז איצט ארויסגעגעבן: „דאָס ליכט אויף מײַן גאַס" (1935); „דעם טאָג אנטקעגן" (1938) און די פּאָעמע „ישראל פּארטי־זאַן" (1942) און אַלע צייכענען זיך אויס מיט דער קולטור פון גאַנצקייט און פּאַשטעס.

סול וועקט גלײַך אויף באַם לייענער דעם פולן צוטרוי. ער האָט ניט קיין אַבסטראַקציעס אין זײַן ליד. די שטאָט און די שטעטל, דער „שאַפּ" און דער „סקווער", די שטוב און די „פּוירנישד רום" (מעבלירטער צי־מער) — אַלץ ווערט געגעבן אין קאָנקרעטע בילדער, מיט פולע ערלעכע פּאָעטישע פארבן.

סול טראַכט גאָרנישט צו. ער האָט אַלעמאָל און אומעטום די גע־העריקע טעכניק. איר וועט באַ אים ניט טרעפן קיין שום הילכעדיקע גע־נעראַליזאַציעס, קיין בלישטשענדיקע פראַזעס אָדער עפּיגראַמאַטישקייטן. ער וועט אײַך גאָרניט איבעררראַשן אָבער אויך גאָרניט אנטוישן — סײַדן מיט אַ זייער גוט בילד און טרעפלעך וואָרט, און אַזוי זײַנען אויך זײַנע געשטאַלטן, די העלדן פון זײַן דיכטונג.

„דער באַגינען האָט מיך הײַנט געטראָפן
באַ מײַן ארבעט פיבערדיק און וואַך;
איך האָב געשלײַפט, געהובלט די סטראָפן,
וואָס כ'האָב אימפּעדיק געשריבן דורך דער נאַכט.
דאָס בעט איז ליידיק און פארבעט —
כ'האָב הײַנט אַפילו דעם געלעגער ניט צענומען
איז גוט וואָס איך בין איצטער אַ פּאָעט
און דאַרף דעם אומרו מער ניט העפקערדיק צעברומען".

„פיבערדיק און וואך" — א געלונגענע פּאָעטישע באַצייכענונג. דער דיכטער איז געגוג פיבערדיק אָנגערעגט צו ווערן ליריש פון לעבן און איז וואך קעגן טאָג, קעגן ליכט איז ער ביעכווילעס צו הובלעווען און צאַמען זיין סטראָפע, פּאָעטיש געשטאַלטיקן זיין סאָציאַלן אומרו.

סולס לעקסיק און סינטאַקס זיינען ביז גאָר פּאָשעט און ניט געקינצלט — דאָס איז א מעכטיקער פאַקטאָר אין דעם קאַמף פאַר א קונסט, וואָס איז צוגענגלעך פאַרן פאָלק.

אין זיין פּאָשטעס דערמאָנט סולס דיכטונג אין עדעלשטאַט. ער האָט לידער וואָס זיינען אין דער בעסטער עדעלשטאַטישער טראַדיציע.

„רופט אים אויך מאָטל, צי דזשימי, צי דזשאָן,
און מעג ער פון שטאַם זיין א ייִד, צי א קריסט,
נאָר איין זאַך איז קלאָר: ס'איז אַן אַרבעטסמאַן,
וואָס וואַלגערט זיך אום איצט ווי אָפּפאַל אַף מיסטן".

אָפט גרעניצט זיך סולס דיכטונג מיט פאָלקס־ליד. זיין בילד, ווייל עס איז גענומען פון פאָלקישן ארום, די אַטמאָספער וואָס מיט איר זיינען אָנגעזאַפּט די שורעס, איז די אַטמאָספער פון די עלטערע סאָציאַלע דיכטער, עס איז אָבער ניט קיין איבערפּראַזירונג פון עדעלשטאַטן אָדער באָווש׳אָווערישן מאָטיוו, עס איז פאַראייניקטע טראַדיציע.

די סאָציאַלע סטיכיע ווייזט זיך דערפאַר בא אים שטאַרקער, ווייל לירישער. מיר האָבן דערמאָנט עדעלשטאַטן און באָווש׳אָווערן. עס איז אָבער ניט נייטיק אָנצעווייזן אַפן ייִכעס פון סולס ליד. אויב ער האָט אַפילע האַשפּאָעס זיינען זיי גוט פאַרדייט אין די אייגענע עלעמענטן.

סולס פּאָעטישער פערז, שורע, וואָרט, איז דורכגענומען פון טיפן סאָציאַלן אומרו. דער אומרו איז אָבער א באַהערשטער און באַהערשט איז ער פון באַוווּסטזיניק־קינסטלערישן גלויבן אין דער גרויסער סאָציאַל־מאָראַלישער מיסיע פון זיין קלאַס און בויער־שטאַם. ער ווייס, אַז דאָס ליד איז ניט קיין קליינע קונסט וואָס דער יאָכיד קאָן זי איינהאַנדלען פאַר א פּאָר קופּערנע מאַטבייעס אַלס זיין אייגנס, נאָר אַז די דאָזיקע קונסט איז, דאַרף זיין א קיניען פון די וועלכע ווילן אַזוי געשטאַלטיקן די וועלט, אַז די ערד זאָל ווערן בליִענדיקער און שענער, דאָס לעבן בונטיקער און די רוימען — גראַמער.

ווייל איז דעם וואס זינגט אין הײַנטיקן יאָרהונדערט
אין פרײַען פערז צי אין געטאָקטן גראַם;
און גייט ניט אום מיט זיך אַליין באַזונדער,
נאָר ווי אַ בוים איז ער פאַרוואָרצלט מיט זײַן שטאַם;
דעם אָדלער־שטאַם וואָס האָט באַזיגט די רוימען,
ווײַל ר'האָט דאָס לעבן אָפּ דער ערד אַוועקגעשטעלט.
דעם בויער־שטאַם פון טורעמס און פון טרוימען —
דעם שטאַם וואָס גייט דעראָבערן די וועלט."

סול איז וואַך און פילבאַר צו דער סטיכיע פון דער נאַטור ווי אַ דיכטער. די נאַטור ווערט בא אים ניט נאָר דורכגעשנירלט מיט סאָציאַלן שטאָף, נאָר אָרגאַניש פאַרבונדן מיט רעוואָלוציאָנערער סטיכיע.

„כ'האָב ליב דעם בוים געוואָרצלט טיף
אין שטורעמדיקסטן וועטער;
נאָר ליבער נאָך האָב איך דעם ווינט,
וואָס לויפט אום זאָרגלאָז ווי אַ קינד
און צופּט פון בוים די בלעטער.
כ'האָב ליב דעם טײַך וואָס רויִק פליסט
און שמייכלט מילד אַנטקעגן.
נאָר ליבער נאָך האָב איך דעם יאַם,
וואָס פּאַטשט אַקשאָנעסדיק דעם צאַם
פון אַלע זײַנע ברעגן."

אַ רעוואָלוציאָנער אַנגעזעטיקט ליד וואָס איז אַזוי עלעמענטיש אינטים מיט דער נאַטור־אַסאָציאַציע.

סולס ליד האָט די גרויסע מעַלע וואָס ער ווייס מיט וואָס פאַר אַ מיטלען ער וויל אָנפירן און דערפירן דאָס ליד, דערפאַר ווערט די סאָציאַלע אָקצענטירונג אין זײַן פּאָעזיע פאַרבונדן דירעקט מיט דעם דיכטערס פּערזענלעכע איבערלעבונגען און פון ערשט־האַנטיקער דערפאַרונג און איבערלעבונג. דערפאַר ווירקט אַזוי אַזאַ ליד ווי „ווען אַ מענטש וויינט" אַזוי רירנד.

„עס האָט די פרייד הײַנט אין מײַן הארץ אַרומגעשפּאַנט,
איך האָב מײַן שאָכן מיט לעניגען באַקאַנט."

אוממיטלבארע און אָפענע דיבורים, אַזוי אין דעם ליד, אַזוי אין אַנ־דערע פּרעכטיקע פּערזן פון דער סעריע „פּויערנישער רומס", ווו דער פּאָעט גיט דעם מינימום פון לאָשן, דעם מאַקסימום פון אינהאַלט.

סולס קראַפט און פרישקייט איז דאָ אין סאָציאַלן ליד, אין די טיף־פּערזענלעכע ליבע־לידער פילט זיך ניט קיין סאָציאַלע רעגונג, איז דאָ די ראָמאַנטיק צו סענטימענטאַל, די שטימונג ניט גענוג אַסאָציאירט און דאָס בילד צו אַלטמאָדיש.

„ווען די זון וועט אַרויס אין באַגינען
און זאָגן גוט מאָרגן דער וועלט,
וועט זי אונדז שוין מער ניט געפינען,
ווי אַמאָל אין אַ שאָ פון באַגינען,
אַליין אויף אַן אָפענעם פעלד."

אַזעלכע שורעס זײַנען צו איינהאָרגיש פאַר אַזאַ פּאָעט ווי סול.

אין דער פּאָעמע „יִסראָעל פּאַרטיזאַן" האָט סול באַוויזן, אַז ער איז אַ ליריקער אויך אין דער עפּיק. אין דער פּאָעמע נוצט סול אויס מיט דערפאָלג די גוטע עלעמענטן פון זײַן פריערדיקער ליריק.

דער פּאָעט ווײַזט, אַז ער איז פעיִק אַרײַנצוקוקן אין לעבעדיקע מענטשן און אַרויסשיילן פון זייער אינדיווידועלער פאַרשיידנקייט דעם וויכטיקן סאָציאַלן טאַמצים.

„יִסראָעל באַלעגאָלע, אַזוי האָט ער געהייסן,
ווי ר'וואָלט אינגאַנצן גאָר קיין צווייטן נאָמען ניט געהאַט.
בײַ די פּניי פון שטעטל — אַ גראָבער יונג, אַ שמײַסער,
בײַ די באַלמעלאָכעס — אַ גוט־ברודער, אַ נאַש־בראַט."

אַ לאַנגע פּאָעמע קאָן ניט אויסמײַדן קיין ווידערהאָלונגען און פּראָ־זאַימען, באַזונדערס ווען מען דאַרף אַלץ אויסלעבן אויף אַ טעמאַטישער פלאַך, סול האָט עס אין גרעסטן טייל פון דער פּאָעמע באַוויזן. אויף דער עפּיש־טעמאַטישער פלאַך לעבט ער אויף די זעלבע לירישע אַטמאָספערע וואָס ער האָט אין זײַנע פריערדיקע לידער־ביכער. יעדע שילדערונג איז שאַרף, בילדלעך און געמאָלן מיט אַ זיכערער האַנט. די איבערגעלאָדנ־קייט פון דעטאַלן שטערט ניט דער קאָנדענסירטקייט. די שילדערונגען

און דערפארונגען ווערן דיסטילירט און קאָנצענטרירט דורך באַגרענעצט־קייט פון פאָרעם וואָס איז כאַל אַפן לירישן ליד.

איין מוסטער:

„וויפיל וווּנקען דאַרף אַ פויער,
וואָס איז אָנגעגליט פון צאָרן,
ווײַל ער ווייס מען ליגט אין לויער
אַף זײַן ווייץ און אַף זײַן קאָרן,
און עס ליידיקט אוים זײַן שײַער
סײַ דער פאָריץ, סײַ דער שטײַער,
און מען רויבט באַ אים די אויפעס,
און מען רויבט באַ אים די פּי,
און מען לאָזט אים בלויז דעם אַקער,
און מען לאָזט אים בלויז די מי״.

דער סטיל פון „ייִסראָעל פארטיזאַן״ איז דער פאָלקלער־פאָלקס־טימלעכער סטיל. עס איז די שפּראַך פון מיזרעך־גאַליציש שטעטל מיט די העברעיִשע אײַנשרויפונגען און באַטאָמטע סלאַווימען.

„און אַז מ׳האָט אים געלאַדן צו פאַרזאַמלונגען געהיימע
פלעגט ער טאָמיד פון די ערשטע זײַן
און שלוימען פלעגט ער אָפּגעבן דעם ברייטן „יִשר כח״;
אַז אַפילע אויך אַזאַ בעהיימע,
אַזאַ פערדישער מויעך
קען דיך אויך פאַרשטיין.
דערווײַלע, ברודערל, איז ביטער דעם געמיינעם,
נאָר ווי זאָגסטע אייביק קען אַזוי ניט זײַן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניט איינמאָל זיצנדיק אַזוי־אַ אַפן וווּגן,
צי באַנאַכט אין בעט באַ מיר אין שטיבל,
טראַכט איך:
נאָך מיט מאַזל וואָס עיך האָב אַפּאָר יאָדאַיִם,
וואָס קענען אָנכאַפּן אַ זעיקל מעיל באַם גאָרגל
און עס אָפּטרוגן פון דאַנען ביז קיין סטרי,

פינדעסטוועיגן — קימט ציגיין דער שאַבעס, דאַרף מען באַרגן
אין מ'הייבט ניט אָן צו וויסן ווי.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עיך הער די רעדסט אַמאָל פֿין מאַרקסן,
דעם דאַטשן ייִד מיט דער באָרד און מיט די גרויסע ברעמען,
צי פינם רימישן גאָי — ווי הייסט ער — לענין
ווּס זוגן זיי?
ווי לאַנג נאָך דאַרף אינדזער שטיקל לעבן
זאַן אַזוי פאַרדוסט און פאַרכאַנדריקעט?"

מייִסטעריש מאָלט ער, סול, אויס אַ נאַכט־אַטאַקע פֿון דער רויטער אַרמיי אין וואַלד ווו עס איז

„שטיל דער שפּאַן און שטיל דער אָטעם,
מען דערוואַרגט זיך אין אַ הוסט.
ס'ליגט געפּאַר אַף יעדן שאָטן,
ס'לויערט טויט אין יעדן קוסט".

בא דער גאַנצער לירישער אינטימקייט פֿון „ייִסראָעל פּאַרטיזאַן", פּאַרמאָגט די פּאָעמע אָביעקטיווע עמעס־שפּראַצונגען, וואָס וואַקסן אַפן באָדן פֿון קאָנקרעטן קאַמף. וויַיט פֿון דער פּאָעמע מיט דיכטערישער פרישקייט און באַשיידענעם ערנסט, וואָס קויפן אויס די עטלעכע ערטער ווו סולס וואָרט איז ניט אָנגעגאָסן מיט געהעריקן בלוּי און די שורע באַקומט אַן אָנמאַכט־שטימונג פֿון אַ שטעטלשן עלעמענט וואָס האָט „געדכילעוועט און אונטערגעשטעלט פּיסלעך דער נייַער מאַכט" אא"וו.

די עטלעכע פֿאָרעם־ און אינהאַלט־שטריכן, וואָס מיר האָבן דאָ פאַרצייכנט, שעפּן קלאָל ניט אויס די דערגרייכונגען פֿון דער פּאָעמע. מיר האָבן עס פאַרצייכנט בלויז צו פיקסירן דעם אַלגעמיינעם אייַנדרוק, אַז סול האָט אין דער פּאָעמע אויפגעהיט זיין דיכטערישע קראַפט און וואָס וויַיזט, אַז סול שטייט צווישן די געציילטע טאַלאַנטירטע יונגע ייִדישע דיכטער.

שאָלעם שטערן

צווישן יינגערן דאָר פּאָעטן אונדזערע, פון די, וואָס זיינען געקומען אין די דרייסיקער יאָרן, איז שאָלעם שטערן איינער פון די, וואָס האָבן זיך פון אָנהייב אָן פאַרנומען אַפּן וועג פון סאָציאַלער ליריק. אַ קינד פון פאַרמילכאָמעדיקן פּויליש־יידישן שטעטל, איז ער געקומען באַלאָדן מיט טראַדיציע און לאַסט פון דערמאָנונג.

די גאַנצע לעבנס־דערפאַרונג פון דעם יונגן פּאָעט איז געווען פאַרבונדן מיט דערמאָנונגען פון זיין היים, מיט דערמאָנונגען וועגן טרוימען און שטרעבונגען צו עכטער שיינקייט און אייביק־מענטשלעכן שטרעבן צו סאָציאַלן גליק אין די באַדינגונגען פון אַלטן שטעטלשן שטייגער. שאָלעם שטערן, דער פילבאַרער ליריקער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך אויסקערעווען מיט דער פלייצע צו זיינע דערמאָנונגען און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע דערמאָנונגען זיינען אַ שטיק ביאָגראַפיע נישט נאָר פון אים אַליין, נאָר פון אַ פאָלקס־שיכט, וואָס ער, דער יונגער דיכטער, האָט זיך געפילט נאָענט צו אים. ווי אַזוי מאַכט מען פון די דערמאָנונגען אַ קוואַל פון שעפערישע עמאָציעס; ווי אַזוי דיכטעט מען איבער און מען פאַרוואַנדלט זיי אין פּאָעזיע פון נייע סאָציאַלע געפילן, וועלכע זאָלן באַלויכטן נישט נאָר דעם אומעט פונעם אַלטן, נאָר די שעפערישע פרייד פון דעם נייעם? פון דעם זינפולן נייעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן סיידער פאַר וועלכן מען דאַרף קעמפן און אויסקעמפן?

איבער אָט דער אויפגאַבע אַרבעט דער ליריקער שטערן. דאָ בינדט זיך, לויט מיין מיינונג, דער טיפערער לירישער עלעמענט פון זיין פּאָעזיע מיטן סאָציאַלן מאָטיוו.

שאָלעם שטערנס דיכטעריש וואָרט, וועגן זיין טאַטן, וועגן זיין שטעטלשן שטייגער איז קווידעסקאַל אַ ליד וועגן זיך, אָבער אויך וועגן אונדז, וועגן אייגענעם צאַר און וועגן צאַר פון דער וועלט.

אָן רעטאָרישע טענער, נאָר ליריש אינטים ברענגט שטערן ארויס

זײַן דיכטערישע עקספּרעסיע און זײַן ערשט בוך „עס ליכטיקט" (1941).

אָן עכט לירישן ליד איז אַזאַ, אין וועלכן עס ווערן אויסגעדריקט די דרײַ גרונט־עלעמענטן: ערשטנס, די טרעפעניש פונעם דיכטער אויג־אויף־אויג מיט דער שטימונג און זײַן איינס־ווערן מיט דער שטימונג און זי אויף אַזוי פיל באַהערשן, אַז די איבערלעבונג ווערט איינס מיט דעם דיכטערס כאַראַקטער; צווייטנס, דאָס נעמען די זון, די לעוואָנע, די שטערן, דעם ווינט און דאָס גראָז, די גאַנצע נאַטור, אַלס איידעס פאַר דער עכטקייט פון זײַן איבערלעבונג, און דריטנס, די סאָציאַלע באַהעפטונג, די געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונג. אויף אָט דער דיכטערישער קוואַליטעט גייען זיך צונויף די עלעמענטן פון שאָלעם שטערנס סאָציאַלער ליריק.

שטערנס פּאָעזיע האָט נישט קיין ספּעציעלע ריכטונג. לויט דער פאָרעם פון זײַן דיכטונג איז שווער צו קלאַסיפיצירן און אָנווײַזן צו וועלכער שול אָדער גרופּע ער געהערט. דאָס איז אַ דיכטונג וואָס האָט איר אייגענעם קלימאַט. אין „עס ליכטיקט" ווערט דער טרויער פון זײַן אייגענעם יעבידישן זײַן באַהאָפטן מיטן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן מאָטיוו. דאָרט ווו ער דערגייט צו שאַרף־נאַציאָנאַלע אויסדרוקן, דערגייט ער אויך צו אַ מאַדרייגע פון יעבידישער שטילקייט.

פונדאַנען נעמט זיך וואָס שטערנס ליד האָט שטענדיק איר פאַרשאַרפטע אידעיִשע שלום־סטראָפע, וואָס באַלײַכט די פריערדיקע סטראָפן און שורעס.

אין דער באַלאַדע פון שפּיטאָל, אייגנטלעך מער פּאָעמע ווי באַלאַדע, איז דאָ דער אינטים־געלײַטערטער טאָן פון ווידוי; די טרער איבער זיך אַליין, וואָס איז אויך אַ טרער איבערן טרויער פון דער וועלט. דער טויט אין שפּיטאָל איז אַכזאָריעסדיק און באַפרײַענדיק.

„עס גאָלדיקט שוין דער מאָרגנשטערן,
באַלד וועט טאָג ווערן
און פול מיט שרעק און ציטער,
קומען וועט צום ווײַסן בעט אַ צווייטער,
ביז אַ שאָ באַרועט
און אוועק וועט ער אין לאַנד פון טויט,
וואָס קיינער האָט נאָך נישט געפונען".

אין זײַן סעריע לידער פון סאַנאַטאָריע האָט ש. שטערן לידער, וואָס

דערמאָנען אָן שום ספק לייוויקן. (פאַרגלײַך ה. לייוויקס „לידער פון גן־עדן", „די באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום"), אָבער אָן לייוויקס מיסטיש־דעמאָנישן קאָקעטירן מיט וויטיק און מיט דאָסטאָיעווסקיס פּײַן פון לײַטערונג. אין דער לעצטער סטראָפע, וואָס איך האָב ערשט ציטירט, לאָזט זיך בעעמעס דערקענען שטערנס פּאָעטיש אַנדערשקייט, וואָס איר גרונט־סימען איז אָבער די ריינע ליריק, דאָס אינטימע פּאָעטישע. אָבער, ווי געזאָגט, דער הויפּט־סימען פון זײַן ליריש ליד איז פון אָנהייב אָן דער אינדיווידועל־סאָציאַלער סינטעז. די אינעווייניקסטע אויפנעמונג און מאָנונג לאָזט אים נישט זײַן מיט זיך אַליין. ער פאַראינערלעכט זײַן ארום, ווערט דער אויפגענומענער מאָטיוו פאַרוואַנדלט אין זײַן אייגענעם ניגון. דאָס איז צו דערקענען אין די לידער „נפתלי באָטווין"; „דער טאַטע זעגנט זיך"; „ווידער" און „אַ צופאַל בלויז". פון דעם לעצטן וויל איך ציטירן די כאַראַקטעריסטישע שורעס, וואָס באַווײַזן ווי דער דיכטער קאָן אַ קערעווע טאָן די סאַמע אינטימסטע לירישע טעמע אזוי, אַז זי זאָל באַקומען סאָציאַל־אינהאַלטלעכן באַדײַט.

„טאַטע האַרציקער,
עס בויערט אין מיר דאָס געוויין
פונעם מענטשן־ליים, פונעם שטומען שטיין.
און עס איז אַ צופאַל בלויז,
וואָס איך בין נישט געליימט
ווי יענער מאַן.
און איצט אַהיים איך שפּאַן".

ווי אַ נאַטירלעכער רעפלעקס פון זײַן יעבידישן און סאָציאַלן צאַר קומט די פאַרביטערטקייט, ציין־קריצעניש און פּויסט־בײַלן קעגן די זעבאַרע און אומזעבאַרע סאָציאַלע קויכעס. דער פאַרפּײַניקטער ייִד אין זײַן עלנטקייט און געבראָכנקייט פלעגט זיך אָפּט טוליען, אַמאָל מיט ליבע און אַמאָל מיט צאָרן, צום גאָט־געפיל. קיין אַנדערן אויסוועג האָט ער נישט געהאַט. אָן דעם וואָלטן זײַנע לײַדן נישט געהאַט קיין שום מילדערונג און קיין שום באַרעכטיקונג. דער מיטלאַלטערלעכער פּאָעט ר' שלומה אבן גבירול האָט שוין דיכטעריש־פילאָזאָפיש פאָרמולירט דעם געדאַנק: „אברח ממך אליך" — איך וועל אַנטלויפן פון דיר — צו דיר". פונקט ווי אַ קינד, וואָס ווערט באַאוולט פון דער מוטער, צעוויינט עס

זיך און ווי אַ פּראָטעסט באַהאַלט עס זיך אונטער דער מאַמעס פאַרטוך, טוליענדיק זיך אַזוי אַרום נאָך נעענטער צו דער מוטער. עס איז לײַכטער צו גלייבן, אַז ערגעץ אין דער וועלט איז פאַראַן „עפּעס אַדער עמעץ", וואָס פּירט אַ געטרייעם וועלט־כעשבן, צו וועמען מען קען האָבן טײַנעס און אַקעגן וועמען מען קאָן זיך בונטעווען. די געציילטע „גאָט־לידער" אין שטערנס „עס ליכטיקט" זײַנען אַיעוודיק־בונטאַריש און שטאָלץ.

„גאָט, דײַנע פאַרלייקענער ווייסן, אַז דו ביסט דאָ,
יאָגסטו אָן אויף זיי אַ שרעק, ברענגסטו זיי רו?
און ווי איך איצט האָט אַמאָל
דער שטאָלצער קרעציקער איעוו
דיר שוין געזאָגט
נישט מיט גוטסקייט פירט דײַן האַנט
פינצטער, ווי שטויסנדיקע כוואַליעס
אויף אַ פעלזן וואַנט".

דער דיכטער ווייס אָבער, אַז די שטראָף איז האַרבער ווי די גרעס־טע זינד און ער זאָגט דערפאַר אין נוסעך־איעוו:

„איך האָב דיך פײַנט,
האָסט אַ גרוב פאַר מיר שוין אָנגעגרייט".

שטערנס לידער זײַנען בעדערעך קלאָר שרײַענדיק. זײַנע מעטאַפאָרן און מאָזשן זײַנען אָפט הארט און גליענדיק. עס איז דאָ אין זיי אַ מין צווישן־ווירקונג פון לירישער דינקייט און געשריי. דער סאָציאַלער אַק־צענט אין בוך „עס ליכטיקט" איז אַ פּויעל־יוציע פונעם דיכטערס פּײַנ־פולע איבערלעבונגען און פון ערשט־האַנטיקער דערפאַרונג; צו די אָנגע־ווייטיקטע סאָציאַלע פּראָבלעמען איז ער נישט געקומען פון דער זײַט, דערפאַר טרעפט זײַן ליריש ליד אין סאַמע טאָך און ער האָט אויפגענור־מען די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע מיט אַלע דיכטערישע קושים, מיט זײַן ליריש האַרץ.

אין זײַן גרעסער לידער־בוך „אינדערפרי" (1945) האָט שאָלעם שטערן פּאָעטיש אויפגעלעבט דאָס אַמאָליקע בילד פון פאַרשניטענעם יידישן לעבן אין פּוילישן שטעטל, וואָס איז אויסגעוואָרעמט געוואָרן בעמעשעך פון דוירעס. דער צוגאַנג צו דער טעמע איז פאַר אים געווען

אַ ביז גאָר לײַכטער. ווײַל שטערן איז אַ טראַדיציאָנעלער דיכטער, פול מיט ייִראַס האַקאָװעד פאַר די פריערדיקע גענעראַציעס. עס מוז אָבער געזאָגט װערן, אַז פון מאַנכע לידער װײעט מיט צופיל נאָסטאַלגיע, היים־בענקשאַפט, פאַראַן אין „אינדערפרי" געגנוג לידער און פאָעמעס װוּ זײַן ליריש־פּאָעטײשע באַטראַכטונג װערט פאַרלוירן אין נאָסטאַלגיש־בענקנ־דיקן אויסגעשרײַ:

„שאָטנס שלײַכן.
פאַרטאָגן קלאָגן.
און די הימלען פײַכטן:
דאָס שטעטל אָן ייִדן איז דאָך טוהו װאָװויהו
װאָס זשע טויג דיר באַשעפער אַזאַ לערע װעלט?
װעט די שכינה שוין מענוכע געפינען
אין אַזאַ װיסטער טויטער רו?"

האָבן מיר דאָ דעם אָפּקלאַנג פון דער אַלטער סליכעסדיקער פּאָעזיע, אָבער בלויז דעם אָפּקלאַנג נישט דעם סטיל, װאָס װערט איבערגעפלאַנצט װען דאָס אייגענע דיכטערישע װאָרט לייגט אים אויס מיט פרישער באַנײַונג.

באַזונדערס װערטפול אין דעם בוך „אינדערפרי" זײַנען די נאַטור־לידער װוּ שטערן נעמט אויף די װעלט אין איר סאַמע פּאָשעטקייט און דאָך אַזוי פיל פאַרביקייט. שטערנס האַרץ איז באַהאָפטן מיט קאַנאַדישן פּייזאַזש, מיט דער ערד, װוּ ער װוינט. ער דערציילט דיכטעריש אויס די ביטערע דאָליע פונעם פויער אַף דער דאָזיקער פּרעכטיקער ערד, די קװוי־בעקער ערד דאָרט װוּ —

„שאַלװעדיקער זומער־טאָג לויכט אַף בלעטערדיקן בוים
אין בלענדנדיקן רוים שעפּטשעט
ברײשעסדיקער באַשאַפנדיקער זאָג:
„כי טוב!"
מענטש, דערשפּיר די פרייד פון דער אייביקייט!"

שטערן האָט אין דעם ציקל „נאָענטע רייד", לויט מײַן מיינונג, גע־פונען די נייטיקע לירישע באַזיניקונג אַף אויסצודריקן זײַן פאַרבינדונג

מיט דער נאַטור און גלײַכצײַטיק איז זײַן ליד אָנגעזעטיקט מיט אידעי־שער ציל־געוואוּנדטקייט.

אין דעם בוך „ברודער טאָם“ ווערט אויסגעצייכנט געגעבן דאָס בילד פון אַ נעגער־יינגל אין זײַן פאַרשקלאַפטן צושטאַנד.

„גוטער שוואַרצער ברודער טאָם,
זאַפּסט אײַן אין זיך דעם פּײַן,
ווי וואַסער דער שוואָם.
די פאַרשעמטקייט וויינט אין דײַן געצעלט.
ביסט אַ שקלאַף אַף אייגן פעלד“.

דאָס ליד, און ענלעכע אָנגעהויפטע נאַטור־אימפּרעסיעס וועגן עלנט און נויט, הונגער און צוואַנג, גיבן שטערנען אַ מעגלעכקייט צו ריכטן זײַן ליריק צום סאָציאַלן פּונק, וואָס מען קאָן פון אים צעבלאָזן אַ פײַער אַף צו באַשײַנען אַ קאַמף קעגן דעם אומרעכט, קעגן דער אוממענטשלעכקייט.

„ברודער טאָם, וואַרף אַראָפּ די פאַרשעמטקייט,
דעם קנעכטישן שפּאַן.
ברענג דאָס האָפן מיט דײַן טיפן גלויבן,
צו אַלע וואָס וואַלגערן זיך אין שטויבן.
גוטער, פּאַשעטער ברודער טאָם
ליכטיק ווערט אַלעמענס געדאַנק.
זינג אויף דאָס ברויזנדיקע שטרײַט־געזאַנג“!

סאָוועטיש־יידיש

דאָוויד בערגעלסאָן

די פיר זײַלן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור — מענדעלע, פּערעץ, שאָלעם־אַליכעם און אַש — טיילן זיך אַף צוויי סימעטרישע גרופּעס: פון איין זײַט די רעאַליסטן — מענדעלע און שאָלעם־אַליכעם: פון דער צווייטער זײַט — די ראָמאַנטיקער: פּערעץ און אַש. אין צווישן האָט זיך אַרײַנגעריסן ווי אַ זון־שטראַל, וואָס איז אין זײַנע ערשטע יאָרן געווען געשטעמפּלט מיט האַרבסטיקן שאָטן, דער פינפטער קלאַסיקער, דער רעאַליסט־אימפּרעסיאָניסט דאָוויד בערגעלסאָן — אַ מײַסטער פון ייִדישער פּראָזע, וואָס האָט זיך אויסגעטראָטן אַן אייגענעם וועג אין דער ליטעראַטור.

נאָך איידער מיר פּרוּוון אויסצוקלאָרן בערגעלסאָנס וועג צו דער סאָוועטישערווירקלעכקייט איז וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אַף זײַנע ערשטע, פאַר־סאָוועטישע ווערק.

דאָוויד בערגעלסאָן איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין די רעאַקציע יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסן מיט עטלעכע גרונטיקע ווערק אין דעם פּילבאַרן און אומרויִקן טייל פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, וואָס האָט שוין דערשפּירט מיט אַלע זייערע קינסטלערישע כּושים, די יערידע, דעם באַרג־אַראָפּ פון דעם ייִדישן בירגערטום.

אין זײַנע ערשטע ווערק האָט בערגעלסאָן נאַטירלעך פריער פאַר אַלץ געשילדערט די דערפאַרונג פון זײַן אייגענעם פּאַרמישפּעטן קלאַס. ער האָט אָבער אַרויסגעהויבן די מאָטיוון פון אומצופרידנקייט און אַנטוישונג פון זײַנע העלדן און דורכדעם באַוויזן איבערצוגעבן, מיט אַ וווּנדערלעכער קינסטלערישער קראַפט, די אומרויִקע שטימונגען פון דער פּילבאַרער אינטעליגענץ, וועלכע האָט, עמעס, זיך ניט געקענט באַפרײַען פון איר סאָציאַלן קלעם, אָבער האָט זיך געריסן פון דעם קלעם און געוועקט אומרו.

אין זײַנע ערשטע דערציילונגען „ארום וואָקזאַל״ (1909) און „דער טויבער״ (1911) איז שוין דאָ דעם קינסטלערס באַהאַלטענע פּאַרבי־טערטקייט און שטומער פּראָטעסט. ער איז פאַרביטערט און פאַרצווייפלט צוליב די „אָפּגאַנג״ און „נאָך אַלעמען״־שטימונגען פון זײַנע העלדן, אָבער אין אָט דער שווערמוטיקער שילדערונג זײַנען שוין דאָ ניט ווייניק סימאָנים פון געזעלשאַפטלעכער אומרויִקייט וואָס האָט געפירט דעם קינסטלער צו געפינען אַן אויסוועג פון דער געדריקטקייט.

צום אַלעם ערשטן דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, אַז בערגעלסאָנס גרע־סערער ראָמאַן „נאָך אַלעמען״ איז, — ניט געקוקט אַף די ראָמאַנטיש־עלעגישע שטימונגען, אַף דעם אינדיווידואַליסטיש־בענקענדיקן מאָטיוו און אימפּרעסיאָניסטישן געמעל און דער גאַנצער האַרבסטיקער לופט און איינזאַמע טענער — אַ סאָציאַלער ראָמאַן.

אין זײַן פאָרוואָרט צו דער סאָוועטישער אויסגאַבע פון דעם ווערק האָט בערגעלסאָן מיט יאָרן שפּעטער (1935) קאָנסטאַטירט מיט באַפרי־דיקונג, „אַז דער ראָמאַן האָט ניט געהאַט קיין אַלגעמיינעם וועג מיט אַלע ווערק פון יענער צײַט, וואָס האָבן אין איינקלאַנג מיט די אידעען פון דער דעזערטירנדיקער אינטעליגענץ באַזונגען די ייִדישע קליינבירגערלע־כע געזעלשאַפט, זי געלאָטעט קעדיי זי זאָל ווײַטער עקזיסטירן״.

ניט נאָר האָט בערגעלסאָן די אונטערגייענדיקע געזעלשאַפט ניט געלאָטעט, נאָר ער האָט זי בעפיירעש דעמאַסקירט, כאָטש, ווי ער אַליין איז מוידע „סאָציאַל אויפגעריסן האָט ער זיך אויך ניט״.

אין אַלע בערגעלסאָנס פאַר־סאָוועטישע פּערסאָנאַזשן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט די „נאָך־אַלעמען״־און „אָפּגאַנג״־שטימונגען; די אַלע העלדן וואָס געפינען זיך אין אָפּגייענדיקן לאַגער און טראָגן זיך אַרום מיט „שטומען פּראָטעסט״ און שפּירן, אַז „דער אומגליק איז נישט אױ־בערצומאַכן״ (נאָך אַלעמען) — זיי אַלע טראָגן אָבער אויך די אָנונג — עמעם אַ פּאַרטונקלטע אָנונג — אַז „ערגעץ מוזן דאָך איצט סאַף קאָל סאַף זײַן אַזעלכע, וואָס פּרווון טאָן עפּעס אַנדערש״ (נאָך אַלעמען).

אַף וויפל די מירעלעך פון „נאָך אַלעמען״, מיילעך פון „אָפּגאַנג״ און נאָך פריער „דער טויבער״, האַלטן, אַז די גאַנצע סוויווע, אין וועל־כער זיי לעבן איז אַן אומווירדיקע, אַפּאָלאָגעטיזירן זיי ניט די בורזשוא־

זע געזעלשאַפט, נאָר דריקן דאָך בעפּיירעש אויס אומצופרידנקייט מיט איר.

ווען מירעלען באַמערקט בערגעלסאָן, אַז זי איז „דאָך אייגנטלעך ניט געווען פעיִק צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אַ וואָסער ניט איז מענטשן, וועלכער האָט אויסער איר באַס־יעכידישער נעשאָמע געלעבט" אָבער ער, דער מעכאַבער, מאָלט קימאַט די גאַנצע גאַלעריי פּערסאָנאַזשן, די אונ־טערנעמער, מעקלער, גווירים מיט זייערע מעשאָרסים, מיט אַזויפיל כווי־זעק און סאַטירע, אַז עס איז אוממעגלעך ניט צו שפּירן ווי דער קינסטלער דערהייבט זיך איבער זײַן צײַט און קלאַס צו אַ נײַער סאָציאַל־קינסטלע־רישער אָריענטאַציע.

**
*

אין זײַן לעצט בוך וועגן בערגעלסאָן (דאָוויד בערגעלסאָן, מאָסקווע 1947), דערציילט יעכעזקל דאָברושין אַז „בערגעלסאָן האָט ליב צו דער־מאָנען דאָס טאַלמודישע וואָרט: „מען לייגט אָרויף אָפּן מענטשן די שווע־ריקייטן פונעם אָרט, פון וועלכן דער מענטש איז אַוועק, און די שוועריי־קייטן פונעם אָרט, וווּהין ער קומט אָן" און דאָברושין גיט צו, אַז „אין זײַן שאַפן אַף דער טעמע פון סאָוועטישן נײַלעבן האָט בערגעלסאָן גענו־מען אַף זיך די שוועריקייטן, די קינסטלערישע אויפגאַבן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט בעשאַס ער האָט געשריבן זײַנע פאַר־רעוואָלוציאָנערע ווערק".

וואָס זײַנען די קינסטלערישע אויפגאַבן, וועלכע דער פּראָזע־מײַס־טער האָט דורכגעפירט אין זײַנע פריערדיקע ווערק?

דאָ איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אַף זײַן אימפּרעסיאָניסטישן מע־טאָד. אימפּרעסיאָניזם ווי אַ ליטעראַטור־מעטאָד, וועמענס גרונט־עלע־מענט עס איז דער סוביעקטיוויזם, דער אומדירעקטער אויסדרוק פון שאַפן.

דער אימפּרעסיאָניזם איז פון אָנהייב אָן געווען פאַרבונדן מיט יע־נע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואָס אָנערקענען די עמפּפינדונג פאַר דער איינציקער רעאַליטעט אין דער וועלט. דאָ הערשט די פּאַסיווע רעפּראָ־דוקציע, דער אײַנדרוק און די רעפלעקסיע פון דעם קעגנשטאַנד איידער

דער קעגנשטאַנד גופא. פֿאַרן אימפּרעסיאָניזם איז נאַטירלעך דער אָפּ־הילך־מעטאָד פֿון דער געשעעניש מער ווי די געשעעניש אַליין.

אין בערגעלסאָנס שאַפֿונג ביז זײַן „באַם דניעפּער" שילדערט דער שרײַבער ניט דירעקט די געשעעניש, די קאָנקרעטע האַנדלונג, נאָר ער גיט דעם אָפּהילך, די עכאָ, דעם אָפּשײַן, די שטימונג, וואָס די געשעעניש רופֿט אַרויס.

„אין נאָך אַלעמען" דאַרפֿן מיר לויט מירלס שטימונג זיך שוין שאַפֿן אַ בילד וועגן גאַנצן כאַראַקטער אין גערדאַליע הורוויצעס שטוב, לויט איר געמיט דאַרפֿן מיר זיך שוין אָנשטויסן וועגן די געשעענישן, וואָס זײַנען פֿריער פֿאָרגעקומען צווישן איר און וועלוול בורנעסן מיט וועמען זי איז שוין געווען פֿאַרקנאַסט און האָט נאָכדעם אָפּגעלאָזן דעם שידוך.

אויך די געשטאַלט פֿון מײַלעכן אין „אָפּגאַנג" איז דורכויס פֿאַר־מירט לויט דעם אימפּרעסיאָניסטישן עכאָ־מעטאָד. די גאַנצע מײַלעך־געשטאַלט ווערט אויסגעקלאָרט דורך דער שטימונג פֿון די מיידלעך און פֿון זײַנע כאַווײרים אין ראַקיטנע. דער אימפּרעסיאָניזם, ווי האַנדלונג ווערט פֿאַרביטן מיט שטימונג, מיט געמיט־צושטאַנד, איז געווען נאַטירלעך פֿאַר בערגעלסאָנס סוביעקטיוויזם אין פֿאַר זײַן פֿאַר־סאָוועטישער טקופֿע. און כאָטש, ווי פֿריער געזאָגט, בערגעלסאָן איז קיינמאָל ניט געווען בלויז אַ מאָלער פֿון אינדיווידועלע פּאָרטרעטן, האָט ער אָבער אָפֿן הינטערגרונט פֿון סאָציאַלע קאַלעקטיוון אונדז געוויזן די שווײַגנדיקע יעכידים, די מײַ־לעכס און מירעלעס. אין זײַנע ערשטע סאָוועטישע דערציילונגען, אין די דערציילונגען וואָס זײַנען אַרײַן אין דעם באַנד „שטורעם־טעג" און זײַן גרעסערן ראָמאַן „מידאַס האַדין", וואָס בערגעלסאָן האָט געשריבן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין די יאָרן 1924 — 1927 און פֿאַרעפֿנט־לעכט אין 1929 — אין די ווערק ווו דער מעכאַבער האָט שוין צו טאָן מיט אַן אַנדער סוויווע און אַן אַנדער מאַטעריאַל, הייבט ער אָן ווײַזן דורך יעכידים גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן.

אין דער נײַער סוויווע ברענגט בערגעלסאָן אַרײַן די „חומרי המקום", די שווערעקייטן פֿונעם אָרט פֿון וועלכן ער איז אַוועק, אָבער אויך די נײַע שווערעקייטן פֿונעם אָרט אין וועלכן ער איז אָנגעקומען. בערגעלסאָן איז ניט געוואָרן זײַן אימפּרעסיאָניסטישע יערושע אָבער ער אַרבעט זי

איבער. דאָס איז שוין אַ נײַער אימפּרעסיאָניזם און סוביעקטיוויזם. דער סוביעקטיווער מעטאָד איז שוין דאָ פאַרבונדן מיט דער נײַער רעאַלקייט.

אין דער דערציילונג „אויף דער הונדערט מיט איינסטער וויאָרסט", ווו ער צילט צו פאַרבריידערן דעם אוקראַיִנישן פאָלקס־מענטשן זאַזוליאַ מיט די ייִדיש־פאַרוואָרצלטע שטייגער־פּערסאָנאַזשן פון זײַנע דערציילונגען, באַקומען מיר אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם אָנגריף און צוריקטריט פון דער רעוואָלוציע דורך דער פאַרשיידענער באַציִונג פון די קרעטשמע־לײַט צום טעלעפאָן פונעם איבערגעבליבענעם רויטאַרמייער. דאָ ווערט ווידער אויפגעשטעלט דאָס בילד דורך דעם אָפּהילך. דער גאַנצער קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און דײַטשן ווערט געשילדערט דורך דעם עכאָ פון דאָזיקן קאַמף אין דער אַלטער קרעטשמע, וואָס געפינט זיך ערגעץ „אויף האַלבן וועג צווישן גרויסן זומפּיקן וואַלד און ווײַט צעפּאָרן בלאָטיק דאָרף".

און אַזוי אויך אין די אַנדערע דערציילונגען וואָס זײַנען געווידמעט דער טעמע פון בירגער־קריג ווי „איינעמס אַ וועג", „הינטער אַ ברע־נענדיק שטעטל".

בערגעלסאָן נוצט אָפט דעם מעטאָד פון אָנהייבן די דערציילונג פון אַ דיאַלאָג, אָדער פּייזאַזש. אָבער דאָ איז עס שוין ניט קיין גלײַכגילטי־קער באַשרײַבערישער געמעל, אָדער אַ „שיין בילד" גלאַט אַזוי. עס טראָגט זיך אַ סוזשעטישע פונקציע. עס ווערט געגעבן ווי אַן אינטערע־סאַנטער קנופּ פון מענטשלעכע צווישן־באַציִונגען. דער סטימול, וואָס דער שרײַבער גיט דעם לייענער באַם אָנהייב פון אַ דערציילונג, אָדער אַ קאַפּיטל ליגט אין די בילדער גופא.

די דערציילונג „איינעמס אַ וועג" הייבט זיך אָן מיט די שורעס:

„אין מיטן דאָרף, אַפן שטיבל פון שליאַך־שטאַב, האָט פון גאַנץ פרי אָן געפלאַטערט אַ שטיק רויטער שטאָף. דער שטאָף האָט ווי אַ פרישער קימפּעט־פאַרהאַנג געהאַט פיל פרייד אין זײַנע קנאַקנדיקע כוואַ־ליעבלעך און אין אַלע אומרויִקע קנייטשן, וואָס אין זײַנע פאַכענדיקע עקן".

און ווײַטער: אין דער ערשטער דערציילונג פון „שטורעם טעג":

„איז די געגנט אַרום אַלעקסאַנדראָווקע אין יענער נאַכט געשלאָפן

נרינג, ווי א כוילע. שיטערע לופט האט אלע ווײַלע אײַנגעדרימלט און אלע ווײַלע זיך אויפגעכאפט מיט נײַע שיסנדיקע שטראמען, וואס טראסקען מיט באנאכטיקן פלוידער, ווי אין טעמפע רוישיקע ספאזמען". די אסאסיאציעס פונעם „קימפעט־פארהאנג" און דער „כוילע־לופט" זײַנען שטייגער־בילדער פון די אויפגעוואכטע נײַ־געבוירענע רעוואלוציאנערע געדאנקען און שטימונגען אין שטעטל, וואס גיבן איבער סײַ די אויפטרייסלונג פון בירגער־קריג, סײַ די פלאטערדיקע געבורט־פרייד פון נײַעם מענטשן.

די הויפט־מיטלען פון בערגעלסאנס קינסטלערישער כאראקטעריסטיק ליגן נאך אלץ אין זײַן אימפרעסיע־געמעל. אבער דאס איז שוין אן אנדער אימפרעסיע. אן אימפרעסיע וואס איז ארגאניש צענויפגעפלאכטן מיט דערווירקלעכקייט. אן עמפפינדונג וואס וואקסט ארגאניש פון דער רעאליטעט, לויטן וווּנדערלעכן אויסדרוק פונעם באגרינדער פון דיאלעקטישן מאטעריאליזם, לענין, וואס האט געזאגט, אז ער ווייסט וואס עס מיינט „ווירקלעכקייט", ווײַל ער האט אויסגעפונען, אז אין זײַן אייגענעם באוווּסטזיין ווירקן די זעלבע געזעצן, ווי אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט, אין די אטאמען און אין די שטערן.

**
*

אינעם ראמאן „מידאס האדין" האט בערגעלסאן געגעבן די אפשפיגלונג פון דער סאוועטישער רעוואלוציע אינעם קליינעם שטעטל גאליבעווקע. ס'ווערט דארט געשילדערט דער קאמף פון די רעוואלוציאנערע זיכערקייטס־ארגאנען קעגן ווײַסגווארדייִשע און ספעקולאנטישע גרענעץ־שמוגלער און קאנטראבאנדיסטן. די דאזיקע טעמע, וואס אין פלוג גייט זי אביסל אן א זײַט פון די אויפגערודערטע מאמענטן, פון די צענטראלע געשעענישן פון יענער צײַט, זײַנען געגעבן אין אזא סוזשעטיש־פאבולארישע שטריכן אז זיי רירן אן דעם סאמע טאך און פראבלעם פון בירגערקריג.

די אידעע פונעם ווערק איז די הארבע שטרענג־גערעכטע און דערפאר הומאניסטישע עטיק פון דער רעוואלוציע.

אין דער געשטאלט פונעם שאכטיאר־קאמענדאנט פיליפאוו געפינען

מיר די גרונט־שטריכן פונעם סאָוועטישן מענטשן, וואָס שטייט אויף דער וואך פונעם סאָציאַליזם.

איינער פון בערגעלסאָנס העלדן פון „מידאַס האַדין" יוזי ספּיוואַק, וועמען פּיליפּאָוו האָט אַרעסטירט פאַר עס־ערישע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע מעשׂים, טראַכט וועגן פּיליפּאָוון:

„אַלע זײַנען ווי ער, בלויז פאַראינטערעסירט צו וויסן: אין וואָס באַשטייט אָט דער אײַזערנער, קאַלטער טראָפּן יווישער און ווער איז דער, וואָס טראָגט אים אין זיך — ווער איז פּיליפּאָוו אַליין?"

בערגעלסאָן ענטפערט אויף דעם מיט פּיליפּאָווס מידאַס האַדינעדיקע מעשׂים. פּיליפּאָוו זעט זיך ווי א „שכיר יאָם פון דער רעוואָלוציע". ער איז דער אַסקעט, דער פראָנטאָוויק מיט די האַרטע פליכטן. די נײַע אָרדענונג פאָדערט זײַן גאַנצן סכום פּסיכישע ענערגיע. אָט דער לײַדנשאַפטלעך אָנגעזאַפּטער רעוואָלוציאָנער טראָגט א דירעקטע וואַרעמע ליבע צו מענטשן פון זײַן צײַט. אָבער אָט די ליבע לאָזט ער ליגן אין א פאַרכאַסמעט קעסטעלע פון דער נעשאָמע ווען עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן וואָס שטערן דירעקט אָדער אומדירעקט דער נײַער סאָציאַלערווירקלעכקייט. ער טוט וואָס ער טוט, מיט אַן אינעווייניקסטער זיכערקייט אין די גרויסע הומאַניטאַרע קאַוואָנעס פון דער רעוואָלוציע פאַר וועלכע ער טראָגט די אַכראַיעס. מיט אַלע אָדערן פון זײַן האַרץ לעבט ער מיט דער רעוואָלוציע און דערפאַר ווייס ער יעדער מאָל ווי אָנצוווענדן דעם אײַזערנעם קאַלטן טראָפּן יווישער „שטענדיק אין אַלע שווערע מינוטן האָט אים דער טראָפּן אונטערגעזאָגט דאָס נייטיקע, דאָס ריכטיקע". די מאָס פון „דין" איז בײַ פּיליפּאָוון ניט אָפּצוטיילן פון דער מאָס „רחמים".

פּיליפּאָווס געשטאַלט ווערט באַזונדערס קלאָר אין דער פאַרקניפּונג מיטן עסער יוזי ספּיוואַק.

ספּיוואַק איז אַן אָנפירנדיקער כאַוואַר אין קאַמינע באַלקער קרײַז. מען כאַפּט אים אויף דער גרענעץ, מען אַרעסטירט אים און ער ווערט א באָלשעוויק. פאַרוואָס? און וויאַזוי?

דורך איין קינסטלעריש בילד איבערצײַגט אונדז בערגעלסאָן אין דער ענדערונג.

באַם פאַרהער פרעגט פּיליפּאָוו ספּיוואַקן, צי איז ער אַן אַרבעטער.

ספּיוואַק ווערט צעטומלט. עס פֿאַרבלײַבט באַ אים אַ געפֿיל, אַז ער איז עמיצן שולדיק אַן ענטפֿער. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע פֿראַגע האָט מען אים שוין אַסאַך מאָל געפֿרעגט, אָבער ער האָט אַף איר ניט געענטפֿערט, ווי מען ענטפֿערט ניט אַף דער פֿראַגע „צוליב וואָס לעבט מען?"

וואָס הייסט ער וויל ענטפֿערן די אַרבעטער? זאָל ער פֿריער ענטפֿערן, צי ער אַליין איז אַן אַרבעטער?

אין אַ צײַט אַרום ווען מען דאַרף אָנקומען צו יוזים הילף באַם אײַבערבינדן פֿיליפּאָווס וווּנדן, גייט ער אַרײַן צו אים, ווען יענער שטייט איבער אַ שיסל וואַסער און דריקט אויס די וווּנדן, פֿון וועלכע עס טריפֿט אײַטער, און אָט דאָ, באַם דאָזיקן אָנבליק פֿון דעם שאַכטיאָרס וווּנדן, קומט ענדלעך דער אַבסטראַקטער עטיקער יוזי צו באַוווּסטזײַן; דאָס, וואָס עס ליגט אים אַף דער נעשאָמע זינט יענעם מאָמענט, ווען פֿיליפּאָוו האָט אים געפֿרעגט, צי איז ער אַן אַרבעטער.

דער אינטעליגענט האָט דערקענט דעם אַרבעטער, וואָס האָט אין זײַן פֿריער יוגנט געהאַט זײַנע טיפֿע, ברענענדיקע איבערלעבענישן פֿון בונטן קעגן אומפּאַרדינטע מענטשלעכע לײַדן און עס ווערט פֿאַר אים קלאָר, אַז זײַן גרויזאַמקייט, זײַן מידאַס־האַדין, איז בלויז די אַנדערע זײַט פֿון ברענענדיקן מיטלײַד, פֿון מידאַס האָראַכמים, וואָס זוכט אַ טיקון אין האַס צו די וואָס זײַנען שולדיק אין די אינויִם פֿון די מיליאָנען.

פֿיליפּאָווס זיג איבער די סאָנים איז אויך מאָראַליש, צוליב דעם וואָס ער אַליין לאָזט זיך אין וואַלד ווײַזן דעם בײַשפּיל פֿון זיך אַליין מאַקריוו זײַן פֿאַר דער אידעע.

בערגעלסאָן דערציילט, אַז די געשוואָלענע וווּנדן, וואָס פֿיליפּאָוו טראָגט אַף זײַן פֿאַרבאַנדאַזשירטן האַלדז און נאַקן, האָט ער באַקומען אין די שאַכטעס ווו ער האָט פֿון קינדווײַז אָן געאַרבעט. אין דער שילדערונג ווי ער בינדט איבער די וווּנדן איז דאָ אַ סימבאָלישער רעמעז אַף דער לעגענדע וועגן מאָשיעכן, וואָס בינדט איבער די וווּנדן באַ די טויערן פֿון רוים. דאָס וואָלט עפּשער פֿאַרטונקלט דאָס געשטאַלט פֿון דעם סאָציאַלן קעמפֿער, ווען בערגעלסאָן זעט ניט אין אים דעם לײַדנדיקן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז באַרופֿן צו באַפֿרײַען די ניט דערלייזטע ענערגיע פֿון אַלע קלאַסן. דאָס ווערט באַזונדער קלאָר אין די רייד פֿון דעם רויט־

אַרמייער פּינקע, וואָס הענגט אַרום דעם צימער מיט רויטע פאָנעז אין דערקלערט דעם עצעם אינהאַלט פּאַרוואָס פּיליפּאָוו האָט געגעבן זיין לעבן.

די גאַנצע האַנדלונג אין דעם ראָמאַן, דער גרונט־טאָן פון ווערק. דער ריטם פונעם סיפּער האָמיַיסע איז צו געבן אָפּן הינטערגרונט פונעם סאָציאַל־מיקראָסקאָפּישן, פונעם שטעטל, דעם סאָציאַל־גיגאַנטישן, פונעם גאַנצן לאַנד.

בערגעלסאָן שאַצט דעריבער אָפּ זיינע פּערסאָנאַזשן לויט זייערע באַציִונגען צו דער רעוואָלוציע. אַלץ ווערט דאָ פּסיכאָלאָגיש מאָטיווירט.

מיט גרויס קינסטלערישער קראַפט ווערט געשילדערט די געשטאַלט פונעם פרומען סויכער אַרן לעמבערגער, וואָס האָט גענאַנוועט מעלוכעשן לעדער און האָט דערפאַר באַקומען די העכסטע שטראָף. בערגעלסאָן נעמט אַרום דעם סויכער אין טאָך. ער פּאָרעט זיך ניט מיט דער אויבערפלאַך פון זיין אַנטירעוואָלוציאָנערישקייט, נאָר וויל זיך דערגראָבן צו זיינע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע וואָרצלען, און אַרן לעמבערגער קומט אַרויס אַ טראַגיש באַלויכטענער.

גרייטנדיק זיך צום הארבן פּסאַק־דין פירט זיך אַרן ווי איינער פון די אַמאָליקע קדוישים —ער הייסט זיך ברענגען אַ כאַלע, אויף וועלכער ער פּראַוועט מעלאַווע מאַלקע; ער זאָגט איבער די מישנע אין סאַנעדערן וועגן ווידע פון פאַרמישפּעטן. מיר זעען דעם פרומען סויכער מיט אַלע זיינע סטירעס. דער זעלבער סויכער וואָס רינגלט זיך אַרום, הילט זיך אין רוכניעסדיקע שלייערן פאַרן טויט, וואָס ער פּראַוועט אַזוי ריטועל זיין לעצטע סודע, איידער ער גייט אַוועק אין זיין טראַדיציאָנעל־אויסגעבאַלעמטער אוילעם־האַבע, האָט פונדעסטוועגן פאַרן טויט „איבערגעגעבן דורך אַ שעליעך זיין פרוי ווו עס געפינט זיך נאָך צען טויזנט רובל” קאָנטראַבאַנדע־ספּעקולאַציע”.

ניט אומזיסט טראַכט דער סויכער, צוזאַמען מיט זיין העלד יוזי וואָס האָט ביַיגעוווינט לעמבערגס ריטועלן גרייטן זיך צום טויט! „וואָס איז עס אַזוינס פאַרמעגן־גיריקייט, וואָס שיקט מענטשן אויף טויט דורך אַלע שיינע טוירעס און פיַינסטע דראָשעס”?

סיַי אַרן לעמבערג, סיַי די בלאָנדע קריסטן, וואָס האָט צוליב שפּיאָנאַזש איַינגעהילט איר קאָנטער־רעוואָלוציע אין רעליגיעז־מיסטישע שלייערן

— קומען אַרויס שטאַרק און איבערציַיגנדיק, ניט געקוקט אַף דעם וואָס זיי זיַינען די נעגאַטיווע טיפּן פונעם ראָמאַן. דאָס הייסט קינסטלערישע עכטקייט. באַ טאָלסטאָין לעמאָשל, זיַינען גאָר ניטאָ קיין „שלעכטע" העלדן. אויך דער נעגאַטיווער העלד דאַרף געגעבן ווערן טאָכיק און געשילדערט ווערן עכט.

בערגעלסאָנס אימפּרעסיאָניזם איז אין זיַינע פריערדיקע ווערק געקומען צום אויסדרוק אין זיַין אייגנאַרטיק־בערגעלסאָנישער שילדערונג פון דער נאַטור. זיַינע נאַטור־אימפּרעסיעס האָבן טאָמיד אין זיך איַינגעשלאָסן די זעלבע אידעיִשע מאָמענטן וואָס די מענטשן־געשטאַלטן.

די אידעיִשע „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג"־שטימונגען האָבן זיך אָפּגעשטעמפּלט און זיך אַריבערגעטראָגן אַף דער נאַטור און דעם גאַנצן אַרום. דער גאַנצער פּייזאַזש איז באַ אים אַ האַרבסטיקער, אַן עלולדיק־מישרעדיקער, און אַמאָל אַ סאָף־האַרבסטיקער, „אַ רעגנדל, אַ סאָף טיש־רעדיקער"; „קורצע וויינענדיקע כעשוון־טעג". אין „מידת הדין" קליידט די נאַטור־שילדערונג דער סאָציאַלער כאַראַקטעריסטיק. דער פּייזאַזש איז דאָ אויך ציל־געווענדעט:

„טיילמאָל קלינגט דער קלויסטער אין וויַיטן ווינקל — אַן אַלטער קלויסטער, אַ קאַטוילישער. עס ווערט דאַן מאָדנע: ער איז טויט, טויט, דער קלויסטער. פּלוצים קלינגט ער".

ער ווערט אַנטשוויגן, דרעמלט דאַן דער גאַנצער דרויסן. זיַין אויסדרוק:

„— איך זע ניט קיין אַריַינפּאָרנדיקע פורלעך — איך וויל ניט קוקן".

און וויַיטער:

„עס פינקלען דאָרט נאָך פון באַנאַכט אָן די ניט אויסגעלאָשענע פיַיערלעך, און אויך אָט די פיַיערלעך, דאַכט זיך, זיַינען קאַלטע, שטילע, אָן אַ האָנעז־קריי — פיַיערן, וואָס ליַיכטן אַריַין מיט באַנאַכטיקן מידאַסהאַדין אין גרוי־ווערנדיקן טאָג אַריַין".

די שטימונג שניַידט זיך אַריַין און פאַרוועבט זיך מיטן כאַראַקטער פון מענטש און דער סאָציאַלער האַנדלונג.

***

אין דער קריטיק וועגן בערגעלסאָנען האָבן זיך אָפּט געלאָזן הערן טענער, אַז בערגעלסאָן איז געקומען אין דער ליטעראַטור צו געבן דעם מענטשן און די צײַט אין ביין־האַשמאָשעס, אין סאָפּעק־טאָג און סאָפּעק־נאַכט. די וואָס האָבן דאָס אים פאַרגעוואָרפן, האָבן ווירקלעך ניט פאַר־שטאַנען דעם טיפערן באַדײַט און דעם ווירקלעכן קאָלאָריט פון ביין־האַשמאָשעס.

ביין האַשמאָשעס מיינט צווישן צוויי זונען. איינע פאַרגייט אָף אייביק, די אַנדערע גייט אויף אַ נײַע. דער טאָעם פון יענע, וואָס האָבן געזען אין בערגעלסאָנען דעם מינאָרן־שילדערער פון טונקלקייט, דעם ביין־האַשמאָשעס־מענטשן, איז געווען דער טאָעם פון זייער אידעאָלאָגיע, דער טאָעם פון זען פאַר זיך בלויז איין זון, וואָס דרייט זיך אין איינעם און דעם זעלביקן קרײַז, אין ציקלען, בעשאַס אויך די זון גייט אויף ספּי־ראַליש, ניט ציקליש.

אין דעם ערשטן צענדליק יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט בערגעלסאָן געשריבן אַ ריי דערציילונגען וואָס זײַנען שפּעטער אַרײַן אין בוך „טראָט נאָך טראָט" (1938), וואָס זײַנען געווידמעט די איקער־טע־מעס פון דער טקופע: בירגער־קריג און סאָוועטישן אויפבוי און איבער־בוי. דאָס איז ווירקלעך געווען אַ פּרווו אַרײַנצוטרעטן פון אַ ביין־האַש־מאָשעס פון „פאַרטונקלטע צײַטן", צום „נײַעם שײַן פון דער עפּאָכע", צו דער נײַער אויפגייענדיקער זון. שטעלנדיק זײַן געזונטן טראָט אין דער נײַער ווירקלעכקייט אַרײַן, טוען זיך ביסלעכווײַז אָפּ די כמאַרעס פון זײַן געמיט און עס הייבן זיך אָן ווײַזן די קאָנטורן פון אַ נײַעם זון־אויפגאַנג.

דער אידעיִשער הויפּט־מאָטיוו פון זײַנע דערציילונגען אין „טראָט נאָך טראָט" איז די געוועגדקייט אָפּ צו פאַרגלײַכן דאָס אויסלענדישע לעבן און די דאָרטיקע מענטשלעכע באַציִונגען מיט די אינטער־אינדיווי־דועלע און געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען פונעם מענטשן אין ראַטנלאַנד.

די דערציילונג „אַלטוואַרג" איז וועגן אַלטן גרייוויס, וואָס איז פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אַוועק צו זײַנע קינדער קיין אַמעריקע, און האָט נאָכ־דעם כאַראָטע. אינעם לעבן פונעם אַלטן גרייוויס רײַסט זיך אַרײַן אַ שטאַרקער ווינט. בענקענדיק נאָך זײַן היימלאַנד קריגט ער דעם באַ־וווסטזײַן, אַז „וואָס־וואָס, בענעגייע צו די מידעס, וואָס צווישן איין מענ־טשן און צווייטן, איז די וועלט אויפגעריכט געוואָרן".

אינעם לעבן פונעם אַלטן גרייוווים רײַסט זיך אַרײַן אַ שטאַרקער ווינט:

„משה גרייוווים האָט זיך אַ שאָקל געגעבן, געטאָן אַ זיפץ און האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם ווינט און וועגן רוסלאַנד ווי אין פּאָסעק שטייט: „דער גרויסער ווינט וואָס וואַרפט פונאַנדער בערג און קערט איבער פעלדזן...” אָט דער שטורעמווינט האָט פונאַנדערגעריסן דעם בער־געלסאָנישן ביין־האַשמאָשעסדיקן נעפל און דער שרײַבער האָט דערזען: די ליבטיקע שײַן.

בערגעלסאָן האָט ניט פאַרלאָזן זײַנע פריערדיקע העלדן, ער האָט זיך נאָר אָפּגעזאָגט פון זייער אייביק טרויעריקער מעלאָדיע וועגן שטומען גליק פון דער וועלט, וואָס שעפּטשעט „פאַרפאַלן”, „פאַרפאַלן”! ער האָט איצט די העלדן צוגעפּאַסט צום באַוווּסטזיניקן ציל, זיי האַרמאָני־זירט אינטים מיט די גרענעצן פון דער נײַער ווירקלעכקייט.

אין דער דערציילונג אַ „צען רובלדיקער” האָט דער שרײַבער אויס־גענוצט אין זײַן פולער מאָס זײַן מײַסטערישע דערפאַרונג פון פאַרייניקן נאַטור און מענטש.

גערשן יאַראָשעווער, וואָס בלאָנדזשעט אום איבערן סטעפּ אום יאַמקיפּער זוכנדיק זײַן נײַע טעלעצע, די „פרומע רעבעצן”, שטייט פּאָנעם על פּאָנעם מיט דער נאַטור, מיטן געשילדערטן סטעפּ וואָס קומט מיט אַלע זײַנע רייכעס און ווינטן אויסדריקן זײַן נײַעם אַרײַנוווּקס אין דער ערד, אין טוווּע־פעלד.

„די אויפגעגאַנגענע זון האָט געאײַלט צום סטעפּ, אַ פריש אויסגע־וואַשענע. ווי אינעם ערשטן טאָג נאָך וועלט־באַשאַפן, און פון יענער זײַט פערציק וויאָרסטיקער שטרעקע האָבן דורך זייער לײַכט גאַנצפריענדיקן שלייער מיט אַ נאָענטן בליק געקוקט אַהער די געקייטלטע בערג, און אויך זיי זײַנען געווען אַזעלכע וואָס זײַנען פיל עלטער פון יאָמים נוראָים און ווייסן נישט פון גיין ראָש־האַשאָנע אין שול אַרײַן... זייער בליק האָט גערשענען אי באַרויִקט און אי באַאומרויִקט”...

און אַף מאָרגן, ווען דער סטעפּ האָט גערשענען צוריקגעגעבן די פאַרבלאָנדזשעטע שיינע טעלעצע „האָט זיך גערשן יאַנטעוודיק אָנגעטאָן די קורצע זייער אויסגעפּלעקטע קאַפּאָטע, וואָס איז אים פאַרבליבן פון אַמאָל, און פּאַמעלעך און יאָנטעוודיק אַוועקגעשפּאַנט אינעם נײַעם נאָענ־

טן יִישעוו. און כאָטש גערשן איז ניט געגאַנגען דאַווגען, איז אָבער זײַן גאַנצער גאַנג „דער אויפגעהויבענער קאָפּ — אַביסל אָן אַ זײַט און די אַקסלען אונטערגעהויבן, ווי בײַ אַ באַל מעלאָכע אום כויל האַמויעד" געווען פֿײַערלעך יאָנטעוודיק, אַרומגערינגלט מיט אַ יאָנטעוודיקער לופֿט.

מיט דער דערציילונג האָט דער שרײַבער באַוויזן זײַן באַציִונג צו דער אויסבילדונג פֿונעם נײַעם מענטשן אין דער נײַער ערדישער געזעל־שאַפֿט. גייענדיק טראָט נאָך טראָט צום נײַעם, האָט בערגעלסאָן אַרײַנגע־שפּאַנט אין דער עפּאָכע פֿונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

עטאַפּן צו דעם נײַעם וועג זײַנען זײַנע שילדערונגען פֿון דער פֿאַב־ריק־יוגנט „אין דער קאָמונע" און „כאַווערטע בראָניע" און זײַן גרעסערע נאָוועליסטישע פֿאַרצייכענונג „בירעבידזשאַנער".

בײַ די סימבאָליסטן, פֿוטוריסטן און טיילווײַז אויך די אימפּרעסיאָ־ניסטן פֿלעגט אויסקומען, אַז דאָס לעבן עקזיסטירט צוליב קונסט, ניט קונסט צוליב לעבן. דערפֿאַר זײַנען זייערע העלדן און די אַרומיקע דעק־טאַלן געווען זייערס אַ הייליקע אייגנטום, וואָס איז שיין ווי פּאָרצעלײַ — אָט, אָט, מיטן מינדסטן קער און ווענד קאָן מען זיי כאָלילע צעברעכן. בערגעלסאָן געהערט ניט צו דער ריכטונג. ער גאַפֿט ניט איבער זייער צאַרטער מעלאַנכאָלישער שטימונג. אין „כאַווערטע בראָניע" טרעפֿט זיך דער שרײַבער מיט אַ נײַעם טיפּ מיידל, וואָס איז אַזוי נישט ענלעך אָף זײַנע פֿריערדיקע גוט באַקאַנטע פּרוויגן־טיפּן. אָט ווי ער שילדערט אָן אָונט בײַ כאַווערטע בראָניען „אין צימער":

„דאָס לעמפּל איז נאַקעט ליכטיק — זונענשײַן צווישן פֿיר ווײַסע ווענט, וואָס האָט צו באַלויכטן ווייניק מעבל. דאָס לעמפּל קער זיך ניט אָן קיין שום „פֿערד פֿאַדקאָוועס פֿלעקל" מיט יענע לעמפּלעך, וואָס „קור־סיסטקעס" פֿלעגן אַמאָל בײַ זיך אין צימער אַרומפּוצן מיט פּיאָלעט אָדער מיט רויט פּאַפּיר, אומיסטן קעדיי צו פֿאַרשלייערן די אינעווייניקסטע ביליקייט, קעדיי צו שאַפֿן אַרום זיך די „אינטימע טיפֿקייטן" פֿון יענער אומבאַשיידענער לאַנגווײַליקער פּוסטקייט, וואָס די אַלטע וועלט בײַ־צייכנט מיטן אַלטן טשיקאַוון וואָרט: — „שטימונג"...

„איך מיין ביכלאַל, אַז אין בראָניעס לעבן איז פֿאַר אָט דעם באַ־גריף קוים פֿאַראַן פּלאַץ. אָפֿן אָרט פֿון צו זאָגן:

— „איך בין גוט געשטימט" אָדער „איך בין שלעכט געשטימט", פֿאַסט שוין פֿאַר בראַניען בעסער צו זאָגן:

— „איך בין גרייט", אָדער „איך בין ניט גרייט".

וואָרעם וויבאַלד אין איר לעבן זײַנען נישטאָ קיין לעבער, וויבאַלד אַלע קלענסטע שפּאַלטן זײַנען אָנגעפּיקעוועט מיט מאַמאַשעסדיקע רעאַליטעטן, רעאַלישקייטן..." אַפֿן אָרט פֿון „שטימונג" אָטעמט דאָ אַלץ מיט פֿליכט. דאָ האָט זיך דער קינסטלער געשטעלט אַפֿן שטאַנדפּונקט פֿון פֿרידריך ענגעלסן וועגן דער כאַראַקטער־שילדערונג פֿון אַ העלד. ענגעלס שרײַבט אין אַ בריוו צו לאַסאַלן: „די פּערזענלעכקייט ווערט כאַראַקטעריזירט (אין אַ דראַמע) ניט בלויז דורך דעם, וואָס זי טוט, נאָר אויך דורך דעם וויאַזוי זי טוט עס".

דער פּראָזע־מײַסטער בערגעלסאָן האָט אין זײַן ווײַטער נעסיע פֿון בערלין ביז ביראָבידזשאַן אַ סאַך געזען און אַ סאַך באַנומען. עס האָט זיך אויסגעלײַטערט די אָוולדיקע שטימונג אין זײַנע ווערק, די העלדן האָבן זיך אויפֿגעהערט צו סוידען, אָנגעהויבן אויפֿנעמען דאָס לעבן דיר־נאַמיש. די איבערוואַנדערער־פּיאָנערן, וואָס זײַנען אַרויסגעפֿירט אין בוך, האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ לעבן מיט געוווינהייטן און טראַדיציעס, גרייט אויפֿצונעמען דאָס נײַע. אין זייער פּיאָנערן־אַרבעט איז דאָ דער טיפּיש־יידישער אַקשאָנעס־דראַנג. עס זײַנען דאָ אין בוך געשטאַלטן און עפּיזאָדן, אַף וועמען עס ליגט דער כויסעם פֿון אור, ווו די ראַנגלעניש און שווערקייטן פֿון די יידישע בויער גייט איבער אין אַן אומבאַגרע־נעצטער, שטײַגנדיקער פֿרייד. ווען זיי גראָבן אַ ברונעם און דערשלאָגן זיך סאַף קאָל סאַף צו וואַסער, ווען זיי דערפֿילן אַפֿן האַנט דעם פֿײַכטן טראָפּן און די וואַסערדיקע שטראָמען און מען רופֿט אויס קימאַט אין ביבלישן סטיל די בסורע: „מען האָט דערגרונטעוועט וואַסער!"... מאַ־מעש ווי אין טאַנאַך: „באר חפרוה... עלי באר ענו לה..." „אין דורכגע־האַקטן וואַלד ווערן די קוילעס אַלץ געדיכטער און פֿריילעכער. מיט זיי זײַנען פֿול אַלע ווינקעלעך פֿון דער טאַיגע, ווי מיט אַן אַ שיר געקויפֿלטע בסורעס:

„— זיך דערגראָבן!

„— געפֿונען!

„— וואַסער!"

בערגעלסאָנס דיטלעכע סאָציאַלע כאַראַקטעריסטיק פון די איבערוואַנדערער איז איינס מיט דער ביראָבידזשאַנער העל־זוניקער און שנייִק־בלענדענדיקער לאַנדשאַפט. לייענענדיק „ביראָבידזשאַנער" האָט מען האַנאָע פונעם בעסטן וואָס איז דאָ אין בערגעלסאָנען. זיין נאַטור־שילדערונג שמעלצט זיך אין כיעס־טראָפּנס, קאָמבינירט מיט דער איבערגעבורט פון דעם מענטשן אין זיין פאַרשיקערנדיקן שעפערישן ווילן צו באַהערשן די נאַטור.

יעדע פאַרצייכענונג, יעדער כאַראַקטער, יעדע סצענע, די רייזע, דאָס אָנקומען אַפן אָרט; די איבערלעבונגען פון די איבערוואַנדערער; דער אומרו און די זיכערקייט; דער גלויבן און די ספייקעס — אַט די דאָזיקע געשעענישן — די וואַקלונגען פון די נייע איבערוואַנדערער, — דאָס אַלץ זיינען וויברירונגען פון איין גרויסער שטרעבונג — די שטרעבונג צו שאַפן.

די ערשטע באַהעפטונג פון דעם מענטש מיט די נאָך־ניט באַרירטע נאַטור־רייכטימער ווערט באַזונדערס קינסטלעריש געשטאַלטיקט.

מיר שפירן דאָ דעם רייעך פון אויפגעהויבענער רוי־ערד און הערן דעם אָפּהילך, דעם ריטם פון שליידערן הונדערט־יאָריקע דעמבעס מיטן פעכיקן געדוך פון פריש־געזעגענעם וואַלד.

„שימקע נעמט זיין מיטגעבראַכטע האַק, דרייט זיך אַ ווײַלע צווישן די ביימער, באַקוקט איטלעכן גרעבערן בוים פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף, פאַרמויעכט זיך, פייפט דערביי צו מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט צום בוים זאָגן:

— איי, גוטער ברודער, וועט פון דיר זיין גוטער מאַטעריאַל — דאָ אַפן אָרט קוילעט מען דיך, און דאָ אַפן אָרט וועט מען פון דיר בויען אַ הויז".

דאָ זעען מיר ווי די נאַטור ווערט אַפן שעפער, אַפן מענטשן מיט דער האַק און זעג און גראָבאײַזן.

דעם ערשטן געוואַלגער פון ביימער אין דער טאַיגע שילדערט בערגעלסאָן אַף זיין קרעפטיקן אופן:

„שימקע טוט אַ לייכטן שפּיי אין איין האַנט, אין דער צווייטער, פאַרוואָרפט די האַק אַרונטער און לאָזט אַריין איר שאַרף נידעריק אין בוימס שטאַם אַריין. הייבן אָן פליען די ערשטע שפענדלעך — האַלב

קאָרע, האַלב האַלץ. עס הייבט זיך אָן צו באַווייַזן אַ זאַפּטיק־פרישער העלער קאָרב. מיט טויזנט נאָענטע און ווייַטע ווידערקוילעס ענטפערט אַף איטלעכן האַק די טאַיגע, אַכצט און ברומט און שרייַט. אַזוינס האָט דאָ די טאַיגע עפּשער נאָך קיינמאָל ניט געהערט. אונטער דער בייַסיקער שאַרף פון האַק ווערט דער זאַפטיקער פרישער קאָרב אין בוים אַלץ טי־פער.

— דער ערשטער בוים, אַ?..."

דער גרויסער דיכטער פון רוסישן פויערטום, יעסענין, האָט געיאָ־מערט איבערן גורל פון אָן אָפּגעשניטענעם פעלד. „אָפן שטעג פון בלויען פעלד — זינגט ער — וועט אין גיכן אַרויסגיין אָן אייזערנער גאַסט, די האָבער־פּלאַנץ, פאַרגאָסן דורך דעם זון־אויפגאַנג, וועט אויפקלייבן זייַן שוואַרצע פויסט..." יעסענינען האָבן די רייפע טוווע־סנאָפּעס, פאַרשניטן פון דער קאָסע אָדער שנייַד־מאַשין, אויסגעזען ווי געשאָכטענע פייגל. און ס'אַרא לעבנס־לוסטיקע פרייד פון ערשט־פאַרשניטענעם בוים בא בערגעלסאָנען! די נאַטור־שטימונג בא דעם יִדישן פּיאָנער אין דער וויל־דער טאַיגע, אינעם מאָמענט ווען ער דערפילט זיך אָרגאַניש באַהעפט צו דער נאַטור. אַלץ ווערט ווי אַ לייַכטער נעפּל אויסגעקלאָרט בא דער ערשטער דערמאָנונג וועגן דעם מענטשנס שעפערישער מעכטיקייט. די נאַטור שטייט דאָ דעם מענטשן צו דינסט. דער האַרבסט איז דאָ „אין בירָאָבידזשאַן אַ לאַנגער, אַ ריין־גאָלדענער. גלעט דעם פּאָנעם, די האָר, ווי אַ ליבהאַרציקער פרייַנט, מען זאָל קיין פאַרִיבל ניט האָבן, וואָס דער זומער איז געווען אַ רעגנדיקער. דער אָסיען איז דאָ אַליין פאַר זיך אַ שטיק שפּאָגל־נייַער לאַנגער זומער".

פאַרבונדן מיט דער שאַפונגס־פרייד, קוועלט דאָ דער קלימאַט, די לאַנדשאַפט, און דעם בויערס האַרץ קלאַפּט צום ריטם פון דער בויונג.

נאָך „בירָאָבידזשאַנער" האָט בערגעלסאָן אָנגעשריבן נאָך דערציי־לונגען אַף דער טעמע, ווו סטיל און אינהאַלט האָבן זיך ספּאָנטאַן צוגע־אייגנט. די סאָציאַליסטישע אידעען ברעכן זיך דורך זייַן יִדיש־געשיכט־לעכער ראַם אין דער דערציילונג „צוגאַסט" אינעם נייַעם ראָמאַן „צוויי וועלטן", וואָס זייַנע ערשטע צוויי קאַפּיטלען זייַנען אָפּגעדרוקט אין מאָסקווער דריַי־כאָדאָשימדיקן אַלמאַנאַך „היימלאַנד" (1947).

דער העלד פון דעם ראָמאַן איז דער שיקאַגער פּראָפעסאָר, וואָס

קומט אין דער יִידישער אויטאָנאָמער געגנט.

דער סוזשעטישער קאָנפליקט אין „צוויי וועלטן" וויקלט זיך פֿאַרנאַנדער אַרום דעם פּראָפעסאָרס אַ „יוגנט־ליבע", כאַווע, וועלכע ער פֿאַרט באַגעגענען אין דער נײַער, בלוּענדיקער יִידישער געגנט אין ווײַטן מיזרעך.

דער אונטערשייד פֿון בערגעלסאָנס ערשטער דערציילונג און דעם נײַעם ראָמאַן באַשטייט דערין, וואָס דער העלד באַגעגנט שוין דאָ פּיאָנערן וואָס זײַנען געוואָרן טוישעווים, וואָס האָבן אײַנגענומען די ווילדע טאַיגע, האָבן דאָ אויסגעבויט פֿאַר זיך הײַזער, אויסגעקאָרטשעוועט און צעאַקערט רוי־ערד, און דאָך שוועבט דאָ נאָך אַלץ דער אָטעם פֿון „בראשית".

מיט אַן אויסערגעוויינלעכער ציל־געווענדעטער קראַפֿט צווינגט דער מײַסטער־דערציילער בערגעלסאָן דעם לייט־מאָטיוו צו באַטאָנען דעם געדאַנק פֿון נײַעם אויפֿגאַנג פֿון דער געגנט.

„דערציילט האָבן, ווי אַ שויב, ווי אַ שוועל, ווי אַ פֿענצטער, ווי אַ שטאַל און ווי אַ צוגעשלאָגן לײַסטל:

— מיר זײַנען אַלט דרײַ יאָר!"

עס איז פֿאַראַן אַ מין צוויי־אייניקייט פֿון דער געגנט מיט אירע בויער און אויפֿלעבער:

„ווען איז עס אָקאָרשט געווען: אָדעם האָט געבוירן שייִשן, שייִש האָט געבוירן ענושן. דער מענטש אויף דער וועלט איז, אייגנטלעך, נאָך יונג — נאָך אַפּילע רעכט ניט באַוויזן אויף דער וועלט זיך אַרומקוקן, שוין אָפּגערעדט פֿון פֿעלקער אובעסויכעם יִידן".

בערגעלסאָן, דער מײַסטער פֿון אימפּרעסיאָניסטישן לײַוונט, בלײַבט אין דעם ראָמאַן טרײַ דעם מאַניר פֿון אימפּרעסיאָניסטישער פּערזאָניפֿיקאַציע. ביראָבידזשאַן ווערט דאָ אָבער אויך דערהויבן צו אַ גלענצנדער סימבאָלישער געשיכטלעכער פֿאָרמולירונג:

„רײַטנדיק אויפֿן פֿערדל, ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אין אָט דער געגנט, וואָס איז אויסגעטיילט פֿאַר יִידן, איז אים גלײַך אויפֿגעקומען אויפֿן זינען דאָס אייזעלע, ווי עפּעס אַן אַלטער סימבאָל פֿון יִידישער אויסלייזונג — אַן אייזעלע, וואָס קניט אונטער בילעמען, קוועטשט צו אַ פֿוס צו דער וואַנט און לאָזט ניט ער זאָל שעלטן יִידן".

בערגעלסאָנס שילדערונגען פון ביראָבידזשאַנער „בראשית" זײַנען א רײַכער און שעפערישער טייל פון זײַן מײַסטערישער פּראָזע, און ווען מיר וועלן האָבן פאר אונדז אָפּגעדרוקט דעם גאנצן ראָמאן, וועלן מיר ערשט קאָנען געהעריק אָפּשאצן די ווונדערלעכע עפּאָפּייע וואָס הייסט ניי־ערד או נײַער ייִד־מענטש אין דער ראָם פון דער ייִדישער מלוכע־שאפט אין ווײַטן מיזרעך.

***

אין 1932 האָט בערגעלסאָן פארעפנטלעכט דעם ערשטן טייל פון זײַן גרויסן ראָמאן „באַם דניעפּער" — „פּענעק". מיט דעם ווערק האָט דער פּראָזע־מײַסטער באטראָטן א נײַעם וועג אין זײַן שאפונג.

„פּענעק" איז א לעבנס־כראָניק און א קלאסישע שילדערונג פון א ייִדישן שטעטל אײַנגעהילט אין א נײַ ליכט. דאָס איז א ווערק וואָס האָט צעשטערט די לעגענדע פונעם שטעטל און געגעבן איר טיפע סאָציאַלעווירקלעכקייט.

פּענעק איז א גווירישער קינד, אָבער די עלטערן — באזונדערס די מוטער, — האָבן אים פײַנט. זיי פארשטויסן אים אין קיך, צווישן די „מענטשן", מיט וועלכע ער כאווערט זיך און לעבט זיך אינטים צענויף. פארשטויסן פון „הויז", ווי מען רופט די שטוב פונעם מוירע־נעוווּכעדיקן גוויר ר' מיכאל לעווין, ווענדעט פּענעק זײַן גאנצע אויפמערקזאַמקייט אף די הינטערגעסלעך. ער פילט זיך אלס זייעריקער. און די הינטער־געסלעך נעמען אים אויף אלס אן אל־פּי־טאָעם פרעמדן. עמעס זיי קאָנען אים אָפּט ניט מויכל זײַן זײַן שײַכעס מיטן „הויז", דעם ראָסלפּלייש, וועלכן ער כאַפּט דאָרטן אַרײַן, זיי רופן אים „דאָס פּאַרדאָסט נאַגידל", אָרעמע ייִנגלעך שעמען זיך מיט אים, דעם גווירישן קינד — אָבער פּענעק וואַקסט מער אין די אָרעמע געסלעך, ווי אין הויז. פּענעק לעבט אין די ביידע וועלטן פון ייִדישן שטעטל און דורך זײַנע אויגן, וואָס זעען אלץ, וואָס זאַפּן אלץ אַרײַן אין זיך, זעען מיר דאָס לעבן פון די דאָזיקע צוויי אומגלײַכע העלפטן, זייערע קעגנזייטיקע באציִונגען.

פּענעקס אויגן זײַנען דער הויפּט־העלד פון ערשטן באַנד „באַם דניעפּער". דורך זיי זעען מיר די שאַרפע קלאסן־ליניע, וואָס איז אומפאַרווישבאַר געצויגן צווישן „דעם הויז" און די בלוטיק־אָרעמע, באַלעמעלאָ־

בישע געסלעך. אין דעם איז די גאַנצע סבעמע פון דעם ראָמאַן, ווען מען לאָזט דערוויַיל אין אַ זײַט די איינצלנע, וואונדערלעך געשילדערטע פּער־זאָנען, איבערלעבונגען, געדאַנקען־בילדער און שטימונגען.

דאָס „הויז" וואַקסט אויס צו אַ סימבאָל; עס הערשט איבער די ארומיקע הינטערגעסלעך ווי אַ רויבערישער ריטער־נעסט. עס שטייט אָפּגעזונדערט און איז דאָך ענג פאַרבונדן מיט זיי, ווי דער רויבער מיטן רויב, ווי די רויב־באַיע מיטן קאָרבן. דער הויפּט־אויפטו פון בערגעלסאָנס ווערק איז וואָס ער האָט צוריק אויסגעגראָבן דאָס האַרמאָניש־באַלזאַ־מירטע שטעטל, און געוואָרפן אַף אים דאָס ליכט פון נײַעם סאָציאַל־פּראָגרעסיוון באַנעם.

אין זײַנע פאַר־סאָוועטישע ווערק האָט בערגעלסאָן קימאַט קיין קינדער ניט. דער קינסטלער האָט אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיטן קינדערשן בליק און דעם קינדערשן כּוש. אין דעם טרויעריקן געמיט פון זײַנע ערשטע ווערק האָט זיך קיין קינד ניט אַרײַנגעפּאַסט. אַ קינד באַ־נעמט דאָך אַנדערש אַפילו דעם טרויער פון לעבן מיט אַ נײַגעריקער פרייד (שאָלעם־אַלייכעם: „מיר איז גוט איך בין אַ יאָסעם"). אין בערגעלסאָנס פריערדיקע ראָמאַנען און דערציילונגען איז ניט אָנצוטרעפן אַ פּאָר שטי־פערישע קינדער־אויגן. טאָמער טרעפט מען באַ אים יאָ אַ קינדער־טיפּ איז דאָס בלויז געמאָלן ווי אַ זײַטיקער דעטאַל און ניט ווי אַ פּערסאָ־נאַזש.

דער נײַער בערגעלסאָן וועלכער האָט זיך געזעגנט מיט דעם „שטור־מען אומגליק פון דער וועלט", וואָס האָט אויפגעהערט צו זײַן „אַ שוימער פון אַ טויטער שטאָט" און ביכלאַל פון שטעט וואָס „לעבן נישט און שטאַרבן נישט, נאָר מעגויסעסט", האָט זיך געווענדט צום קינד.

„דזשירא־דזשירא", דאָס טובערקולאָזע מיידעלע פון דער איטאַליע־נישער שווייץ אין ניו־יאָרקער געהענעם־ראַש, איז בערגעלסאָנס ערש־טער פּרוּוו צו שטעלן אַ קינד אין צענטער פון זײַן ווערק. ס'איז אַ דער־ציילונג וואָס איז פול מיט בערגעלסאָנס סטיל־קישעף. די גאַנצע מיִעס־קייט פון דער שטאָט, פון די פאַרדאָרבענע שטאָט־איינוווינער און דעם אומרעכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז דאָ געגעבן. בעשאַס דאָס מיידעלע קוקט אַף די גאָלדענע קופּאָלן פון די וואָלקנקראַצערס,

גלייבט זי, אַז מ'האָט זיי צוגעגאַנוועט בײַ גאָט און עס באַוווינען זיי די גאַנצאָווים אַליין.

דאָס קינדעריש פריידיקע, דאָס סאָציאַל־אָפּטימיסטישע, האָט בער־געלסאָן דאָ אויך נישט דערגרונטעוועט. ניטאָ דאָ די קינדערשע סאָציאַלע עמפּפינדלעכקייט פון מאָטל פּייסי דעם חזנס. דעם עכטן קינדער־העלד האָט דער מײַסטער מײַסטעריש געגעבן אין פּענעקן, דעם גווירישן מוזי־ניקל מיט די שעלמישע אויגן און גראָבע ליפּן.

די ריין־קינסטלערישע זײַט פון דעם דאָזיקן ווערק איז ניט אַפּצו־שאַצן. די קונסט פון דעם ווערק איז איבערראַשנדיק ניט נאָר צוליב זײַן פּלאַסטישקייט. סײַ די הויפּט־פּערזאָנען, סײַ די נעבן־פּערסאָנאַזשן זײַנען אַזוי בוילעט און אינדיווידועל אויסגעפורעמט, אַז זיי פאַרבלײַבן אויף אייביק אין זיקאָרן.

דער גאַנצער עפּיזאָד מיט נאָכמען דעם פאַרבער, אָנהייבנדיק מיט פּענעקס געדאַנק צו גיין צו אים אינדערפרי, ביז די אונטערהאַנדלונגען מיט שיינדל דער גרויסער און מיכאל לעווינס אַרײַנקומען; די פילאָזאָ־פיש טעאָלאָגישע וויכוחים פון שיע פריידעס מיטן גוויר; פּענעקס שמועסן מיט יאַנקל דעם פורמאַן; זײַן גראַנגל מיטן רעבן אין כיידער און אַלע סיטואַציעס און געמעלן — געהערן צו די שענסטע, רירנדיקסטע אין דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור.

ציטירן איז אוממעגלעך. מען וואָלט געדאַרפט ציטירן דאָס גאַנצע בוך. ניט אומזיסט זאָגט בערגעלסאָן וועגן פּענעקן, אַז ער האָט געהאַט אַן אייגנשאַפט אַלץ אײַנזאַפּן אין זיך אויף אייביק. פּענעק איז טיילווײַז אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק און דער קינסטלער האָט זײַן העלד אײַנגע־טיילט אַלע זײַנע קינסטלערישע אייגנשאַפטן.

ווי געזאָגט איז שווער אַפילו צו געבן אַ רעשימע פון די נאַטור־גע־מעלן, פון דער סטיל־מײַסטערשאַפט און די פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון אַלע פּערסאָנאַזשן, געננוג צו זאָגן, אַז אַלץ וואָס דעם מײַסטערס פּען האָט אָנגעשטעלט אויף די 575 זײַטן פון בוך, איז ניט צום רירן פון אָרט. עס איז קרישטאָל־ריין לויכטנדיק, און עס דרינגט דורך דעם גאַנצן וועזן פון לייענער. דאָ ווילן מיר בלויז אָנווײַזן אויף די ספּעציפיש ייִדישע געמעלן און שפּראַך־ווענדונגען און אויך אויף דער אייגנאַרטיק ייִדישער לופט, מיט וועלכן בערגעלסאָן רינגלט אַרום פּענעקן.

בערגעלסאָן לעבט אויף פּאַר אונדז אין דער גאַנצער קראַפט די אַט־מאָספער פון ייִדישן יאַנטעוו און ערעוו יאַנטעוו ניט נאָר פאַרן אויג, נאָר פאַר אַלע אונדזערע כושים, פאַרן גאַנצן פּסיכיש־מאַטעריעלן וועזן. מען דערפילט זיך אין דער זעלבער שטימונג, ווי אַמאָל, ווען מען פלעגט אַן אויסגעצוואָגענער און אויסגעבאָדענער אָנטאָן אַ יאַנטעוודיק מאַלבושל. די ערעוו יאַנטעוודיקע לופט איז דאָ אַנדערש, שטיל לעבן און די נאַטור איז אַנדערש.

זאָל דאָ אָנגעוויזן ווערן אַף די ווונדערלעכע כומעש־ און פאָסעק־אַסאָציאַציעס, דורך וועלכע פענעק דענקט: „אַ קופּערנער הימל האָט פון נאָך יאָנטעוו אָן געבראָכן דורך אַלע רינוועס, געשלוקערצט מיט רעגנס, ווי אין נויעכס צייַטן — רעציכעדיק־פרומע רעגנס, אייניקלעך פון מאַבל“.

„אַט־אַט־אַט... — אַ טייַער וואָרט: „בצלאל פון חומש“; „בצלאל פון משכן“, ניט קיין וואָרט, נאָר עפּעס אַנדערש — אַ גלאַטער מעבאַ־יעדיקער בוימל. פענעקן הייבט דערפון אָן צו קלינגען אין די אויערן פון די ווינטערדיקע סעדרעס — „ויעש“ — און ער האָט געמאַכט, „בצלאל — בצלאל“, „את המנורה“ — די מענוירע... אים דאַכט זיך שוין אַפילע אַז בעצאַלעל, דער גרויסער מייַסטער, איז אַביסל געווען געראָטן אין נאַכ־מענען — אויך אַ לאַנגער, אויך אַ דאַרער. בעצאַלעל און נאַכמען — ווי צוויי ברידער פון איין טאַטן און פון איין מאַמען. אינעם שמועס מיט שיינדל דער גרויסער, פילט פענעק, האָט נאַכמען מיט דער הילף פונעם וואָרט „בצלאל“ זיך אַרויפגעכאַפּט פון אויבן, ווי בוימל אַפן וואַסער, נאַכמען איז מיט אָט דעם וואָרט אַרייַן אין כומעש אַרייַן, זיך אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייַטן מיט מוישען, מיט אַרענען, מיט אַווראָם, ייִצכאָק, יאַנקעוו“.

עס איז געגנוג, אַז דער הייסער אַרבעטער־פרייַנט פענעק זאָל אויס־געפינען זייַן מישפּאָכע־ייִכעס „דעם עמדענערס אייניקלעך. ביידע האָבן אַ ייִכעס־בריוו ביזן אַבאַרבאַנעל, ביז ר׳ יעהודע האַנאָסי — אַ געדרוקטן ייִכעס־בריוו מיט אַלע דוירעס. ביז דאַוויד האַמײלעך“ — אַז ער, דער זינדיקער, דער פאַרמיִעסטער, זאָל „שיר ניט אַראָפּשפּרינגען פון בעטל“.

„מען דאַרף זיך גוט אַרומקוקן פון אַלע זייַטן, זען צי באַ אים אַפן פּאָנעם אָדער אַף די הענט איז ניט פאַרבליבן עפּעס אַ כיין־גריבעלע פון

דאָוויד האַמיילעך צי קאָן ער ניט שטילערהייט זייער שיין זינגען אָדער שפּילן... ווי אין פּאַסעק שטייט..."

פּענעק איז די פּריזמע דורך וועלכער מיר קוקן אַפן גווירישן הויז און אַף די ייִדישע הינטערגעסלעך. ער פירט צו אַלע געשעענישן און צו אַלע געשטאַלטן אין דער עפּאָפּייע. אַלץ געשעעט אָדער דירעקט דורך פּע־נעקן, אָדער בײַ פּענעקס אַנוועזנהייט און דער קליינער כאָכמעדיקער העלד לעבט דאָס אַלץ איבער.

און ווען דאָס ווערק ווערט פאַרענדיקט מיט דעם גווירס טויט איז שוין פּענעקס כאַראַקטער סאָציאַל אויספאָרמירט. ווען ער גייט פון בייס־אוילעם, וואָרטן אַף אים די כאַוויירים, וואָס וואַקסן שוין אַרײַן אין דער נײַער וועלט און זיי וועלן אים אהין מיטנעמען. מירן שפּירן, אַז פּענעקס רעוואָלוציאָנערע ראָל הייבט זיך ערשט אָן. ער וואַקסט שוין אַרײַן אין זײַן צוקונפט.

דעם צווייטן טייל „באַם דניעפּער" האָט טאַקע בערגעלסאָן געווידמעט דער צײַט פון אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט, דער צײַט פון גרויזאַמע צאַרישע פּאָגראָמען און רעוואָלוציאָנערער דערוואַכונג דורך דער אָר־גאַניזירונג פון די אַרבעטער־מאַסן. מיר באַקומען דאָ אַ ברייט בילד פון דער שטאָט קיעוו ערעוו דער ערשטער רעוואָלוציע. דאָ ווערט שוין געשיל־דערט די ראָל פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ אין דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דער לענינישער „איסקראַ". אין די שילדערונגען וועגן די רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן איז דאָ שטרענ־גע ציל־באַוווּסטקייט, שטאַרקייט פון ווילן וואָס איז פאַרבונדן מיט מענטשלעכער פילבאַרקייט. עס זײַנען דאָ אויך פאַראַן בוילעטע בילדער פון נעגאַטיווע רעאַקציאָנערע טיפּן און די געשטאַלט פון פּענעקן אַליין, פּענעקן דעם שרײַבער, ווערט שוין דאָ געגעבן אין דער ראַם פון זײַן סוויווע.

אינעם אַרײַנפיר צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע גיט מאַרקס אַ קלאַסיש אויסשעפּנדיקע דערקלערונג וועגן דעם „זײַן" פון דער פּערזענלעכקייט: „דער מענטש איז אינעם בוכשטעבלעכן זין ניט בלויז אַ געזעלשאַפטלעכע כאַיע, נאָר ביז אַ גראַד אַזאַ געזעלשאַפטלעכע כאַיע, וואָס נאָר אין דער געזעלשאַפט קאָן ער זיך אויסטיילן אַלס אַ זעלבסטשטענדיקער איינס".

דער רייף־געוואָרענער פּענעק פּאַרבינדט זיך אינעם צווייטן טייל „באַם דניעפּער" מיט די אַקטיוווסטע פאַרשטייער פון דעם קלאַס, צו וועלכע ס'האָט אים געפירט זיין ערשטע פּסיכאָלאָגיש־סאָציאַלע דערקענטעניש און ערשט דורך זיין סוויווע און געזעלשאַפט טיילט ער זיך אויס אַלס באוווּסטזיניק „זעלבסטשטענדיקער איינס".

אין די גרויליקע און העלדישע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט זיך בערגעלסאָן אַנטפּלעקט ווי אַ שילדערער פון כורבן און גוווּרע. דאָ האָבן מיר דעם בערגעלסאָן מיט אַלע ווונדערלעכע אייגנשאַפטן פון זיין געבענטשטער פּראָזע. זיין קינסטלערישע וועלט־אָנשויונג איז פיקסירט אין דער אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וואָס זיינע הויפּט־סימאָנים זיינען: וואָרהאַפטיקייט און היסטאָרישע קאָנקרעטקייט, אידעיִשקייט און סאָציאַלע ציל־געווענדטקייט, שטרענגע נאָענטקייט צו דער רעאַלער ווירקלעכקייט, איבערגעפלאָכטן מיט ווירקזאַמען הומאַניזם און טיפן אָפּטימיזם.

די דערציילונג „דער עדות" איז אַ געשיכטע וועגן איינעם אַ לעבנגעבליבענעם געטאָ־ייִד, וואָס היט אויס זיינע לעצטע קויכעס קעדיי צו פאַרשרייבן די אַכזאָריעסן פון די פאַשיסטישע מערדער, דערציילן וועגן די איבערלעבונגען און קאַמפּן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. און אויסן איז בערגעלסאָן אין דער דאָזיקער נאָוועלע ניט די זשאַנר־דערציילונג, ניט די באַשרייבונג פון דעם נאָך־מילכאָמעדיקן מאַצעוו אין שטעטל, נאָר אוועקצושטעלן די פּראָבלעם פון דער געטאָ־געשיכטע און אַרויסהייבן דעם פאָלקס גרויסן גלויבן אינעם זיג פון דער מענטשהייט און מענטשלעכקייט. די גרוילן פון דעם העלדישן ווידערשטאַנד זיינען געצילט אָפּצוריי־ניקן די וועלט פון דער פאַשיסטישער טומע.

אין זיין דערציילונג „יאָרצייט־ליכט" זעען מיר די טראַנספאָרמירונג אויף אַ סאָוועטישן אופן פון ייִדישע טראַדיציאָנעלע רעגילעסן. בערגעלסאָן דערציילט וועגן אַ ייִדישן דאָקטער, וואָס מאַכט אין שפּיטאָל אַ געראָטענע אָפּעראַציע אַ רוסישן רויטאַרמייער — אַ קאָלווירטניק, וואָס איז בלינד געוואָרן אין דער מילכאָמע, אין דעם טאָג פון זיין מוטערס יאָרצייט, ווען ער איז געוווינט אָנצוצינדן אַ יאָרצייט־לאָמפּ.

„צו דער שיין פון דער אויפגייענדיקער זון האָט דער דאָקטער איצט געקוקט, ניט פאַרגעסנדיק אויף קיין איין רעגע, אַז ער וועט באַלד עפּעס

טאָן אין שעליכעם פון זײַן מוטער. אין קאָפּ האָבן זיך באַ אים געדרייט די אַלטע ייִדישע ווערטער, יאָרצײַט־ווערטער. אָט איז עס: „צרורה בצרור החיים״ — אָנגעקניפּט אין לעבן... שוין־זשע האָבן עס אַזויפיל דורעס בלויז געזאָגט מיטן מויל און ניט באַנומען, וואָס זיי זאָגן?

ריידנדיק וועגן דעם דאָקטער סויפער און זײַן בלינדן פּאַציענט אין שפּיטאָל, זאָגט ער, אַז בעיים „איינער האָט אָנגעוואָרן מיט וואָס צו זען״, האָט דער צווייטער „אָנגעוואָרן וואָס צו זען״... און ווײַטער: „ווער עס בלײַבט אַ יאָסעם אָן טאַטע־מאַמע — ער איז געבליבן אַ יאָסעם אָן אַ גאַנצער שטאָט, אָן אַ דריט־כיילעק פון אַ פאָלק״.

נאָך ווײַטער אין דער זעלביקער דערציילונג: „עס מאַכט זיך פעלקער פאַרלירן מענטשן... ער (דאָקטאָר סויפער) איז איינער פון יענע, וואָס פאַרלירן אַ פאָלק״.

„מאָדנע... פאַר אַ פאַרמיטלער צווישן זיך און די געשטאָרבענע האָבן מענטשן געמאַכט ליכט. קיין בעסערס האָבן זיי ניט געפונען...״

מיט דער שײַן, וואָס דער דאָקטער צינדט אָן אינעם רויטאָרמייערס פינצטערע אויגן, זעט ער אויך דאָס יאָרצײַט־ליכט, וואָס ער צינדט אָן אין אָנדענק פון זײַן מוטער.

דער ניסטער

„איך נעם אַ גרוי, שמוציק שטיק לעבן און שאַף דערפון אַ לעגענדע,״ —

דאָס איז איינער פון די איקאָרים פון סימבאָליזם אין דער ליטעראטור, ווי ער איז פאָרמולירט געוואָרן פון פיאָדאָר סאָלאָגובן, אַ פירער פון דעם עלטערן דאָר רוסישע סימבאָליסטן. פאַר דעם ניסטער, ביז דער סאָוועטישער רעוואָלוציע, און עטלעכע יאָר שפּעטער, איז עס עפּשער געווען דער הויפּט־פּרינציפּ פון זיַין שאַפן.

פאַר אים איז דאָס לעבן געווען בלויז אַ מיטל צום צוועק, ניט מער ווי דער בוימער, דער מאַטעריאַל אַף צו שאַפן דערפון אַ „לעגענדע״.

אין זיַינע ערשטע מאָטיוון און געזאַנגען „העכער פון דער ערד״, האָט דער ניסטער געקנאָטן דעם ליים אַזוי לאַנג, ביז דער גאָר געניטער לייענער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ נייַער און מאָדנער טעכניק פון דער קונסט. דורך דער ארט ווי דער אויטאָר איז זיך באַגאַנגען מיט זיַינע מייַסעס, מיט זיַינע געדאַנקען; דורך זיַין פאַרוואַנדלען זאַכן אין קאַריקאַטורן און קוידעם קאָל דורך זיַין ארט שריַיבן, דורכן סטיל אין ענג־שפּראַכלעכן זינען האָט זיך ארויסאַנטפּלעקט זיַין אייגנאַרטיקע פאָרעם.

דעם ניסטערס וואָרט־קונסט איז פון זיַינע ערשטע טריט אָן געווען פאַרבונדן מיט די אַנטי־רעאַליסטישע שטרעמונגען אין דער ליטעראטור. קוידעם קאָל מיטן סימבאָליזם. דורך דער פאָרעם האָט ער דערגרייכט, אַז דאָס געשילדערטע לעבן זאָל זיך אָפּשפּילן ניט בלויז אין ניט־עקזיסטירנדיקער, סוביעקטיווער צייַט, נאָר אויך אין אַ ניט־עקזיסטירנדיקן, סוביעקטיוון רוים.

טשערנישעווסקי האָט געהאַלטן אַז ס׳שיינע אין דער ווירקלעכקייט

איז טאָמיד פֿיַינער ווי דאָס שיינע אין דער קונסט, אַז קיין שום קונסט קאָן ניט קאָנקורירן מיט דער ווירקלעכקייט זעלבסט. לויט דעם ניסטערס קונסט־מיטלען און ווערק גופא איז אויסגעקומען פונקט פאַרקערט: לויט אים איז דאָס שענסטע בלויז דאָס ווײַטסטע פון ווירקלעכן לעבן, קונסט איז פאַר אים געווען אויסער און איבער ווירקלעכקייט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז וועגן קלאָרקייט און פאַרשטענדלעכקייט האָט דאָ ניט געקענט זיין קיין רייד, זיינען זיינע ווערק טאַקע געווען פאַרהאַקט מיט סימבאָלישע שלעסער און פאַרשפאַרט מיט מיסטישע גראַטעס.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף די באַזונדערע ווערק פון ניסטערס פאַר־סאָוועטישן שאַפן. מיר ווילן דאָ אָבער אָנווייזן אויף איין זשאַנער, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן ניסטער און וואָס האָט אים שפּעטער דערפירט ביז דעם ברייטסטער עפּיש־רעאַליסטישער שילדערונג. דאָס איז זיין „מייסעדיקייט". דער ניסטער איז עפּשער געווען דער ערשטער וואָס האָט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט דעם מאַניר פון „מעשה בתוך מעשה".

דעם נוסעך פון מייסע האָט דער ניסטער איבערגענומען פון דעם קינסטלער און אידעאָלאָג פון דער בארימטער בראָצלאַווער כסידישער סעקטע, ר' נאַכמען בראָצלאַווער.

אין זיין אינטערעסאַנט און וואָגיק ווערק וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט שרייבט דער ליטעראַטור־קריטיקער און היסטאָריקער מ. ווינער: „אייגנאַרטיק און ניי פאַר דער כסידישער מייסע איז נאַכמענס „ספורי מעשות" דאָס, וואָס דאָ ווערט ניט דערציילט וועגן די וווּנדער־טאַטן פון באַשטימטע הייליקע, נאָר סימבאָליש געמיינטע פאַנטאַסטיש־ראָמאַנטישע מייסעלעך וועגן אַ באַס־מאַלקע, וועגן אַ כאָכעם און אַ טאַם אאַ"וו ...ער פאַרשטייט צו געבן כיטרע אָנצוהערענישן און ווונקען וועגן עפּעס אַ געהיימנישפולן נימשל און זיך צו מאַכן טאָמעוואַטע אַפּילע דאָרט, ווו ער וויל פּאַשעט אויסשפּינען אַ דיכטערישע פאַנטאַזיע".

דער ניסטער איז לאַנגע יאָרן געשטאַנען אונטער דירעקטער האַשפּאָע פונעם בראַצלאַווערס פאָרעם און אידעע. אינעם בראַצלאַווערס מיי־

סע האָט דער קינסטלער געזוכט קוואַלן פאַר זײַן אָריגינעל ייִדישער פאַ־רעם אין דער שרײַב־קונסט. די אומגעצוימטע פאַנטאַזיע, די פאַרדרייטע און גלײַכצײַטיק קונציקע קאָמפּאָזיציע און די גוואַלדיקע באַרעדעוודי־קייט באַם שילדערן פאַנטאַסטישע פּערסאָנאַזשן זײַנען דירעקט אונטערן אײַנפלוס פון בראַצלאַווער דערציילונגס־מאַניר.

⁂

עס איז געקומען די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דער ניסטער האָט דערזען און דערשפּירט די גרויסע ענדערונג פון דעם סאָציאַלן איבערקער, ער האָט אָבער די רעוואָלוציע אויך אָנגעהויבן אויפ־נעמען אַף זײַן סימבאָלישן אופן.

וויאַזוי נעמט ניסטערס פאַראײַנזאַמטער העלד אויף די רעוואָ־לוציע? אין זײַן דערציילונג „נײַ־גײַסט" לייענען מיר:

..אין יאָר פינף טויזנט זעקס הונדערט אכציק פון דער וועלט־רעכע־נונג, וואָס מיר רעכענען, און אין יאָר טויזנט אכט הונדערט פופציק איי־נע נאָך אונדזער פאַרטריבן־ווערן־ציילונג, וואָס מיר ציילן, און אייניקע יאָר נאָך אונדזער נײַ נעוווע, — בין איך, פּינכעס, דער זון פון מענאַכעם דעם קויהען, אין איינעם אַ באַנאַכט אַמאָל אין הימל אויפגעגאַנגען...

...און פּלוצעם האָט אַ באָדן דערפילט: אַ גוטן און אַ היימישן, און אַן ערדישן און אין אַ פרימאָרגנדיקן האָב זיך אָנגעשלאָגן. האָב איך באַלד די אויגן פון פאַרמאַכטקייט אויפגעעפנט, האָב איך זיך פאַר מײַן היים דערזען; פאַר מײַן שטוב און פאַר מײַן שוועל, און פאַרטאָג און אין ייִשעוו פאַרטאָגיקן"...

דער ניסטער דערשפּירט נײַעם באָדן, ייִשעוו, היימישן ייִשעוו. ער מאַכט פּרווון פון אויפנעמען דאָס נײַע, ערדישע, די „נײַ־נבואה" און ער ווענדט זיך צו די נעוויִים, דער סימבאָלישער אויסדרוק פאַר דער איני־טעליגענץ, מיט זײַן סימבאָלישער אינטערפּרעטאַציע פון נײַעם ליכט, נײַעם טאָג.

„ברידער און הייליקע מײַנע! און אַט איז די נאַכט פאַרבײַ, און אַט גייט דער טאָג שוין אויף, לאָמיר זשע איצט פון אונדזער הייל אַרויס־גיין, און די ערשטע דאָס ליכט אונדזערס באַגעגענען..."

אין דער מײַסטע זײַנען שוין דאָ מער ווי רעמאָזים וועגן נײַעם סאָציאַלן טאָג פון דער רעוואָלוציע:

„און וויסן דאַרף אונדזער דאָר, אַז דאָס ביז־אַהעריקע און דאָס פון אײנציקע געזאַמלטע דאַרף איצט צווישן פיל־פאָלק צעטיילט ווערן, און געדענקען דאַרפן אויך מיר אַלע, אַז אונדזערס און דאָס געבראַכטע פון אונדז איז אַדאַנק פילע געבראַכט געוואָרן, און מער נישט ווי שעליכים זײַנען מיר געווען, און נישט צו אונדז געהער דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן, און נישט קיין אייגנס איז דאָס, וואָס מיר האָבן, און נאָר אַף אַ צײַט און אַף אַ שלעכטער איז דאָס אונדז איבערגעגעבן געוואָרן, און אַצינד, און אויס איז די צײַט, און די צײַט אַף אונדזערע באַגלויבערס דאָס אומצוקערן איז געקומען, דאַרפן מיר דאָס אומקערן אונדזערע באַגלויבערס: און ביז אַ קלייניקייט, און ביז אַ מינדסט, און נישט איבערלאָזן בײַ זיך גאָרניט, און ניט פאַרלייקענען, כאָלילע, קיין זאַך. אום, כאָלילע, זיך גרויס צו האַלטן, אַז דאָס, וואָס איז בײַ אונדז פאַרבליבן, איז מער נישט פאַראַנען בײַ קיינעם" (דעם ניסטערס אונטערשטרײַכונג).

פאַר דער סימבאָליק איז כאַראַקטעריסטיש די פאָרעם, דער סטיל און דער „און". „און דאָס אַלץ, און דאָס ביז אַהער געזאָגטע, איז אַ מאָשל נאָר געמאָשלט, און ווײַל איז דעם, וואָס וועט אויסהערן דעם מאָשל, און דעם איז ווײַל וואָס אים אויסהערן וועט ראָוי זײַן... אים אויפקלערן און קלאָר מאַכן".

געננוי אויפקלערן און קלאָר מאַכן איז דעם ניסטער ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען. די טעמאַטיק פון אַזעלכע מײַסעס ווי „נייגײַסט"; „אין ווײַן־קעלער"; „הינטער אַ פּלויט"; „שיכור" פון בוך „געדאַכט" (1928) איז אַף דער טעמע וועגן דעם פעריאָד פון אָקטאָבער און נאָך אָקטאָבער, אָבער עס ווייעט אויך פון דעם בוך מיט בוידעמדיקס און קעלערדיקס, מיט שאָטן און געשפּענסט, כאָטש עס הייבן שוין אָן אַרײַנדרינגען רעאַליסטישע עלעמענטן אין זײַן שאַפן.

אַף דער טעמע: „בירגער קריג" איז דער ניסטער דער איינציקער סאָוועטיש־ייִדישער שרײַבער וואָס האָט ווייניק, קימאַט גאָרניט געשריבן.

דאָס בוך „הויפּטשטעט" (1934) האָט באַוויזן אַ ראַדיקאַלן קער

אין ניסתרס שאפן. אין זײַן עסיי „דער נסתר" שרײַבט מ. דובילעט (סאָוועט. ליט. מײַ 1940) „הויפּטשטעט" איז אַ בוך פֿאַרצײכענונגען. דער פֿאַרצײכענונג זשאַנר האָט דיקטירט רעאַלע טעמאַטיק אַנשטאָט פֿאַנטאַסטיש־אויסגעטראַכטער; ערדישן פּייזאַזש אַנשטאָט קאָסמיש־מיַי־סעדיקן. דער ניסתר האָט זיך געשטעלט פּאָנעם על פּאָנעם צו דער סאָ־וועטישער ווירקלעכקייט".

שפּורן פֿון סימבאָליזם, פֿון פֿאַנטאַסטישע זעונגען פֿעלן דאָ אויך ניט. אָבער דאָ איז שוין בולעט ניקער די רעאַליסטישע פֿאַרצײכענונג, די רעאַלע טעמע פֿון סאָציאַליסטישן הומאַניזם דיקטירט די פֿאָרעם. אין זײַנע פֿאַרצײכענונגען איז דער ניסתר טויפֿעם די קאָנקרעטע, מאַמאָ־שעסדיקע פּראָצעסן פֿון דעם סאָוועטן־לאַנד. שרײַבנדיק וועגן ייִדישן שטעטל באַווײַזט ער ווי „דאָס שטעטל, די גאַנצע ייִדישע מאַסע, רײַסט זיך צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, וויאַזוי די מאַסע שטײַגט אַלץ העכער אַפֿן סאָציאַל־עקאָנאָמישן לייטער".

דער ניסתר וועבט דאָ אויך זײַנע פֿאַנטאַזיעס. ער איז באַגײַס־טערט פֿון די סאָציאַליסטישע הויפּט־שטעט: מאָסקווע און לענינגראַד און כאַרקאָוו, אָבער ער ווייס אויך „פֿון וואָס סע טראַכט און טרוימט די אַלטע קרעמל־וואַנט". ער שמועסט זיך אָפּ לעבן הויז ווו דאָסטאָיעווסקי האָט געוווינט און פֿירט מיט אים, אין דער פֿאַנטאַזיע, אַ וויכוח וועגן קונסט אין דער נײַער געזעלשאַפֿט. דערצו איז דער דערציילער, ווי אַמאָל, אַביסל אונטערן גלעזל. דאָך איז שוין דאָ די סימבאָליק רעאַליסטיש מאָ־טיווירט.

אַ געזונטן קינסטלערישן טראָט אין רעאַליזם האָט דער ניסתר געמאַכט אין זײַן עפּאָפּייע „משפּחה מאַשבער" (ערשטער טייל מאָסקווע, 1938, צווייטער טייל, ניו־יאָרק, 1946).

אין זײַן אַן אינטערעסאַנטער עסיי „די וועגן און אויפֿגאַבעס פֿון דער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע" (פֿאַרעפֿנטלעכט אין „רויטע וועלט" יאַ־נואַר 1938) האָט דער גרויסער סאָוועטישער קונסט־ און ליטעראַטור־קענער א. וו. לונאַטשאַרסקי געשריבן: „אין דער פֿאַרגאַנגענהייט האָבן מיר גרויסע פֿאַרגייער, מיר האָבן אויסגעצייכנטע טעמעס פֿאַר טראַ־געדיע. נעמען אַזעלכע העלדן, ווי טאָמאַס מיונצער, וועלכער איז פֿאַר־

גאַנגען אַזוי וויַיט, ווי נאָר עס האָט אים דערלויבט זײַן ווירקלעכקייט, און וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף די סאַמע פאָרגעשריטנסטע עלע־מענטן פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט. מאַרקס און ענגעלס האָבן גע־זאָגט לאַסאַלן: מען האָט געדאַרפט נעמען פאַר אַ טראַגעדיע ניט זיקינ־גען, נאָר מיונצערן. פאַרוואָס זשע זאָל אונדזער דראַמאַטורג ניט נעמען מיונצערס טראַגעדיע? פאַרוואָס ניט וויַיזן דעם העראָיִשן אומקום פון די העלדן פון די פויערשע און פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס פון דער ערש־טער צײַט, פאַרוואָס ניט וויַיזן ניט דעם פונעם הימל אַראָפּגעפאַלענעם העלד, ניט דעם פון דער ערד אָפּגעריסענעם גאָען, נאָר די פירערס פון אַ קלאַס, פון יענעם קלאַס, וועמען עס איז נאָך ניט באַשערט געווען צו זיגן, נאָר וועמענס טיילווייַזע מאַפּאָלע עס איז געווען די גרעסטע גאַ־ראַנטיע פאַר די וויַיטערדיקע ניצחונעם". דער ניסטער איז צוגעגאַנגען צום סוזשעט פון זײַן ראָמאַן „משפּחה מאשבער" מיט דער עפּישער רו־קייט פון אַ קינסטלער־היסטאָריקער.

דער שרײַבער שילדערט פאַר אונדז די יידישע שטאָט בערדיטשעוו אין די 70קער יאָרן. ער גיט אונדז די געשיכטע פון בערדיטשעוו אין יענע יאָרן אויפן ברייטסטן פאָן פון פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן און זייערע צווישן־באַציִונגען.

דאָס בוך איז קאָנצענטרירט אַרום די מיטגלידער פון דער מישפּאָכע מאַשבער, איר געשיכטע בילדעט די סוזשעטישע ליניע פונעם ווערק. די הויפּט־העלדן זײַנען די ברידער מוישע און לוזי, וועמענס וועגן גייען זיך פונאַנדער. מוישע איז אַ רײַכער סוחר, אַ וווּכערער; לוזי איז אַן אייגנ־אַרטיקער עמעס־זוכער, אַ נאָכפאָלגער פון נאַכמען בראַצלאַווער. אויף דער הייפעכדיקייט פון אָט די צוויי געשטאַלטן איז געבויט די גרונט־ליניע פו־נעם ראָמאַן. אויסער די צוויי צענטראַלע פיגורן גייען פאַר אונדז דורך אַ גאַנצער קרײַז פּלאַסטישע געשטאַלטן פון סאַמע פאַרשיידנסטן סאָ־ציאַלן און פּסיכאָלאָגישן שניט. דאָ האָבן מיר די דרײַ פאַרשיידענע „ריב־גען"; יידישע סאָכרים, קליי־קוידעש, פּוילישע פּריצים, אונטערוועלט־מענטשן און נאָך.

ווי דער מעכאַבער אַליין זאָגט אונדז האָט ער געוואָלט, אַז זײַנע שילדערונגען זאָלן טראָגן אַ בוילעטן אָביעקטיוון כאַראַקטער. ער האָט

זיך באַמיט צו האַלטן באַ געטעס געבאָט: „מאָל, מאָלער און שווייַג!" זייַן גאַנצע שילדערונגס־מאַניר איז דאָ דערפאַר אַן אָפענע, אַ רעאַליסטישע. אָנשטאָט מענטשן אַן לעבן, ווי אין זייַנע פריערדיקע „סימבאָלישע" מייַסעס האָבן מיר דאָ אין די פיגורן פון לוזי, מוישע און סרולי גאָל, רייַכע פּולבלוטיקע געשטאַלטן. ניסטער שילדערט פאַר אונדז אַ פילפאַרביק בילד פונעם דעמאָלטדיקן לעבנס־שטייגער, סאָציאַלע פאַרהעלטעניש, גייַס־טיקע זובעניש. ער האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ גרויסן געשיכטלעכן לייַוונט און אים קינסטלעריש אויסגעהאַפטן.

באַנאַנד מיט דעם רעאַליסטישן געמעל פון דעם ווערק ווערט אויך קלאָר די סאָציאַל־עטישע אידעע פון „משפחה מאשבער".

דאָס ווערק איז אַן אַפּאָלאָגיע פון בראַצלאַווישן כסידיזם — נישט אין זין פון כסידישער אידעאַליזאַציע נאָר באַ דער אַקצענטירונג פון זייַן פּלעבעיִש־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער.

דאָס בראַצלעווער כסידעס איז פאַרבליבן, נאָך דער יערידע פון כסידיזם אין אינסטיטוציאָנעלן צאַדיקיזם, דער עלעמענט וואָס האָט אייַנ־געהיט די אָנפאַנגלעכע ריינקייט פון כסידעס אין איר ערשטן בעשטישן פעריאָד. די בראָצלאַווער זייַנען געווען אייַנגעוואָרצלט אין פאָלק, האָבן געהאַט דעם שליסל צום האַרצן פון פּראָסטן מענטשן און באַזונדערס גע־ווירקט אויף די אָרעמע באַלמעלאָכעס.

אין בערדיטשעוו, וואָס איז שוין אין די זיבעציקער יאָרן געווען צעטיילט אין קלאַסן, אין „רינגען", האָט זיך דער אָמכאָדיקער מענטש, ווען האָרץ ס'איז געווען שווער, געצויגן צו די בראָצלאַווער.

איינער פון די אָנפירער פון די בראָצלאַווער איז געווען דער כאָסיד לוזי מאשבער, אַ פראַנציסקוס פון אסיסי־טיפּ.

דער איבערגאַנג פון לוזי מאשבער, אַ צווייַג פון דער מעיוכעסדי־קער פאַמיליע מאשבער, פון „ערשטן רינג" צום „דריטן", צו די אָרעמע און באַליידיקטע בראָצלאַווער, שפּילט טאַקע אין ראָמאַן די ראָל פון אַ מין גרונט־אַקס, אַרום וועלכן ס'דרייט זיך די גאַנצע האַנדלונג פון ערשטן טייל פון בוך. אין אַלע כסידישע הויפן האָט ער אָנגעשפּאַרט, דער מעיוי־כעסדיקער לוזי, און אומעטום האָט ער אָנגעטראָפן פוסטקייט, נישטיי־קייט, שפּילעס און גרויע וואָכעדיקייט און נאָך וואָגלעניש און זוכע־

נישן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך מעיאש געווען אין די „הויפן" פון די לעבעדיקע צדיקים, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין קרײַז פון די בראַצלאַווער, ווו ס'האָט אויסשליסלעך געהערשט דער גײַסט פון אַ טויטן צדיק, און דאָ האָט ער זיך דערפילט באַפליגלט. די נאַטירלעכע פּאַשטעס, די רירנדיקע אייניקייט האָט אים פאַרקישעפט. דאָס כסידעס, אַז אַ צדיק, אַז אויסערלעכער דעקאָראַטיווער צערעמאָניאַלישקייט פון די גוט־ייִדישע הויפן, האָט אים געפירט צו אינערלעכער פאַרטיפונג, צו זעלבסט־לײַטערונג און פאַרפולקאָמונג.

דער ניסטער שילדערט מײַסטעריש די „פיר אַרשיניקע אוורעמל שנײַדערס"; „שאָלעם טרעגערס" און זייער גלײַכן ווי „בונטאַרישע ערשטלינגען, וואָס האָבן געטראָגן פײַער אין די פאָלעס פאַר יענער פאַרדומפּענער סוויווע". אין דער סעקטע, ווײַזט דער שרײַבער, האָבן זיך שוין געשלאָגן דער סאָציאַלער באַגינען מיט דעם מיטלאַלטערלעכן ביין האַשמאַשעס.

באַזונדערס קאָלירפולע פיגורן זײַנען סרולי גאָל און מיכל בוקיער. באַזונדערס דער לעצטער איז אַ צוויפלער און ביכלאַל אַ טראַגיש־קאָמפּליצירטע פיגור. שפּעטער ווערט ער אַ מאַסקיל, ער אַנטווישט זיך אין כסידעס, וואַרפט דעם טאַלעס אין פּאָנעם אַרײַן פון ראָוו און פּראָטעסטירט קעגן דער גאַנצער פּאַטריאַרכאַלער פעאָדאַל־גווירישער סוויווע.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער האַנדלונג אין ראָמאַן ווערט די סאָציאַלע אידעע פונעם ווערק אַביסל קאָמפּליצירט. אין צווייטן טייל ברענגט דער אויטאָר דעם רײַכן מוישע צו אַ מאַטעריעלן קראַך און צו פּערזענלעכן אומגליק (דער טויט פון זײַן טאָכטער). דאָ ווערט דער סאָציאַלער כאַראַקטער פון דעם צענטראַלן העלד אַביסל מעטושטעש (סײַדן דער מעכאַבער וועט אים דערפירן צו מער קלאָרקייט אין די ווײַטערע טיילן) עס פילט זיך דאָ דער אײַנפלוס פון טאָלסטאָיס און דאָסטאָיעווסקיס לײַטערונג דורך לײַדן און „זינד און שטראָף"־באַנעם. לוזי אָבער אַנטפּלעקט זיך אין ביידע טיילן אין זײַן גאַנצער דערהויבנקייט.

באַזונדערס צייכנט זיך אויס דאָס קאַפּיטל „צוויי אויסערן יאַריד", אין וועלכן ס'ווערט געגעבן אַן אויסטערליש פּרעכטיק בילד ווי אַזוי לוזי זיצט אין די טומלדיקע טעג פון גרויסן „פּרעטשיסטער יאַריד" אײנער

אליין אין דער בראַצלאַווער שול. די אַרומיקע לופט איז פול מיט יאַריד־און מאַרק־טאַראַראַם. אַלע זײַנען אַרײַנגעצויגן אין געווירבל פון יאַריד־האַנדל, און ערגעץ אין אַ קלויז, וואָס ס'זעט אויס ווי אַן אינדזל אין אַ יאַם פון געשעפט, זיצט לוזי איינער אַליין און קוקט אַרײַן אין זויהער און פאַר זײַנע אויגן גייען פאַרבײַ וויזיעס, בילדער, וואָס זעען אויס ווי פאַרגליווערטע דענקמעלער פאַר די שרעקלעכסטע לײַדן און פײַנען פון ייִדן.

לוזיס סאָציאַלע כאַראַקטעריסטיק איז שאַרף געצייכנט. אינעם קאַ־פיטל „ערעוו באַנקראָט” ווען זײַן אייגענער ברודער קומט צו אים נאָך אַן אייצע. וואַרפט ער אים אין פּנים שאַרפע ווערטער וועגן דעם „הויכן גליטשיקן שטאַנד”, אַ וואַריאַנט פון בראַצלאַווערס מײַסע „בעל תפילה” וועגן די וואָס דינען צום גאָלדענעם קאַלב...

אין „משפחה מאַשבער” איז דעם ניסטער געלונגען אויסצונוצן זײַ־נע פריערדיקע קינסטלערישע דערפאַרונגען און זיי שטעלן צום דינסט זײַן רעאַליזם. די טפילע־רעמיניסצענצן, די כאַלוימעס, די פאַנטאַזיעס — אַלץ ווערט דאָ רעאַליסטיש מאָטיווירט.

אין צווייטן טייל ווערן אָפּ אַ דעטאַליזירטן אויפן געשילדערט דער „דריטער רינג”. מיר האָבן דאָ באַריכעסדיקע בילדער וועגן שטייגער־לעבן אין יענע יאָרן ווי די בילדער „שבת צו נאַכטס באַם רב ר' דודי”; די סודע פון די אָרעמע באַ לוזין; דער טויט פון גוויר מוישע מאַשבער; און די נײַע טיפּן אוורעמל לובלינער, יאָסעלע מאַגייפע און מייערל, ווי אויך די ניט־ייִדישע סוויווע, דער יאַריד און דער מאַרק, דער פּוילישער פּאָרעץ און זײַנע מעשאָרסים א.א.ז.וו.

טרײַ צו געטעס וואָרט אין דער האַקדאָמע פון דעם גרויסן ראָמאַן „מאָל מאָלער און שווײַג” — מאָלט ער און שווײַגט, און באַשולדיקט מיטן בילד אַליין און אַפילע אין זײַן באַשולדיקונג איז ער געטרײַ צו דעם עצעם געשטאַלט.

אין דעם צווייטן טייל דרייט זיך אַ גאַלעריע פון צענדליקער פּאַר־שוינען, — אַלע געריייניקטע און גאַנץ אין זיך. זיי מאַכן ניט קיין צופע־ליקע שריט. אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט איז דער בערדיטשעווער ראָוו ר' דודי (דער גאָען ר' דאָוויד אורטענבערג), דער באַקעמפער פון „לוזי

און די זײַניקע", פון די בראַצלאַווער כסידים און דער בראַצלאַווער שי־טע. ר' דודי אַליין איז געפאָרן צו ראַבייִם. אָבער ער איז אין טאָך גע־ווען מער מיסנאַגעד ווי כאָסיד. ווי פּראַטימדיק געטרײַ דער ניסטער שילדערט די צוויי קעגנגעזעצטע געשטאַלטן, דעם כאָסיד לוזי און דעם „מתנגד" ר' דודי:

„אין פלוג, דאַכט זיך, ביידע גלײַך, ביידע פון איין טײַג געקנאָטן, ביידע צו איין גאָט און צו איין גלויבן געהעריקע, און אַפילע קימאַט צו איין שיטע אין גלויבן — און דאָך פאַרשיידענע, אי לויט זייערע אייגנ־שאַפטן, און אי, דער איקער, לויט דעם אָרט און לאַגע, וועלכע זיי האָבן פאַרנומען.

„ווען ר' דודי — אַ כאַריף מיט פיל קענטעניש, וועלכע האָבן אים געבראַכט צו זײַן דער גרעסטער ראָוו אין אַזאַ קעהילע, ווי „נ", ווו מ'האָט אים גרויס ערלעך געהאַלטן און ווו זײַן וואָרט איז געהיט גע־ווען, ווי אַ וואָרט, וואָס איז געגעבן געוואָרן „מסיני" — ד"ה פון גאָט אַליין; — ווען ר' דודי — אויך אַ טאַקיף, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנצע שטאָט הינטער זיך, וועלכע האָט זיך אים אונטערגעגעבן, ווי אַ האַר, אַ הערשער, און וואָס דערפאַר פלעגט ער אַלע פרימאָרגן, זומער, דער ערשטער אַף זײַן גאַניקל אַרויסגיין, די אויגן פאַר דער זון פאַרשטעלן און נעמען אַפן זינען די שטאָט, ווי איינער, וואָס גיט אַכטונג און באַ־זאָרגט זײַנע אַ נאַכלע, אַף וועלכער ער האָט צו זאָגן, ווי אַן אייגנטימער.

ווען ר' דודי — אַזאַ, איז לוזי פאַרקערט: אַ ווינקל־מענטש, וואָס האָט אַלע יאָרן אין אַ קליין שטעטעלע אַף דער גרענעץ ערגעץ פאַר־בראַכט; אַ דערווײַטערטער פון קאָהאָל; כאָטש אַ געלערנטער און גרויס־ווייסער, דאָך אָבער אַ מענטש ניט פון מאַכט, נאָר פון געמיט; ניט נאָר ניט טאַקיף, נאָר ערגעץ אינערלעך אַפילע אָנגעבראָכן, און וואָס דער־פאַר האָט מען אים געקאָנט זען אָפט זיך אומדרייען אַ פאַרטראַכטן, ווי ער שטעלט זיך אויף און נעמט פירן מיט אַ פינגער איבער דער ברעם פון זײַן רעכטן אויג, ווי איינער, באַ וועמען די מאַכשאָוועס קאַליוצען זיך און ער וויל זיי אײַנשטילן, באַרויִקן; אַזאַ, וואָס זײַן קיילע האָט שיטל און לאַנג זיך געוואַקלט"...

אַף דעם פאָן פון זייערע וויקוכים ווענן זינד און שטראָף און לויטן

אויפֿן פֿון זייער געשפּרעך ווערן אַרויסאַנטפּלעקט די גרונט־פֿאַרשיידענע פֿילאָזאָפֿישע באַציִונגען פֿון די צוויי העלדן. לוזי איז דער וואַטרען, דער גרויסער מויכל און ר' דודי — דער שטרענגער מאַנער פֿון דין און מישפּעט.

***

מיר ווייסן נאָך ניט ווהין דער ניסטער וועט דערפֿירן זײַנע העלדן און דעם גאַנצן פֿערסאָנאַזש פֿון דער עפּאָפּייע „משפּחה מאַשבער", אָבער פֿון די ערשטע צוויי טיילן ווערט קלאָר, אַז דער שרײַבער האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו ווײַזן די אייגנאַרטיקע שטאָט בערדיטשעוו אין איר סאָציאַל־באַשערטן גאַנג צום נײַעם, צו די גרענעצן פֿון ווײַטן אָקטאָבער, דעם נײַעם סאָציאַלן ברייִשים פֿון אַ זעקסטל פֿון דער ערד.

ש. גאָדינער

אין אַן אַרטיקל צום דרײַסיקסטן יוביל פון דאַוויד בערגעלסאָנס ליטעראַרישן שאַפן, האָט ש. גאָדינער געשריבן: „עס האַנדלט זיך אין דער מאָס, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן דורכן קינסטלער באַם באַווײַזן דאָס אַלטע און דאָס נײַע און דעם קאַמף צווישן אַלטן און נײַעם אינעם לעבן פון איין מענטשן גופע.

מען דאַרף קענען סײַ דעם אַלטן שטאַף, דעם אַלטן ליים, אין וועלכן דאָס נײַע שאַפט זיך, סײַ אויך דאָס גאָר נײַע, דאָס אַוואַנגאַרדישע פון וועלכן דאָס נײַע שאַפט זיך, און וועלכער איז אַליין דער באַשעפער פונעם נײַעם" (שטערן, נומער 5, מינסק, 1940).

אָט די מאָס, וועלכע דער פּריצײַטיק־אומגעקומענער טאַלאַנטירטער נאָוועליסט ש. גאָדינער ווענדט אָן אַף בערגעלסאָנען קאָן מען אָנווענדן אַף אים אַליין.

באַ גאָדינערן איז אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן פאַראײַביקט דאָס אַלטע מיטן נײַעם. גראָד אין די ווערק און קאַפּיטלען ווו ער רעדט וועגן „אַלטן" האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס קראַפט. אָט די אייגנהייטלעכקייט פון אַלטן, וואָס וואַקסט סימבאָליש און וויזיאָנעריש אַרײַן אין נײַעם האָט שטאַרק באַווירקט גאָדינערס פּראָזע.

ש. גאָדינערס בוך „דער מענטש מיט דער ביקס" (1930) איז געווידמעט דער צעוואַלגערונג פון דער צאַרישער אַרמיי און דעם אויפקום, די געבורט פון דער נײַער, רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. ער פלעכט צענויף דעם סאָף פון ערשטן וועלט־קריג אַף דער רוסישער ערד און די צעפאַלונג פון אַלטן צאַרישן רוסלאַנד מיט די נײַע קאַמפן, מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די נײַע קויכעס, קורץ, מיטן באַגינען פון אָקטאָבער.

די דעמאָביליזאַציע גייט דאָ באַנאַנד מיט דער נײַער מאָביליזאַציע. „די ריזיקע רוסישע אַרמיי איז ווי אַ פוילער עפּל צעפאַלן און די האַרטע זוימען זײַנען איצט פאַרזייט דאָ אַף נײַעם אַנדערשדיקן וווּקס. גאָדינער

גיט אַף אַ דיאַלעקטישן אויפן איבער דעם סכום פּוילונג־ און צעשטעֵ־רונגס־פּראָצעסן וואָס די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע האָט מיט זיך געבראַכט און דעם בעהאדראַגעדיקן פונאַנדערבלי פון די נײַע קרעפטן.

הירש קעסלער, דער צענטראַלער העלד פון בוך דער „מענטש מיט דער ביקס", אַ געוועזענער וואַרשעווער אַרבעטער און איצטיקער קאָמאַנ־דיר פון אָטריאַד איז דער, וואָס „אַף זײַן יידישן גורל איז אויסגעפאַלן אַ פאָלק סאָלדאַטן אַ היים לאָזן און פאָרמירן דעם נײַעם רויטגוואַרדייִשן אָטריאַד".

אין אַן אוקראַיניש גרענעץ־שטעטל איז אין אַ האַרבסטיקן פרײַטיק באַטאָג אין הויז פון דער פרומער יידישער מישפּאָכע מאַנדעל, (וואָס באַשטייט פון אַ פאָטער דאָוויד, דער מעשׂיכישער יידינע טאָמאָר און זייער טאָכטער דינע), אַרײַנגעפאַלן אַ סאָלדאַט און איז שוין דאָרט פאַר־בליבן ביז נאָך דעמאָביליזאַציע און ביזן אָנהייב פון בירגער־קריג.

צו דער מאַנדל־מישפּאָכע קומט ער, דער נײַער מענטש מיט דער ביקס, און ער ווערט דאָרט באַלד אַן אייגענער, ער דערפילט אַ שײַכעס צו דער יידענע וואָס דערציילט אַז זי שטאַמט פון אָוועס, וואָס האָבן גע־הערט צו שאַבסי־צווי און וואָס האַלט אין איין ריידן וועגן מאָשיעכן און שאַפט אַרום זיך אַ מיסטעריע וועגן אַ מין ערעוו־מאָשיעכס קומען, זעט אין דער נײַער אַרמיי „משיחס חייל" (אַזוי הייסט אַ קאַפּיטל פון בוך), און רעדט צו איר מאַן דאָוויד און צו דער טאָכטער דינע, וואָס ווערט אין די לעצטע קאַפּיטלען געשילדערט מיט שטריכן פון דער נײַער אַקטוויזירטער פרוי.

צי וואָס דאַרף גאָדינער אַרײַנוועבן דאָ אַ מאָשיעך־מיסטעריע?

צי וואָס דאַרף לעמאָשל, דינע, די וואָס וועט שפּעטער אין אַן אויס־געשטערנטער נאַכט ווערן אַ פולשטענדיקע רויטאַרמייקע, פריער אָנגע־שטעקט ווערן מיט איר מאַמעס מאָשיעך־עקסטאַז?

דער ענטפער: עס איז דאָ אַ באַשטימטער נאַציאָנאַל־יידישער מאָ־טיוו אין דעם בוך און גאָדינער וויל פאַרבינדן די מאָשיעך־טרוימען פון דער מאַנדל־מישפּאָכע מיטן נײַעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

לייענען מיר לעמאָשל די דאָזיקע אויסצוגן: „— ווויל, — גאָר ווויל! — האָט דער ייִד אויסגעשריען — נעם, דינע־לעבן, די פידל, שפּיל אַ

קאַבאַלעס־פּאָנעם דעם הייליקן שאַבעס!... מאָשיעך קומט בימהיירא ביאָמיינו..."

אָדער די שילדערונג ווען הירש, דער רויטער קאָמאַנדיר הייסט דעם מאָשיעך־ייִדן, דאָוויד מאַנדל, אָנזאָטלען אַ פערד, זיך אויפזעצן אַף אים און זיך אַוועקלאָזן איבערנעמען די ווירטשאַפט פונעם פאָלק, ווערן אַ „מענטש מיט אַ ביקס" און דאָוויד ווערט אַזוי באַגייסטערט פון דעם פּלאַן, אַז ער שרייט אויס אין עקסטאַז צו די שטערן: „שמע ישראל".

עס איז דאָ אין ראָמאַן נאָך איין מאָטיוו, וועלכן מען קען ניט פאַר־בייגיין. דאָס איז הערשס כעשבן האַנעפעש מיט זיך און מיט דער רע־וואָלוציע. דער דאָזיקער מאָטיוו איז סימבאָליש פאַרן נאָמען פון בוך „דער מענטש מיט דער ביקס" און איז, כאָטש ער קלינגט ווידערשפּרעכנ־דיק, אַן אַפּאָטעאָז פון ריינסטן הומאַניזם.

אין אַ מינוט פון אָפנהאַרציקייט און באַזונדערער אויפגעלייגטקייט זאָגט הירש צו זיין כאַוועך מאָטוויי:

„...אונדזער לעבן איז איצט שוידערלעך דערפירט געוואָרן ביז איין פונקט... ביז צום שפּיץ פון אַ נאָדל... ביז צום שאָס... מיר זיינען אַלע מענטשן מיט ביקסן... קימאַט אָן הערצער... מענטשלעכע שיס־מאַשי־נעס...".

דער זעלבער הערש, וואָס פּערזאָניפיצירט אין בוך די אַקטיווע קראַפט פון דער רעוואָלוציע, איר אָרגאַניזירטן געזונטן יאָדער, ער וואָס דערפילט אין דער ביקס אַ געווער, אַ קאַמפּס־מיטל, וואָס קרעפטיקט אים און טראָגט אַריין אַ זינען אין דעם גערעכטן קריג, דער זעלבער הירש שוידערט אויף פונעם געדאַנק, וואָס דאָס לעבן איז דערפירט געוואָרן „ביז צום שאָס", וואָס מענטשן זיינען קימאַט אָן הערצער. ער ציטערט פאַרן געדאַנק טאָמער וועט די נעשאָמע אַרויסגעיאָגט ווערן פון דער מאַ־שין.

אַזאַ כעשבן האַנעפעש־מאָטיוו איז דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַ־טור ניט פרעמד.

אין ערנסט העמינגווייס ראָמאַן „פאַר וועמען דער גלאָק קלינגט" („פאָר הום די בעלל טאָללס") איז דאָ אַ העלד, אַ שפּאַנישער לאָיאַליסט, וואָס שטייט לאַנגע כאַדאָשים אַף זיין פּאָסטן, אַף וועלכן די פּאַרטיידי־קונג פון דער רעפּובליק האָט אים אַוועקגעשטעלט. יעדער נאַכט און יע־

דער טאָג זעט ער פאַר זיך רויט-מענטשלעך בלוט, אויך אַזאַ בלוט וואָס ער איז געצוווּנגען צו פאַרגיסן אָדער איז גווירעם אַנדערע צו פאַרגיסן. ער ווייס, אַז ער דערפילט אַ פליכט און ער וואָלט געפילט די גרעסטע פאַראַכטונג צו זיך, ווען ער וואָלט זיך פון דער פליכט אָפּגעזאָגט, אָבער זיין העלדנטום ווערט די גאַנצע צייט באַגלייט פון אַ געפיל: עפּעס איז אין דער וועלט נישט אין אָרדענונג, אויב ס'איז אַ מוז אַזעלכע פליכטן מעקאַיעם צו זיין. אָפּטמאָל, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, טראַכט ער דערפאַר, אַז ווען „דאָס אַלץ" וועט זיך ענדיקן, וועט מען עפּשער עפּעס דאַרפן טאָן, קעדיי צו פאַרגיטיקן די „זינד" פון פליכט-דערפילונג.

אין אַזעלכע סטירעס איז פאַראַן מער זינען ווי אין אַ סאַך גראַד-ליניקע אויסגעהאַלטנקייטן פון אַנדערע שרייבער און ווערק.

אַט די מענטאַליטעט און האַנדלונג פון דעם דאָזיקן שפּאַנישן לאָ-יאַליסט דערמאָנט אין גאָדינערס העלד הירש קעסלער, דעם „מענטשן מיט דער ביקס", און אויך אין הויפּט-העלד פון שאָלאָכאָווס „דער שטי-לער דאָן" גריגאָרי. ווי דער מעכאַבער גיט זיין פאַרגאַנגענהייט, זיינע קווענקלענישן, זיין הארבן און טראַגישן כאַראַקטער.

גאָדינערס קינסטלערישע דערפאַרונג שטאַמט פון וועלט-מילכאָמע און בירגער-קריג. פון דער מילכאָמע האָט ער געצויגן די גראַדע ליניע צו די דערשיינונגען פון דעם בירגער-קריג, צו יענע אויסברוכן און שטומע פּראָטעסטן וואָס האָבן זיך שפּעטער צונויפגעגאָסן מיטן אַלגעמיינעם סאָ-וועטישן שטראָם.

אין זיינע ערשטע ווערק שפּילט אַ גרויסע ראָל דער סימבאָל, די שפּילעוודיקע קלייניקייט, דער גליקלעכער איינפאַל.

מער רעאַליסטישע דערגרייכונגען, רעזולטאַטן און קינסטלערישע לייטערונג האָט גאָדינער דערגרייכט אין זיין גרעסערער נאָוועלע „זאַווע-לער טראַקט" (1938). אין דעם בוך האָט גאָדינער דערפירט אַמווייַ-ניקסטנס איין געשטאַלט פון נאָענטן פאַרצייטנס ביז די גרענעצן פון דער נייער סאָוועטישער איבערבויענדיקער ווירקלעכקייט.

דער פורמאַן זאַוול אדלער, וואָס האָט אין זומפּן, צווישן קרעפּעטע און לאָשוויץ, דורכגעלייגט אַ וועג, פירנדיק אַ פוילישן פּאָרעץ און דער-נאָכדעם דערפאַר באַקומען פון אים די כאַזאָקע אפן גאַנצן לעבן צו פאָרן מיט געשפּאַן אפן דאָזיקן טראַקט, — האָט ניט געוווּסט, אַז אף דעם

טראַקט וועט אַמאָל זײַן אייניקל, וואָס וועט טראָגן זײַן נאָמען, אומקור־מען אין קאַמף מיט ווײַס־גוואַרדייִשע באַנדעס פאַר דער באַפרײַונג פון זײַן שטעטל און דעם גאַנצן לאַנד. דער „טראַקט" איז באַם שרײַבער אַ היסטאָריש־סימבאָליזירטע גרענעץ פון דעם נאָענטן אַמאָל.

פריער האָבן מיר אין דער דערציילונג די נאַטירלעכע סוויווע פון די שטעטלשע באַלעגאָלעס, אין וועלכע מיר דערשפּירן שוין סימאַנים פון אַ פּרימיטיווער רוי־קראַפט. אַט די פּרימיטיווע קראַפט האָט זיך אויסגע־דריקט צו באַקעמפן די שיידים און „ניט גוטע" פון די זומפּן. אָבער זײַן מיזינקע, כאַנקע, וואָס באַקומט פון אים דראָשע־געשאַנק דעם „שעדים קאַטשערע", קומט צום באַוווסטזײַן, אַז דער זאַוועלער וועג איז געבליבן באַם פאַרעך. „דער טאַטע זאַוול האָט טאַקע אַרײַנגעלייגט אַהין אַ גאַנץ לעבן, אַרויסגענומען האָט ער פון דאָרטן ניט מער ווי דעם „שעדים קאַ־טשערע".

די ווײַטערדיקע האַנדלונג פון דער נאָוועלע טראָגט זיך איבער אין דער גרעסערער שטאָט לאַשוויץ, וווּהין די לעבעדיקע אָגונע כאַנקע (איר מאַן האָט מען גערופן אין יאַפּאַנישן קריג) קומט וווינען און אַרבעטן. עס קומען נײַע צײַטן און נײַע דערשײַנונגען, וואָס ברענגען אום דאָס שטעטל, פאַרניכטן, צעשטערן און פאַרטיליקן עס, אָבער עס קומען אויך אויף נײַע געשטאַלטן, כאַנקע און איר טאָכטער נעכאַמקע און זון זאַוול, וואָס זעצן טאַקע פאָר דעם אַלטן זאַוולס האַרעפּאַשנע טראַדיציע, אָבער אייניינעם מיט דעם ברעכן זיי צוימען, ווידערשפּעניקן קעגן דער מוטערס צוואָע „אַז די וועלט פירט זיך שוין אַזוי... קעגן אַ וועלט קען מען ניט נײַן"...

גאָרדינער בלײַבט דאָ ניט באַ דער קולטיווירונג פון דער פּרימיטי־ווער זאַוועלער קאַטשערע־פאָלקסטימלעכקייט, נאָר פירט זי איבער אין אַ נײַעם גילגול צו נײַער העלדן־סטיכיע. די לעצטע קאַפּיטלען פון בוך, אין וועלכע ער שילדערט די יאָרן פון סאָף מילכאָמע און בירגער־קריג, זײַנען דערפאַר אַזוי אימפּעטפול און אָנגרײַפנדיק, ווײַל דורך זיי גרײַפט שוין אָן די נײַע אימפּעטפולע עפּאָכע.

מיטן ווערק „זאַוועלער טראַקט" האָט גאָרדינער נאָכאַמאָל באַוויזן ווי אייגן עס איז אים דער מעטאָד פון באַהעפטן דאָס אַלטע מיטן נײַעם

און אַז די נאָענטע און ווײַטע געשיכטע איז אַ פּאַקטאָר אין דערציִונג און אַנטוויקלונג פון רעוואָלוציאָנערן באַוווּסטזײַן.

דאָס בוך ווערט פאַרענדיקט מיט אַ שילדערונג ווי דאָס שטעטל האָט געענדערט זײַן פּנים, פון אַן ענגער שטײַג פאַר לופט־מענטשן און אָרעמע פורמאַנעס איז עס געוואָרן אַ פּונקט פאַר נײַער ציוויליזאַטאָריש־כאָזיאַיִשער אַנפירונג.

כאַנקעס טאָכטער און זאַוולס אייניקל גערואַכטע ווערט אַן אינזשינערן, וואָס רײַסט אויף די זומפּן.

„עטלעכע רעגנס האָט געדויערט דער אויפרײַס. אין דעם דאָזיקן אויגנבליק, וואָס איז אוממעגלעך געווען צו כאַפּן, איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן אַ שטיק אַלטע וועלט — אַ פּאַמעלעכע, אַ גרויע, אַ פינצטערע, און עס איז געבוירן געוואָרן אַ נײַ שטיק וועלט — אַ פלינקע, אַ פרייִלעכע, אַ ליכטיקע... און זי האָט מיטאַמאָל דערזען פאַר די אויגן דעם גאַנצן וועג אירן, פון דער וויג, וואָס איז געהאַנגען אין דער קרעפּעטער שטוב אונטערן באַלקן מיטן „שעדם קאַטשערע“, ביז צום אויגנבליק, ווען די זומפּן פונעם זאַוועלער טראַקט זײַנען געפלויגן צום לויטערן, זומערדיקן הימל“.

***

אין 1940 האָט ש. גאָדינער אַרויסגעגעבן „מײַסטערס פון פעלד און ווײַנגאָרטן“ און דעם בוך דערציילונגען „אַנדערע מענטשן“. אין דער האַקדאָמע צום ערשטן ביכל פאַרצייכענונגען זאָגט דער אויטאָר: „די צוועלף קאָלווירטניקעס, וואָס זײַנען דאָ באַשריבן, זײַנען פאַרשטייט זיך, אַ טראָפּן אין יאַם פון די צענדליקער טויזנטער ייִדישע קאָלווירטניקעס אין אונדזער גרויסן היימלאַנד. אָבער איך גלייב, אַז לויטן טראָפּן וועט יעדער איינער דערקענען דעם גאַנצן יאַם“.

אין די מײַסטערשע פאַרצייכענונגען באַווײַזט דער שרײַבער דעם אידעאָלאָגישן איבערבוי און פאַרוואַנדלונג פון די געוועזענע ייִדן פון צאַרישן מכוּם, ווען זיי זײַנען אַרויף אַף ערד און זיך אַנגעשלאָסן אין ריינגען פון דער קאָלעקטיווער ערד־ווירטשאַפט.

עס איז באַוווּסט אַז די מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע לערנט, אַז עס איז פאַראַן אַ צווישן־ווירקונג פון די אידעאָלאָגישע איבערבויען מיט די

רעאַלע יעסוידעס. ניט נאָר די באַזע ווירקט אַף דעם אידעאָלאָגישן איבער־געבוי, דער אידעאַל גופע ווירקט אויך אַף דער באַזע. דער זײַן באַשטימט טאַקע דעם באַוווּסטזײַן, אָבער דער באַוווּסטזײַן ווירקט אויך אַפן זײַן.

ש. גאָדינער האָט אין זײַנע ערשטע ווערק „טאָג אַנטקעגן", „דער מענטש מיט דער ביקס", זיך באַוויזן ווי אַ שרײַבער, וואָס לעבט איבער אַ געדאַנק ווי אַ רעאַלע ווירקלעכקייט, דערנענטערנדיק זיך נענטער צו דער אידעע פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם און מיט דער זעלבער קראַפט פון גע־דאַנק און וויזיע ווערט בײַ אים אויך די ווירקלעכקייט דערהויבן צו גע־דאַנק.

אין דער ערשטער דערציילונג פון באַנד „נײַע מענטשן": „די זון גייט אויף אין מיזרעך" ווערט דערציילט וועגן ביראָבידזשאַנער אײַנ־וואַנדערער ייִסראָעל יעהודין. „ניט פון ווייטיק, נאָר פון ווילטאָג פאָרט ער: ער קאָן זיך פאַרגינען אָפּגעבן זײַן ביסל קענטעניש דאָרט, וווּ עס איז דאָ ווייניק מענטשן, מאַכמעס, ער וויל באַדאַנקען דער מאַכט, וואָס הייבט אויף גאַנצע פעלקער פון שטויב און שטעלט זיי אַף די פיס און מאַכט זיי צו לײַטן גלײַך".

אין מעשעך פון זײַן לאַנגער נעסיע לייענט ייִסראָעל די „וועלט באַ־שרײַבונג":

„אַף יענער זײַט אוראַל האָט ער פאַרענדיקט די לעצטע זײַטלעך און האָט וועגן זיך צוזאַמענגעשטעלט אַזאַ מאָשל: פון דער זון האָט זיך אָפּ־געריסן אַ שטיק פײַער און איז אַוועק זיך דרייען אינעם אייגענעם קרײַז. ביסלעכווײַז האָט זיך עס אויסגעפורעמט אין אַ קויל, איז באַדעקט גע־וואָרן מיט האַרטער קאָרע, האָט אַרויסגעשלאָגן פון זיך געוויקסן מיט באַ־יעס, און עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ וועלט, די וועלט, אַף וועלכער מיר לעבן איצט".

„באַשאַפן דעם מאָשל האָט ער אָנגעהויבן זיך פילן גאָר אַנדערש, גרעסער און וויכטיקער פון אַלע פּאַסאַזשירן. ווײַל ער איז ניט פּאַשעט אַ פּאַסאַזשיר, וואָס פאָרט פון איין אָרט אַפן צווייטן, נאָר אַ שטיק פײַער איז ער, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער זון און גייט פון זיך אַליין באַ־שאַפן אַ נײַע וועלט". מיט דעם געדאַנק פאָרט ייִסראָעל קיין ביראָ־בידזשאַן און שפּעטער, בעיס אַף דער קליינער סטאַנציע, „טיכאָנקאַיאַ"

באַגעגנט זיי עפּעס אַ גאַלעכל „וואָס האָט זיי געגומען שרעקן מיט מײַסעס וועגן כּאַיעס און קאַמאַרעס, וועגן מאַבולס און מאַגייפעס, און די נײַע אײַנוואַנדערער איז די גאַנצע נאַכט פונעם גאַלעכס מײַסעס ניט אַזוי ליכטיק אַפן האַרצן און זײַנען געבליבן אַזוי זיצן פאַרזאָרגט ביז באַגינען, האָט זיך ייִסראָעל יעהודין אויפגעהויבן און אויסגערופן:

— אַ גוט מאָרגן, ייִדן! וואָס קוקט איר אַף מיר? קוקט אַהין, קוקט אַפן מיזרעך, ייִדן! די זון גייט אויף אין מיזרעך! און ווירקלעך, ערגעץ אַפן ברעג פון אמור האָט זיך דער הימל גענומען ראָזן און רויטלען — עס האָט אָנגעהויבן אויפגיין אַ העלער מיזרעך־טאָג".

גאָדינער פאַרבינדט די נײַע האָריזאָנטן וואָס די געגנט עפנט פאַר ייִדן מיט דער נײַער ערד וואָס די סאָוועטישע מעלוכע האָט געגעבן ייִדן און ווײַל ער, ייִסראָעל יעהודין אַליין, פילט זיך ווי אַ שטיק פײַער איז ער גרייט „צו גיין אַן כּאָכמעס אין פײַער און וואַסער קעדיי ייִדן זאָלן האָבן אַ לאַנד".

אין פעריאָד פון נײַעם קאָלעקטיוון ערדישן איבערבוי האָבן די לאַנג אונטערדריקטע פעלקער און שוואַטים גענומען אַ וואָרט אין דער ראַטן־פאַרבאַנדישער ליטעראַטור. עס גייען פאַרבײַ פעלקער מיט זייערע מינ־האָגים, מיר זעען זיי אין זייער דינאַמיק און עקזאָטיק און מיר באַקענען זיך מיט זייער עקזאָטיש לעבן און מיט די ענדערונגען וואָס זײַנען אַרײַנ־געטראָגן געוואָרן אין זייער לעבן.

אין דער דערציילונג „דער יאָנטעוו פון פרײַנטשאַפט" שילדערט דער דערציילער אַ באַגעגעניש פון ייִדישע קאָלווירטניקעס מיט דאָנער קאַ־זאַקן אין די דאָנער סטעפּן. די ייִדן פאַרברענגען אַ וואָך אין דער קאָזאַ־קישער סטאַנציע און כאָטש זיי זײַנען ערשט זייער אַ קורצע צײַט קאָל־ווירטניקעס און האָבן ניט קיין אייגנטלעכע פויערשע טראַדיציעס ווי אַלט אײַנגעפונדעוועטע קאָזאַקן, דאָך זײַנען עס אַנדערע מענטשן, אַנדערע ייִדן און אַנדערע קאָזאַקן. די קאָזאַקן פירן דורך אַ פעררדישן וועט־געלויף און אַ ייִדישער קאָלווירט געווינט. אין בילדעריש אָנגעזעטיקטע שורעס מיט אַ געוויסן הויך פון ביבלישן גאַנג, שאַפט זיך אין דער דערציילונג אַ נײַער אַרט עמאָציאָנעלקייט, ניט קיין שרײַענדיקער, נאָר אַ קרעפטיקער און אַ רויִק עפּישער מיט אַ באַשטימטער ווענדונג צו באַווײַזן ווי עס הייבט זיך

אַן אײַנוואָרצלען דאָס סאָציאַליסטיש לעבן, וואָס שאַפֿט נײַע צווישן־באַציִונגען צווישן פֿעלקער און שוואַטים. דאָס ווערט געגעבן אַפֿן פֿאָן פֿון דער שטילער ליבע, וואָס עס שאַפֿט זיך פֿון דער דוניאַשען מיטן ייִדישן קאָלווירטניק יויסעף אין דעם יאַנטעוו פֿון געזעגעניש, פֿון פֿרײַנט־שאַפֿט.

אין דער דערציילונג „אַ דעמב באַם ווײַסל" האָבן מיר וווּנדערלעכע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן. באַם ווײַסל איז געזעסן אַ פֿאַרוואָרצלטע, אַלט־שטייגערדיקע ייִדישע מישפּאָכע. דער צווייטער דאָר איז שוין געוועזן פֿרײַער פֿון טראַדיציע און דער דריטער — אינגאַנצן אַסימילירט. יויסעף, אַן אַדוואָקאַט, דער דריטער דאָר באַם ווײַסל, האָט כאַסענע מיט אַ קריסטן און זיי האָבן אַ קינד סטאַשעק. סטאַשעק, דאָס קינד, גייט אין שול און באַגעגנט דעם ווילדן ענדעקישן אַנטיסעמיטיזם. זײַנע פּוילישע שול־כאַווײרים פֿרעגן אים ווער ער איז: ענטפֿערט ער זיי, ווי זײַן פֿאָטער הייסט אים: אַ מענטש! און באַקומט דערפֿאַר געשלאָגן פֿון די שול־קינדער וועלכע שרײַען אים נאָך „הינטישער ייִד".

דער אַסימילירטער פֿאָטער, וואָס שרײַבט ביכער וועגן פּוילנס גרויס־קייט, דערוויסט זיך פֿון דעם קינדס לײַדן. ער טוט אָבער פֿאַרהוילן פֿון אים דעם עמעס, ביז דאָס ייִנגל הייבט זיך אָן צוהערן צו די ראַדיאָ־פּראָגראַמען פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ער באַשליסט אַריבערצולויפֿן די גרעניץ, ווײַל בלויז דאָרטן, האָט ער זיך דערוווּסט, ווו עס איז קיין אונטערשייד ניט צווישן פֿאָלק און פֿאָלק איז געגוג פֿאַר יעדן איינעם צו זײַן בלויז אַ מענטש. דאָס ייִנגל געלינגט אָבער ניט אַריבערצוגיין די גרענעץ. ער ווערט פֿאַרווונדעט און ווערט געבראַכט צוריק אַהיים אין וואַרשע — ווו ער שטאַרבט אין שפּיטאָל.

דער פֿאָטער וויל באַגראָבן זײַן טראַגיש אומגעקומענעם זון אָבער דאָס ייִדישע בייסוילעם לאָזט ניט, ווײַל ס'קינד איז ניט געמאַלט, דאָס קאַטוילישע לאָזט ניט ווײַל ס'קינד איז ניט געטויפֿט. זוכט דער אַסימי־לירטער טאַטע „אַ מענטשלעכן בייסוילעם". ערשט איצט דערוואַכט ער, דער פּוילישער אַסימילאַטאָרישער ייִד, וואָס לייקנט זײַן אָפּשטאַם. ער ווערט צעשמעטערט און פֿאַרייִעשט און וואַרפֿט זיך אַרײַן מיטן טויטן קינד אין ווײַסל... די דערציילונג איז סאָציאַל פֿאַרשאַרפֿט, רופֿט אַרויס

גרוים מיטגעפיל מיט איר לויכטנדיקן טראַגיזם און האָט אַ רעוואָלוציאָ־ניזירנדיקע באַדייטונג.

אין זיין נאָוועלע „לעאָ הערץ" פון טאָלעדאָ, ווערט דערציילט וועגן לעאָ הערץ לייוור־טויוו, אַ דייטש־יידישער אינזשינער, וואָס איז אוועק אַפן לאַיאַליסטישן פראָנט פון שפּאַניע, שרייבט צו זיין פריינט אַ בריוו:

„איך זע אַ געוויסע געזעצמעסיקייט דערין, וואָס איך, דער ייד לעאָ הערץ, וועלכער האָט דורך מי און געווינסנהאַפטע אַרבעט פאַרדינט גוטע באַציִונג צו זיך אינעם לאַנד פון די גרעסטע מענטשלעכע האָפענונגען, געפין זיך ווידער גאַנץ פרייוויליק אַף יענער הייסער ערד, פון וועלכער מיין אור־פאָטער איז אַראָפּגעטריבן געוואָרן. איך געפין זיך ניט ווייט פון טאָלעדאָ און איך גלייב, אַז דו זעסט אַליין ווי אינטערעסאַנט דער קרייז האָט זיך געשלאָסן: מיין אור־פאָטער האָט דאָ געשמידט און געשליפן געווער און איך טו דאָס זעלבע... דאָס איז עפּשער אַ ריין־פּריוואַטער פאַקט אין דער פאַמיליען־געשיכטע פון דער אַלטער יידישער מישפּאָכע לייוור־טויוו..."

אין די נאָוועלעס „אַנדערע מענטשן" האָט גאָדינער געפונען זיין שעפערישן וועג. זיי באַווייזן אַז דער פריצייטיק־אומגעקומענער אַפן שלאַכטפעלד ש. גאָדינער האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו שאַפן נאָך גרויסע ווערק.

נאָטע לוריע

נאָטע לוריע און זײַן ווערק „דער סטעפּ רופט"

ביז דער גרויסער סאָוועטישער רעוואָלוציע האָט קימאַט די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור געהאַט צו טאָן דעריקער מיט דער ייִדישער „טאָרבע", מיט „קאַבצאַנסק" און „קאַסרילעווקע". טאָמער האָט ווער פון די שרײַבער פאַרכאַפּט אַ שמאָלן סעקטאָר פון עכט־בורזשואַזן אָדער פּראָלעטאַרישן שיכט, איז עס געווען אויסער דער „נאָרמע". אין צענטער איז געווען גלופּסק, קאַבצאַנסק און קאַסרילעווקע.

דאָס ליטעראַרישע וואָרט, וואָס האָט ביז איצט באַדינט דאָס שטעטל אין זײַן דעקלאַסירטקייט, דעם לופט־ און בירזשע־מענטשן, האָט זיך נאָכן בירגער־קריג, ווען עס האָט זיך דערנענטערט די טעמאַטיק פון איבערבוי, גענומען דעפינירן קינסטלעריש, עטיש און ליריש, די קאָלעקטיוויזאַציע, דעם וועג פונעם ייִדישן טײַטל און פונעם ייִדישן „טאַפּ אין וואָגן" — צו דער דאָרפישער סאָכע און טראַקטאָר...

נאָך דעם בוך פון די ביכער, דעם טאַנאַך, האָבן די ייִדן אין זייערע ליטעראַרישע שאַפונגען אױף פאַרשיידענע לעשוינעס ניט געשאַפן אַזאַ ברייטע פויערשע ליטעראַטור, ווי די ייִדיש־סאָוועטישע. אין דער ייִדיש־סאָוועטישער פּראָזע ווערט דער ערד־אַרבעטער געוויזן אין פאַרשיידענע פאַזן. אין זײַן געבורט און ווערן (דאָוויד בערגעלסאָנס און אַלבערטאָנס ביראָבידזשאַנער און הערשל אָרלאַנדס „הרעבליעס"); מיר זעען אין דער פּראָזע דעם ייִדישן פויער אין זײַן סאָציאַלן איבערבוי און אין זײַנע טיפע אויפטרייסלונגען (ע. גאָרדאָנס „ווילד גראָז"; עליע שעכטמאַנס „פאַראַקערטע מעזשעס" און דאָס קרעפטיקע ערדישע ווערק פון נאָטע לוריע „דער סטעפּ רופט"), און מיר האָבן אויך קינסטלערישע בילדער וועגן דער הערויִק פון ייִדישן פויערטום אין דער צײַט פון דער גרויסער מילכאָמע (ש. גאָרדאָן).

דאָ ווילן מיר דעריקער ריידן וועגן דעם דערציילער נאָטע לוריע.

***

די דערציילונג „באַנאַכט אַף פּאַשע" (1929) האָט געשטעלט נאָטע לוריען צווישן די צוזאָגנדיקע שריפטשטעלער. לוריע, אַליין אויפגעוואַקסן אין דאָרף און סטעפּ, האָט זיך גענומען צו דער טעמאַטיק וואָס איז אים אייגן און נאָענט. זײַן ערשט בוך „דער סטעפּ רופט" (1932) האָט אים אוועקגעשטעלט צווישן די באַדײַטנדיקסטע וואָרט־קינסטלער פון ייִדישן דאָרף. אין דעם דאָזיקן ראָמאַן ווערן אָפּגעשפּיגלט די פאַרשיידענע אי־בערוואַנדלונגען פון די ערשטע ייִדישע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן (קאָל־כאָזן) אַף די כערסאָנער סטעפּעס און דער פאַרביסענער קאַמף פון די באַלײַ־גופים קעגן דער קאָלעקטיוויזאַציע.

„בוריאַנאָווקע" רופט זיך דער ייִדישער פּויערים־ייִשעוו, וואָס ווערט געשילדערט אין ראָמאַן. עס איז אַן אַלטער ייִדישער דאָרף. ער פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל אָרעם־פּויערים און אַ הייפל באַלײַ־גופים... דערגייט די קאָלעקטיוויזאַציע אַהער. די אָנפירערן פון דער נײַער קאָלעקטיוויזאַציע איז דאָס ייִדישע מיידל עלקע רודנער, וואָס שטאַמט פון אָרעמע עלטערן, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין בירגער־קריג. זי אַליין האָט טראַדיציעס פון פּאַרטיזאַנישן קאַמף. אין סטעפּ קומט עלקע צו אָרגאַניזירן די קאָ־לעקטיווע באַלעבאַטישקייט און ליקווידירן די קעגנער. זי שטויסט זיך אָן אַף אַ פּראַקטישן ווידערשטאַנד, אָבער זי שרעקט זיך ניט אָפּ. מען האָט זי אַהער געשיקט „אויסרײַסן די דאָזיקע ווילדקייט, די פאַרוואַקסע־נע מעזשעס", און מען דאַרף זיך באַמיען, „מען דאַרף איבערמאַכן, זאָל אפילו קאָסטן בלוט".

דאָס איז אין קורצן די סוזשעטישע סכעמע פון בוך.

די צענטראַלע פּראָבלעם, וואָס דאָס בוך „דער סטעפּ רופט" שטעלט אוועק, איז די אַבסאָלוטע דעמאַסקירונג פונעם פּריוואַט־אײַגנטימערישן אינסטינקט באַם פּויער. בוריאַנאָווקע אַליין איז אַ סימבאָלישער נאָמען. עס מיינט: סאָציאַלער בוריאַן. אין אָט דעם „אַלטן, זומפּיקן לעבן" רײַסן זיך אַרײַן די עלקעס, וואָס דאַרפן פירן דעם כוטאָר אָפן קאָלווירטישן וועג. לוריע האָט קינסטלעריש איבערצײַגנדיק באַוויזן די זײַט פון דער

פויערשער אינדיווידועלער נאַטור, וואָס בויט זיך אומפאַרמײַדלעך איבער אפן באָדן פון די נײַע קאָלעקטיווע פאַרהעלטענישן.

צוויי הויפּט־העלדן זײַנען דאָ אין בוך — שעפּטל און עלקע, דורך וועמען דער ראָמאַן ווערט געטראָגן און וואָס זייער אידעישער געראַנגל דאַרף זיך באַווײַזן דורכן ליבע־געראַנגל. דאָס אונטערשטרײַכן דעם צוזאַמענשטויס צווישן די פאַרשיידענע קעגנזעצלעכע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע שטריכן פון די געשטאַלטן גיט דעם שרײַבער אַ מעגלעכקייט צו אַנטבלויזן טיפער זייערע אינדיווידועלע שטריכן. מיט גרויס אויסגעבונדנקייט צייכנט לוריע סילועטן פון די אַנדערע פויערים באַליי־גופים: יאַנקעוו אַקסמאַן, סימכע בערעזין און יודל פּיסקון. און די שוואַכע טיפּן די באַליי־גופישע אונטערלעקער; זייערע גלוסטונגען, קאַפּריזן, נייגונגען און ווּנטשן. אַלץ איז אײַנגעראַמט אין פּלאַסטישע נאַטור־שילדערונגען, געצײַטיקט אַף לאַנדשאַפט־פאָן.

שעפּטל קאַבליעץ, דער יונגער מיטל־פויער, וואָס האָט אַ שוואַכקייט פאַר עלקען און „נעמט" זי, מיינט אַז זי וועט אים זײַן אַ ווײַב און אַן אַרויסהעלפערן אין זײַן מיטל־פויערישער ווירטשאַפט. עלקע אָבער פּרוּווט אים איבערמאַכן. אָט איז אַ דיאַלאָג, וואָס אַנטפּלעקט זייערע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע צוזאַמענשטויסן:

„אין קאָלעקטיוו, האַדיע... — זאָגט שעפּטל. — איך וויל אַף קיינעם ניט האַרעווען מיט דיר... אַליין קאָן איך אפן סטעפּ ניט אַרבעטן. דער סטעפּ האָט ליב הענט, שוויים דאַרף די ערד, און איך האָב נאָר צוויי הענט. איינינעם, אָט האָבן מיר... — ער האָט געפילט, אַז אין מויל איז אים שטאַרק טרוקן געוואָרן.

„— מיט פיר הענט, זאָגסטו, איז גרינגער — ענטפערט עלקע, — און מיט צען, מיט צוואַנציק, מיט הונדערט הענט?

„ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי מען וואָלט אים מיט אַ קאָפּיטע איבערן קאָפּ געגעבן".

לוריע אַנטבלויזט דעם פויערישן אייגנטימערישן אינסטינקט אין זײַנע סאַמע העסלעכסטע פאָרמען. יודל פּיסקון קויפט פערד, הונגערט זיי אויס; ער פּרוּווט אַפילע דערשיסן עלקען. און שעפּטל אַליין?

„קיינמאָל האָט נאָך שעפּטל אַזוי ניט האַנאָע געהאַט, ווי דעמאָלט

ווען ער דערהערט, אַז בײַ עמיצן האָט אַ פֿערד זיך אַוועקגעלייגט, אַז בײַ עמיצן איז די טוווּ ניט אויפֿגעגאַנגען, אָדער פֿאַרברענט געוואָרן — דעמאָלט האָט ער דערפֿילט, אַז אים איז עפּעס צוגעקומען, ער איז רײַכער געוואָרן, אים איז בעסער".

אין אירע בריוו פֿון טפֿיסע שילדערט ראָזע לוקסעמבורג אַף איר רעוואָלוציאָנער־הומאַניש און גלײַך־לירישן אופֿן ווי די אימפּעריאַליס־טישע מיכּאָמע עקספּלואַטירט די בעהיימעס. זי דערציילט:

„...מיט עטלעכע טעג צוריק איז אָנגעקומען אַ וואָגן מיט זעק, און ער איז געווען אַזוי שווער באַלאָדן, אַז די בופֿל־אָקסן האָבן ניט געקאָנט אַריבער די שוועל פֿון דעם טויער. דער סאָלדאַט, וואָס האָט אָנגעטריבן, האָט זיך גענומען אַזוי שמײַסן די „פֿערד" מיט דעם גראָבן עק פֿון זײַן בײַטש, אַז דער געפֿענגעניש־אויפֿזעער האָט אים מיט כּעס געפֿרעגט, צי ער האָט גאָרניט קיין רחמנות אַף די בהמות... ער האָט פֿאַרגע־זעצט שלאָגן נאָך מיט מער ברוטאַליטעט.

„ענדלעך האָבן זיך די אָקסן אַריבערגעשלעפּט איבער דעם בערגל, אָבער איינער איז געווען אַ צעבלוטיקטער... סאָניטשקאַ, די קאָפּיטע פֿון בופֿל־אָקס איז אומגלויבלעך פֿאַרהאַרטעוועט, און אָפּילע אָט די קאָפּיטע האָט געבלוטיקט. בעשאַס מען האָט אַרונטערגענומען די זעק, זײַנען די בהמות געשטאַנען שטיל און פֿאַרמאַטערט. דער פֿאַרבלוטיקטער בופֿל־אָקס האָט געקוקט גלײַך פֿאַר זיך. זײַן שוואַרץ געזיכט און זײַנע טונקע־לע, ווייכע אויגן האָבן געהאַט אַן אויסדרוק, ווי בײַ אַ וויינענדיק קינד. דאָס איז געווען פּונקט דער קוק פֿון אַ קינד, וועלכעס מען האָט שרעק־לעך באַשטראָפֿט און עס ווייס ניט פֿאַרוואָס; עס ווייס אויך ניט ווי אַזוי אויסצומײַדן די ברוטאַלע גוואַלדטאַטן און די שרעקלעכע לײַדן. איך בין געשטאַנען פֿאַר אים און ער האָט אַף מיר געקוקט. טרערן האָבן זיך גע־גאָסן פֿון מײַנע אויגן, דאָס זײַנען געווען זײַנע טרערן. פֿאַר דעם טײַערסטן ברודער קאָן מען ניט מער לײַדן ווי איך האָב אַ הילפֿלאָזע געליטן פֿאַר אָט דעם שטומען ווייטיק. ווי ווײַט, ווי אומדערגרייכבאַר, פֿאַרלאָרן זײַ־נען די פֿרײַע, רײַכע פֿעלדער פֿון רומעניע! ווי פֿאַרשיידן האָט דאָרט געשײַנט די זון און ווי פֿאַרשיידן דער ווינט האָט געבלאָזן! ווי פֿאַר־שיידן די פֿייגלען האָבן געזונגען, און ווי מוזיקאַליש עס האָט געקלונגען

דעם פּאַסטוכס רוף! און דאָ — די פרעמדע, מיעסע שטאָט, די קאַלטע, נאַסע שטאָל, און דאָס געשמאַקלאָזע היי, געמישט מיט פאַרפוילטע שטרוי; פרעמדע, שרעקלעכע מענטשן, און קלעפּ — דאָס בלוט רינט פון דער אָפענער ווּנד... אָ, בופל־אָקס, ברודער!ביידע שטייען מיר דאָ, הילפלאָז אונטער דעם יאָך — מיר זײַנען איינס אין אונדזערע לײַדן, אונדזער שוואַכקייט, אונדזער בענקעניש".

אַט דעם ברייטן געפיל פאַר דעם שטומען לײַדן פון דער בעהיימע, וואָס דער באַל־גוף יודל פּיסקון וויל דערהאַרגענען, ער זאָל זי קאָנען אָפּשינדן, פאַרקויפן און ניט נוצן פאַרן קאָלעקטיוו, — געפינען מיר אין „דער סטעפּ רופט":

„אין שטאָל האָט עפּעס שווער געסאָפּעט, געטרייסלט זיך, ווי אײַמעצער וואָלט דאָרט דאָס געפּײַניקט ביז ווײַסן שוויים אַרײַן... איז יודל אונטערגעשפּרונגען ווי אַ שוואַרצער האָן און מיט דער זאַוואַלע געקנאַקט די שקאַפּע אונטערן בויך".

לוריע שטעלט דאָ אַרויס די וואַכזאַמע סאָציאַליסטישע עטיק קעגן דער אייגנטימערישער גײַציקייט, וואָס מאָרדעוועט אַכזאָריעסדיק דעם שטומען באַל־כאַי, אויב ער קאָן פון דעם ציען רעווער...

דער שעפּטל־עלקע ראָמאַן איז די סאַמע אָקס פונעם ראָמאַן. זי פאַרקערפּערט די אַלע געשילדערטע פּראָצעסן. עלקע איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פרויען־טיפּן אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור. לוריע האָט באַוויזן, אַז ער קען די געשטאַלט אויסגעבונדן. עלקע ווערט געגעבן מיט איר גאַנצער לעבעדיקייט אין יעדן זשעסט און וואָרט, זי איז באַוויזן מיט איר ניט־געקינצלטער פּראָסטקייט, מיט איר לעבנס־פרייד און פּראַקטישקייט.

נאָטע לוריע האָט געשאַפן געשטאַלטן, וואָס קריצן זיך אײַן אין זיקאָרן. ווי שעפּטלס אַנטיפּאָד שטעלט לוריע אַרויס כאָנצען. ווען ער הערט די הודזשעריַי פונעם טראַקטאָר, וואָס טראָגט זיך פונעם דערבײַיִקן קאָלעקטיוויזירטן דאָרף, דערשפּירט ער, אַז איצט ווערט אין גרונט אויפגעריסן „די גרויסע און אומענדלעכע אָרעמקייט, וואָס די כוטעראַנצעס האָבן מיט זייער שווערער פּראַצע, מיט זייער שוויים און בלוט דאָ אָנגעלעבט. אַזאַ גרויסע און אומענדלעכע אָרעמקייט, אַט דאָ אַף די שוואַרצ־

ערדיקע אוקראַינישע סטעפּעס, ווּ עס גייט אויף אַזאַ גרויסע זאַפּאָראָזשער זון און די ערד איז אַזאַ פעטע און אַזאַ זאַפּטיקע".

טייל פון די באַלײ־גופישע כאַראַקטערן, וואָס לוריע שילדערט, ברענגען אַרויף אַפן זינען די באַלײ־גופים פון שאָלאָכאָווס גרויס ווערק „אויפגעאַקערטע רוי־ערד", כאָטש לוריעס געשטאַלטן זיינען נישט אַזוי דינאַמיש־ברויזנדיק ווי שאָלאָכאָווס.

די קינסטלערישע דעטאַל, די אַנטוויקלונג פון דער האַנדלונג און וועאַלקולאַם — דער רייעך פון סטעפּ, וואָס גייט אויף פון די בלעטער, שטעלן אַוועק לוריעס בוך אין די פאָדערשטע רייען פון דער סאָוועטיש־יידישער פּראָזע.

ניו־יאָרק 1948.

ש. האלקין

אין זיין ארבעט „ליריק און סאציאליזם" (אלמאנאך „סאוועטיש", 1928), שרייבט דער סאוועטיש־יידישער ליטעראטור־קריטיקער און היס־טאריקער מ. ווינער: „די בילדער פון עכטער ליריק, ווי זינגלעך זיי זאלן ניט זיין, פירן שטענדיק צו דער שוועל פון געדאנק. ווארעם, וואס איז אייגנטלעך דאס דיכטערישע טרוימען, אויב ניט דאס בילדעריש־געפילט־מעסיקע באגערן און דענקען — אפן פאן פון אן אויסגעקלארטן אדער ניט אויסגעקלארטן געדאנק? א דירעקטער אויסדרוק פון געדאנקען דורך דיכטערישער בילדלעכקייט איז דורכויס אייגנטימלעך פאר עמעסער לי־ריק. ווער ס'קאן אין דעם צווייפלען, זאל ער זיך דערמאנען אינעם שאפן פון איינעם פון די מעכטיקסטע דיכטער און ליריקער אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראטור, אינעם שאפן פון געטע. ער איז פילאזאפיש געדאנקלעך ניט נאר אין אזעלכע ווערק ווי „פאוסט", „פראמעטיי", נאר אפילע אין זיינע אינטימסטע לירישע לידער. דאס אייגענע קאן מען אין א גרעסערער אדער קלענערער מאס זאגן וועגן יעדן עמעסן ליריקער ביכלאל.

„דער עמעסדיק דורכגעלעבטער, דורכגעוויטיקטער געדאנק, וואס ווערט פארקערפערט אין לעבעדיקע בילדער, טרייסלט אויף אונדזער גע־מיט, ניט בלויז אונדזערע געפילן, נאר אויך אונדזער דענקעריש באוווסט־זיין, ווייל ער קאנקרעטיזירט דאס וואס איז אונדז באוווסט בלויז אבסטראקט, און באררייכערט אזוי ארום סיי די געפילן סיי דעם פאר־שטאנד".

פון זיינע ערשטע דיכטערישע טריט אן האט דער פאעט ש. האל־קין ארויסגעוויזן א נייגונג צו פילאזאפישער פאראלגעמיינערונג. דער מאטיוו, די טעמע און פראבלעם, וואס רירן אן דעם דיכטער ביז דער סא־מע טיף, גיבן אים א מעגלעכקייט צו פארבינדן ענג זיינע געפילן און אי־בערלעבונגען מיט דעם געזעלשאפטלעכן געדאנק.

אין האלקינס לויטערער ליריק פארנעמט דער געדאנקלעכער עלע־מענט א וויכטיק ארט.

דער געדאנק, דער הויכער אידעישער געדאנק, וואס פירט אן מיט זיין לירישן געמיט, דרינגט דורך אלע באשטאנד־טיילן פון זיין ליד, — אינעם בילד, ווארט און קלאנג ווי אויך אינעם ריטם. עס איז דא אין זיין ליד הויכקייט פון פילאזאפישן געדאנק און צארטקייט פון געפיל, און דער געדאנקלעכער עלעמענט איז בעשום אופן ניט קעגנזעצלעך צום פאע־טישן, דענקען איז אבסאלוט ניט אין סתירה מיט עכטער איבערלעבונג.

אין זיין ערשט לידער־בוך „ווײ און מוט" (1922) איז ש. האלקין געקומען מיט א מין העברעיש־ביבלישן טאן. עס האט א ווײ געטאן מיט ביבלישער געדאנקלעכקייט און סימבאליק פון זיין ליד.

עס זיינען אין דעם בוך אויך פאראן נאטור־לידער, ליריש־פילאזא־פישע מעדיטאציעס און אפילע לידער אין נוסעך פון דעם טילימדיקן גע־בעט. מיר האבן ניט די מעגלעכקייט צו אנאליזירן גענוי די לידער לויט אלע טאנאכישע מאטיוון, מיר וועלן זיך אפשטעלן בלויז אף איין ליד אזא.

„שטיינער צוועלף געפאסט אין כוישן
אין טיף פארבארגענער פארלייגט געוועזן איז,
פון שיין פון מאגיקער פארפאלגט,
א שפור א ליכטיקן פון כוישן יענעם,
א פאס פון גאלד.
האב איך צעצויגן אים און אים צעשניטן
אף פעדעמען, אף פלעכטן פון ס'ניי;
מיין האנט האט אנגעגרייפט מיט ציטער
אן אויצער שטיינער נייע".

דער פאעט זעט נאך די שפורן פון דער ליכטיקייט, וואס ווייעט פון אלכטן כוישן־גאלד, און דאס ליכט פעדעמט ער און פלעכט פונסניי.

אט דעם ביבלישן באנעם פון פראצעסן און פאקטן פארבינדט האל־קין מיט דער נאציאנאלער לייזונג פון ביראבידזשאן. פאר האלקינען איז די באזעצונג פון ביראבידזשאן א טרייסט און אן אויסגאנג פאר זיין ווייטיק איבערן כורבן פון יידישן שטעטל.

„שטעטעלע מײַנס,
ביסט וויסטיק און הויל,
ביסט אָרעם און כאַרעוו אינגאַנצן
נאָר שטעטעלע מײַנס וויים:
ס׳איז דאָ שוין אַ טרייסט —
אַ בלעטל, אַ גרינס פון אַ פלאַנצונג״.

עס באַקומט זיך באַם דיכטער אַז „שטעטל״, אינגאַנצן גענומען, אַן אונטערשייד פון קלאַסן און שיכטן, איז פאַרמישפּעט וואַנדערן, איז פאַרמישפּעט אָנכאַפּן זיך פאַר ערד, וואָס ער סימבאָליזירט מיט ביבלישע טענער וועגן בלעטל, וואָס דערמאָנט אין נויעכס קאַסטן. עס איז אַ מין „צידוק הדין״ און באַזינונג פאַרן פאַרמישפּעטן.

שפּעטער, מיט די „לידער פון אויפקום און בויען״, האָט האַלקין אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען אין דעם פּראָבלעמען-פאַרמעג פון דער סאָוועטישער געדאַנקען־וועלט. ער האָט זיך געשטעלט אַפן שטאַנדפּונקט ניט נאָר פון „ווײ״, נאָר אַפן שטאַנדפּונקט פון מ ו ט אליין.

האַלקין באַרעכטיקט פולשטענדיק די נײַע מאַדרייגעס פון זײַן לאַנד.

„ווען ס׳פּלאַצט אַ צווײַג אין בוים-געפלעכט,
וואָס קאָן מען טאָן מיט ווינטן? —
זיי זײַנען טויזנט מאָל גערעכט,
טויזנט מאָל — די ווינטן!

אַז גרינגער ווערט אין בלויען רויך,
און גרינג און גראָם דער דרויסן —
געבענטשט, געבענטשט זאָל זײַן די הייך.
וואָס לאָזט ניט צווײַגן זיך שטויסן״.

אין זײַן בוך „קאָנטאַקט״ (1935) ווערט דערהייבן צו גרויסער פאַראַלגעמיינערונג דעם דיכטערס טיף-אינטימע איבערלעבונגען. אין די לידער טרעט בוילעט אַרויס דער כאַראַקטער פון זײַן פּאָעזיע. עס פלעכטן זיך דאָרטן איבער גנוזשלשאַפטלעכע און פּערזענלעכע עלעמענטן. אף אַ ליריש-צאַרטן אופן, דורך בילדערישקייט, מאָשל און אַלעגאָריע, גיט ער איבער זײַן געדאַנק.

אין א פּאָליטיש ליד טראָגט ש. האלקין אַרײַן די אייגנאַרטיקייט פון זײַן פּאָעזיע. ער איז דאַנקבאַר די נײַע לעבנס־באַדינגונגען פון זײַן לאַנד, וואָס זיי האָבן אים ניט אויסגעהיילט און פון אים אויסגעלייזיקט דאָס דיכטערישע אייגנטימלעכע און נאָענטע.

„כ'בין דאַנקבאַר דיר פאַר זייער פיל,
נאָר מער פון אַלץ — פאַר דעם געפיל,
וואָס דו האָסט הײַנט אין מיר דערוועקט,
אַז ניט דער ווירבל־ווינט אין וועג
און ניט דער שניי וואָס שמײַסט און גליט
קאָן אויסלעשן פון האַרץ דאָס ליד".

אין די לידער פון זײַן צווייט בוך „קאָנטאַקט" (1935), טרעט דער דיכטער אַרויף אויף די וועגן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. זײַן פערז ווערט אַלץ מער טיפער אין אינהאַלט און פולקאָמענער אין דער פאָרעם. ער פאַרפלעכט אויף אַז אייגנאַרטיקן אופן זײַן געדאַנק מיט זײַן געפיל. אָן רעטאָרישן געשריי, מיט א שטילער און טיפער באַוווּנדערונג הייבט ער אָן באַזינגען די „ליבע פליכטן".

„אַזאַ מין ווּנדערלעכער טאָג און צייכנס ווייניק:
א האַמער און אַ סערפּ וואָס זײַנען פעסט פאַראייניקט
אויף גרויסן ערד־קײַלעך, באַזוימט מיט זעט פון זאַנגען
באַשטראַלטע דורך אַ זון, וואָס איז ערשט אויפגעגאַנגען
אַ שטערן אַ פינף שפּיציקער, וואָס אַריבער זיי פון אויבן
און — הערצער, וואָס מען קען זיי אָט דאָס אַלץ פאַרגלייבן".

מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף א פּאָר לידער פון ש. האלקינס צווייטן בוך „קאָנטאַקט", ווו עס ווערן דערהויבן צו גרויסער פּאַראַלגע־מיינערונג דעם דיכטערס טיף־אינטימע איבערלעבונגען. אין די לידער טרעט בוילעט אַרויס דער כאַראַקטער פון זײַן פּאָעזיע. עס פלעכטן זיך דאָרטן איבער געזעלשאַפטלעכע און פּערזענלעכע עלעמענטן. אויף א ליריש־צאַרטן אופן, דורך בילדערישקייט, מאָשל און אַלעגאָריע, גיט ער איבער זײַן געדאַנק.

און אָט ווי דער דיכטער זינגט וועגן ביראָבידזשאַן:

„פריש ווי דאָס וואַסער פון קוואַל מײַן געמיט
און קלאָר ווי אווגוסט דער טאָג — מײַן געוויסן
אין וואַקסיקסטער מי אין געלײַטערטסטער ליד
איך וויל אַז דער באַרג מיטן טאָל זאָל זיך שליסן".

אין איינער פון זײַנע עסייען, „דער אקער און דער שטערן", זאָגט דער דענקער מארטין בובער אַרום דעם געדאַנק, אַז נאָר דער וואָס איז ערדיש, וואָס שאַפט מיט דער ערד, און ווייס אַז עס איז פֿאַראַן אַן אַקער, דער קאָן אַרײַנציען דעם רוים און דעם קאָסמאָס אין דעם מענטשלעכן לעבן, און נאָר דער וואָס ווייס, אַז עס זײַנען פאַראַן שטערן, וואָס האָט ליב דעם הימל, די שטערן, דער פילט אַפילע בא יעדער קליינער זאַך די אומענדלעכקייט.

דער טיפער אַפאָריזם קומט אַרויף אַפן געדאַנק, ווען מיר לייענען האלקיגס אַזא געדאַנקלעך ליד ווי דאָס ליד „שטערן".

„אַט דער שטערן איז מיר טײַער
פאַר דער ריינקייט פון זײַן פײַער,
פאַר זײַן קומען צווישן הונדערט,
פאַר זײַן לײַכטן זיך באַזונדער
און דערפאַר, וואָס גאָר זײַן שײַן
אין איין טראָפּן שליסט ער אײַן.

אַט דער שטערן איז מיר טײַער
ווײַל עס צווייט זיך ניט זײַן פייער.
ווען ער שענקט זײַן ליכט דעם וואַסער:
ס'ווערט ניט טונקעלער, ניט בלאַסער
איבערן לאַנגן, ווײַטן וועג —
פונעם אויבערפלאַך ביז דעק.

אַט דער שטערן איז מיר טײַער
ווײַל זײַן גרוים איז אומגעהייער,
ווײַל פאַר אים אַ מאָס געפין איך,
ווײַל זײַן ליכט אין זיך פאַרשפין איך,

און דערפֿאַר וואָס ער געהערט
אי דעם הימל, אי דער ערד".

אינעם ליד „דאָס גרעסטע גליק" זײַנען דאָ אַלע שטריכן פֿון זײַן געדאַנקלעכער עמאָציאָנעלישקייט, זײַן אײַדעלע האַרציקייט, אַפֿאָריסטישקייט און מאָשלדיקער מעטאַפֿאָריק.

אַ מײַסטערווערק אין מיניאַטור איז ש. האַלקינס ליד וועגן שפּיגל. אין צען געפּרעסטע לאַקאָנישע שורעס גיט דער דיכטער אַן אויסגעצייכנט פּאָעטיש בילד וועגן דער ווירקונג פֿון דער אײגנטימערישקייט אַף דער פּסיכאָלאָגיע פֿון מענטשן און אַף אַ מאָשלדיקן אופֿן ווערט איבערגעגעבן דער זין פֿון סאָציאַליסטישן וועלט-באַנעם.

„דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורך דעם די גאַנצע וועלט:
ווער עס וויינט און ווער ס'קוועלט.
נאָר ווי דו האָסט איין זײַט פֿאַרשטעלט
מיט זילבער-פֿאַרב, וואָס האָט די ווערט
אַ גראָשן געלט, צי עטוואָס מער — — — —
פֿאַרשווינדט פֿון אויג די גאַנצע ערד.
פֿון ריינעם גלאָז אַ שפּיגל ווערט,
און ווי דער שפּיגל זאָל זײַן ריין —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אַליין".

***

מיטן אויפֿקום פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט זיך אויך געביטן די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור. דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז אַרײַנגעדרונגען אין שטייגער און אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די ראַטנפֿאַרבאַנדישע פֿעלקער און דערבײַ האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נײַער אײגנאַרט. דער אייגנאַרט פֿון די היסטאָרישע באַדינגונגען אין דער אַנטוויקלונג פֿון די פֿעלקער, לויט דער פֿאָרמולע: „סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט, נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרעם", האָט געפֿירט דערצו, די ליטעראַטור זאָל דערזען, אַז בײַ דער גאַנצער אייגנהייטלעכ-

קייט פון די סאָציאַלע פּראָצעסן אין דעם לאַנד, זיינען דאָך פאַרשיידן איינס פון דאָס אַנדערע די קאָנקרעטע פאַרקערפּערונגען און אַנטפּלעקונגען פון די דאָזיקע געמיינשאַפטלעכע סאָציאַלע פּראָצעסן. דאָס האָט געווירקט, אַז אין דער ליטעראַטור ביכלאַל זאָל זיך אויסברייטערן דער אינטערעסן־קרייז פון מער־פּאַרטיפּטע היסטאָרישע קענטעניש, און עלטערע און יינגערע סאָוועטיש־יידישע שרייבער.

ש. האַלקינס דראַמע „בר־כוכבא" פאַרמאָגט הײַנטצײַטיקע באַפרייאונגס־מאָטיוון אין די געשטאַלטן פון אַמאָליקע יידישע כאַכאָמים און העלדן. די מענטשן, וואָס דער דיקטער־דראַמאַטורג פירט אַרויס, אָטעמען מיט היינט־צײַטיקן פאָלקס־קאַמף און דאָך הויערט אויף דער העראָישער פאַעמע דער עפּישער כיין פון אַלטע יידישע לעגענדעס.

דער דערהויבענער ביבל־סטיל פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע איז דורכגעדרונגען מיט פאָלקסטימלעכער פּאַשטעס און דער אינהאַלט איז אָנגעזעטיקט מיט פולבלוטיקער היסטאָרישקייט.

די גאַמע פון דער „בר־כוכבא"־דראַמע איז זייער אַ פאַרביקע. אין דער אינסצעניררונג האָט ש. האַלקין אַרײַנגעבראַכט דעם אַלגעמיינעם גײַסט פון זײַן אייגנאַרטיקער דיכטונג — די מעטאַפאָרישקייט פון בילד. די דראַמע איז געשריבן אין פּערזן. פאַר זײַן דראַמאַטישער שילדערונג האָט ער אויסגעוויילט די פּאָעטישע פאָרעם, ווײַל דאָס גיט אים אַ מעגלעכקייט אויסצודריקן דאָס סוביעקטיוו־לירישע.

כוץ דעם הויפּט־העלד באַר־קויכווען אַליין ווערן אַרויסגעבראַכט די טאַלמודישע טיפּן: עליעזער האַמוידאַי, באַר־קויכוועס פּאַציפיסטישער קעגנער, וואָס איז קעגן רעוואָלט, דער געהיימער בונטאַרישער הענדלער, וואָס פאַרדעקט זײַן געוועער מיט פּרוכט; אַליעזער האַמוידאָיס טאָכטער, באַר־קויכוועס געליבטע, און דער קעמפערישער טאַנע ר' אַקיווע.

די טעמע וועגן דעם היסטאָרישן יידישן אויפשטאַנד, אונטער דער פירערשאַפט פון רעוואָלוציאָנערן באַר־קויכווע און בונטאַרישן טאַנע ר' אַקיווע קעגן דער רוימישער מאַכט — איז ניט נײַ אין אונדזער ליטעראַטור. אַ באַר־קויכווע־דראַמע האָט געשריבן גאָלדפאַדן, דער גרינדער פון יידישן טעאַטער, און אַנדערע. ש. האַלקין איז אָבער דאָ דורכויס יידיש־אָריגינעל.

ש. האלקין גיט איבער די באקאנטע טאלמודישע לעגענדע וועגן פארצייטיקן פאלקס־מינהעג: ווען ס׳איז געבוירן געווארן א יינגל, פלעגט מען פלאנצן אינעם וואלד א צעדערבוים, א מיידל — אן אקאציע־בוים. באם פלאנצן דיביימער פלעגן זיך די עלטערן אפט צונויפריידן, אז זייערע קינדער זאלן גרויסערהייט ווערן כאסן־קאלע. פון די ביימער האט מען דערנאך געשניצט כופע־שטאנגען. אזא בוים האט מען אויך גע־פלאנצט באם געבורט פונעם פאלקס־העלד באר־קוֹיכווע, און דאס פאלק האט וועגן דעם געזונגען:

„באר־קויכוועס בוים, ווי שטאלץ ער וואקסט, ווי שיין.
קיין שטורעמס וועלן דיך פון ארט ניט רירן;
פון קינדוויַיז אן, וווהין איך זאל ניט גיין —
צו אט דעם בוים די וועגן מיך פארפירן”.

די האנדלונג אין דער דראמע איז דורכגעפלאכטן מיט לירישע גע־זאנגען. ווי ליריש עס זינגען די פאלקס־טעכטער וועגן ר׳ אקיווען, וואס דארף אנקומען פון וויַיטן וועג העלפן באר־קויכוועס אויפשטאנד.

„טוט א פרעג באַ יעדן וועג,
באַ די וועלדער טוט א פרעג,
און באַ יעדן שטיין אין וועג
אף אקיווע טוט א פרעג,
פרעגט באַ יעדן קוואל און טיַיך,
צי געטרונקען ט׳ער פון איַיך,
און באם שאטן טוט א פרעג,
צי גערוט האט ער אין וועג”.

ש. האלקין ברענגט ארויס ר׳ אקיווען, וועלכער איז א פאלקס־מענטש, א געוועזענער פאסטוך — ער פילט און באנעמט טיף די באגערן פון פאלק. נאציאנאל־יידיש ווערן אויך באהאנדלט די אידעיִשע קאנ־פליקטן צווישן דעם האכנאעדיקן עליעזער האמוידאי און דעם מילי־טאנטן ר׳ אקיווען. דעם וויקועך — איינער פון די צענטראלסטע און וויכטיקסטע מאמענטן אין דער פיעסע — פירט ר׳ אקיווע.

עליעזער:

„מ'האט רוים צערייצט — די טוירע וועט נאך מער איצט
גיין צו גרונט,
ס'איז קראנק דאס פאלק — באר־קויכווע הייסט די ווונד..."

אקיווע:

„די טוירע גייט צו גרונט? קאן זיין נאר ביסט פארבלענדט:
דו מיינסט, אז רוים וועט אונטערלייגן איר די הענט;
דו ווילסט עס ניט פארשטיין, צי קאנסט עס ניט באנעמען,
ווען ס'איז ניטא קיין פאלק — די טוירע איז פאר וועמען?"

די דראמאטישע האנדלונג, ווי די שפראך פון ר' אקיוועו, איז פאסיק פארן ארט דענקען פון אונדזער היינטיקן אידעישן געראנגל צווישן נאציאנאלע קעמפער און פאסיווע פאררעטער, וואסריידן קלוימערשט אין נאמען פון הויכע אידעאלן. עס איז ווי ש. האלקין וואלט איינגעזען געוואלט ווייזן, אז כאטש די געשטאלטן האבן זיך געביטן, האבן מיר אין יעדן דאר אונדזערע אקיוועס און עליעזער האמוידאים, וואס ריידן מיט זייער שפראך.

דער ווילן צו אנטפלעקן אינעם צויבער־שפיגל פון היסטארישער פאנאראמע דעם צעפלאמטן היינט ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער, וואס דער דיכטער לייגט ארײַן ר' אקיוועו אין מויל און אין די לעצטע ווערטער פון באר־קויכווען.

אקיווע:

„פארלארן גיין מוז דער, ווער ס'האט דעם וועג צום פאלק
פארלארן,
ווער ס'פרווט זיך מיט דער האנט פארשטעלן פון זיין שיין;
ניטא קיין שטראף קיין גרעסערע — ווי פונעם פאלק דער צארן,
ניטא קיין גרעסער גליק — ווי פון אים געליבט צו זיין".

באר־קויכווע:

„ווייל וועמען שטארבן איז באשערט
פאר פרייהייט פון זיין פאלק — בלייבט לעבן שטענדיק".

האַלקין דריקט אויס די אייניקייט פון אַלע קעמפנדיקע און פּרײַ־הײַט־דאַרשטיקע פעלקער וואָס וווינען אין שכיינעס מיטן ייִדישן לאַנד.

דער אַלטער ייִדישער שמיד עלישע זאָגט וועגן אַ צווייטן שמיד וואָס אַרבעט מיט אים אין וואַרשטאַט:

„אַ כותי ניט קיין ייִד, און ווי אַ קינד מיר טײַער“.

אונטער באַר־קויכוועס אָנפירונג גייען קעגן רוים האַנט בײַ האַנט ייִדן און ניט ייִדן. דעריבער פאַרנעמט אין דער דראַמע אַן אָנגעזעענעם אָרט דער סיכסעך צווישן נאַציאָנאַליסט יוסי און באַר־קויכווע. יוסי וויל באַפרײַען דאָס לאַנד בלויז פאַר זײַן פאָלק, פאַר די ייִדן, און הייסט אַראָפּטרײַבן די פּאַלעסטינער ניט אײַנגעזעסענע נישט ייִדן פון זייער ערד. אָבער באַר־קויכווע ווייס, אַז פרײַהײַט דאָס לאַנד ברענגען קען ער בלויז מיט דער הילף פון אַלע אַרבעטער פון לאַנד.

„דער סיריער, דער פּאַרטייר און דער גריך,
זיי וועלן פרײַ ווערן פון רוים אַזוי ווי איך“.

די ביראָבידזשאַנער פּאָעזיע

עס איז דאָ ריטם אין דעם גאַנג פון פּאָעטן, דער ריטם פון צײַט און פון אָרט.

די סאָוועטיש־ייִדישע פּאָעזיע איז אַ פּאָעזיע פון רײַכע און קלאַנגפולע ריטמען, אין סאָוועטיש־ייִדיש ליד איז דער ריטם פון געזאַנג זיך צונויפגעקומען מיטן ריטם פון דער צײַט, פון העלדישן בירגער־קריג, פון סאָציאַליסטישן מאַסן־אויפבוי און פון זייער גרויסער פּאַטעריאָטישער שלאַכט. אין דעם ייִנגסטן צווײַג פון דער פּאָעזיע, אין דער ביראָבידזשאַנער דיכטונג, איז פאַראַן נישט נאָר דער ריטם פון צײַט, נאָר אויך פון אָרט. די פּאָעזיע פון דעם יונגן דאָר ביראָבידזשאַנצעס, פון די דיכטער, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין דער ברייִשיסדיקער ווײַט־מיזרעכדיקער מעדינע, „צווישן די טײַגעס און סאָפּקעס", בײַ די ברעגן פון אַמור, בירע און בידזשאַן, איז איינס מיט דער דאָרטיקער לאַנדשאַפט און עס ווייען פון איר אַלע פרישע רייכעס פון דער ביראָבידזשאַנער געזונטקייט.

איינער פון די ערשטע יונגע סאָוועטיש־ייִדישע דיכטער, וועלכע זײַנען געקומען אין דער ווײַט־מיזרעכדיקער ייִדישער געגנט און זײַנען געבאָוועט געוואָרן אײַנאייִנעם מיט איר, איז געווען דער יונגער בוזי אַליעווסקי, וועלכער איז אין 1941 אוועק אפן פראָנט און איז געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט.

„ווען איך טראַכט איצט וועגן אַליעווסקין — האָט נאָך זײַן העלדישן אומקום געשריבן זײַן ייִנגערער באַוועוער אַרן ווערגעליס — זע איך אים אין אַ קילבלעכן פאַרנאַכט: בוזיס טונקלעך פּנים מיט די שוואַרצע גלאַנציקע אויגן, די געדיכטע שוואַרץ־צעשויבערטע האָר... מיר זײַנען שוין דורכגעגאַנגען דעם הילצערנעם בריק איבער דער בירע, פּלוצים טוט זיך בוזי אַ שטעל אָפּ און כאַפּט מיך אָן פאַרן עלנבויגן:

„זעסט, איך שרײַב שוין צוועלף יאָר — האָב איך איצט אָנגע־

שפּאַרט אַזש צו דעם דאָזיקן בריק צו אַזעלכע קלאָרע, ברייטע, מעכאַ־יעדיקע ראַכוועסן..."

די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט האָט געפונען איר אויסדרוק אין אַ ריי לידער און פּאָעמעס פון דעם יונגן טאַלאַנטירטן דיכטער. זײַן ציקל לידער „באַשעפער" (פון בוך „לידער" מאָסקווע, 1940) געווידמעט זײַן היימלאַנד, איז אַ פילפאַרביקער רעגנבויגן פון יעבידישע און קאָלעקטי־ווע מאָטיוון, אַ מיזמער צום נײַעם פּענטשן אויף דער נײַער ערד.

כ'האָב ליב אין וועג, ווען ס'נעמען זיך באַווײַזן
די קרומע ליניעס פון ווײַטע בערג,
די רויכן בלויִלעכע פון ערשטע הײַזער,
די ערשטע אײַנוווינער פון ערשטער ערד.
און ליב איז אָנטרעפן אין טײַגע ייִדן
צי רוסן נאָענטע אַרום אַ שײַטער.
פון האַרצן גאַנצענעם זיי ווינטשן פרידן,
און נאָכדעם זעצן זיך און פאָרן ווײַטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ'האָב ליב דיך ייִדישע — מײַן יונגע געגנט,
כ'האָב ליב דיך נאָענטע — מײַן ערשטע ערד".

אַליעווסקים לידער וועגן זײַן געגנט זײַנען אויסגוסן פון שאַלנדיקער פערזענלעכער פרייד, האַרציקע מונטערקייט און לײַדנשאַפטלעכע ליב־שאַפט. היימלאַנד און ליבע רופן זיך איבער און גיסן זיך אַרײַן איינע אין דער צווייטער.

„סע ליגט די ערד אין בלענדיקן פרימאָרגן,
אַ באַגאָסענע מיט שײַנענדיקע פלאַמען.
און ליב איז מיר די לאַסט פון מײַנע זאָרגן —
פון מײַנע און פון אַלעמענס צוזאַמען".

אַזוי באַנעמט דער דיכטער דעם דיאַלעקטישן טאָך פון זאָרג און פון פליכט, וואָס גייט איבער אין פרייד.

„האַרטער ווערן, נײַער מײַנע הויטן

דאָס האַרץ ווערט פול מיט ברייטקייט און מיט טאָגן,
ווי כ׳וואָלט אַ הימל איצט אַ ליכטיקן
טיף אין זיך געטראָגן".

די סאָציאַליסטישע רעפלעקסיע באַגלייט אַליעווסקיס ביראָבידזשאַנער ליד און ער זעט אין די בערג, אין די פייגל, דיביימער און צווייגן און אין די לויטערע זאַפטן וואָס רינען — דעם באַשערטן גליק פון זיין פאָלק.

„עס ראַשן די וועלדער, עס קלינגען די בערג —
עס פלאַמט אָף די צעדערס פון קאָרע דאָס גאָלד, —
געקומען בין איך צו די בערג און צו רויערד,
געזינטער און שענער זאָל ווערן מיין פאָלק!".

***

אין 1932 איז אין ביראָבידזשאַן דערשינען אַ קליינע לידער־זאַמלונג פונעם דעמאָלט נאָך גאָר יונגן דיכטער עמאַנועל קאַזאַקעוויטש, „ביראָבידזשאַן־בוי", און עס האָט באַלד אַ שמעק געטאָן מיט ביראָבידזשאַנער עכטקייט און שפּעטער זיינען דערשינען דעם דיכטערס נייע צוויי לידער־ביכער „גרויסע וועלט" (1939) און „שלום און חוה" (ראָמאַן אין פערזן, 1941) ווו ער האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצן דיכטעריש־ריפן פאַרנעם.

אין די דאָזיקע ביכער איז דאָ די האַרמאָניע צווישן יונגן מענטשן, וואָס איז אויפגעבאַוועט געוואָרן אָף די אידעען פון אָקטאָבער און זיין לאַנד, צווישן מענטש און קאָלעקטיוו, צווישן איין מענטשן און דעם צווייטן — די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָט די סאָציאַליסטישע נייַ־בויונג פאַרפלאַנצט אין דעם יונגן דיכטער, וואָס איז דאָ אויסגעוואַקסן און געלייטערט געוואָרן אין דער שול פון האַרבער מי, וואָס האָט געטריי אויסגעשמידט זיין כאַראַקטער.

„מיין ווילן פולסירט האָט אין יעדן געווענט,
מיין מוסקול געברויזט האָט אין יעטווידע זיגן.

און איך האָב אין אויפרייַס פון וואָרצלען גערעדט
און איך האָב אין שטילקייט פון ווילדגראָז געשוויגן".

קאַזאַקעוויטש זינגט וועגן ביראָבידזשאַן מיט דער אָרגאַנישקייט פון א טוישעוו וואָס איז איינס מיט דער לאַנדשאַפט. ער זעט דאָס לאַנד מיט די אויגן פון א בויער און אים איז אייגן נאָענט יעדער נייַער שטיין און ציגל און פונדאַמענט. און ער רופט אָן די נייַע שטאָט „די שטאָט פון מייַן געבוירן".

קאַזאַקעוויטשעס ראָמאַן אין פערזן „שלום און חוה" איז איינס פון די אינטערעסאַנטסטע ווערק אין דער ליטעראַטור וועגן ביראָבידזשאַן. אין דעם ראָמאַן האָט ער קינסטלעריש פאַרסאַכאַקלט זייַן אייגענע דערפאַרונג, דעם אויפבוי פון א נייַעם יישעוו אין דער טייַגע. אין די פערזן באַזינגט דער דיכטער דעם „יונגוואַלד", די יוגנטלעבע, וואָס זייַנען די גרונט־לייגער פון דער סאָוועטישער יידישער מעלוכעשאַפט.

אין דער ראָמאַנטיזירנדיקער שילדערונג איז דאָ די אידעען־ברייטקייט און געוואַגטקייט פונעם רעאַליסטישן העלד, וואָס פאַרלאָזט די ליבע־טרוימען און באַהעפט זיך מיט דער וואַקסנדיקערווירקלעכקייט, באַזיגט די שוועריקייטן און באַהעפט זיך ווידער מיט דעם ראָמאַנטישן געפיל, ווען ער דערזעט שוין די פרוכט פון זייַן האַרבער מי.

קאַזאַקעוויטשעס פערז און סטראָפע איז דאָ א טייל פון א מוזיקאַלישער סטיכיע.

„מייַן היים־שטאָט, כ'האָב דייַן יוגנט־ברויז דערקענט
אין וואַקסנדיקער פרייד פון דייַנע מענטשן.
פון צוואַנציק טויזנט „מוזיקאַלישע מאָמענטן"
ווערט גאַנצע שטאָט א „מוזיקאַלישער מאָמענט".

**
*

אַרן ווערגעליס לידער זייַנען מאַנאַליטיש געווידמעט איינער און דער זעלבער טעמע „ביראָבידזשאַן". און כאָטש ער האָט אויך לידער פון שלאַכטפעלד, „פון סמאָלענסק ביז בערלין", ווו דער דיכטער האָט אָנטיילגענומען — איז אָבער די טעמע ביראָבידזשאַן די גרעסטע און

שטאַרקסטע. אין זיי ליגט סײַ פֿאָרמעל, סײַ אינהאַלטלעך די קראַפֿט פֿון דעם דאָזיקן אָריגינעלן יונגן סאָוועטיש־ייִדישן דיכטער.

אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט איז דער דיכטער געקומען נאָך אַלס קינד און דאָ האָט ער אונטערגעשטעלט זײַנע קינדערשע אַקסל אונטער די אוראַלטע ביימער, וואָס די איבערוואַנדערער האָבן צעוואַל־גערט, ווען זיי האָבן זיך געשטעלט בויען דאָס נײַע לאַנד. דאָ איז ער אויסגעוואַקסן און קאָן דעריבער מיט רעכט זאָגן:

„מיר זײַנען דורכגעגאַנגען היצן און טײַפֿונען
מיט אַ געבאָט געמאָלדן אין דער וועלט:
ווילסט טרינקען וואַסער — גראָב אַליין דעם ברונעם,
ווילסט עסן ברויט — פֿאַרזיי אַליין דאָס פֿעלד!

און דאָס געבאָט — מיט האַרבער מי געלײַטערט,
מיר האָבן אויסגעהאַקט אַף זיך ווי אַף אַ שטיין:
ווילסט ליכט און וואַרעמקייט — צינד אָן אַליין דעם שײַטער,
און ווילסטו הײמלעכקייט, איז בוי אַליין דײַן היים!"

דורכגעגאַנגען איז ווערגעליס היצן און קעלטן און געלײַטערט גע־וואָרן אין דער מי ביז עס איז געקומען די צווייטע וועלט־מילכאָמע. און דער דיכטער איז אַוועק פֿאַרטיידיקן זײַן היימלאַנד.

אין זײַן נײַעם בוך „ביראָבידזשאַנער דאָר" (1948), לידער געשאַ־פֿענע אַף די פֿראָנטן, האָט ווערגעליס געהערט די אייגענע ביראָבידזשאַ־נער מעלאָדיע און עס איז יעדער מאָל באַ אים אויפֿגעגאַנגען די וויזיע פֿון זײַן ווײַטער היים אַפֿן סאָוועטישן מיזרעך צוזאַמען מיטן מאָטיוו פֿון העראָיִק.

אין דעם בוך באַזינגט ער זײַנע שלאַכט־כאַווײרים, וואָס זײַנען אינאיינעם מיט אים געגאַנגען דעם וועג פֿון ביראָבידזשאַן ביז בערלין. דעם דיכטער איז באַזונדערס נאָענט די העלדישע געשטאַלט פֿון זײַן על־טערן מוטיקן כאַווער יויסעף בומאַגין, געוועזענער בויער פֿון וועגענער זאַוואָד אין ביראָבידזשאַן, וואָס האָט אין שלאַכט פֿאַרן היימלאַנד, באַם איינעמען די שטאָט ברעסלוי, מיטן אייגענעם קערפּער צוגעדעקט די אַמ־

בראָזור פון אַ דײַטשן טאַנק און איז נאָכן טויט באַערט געוואָרן מיטן טיטול העלד פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיט דעם „געזאַנג וועגן יויסעף בומאַגין", עפנט ווערגעליס זײַן נײַעם בוך. אין געלײַטערטע פערזן אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די הער־לעכע געשטאַלט פון דעם ביראָבידזשאַנער זון.

„איך בין אַ רוסישער סאָלדאַט, אַ ייִד פון יענער זײַט סיביר
עס האָבן די כינגאַנער בערג מיך אויפגעהויבן איבער
צײַטן הארבע
די סיביריאַקעס בידעשן זיך, קוקנדיק אַף מיר,
ווי איך בין היימיש מיטן קריג און מיט דער אַרבעט".

ווער איז דער ייִדיש־סאָוועטישער העלד? מיט בוילעט־בילדערישע בילדער און לויטערע ווערטער, שילדערט דער דיכטער די העראָישע און סאָוועטיש־פאַרגרונטעוועטע געשטאַלט פון בומאַגינען:

„מײַן דאָר איז אויסגעוואַקסן אַף אַ רוסיש פעלד
מיט שטאַרקע אָדערן מיט ברייטער ברוסט — און מי
דערוואָרבן.
און ווי אַ ברודער בין איך ענלעך אַף מאַטראָסאָוון
און ווי אַ זון בין איך געראָטן אין דעם העלד באַר קויכוועון".

אָט אַזוי סומירט פאַר אונדז דער דיכטער בומאַגינס כאַראַקטער. אין די לידער ווו דער דיכטער דערגייט צו אַ שאַרף בילדלעכן סאָציאַלן אויסדרוק, דערגייט ער אויך צו אַ גאָר הויכער מאַדרייגע שטילקייט. ער פאַרמאָגט אַ טיף־מענטשלעכן אַרײַנטראַכטן זיך אין דער נאַטור און טיף אין זײַן עמאָציע. פאַרגלײַכט ער זײַן דאָר, דעם נײַעם „ביראָבידזשאַנער דאָר" צו אַ קוואַל, אַ יונגן קוואַל, געשטײַערט אין דער ערד.

„ווען עס פאַלט אַ טראָפּן אַף אַ שטויבל,
מוטנע גרוי דער טראָפּן דעמאָלט ווערט.
קוואַל דו יונגער, זאָג, וואָס ביסטו זויבער?
שלאָגסט אַרויס דאָך פון דער שוואַרצער ערד!"

בייג איך אָן צום קוואַל זיך, און איך הער:
„כ'בין דערפאַר אַ שניי־ווייסער, מיין טרייער,
ווייל עס האָט מיך יאָרן לאַנג געשייערט
די גערדיכטע שוואַרצקייט פון דער ערד...״

ווערגעלים דיכטונג, ווי די פּאָעזיע פון זיינע כאַווירים, איז אויפגעקומען און געלייטערט געוואָרן פון דער גערדיכטער שוואַרצערדיקער ביראָבידזשאַן. אַזאַ פּאָעזיע איז קוואַליק און פריש.

***

יִסראָעל עמיאָט איז אַ ליריקער, וואָס איז געבוירן און איז אויסגעוואַקסן אין פאַרמילכאָמעדיקן פּוילן. זיין פאַר־סאָוועטישער שאַפן איז געווען אָנגעזאַפּט מיט קלעמענדיקער בענקשאַפט און פול מיט עלעגישע טענער. זיינע לידער, געשריבן אין פּוילן, זיינען געווען דורכגענומען מיט ביטערניש און פעסימיזם. אין יאָר 1939, באַם אויסברוך פון קריג, האָט דער דיכטער פאַרלאָזן פּוילן און איז אריבער די גרענעץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די נייע סאָוועטישע ווירקלעכקייט און אירע באַגריפן האָבן זיך אָנגעהויבן אריינוועבן אין זיין דיכטערישן באַוווּסטזיין און זיין סובּיעקטיווער ליריזם איז געוואָרן איינס מיט דער אָביעקטיווער סוויווע, אין וועלכער ער לעבט און שאַפט.

זינט 1942 איז דער דיכטער אין ביראָבידזשאַן ווו ער איז אריינגעוואַקסן און האָט זיך באַהאָפטן מיט דער נייער ערד און איז באַלד עמאָציאָנעל באַווירקט געוואָרן פון וווּקס און אויפשטייג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

י. עמיאָטס בוך „אויפגאַנג״ (פאַרלאַג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, ביראָבידזשאַן 1948), איז ליריק פון אַ הויכער סאָציאַלער קוואַליטעט.

אין דער ליד „אין בוך פאַרשריבן אונדז אין ליבטיקן״ דערציילט דער פּאָעט ווי ער, אַ קינד פון יענע, וואָס זיינען יאָר־טויזנטער געווען פאַרפאָלגט, פרייען זיך איצט, „מיטן יאַנטעוו אין טאָג פון רעכט״, ווי ער איז געקומען מיט דער ערד זיך פאַרקנאַסן.

„ס׳איז דאָ אַ שאָ פון שטילער פאַרונג
פון מענטשן מיט זײַן שטאַם — דער ערד,
ווען שווײַגן איז אין שווײַגן אײַנגעהערט,
און איך — ׳אַ קינד פון יענע, וואָס פאַרפאָלגט
געוועזן דורעס-לאַנג ווי קנעכט
אין וואָגלעניש דורך לאַנגע שווערע נעכט,
געקומען בין זיך מיט דיר, ערד, פאַרקנאַסן,
פאַרוואָרצלען זיך אין דיר מיט שטעט און גאַסן
מיט נײַעם פרײַעם אויפקום פון אַ פאָלק.
איך צי זיך אויס אין לענג און ברייט: כ׳בין דײַן.
נעם, ערד, מיך אויף, כ׳וויל ווידער פון דיר וואַקסן,
אָט ווי דער בוים, וואָס ציט פון דיר די שטאַמען,
אָף ניט צעשיידן אונדז, אָף זײַן צוזאַמען.
כ׳הייב אויף מײַן קאָפּ, גלײַך אויס אים צו די הייכן,
מײַן דעכט, מײַן פרײַהײַט וועט דאָ זייער שפּיץ דערגרייכן״.

אין דעם ציקל „פעלדער, מײַנע פעלדער״ טראָגט אונדז דער דיכ־טער אריבער אין פרילינג באַם ערשטן אָפּגאַנג פון שניי, ווען די זון מיט אירע ליפּן קושט די ערד... ס׳קומען נײַע איבערוואַנדערער. מיט טיפן לירידם און צאַפּלדיקער פרייד באַגעגנט זיי דער דיכטער און באַגריסט זיי מיט „אויפגאַנג״.

„אָ, אויפגאַנג זוניקער
קאַיאָר אין מײַנע שויבן,
אויפגאַנג אין מײַן זעל:
גלויבן״.

אָט די מונטערע העלקייט און פרייד, דעם בוי-גערויש, די הויגלען און די טײַכן, דעם פּאַרק און די ביימער פאַרזינגלט עמיאָט אין זײַן געמיט אינאייגעם מיטן גרעסטן אויצער — דעם מענטשן פון מי וואָס בויט די יידישע מעלוכעשאַפט אין ווײַטן מיזרעך.

די ביראָבידזשאַנער פּראָזע

ווען מען זאָל וועלן אויבנאויפיק כאַראַקטעריזירן דעם מעחוס פון דער סאָוועטיש־ייִדישער פּראָזע, וואָלט מען עפשער געקענט זאָגן, אַז די פּראָזע באַלאַנסירט צווישן שאָלעם־אַלייכעמען און בערגעלסאָנען. דאָס קען זיכער ניט אָנגעווענדט ווערן אַף דער גאַנצער דאָרטיקער ייִדישער ליטעראַטור, דאָס גילט אָבער יאָ פאַר דער פּראָזע פון דעם פּריצײַטיק־פאַרשטאָרבענעם מייער אַלבערטאָן, דעם ערשטן, ביראָבידזשאַנער שרײַבער־פּיאָנער.

אַלבערטאָן האָט זייער פײַן פאַרפלאָכטן דעם שאָלעם־אַלייכעמשן לײַכטן הומאָר מיט דער בערגעלסאָנישער סאַטירע — און עס האָט זיך באַקומען שטיקער צאַפּלדיק ייִדישער לעבנסשטייגער, קאָנסערווירט אין די שוין גוט אָפּגעזעצטע נוסכאָעם פון די צוויי קלאַסיקער.

אין פאָרוואָרט צו אַלבערטאָנס ערשט בוך „ביראָבידזשאַן" (ערשטע אויפלאַגע, כאַרקאָוו, 1931) זאָגט מ. קיפּער:

„אַלבערטאָן האָט געמאַכט אַ גוטן אָנהייב. צוזאַמען מיט די איבער־וואַנדרער האָט ער זיך געלאָזט אין לאַנגן פירוואָכיקן וועג פון שטעטל ביז ביראָבידזשאַן, געגוי בעאָבאַכט און דערלערנט די גוטע און שלעכטע זײַטן, וואַקלונגען און ספּייקעס, קאַמף צווישן געזונטע און צעפוילטע עלעמענטן. ער האָט לאַנג פאַרבראַכט צווישן די איבערוואַנדרער, צווישן די וואָס האָבן אין דער פולער מאָס באַנומען די היסטאָרישע וויכטיסייט און אומפאַרמיידלעכקייט פון אַריבערגאַנג צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, און צווישן די וואָס באַטראַכטן די גאַנצע איבערוואַנדערונג ווי אַ ספּאָרט, אַ פּרווו פון מאַזל, און נאָך ניט דערגרייכנדיק דעם ענדע־פּונקט קוקן זיי שוין אַף צוריק..."

אַלבערטאָן האָט אַ נעם געטאָן די גאַנצע טיפּן גאַלערייע פון קאַס־רילעווקע און זי אַוועקגעשטעלט אַף רעדלעך, וועלכע האָבן זיך אָנגע־הייבן קײַקלען אין ביראָבידזשאַן. דערמיט אַליין האָט ער געעפנט נײַע

האָריזאָנטן וואָס רופן און רייצן און וועלן דאַרפן אויסגלײַכן די קרומ־קייטן פון דעמפּיק שטעטל־ און געסל־לעבן אין דער פּרײַ־לופטיקער ווײַט־מיזרעכדיקער אַטמאָספערע.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט באַפרײַט די שטומע צונג פון די אונ־טערדריקטע פאָלקס־שיכטן. ניט טורגעניעוו האָט געשריבן וועגן „מומו"; נאָר דער שטומער מומו גופע האָט באַקומען לאָשן. נישט דורך דעם מעדיום פון דער שרײַבערישער עליטע האָבן מיר דערהערט דעם פאָלקס־ריידן און טראַכטן, פרייד און צאָרן, נאָר די קינדער פון פאָלק גופע האָבן זיך אַ ריס געטאָן און גענומען ריידן און פאַרשטעלן זייער פלייש און בלוט.

פאָרנדיק מיט זײַנע טיפן קיין בירָאבידזשאַן האָט אַלבערטאָן מיט טיפיש בערגעלסאָנישער אימפּרעסיאָניסטישער פאַרשפּיצונג אויפגעכאַפּט יעדער טנוע און האַוואַיע זייערע.

„מיכל איז געקומען שפּעט באַנאַכט. ער איז געשטאַנען און זיך צוגעהערט צום שורשען באַ בענטשיק דעם שוסטער אין שטיבל — וואָס איז דער כּידעש, אַז אַזאַ שמאָל געסל, ניט ברייטער פון אַ קליין צימער, איז די גאַנצע גאַס"...

כאַים פוסטילניק פון טעפּליק האָט געוואָלט אָנהייבן אָפּריכטן בי־רָאבידזשאַן נאָך פון טעפּליק אָן. סײַ ווי איז שוין אַלץ פאַרפאַלן. זײַן גאַנצע קראָם, וואָס ווען ער פאַרקויפט זי „לאַחדים" איבער די יאַרידן — וואָלט זי אים אַרײַנגעבראַכט פון פיר טשערוואָנצעס מיט זעקס קאַרבן און עפּשער נאָך מער, האָט איצט אָפּגעשניטן אין הורט פאַר 42 „שמאַר־בוצן", וואָרעם ווײַבאַלד אַז אויס נעפּמאַן, ווערן אַ „ראַבאָטשי־קרעסט־יאַנסקי קלאַס" (אַרבעטער און פּויערים קלאַס), קען מען זיך מיט קיין ספּעקולאַציע ניט פאַרנעמען..."

„אָפּריכטן" בירָאבידזשאַן מיינט באַ כאַים פוסטילניק קוידעם קאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך די שווערע שטיוואַליעס מיטן אוקראַינישן שטויב אַף זיי און אַרונטערנעמען פון די צופּרײַעטע פיס די אָנעטשעס, וואָס האָבן זיך אײַנגעגעסן אין די ביינער אַרײַן, און ווען ער גלײַכט זיך טאַ־קע אויס די ביינער אין וואַגאָן — הייבט ער שוין אָן אַגיטירן די אַנדע־רע פּיאָנערן פונעם וואַגאָן אַז —

„מען דאַרף זען, אַז בײַ אונדז אין ביראָבידזשאַן זאָלן אַלע גיין באָרוועס, דאָס דאַרף מען דאָרטן אָן אַ טערעץ אײַנפירן!"

דאָס איז דער אידעאַל פונעם געוועזענעם קאַסרילעווקער, וואָס האָט באַקומען לאַשן און גייט זיך בויען אַ נײַע היים און אַ ייִדיש לאַנד.

און אין אַ פּאָר כאַדאָשים אַרום, ווען די דאָזיקע פריער געוועזענע מענאַכעם מענדלס האָבן זיך שוין צוביסלעך אײַנגעאָרדנט — שרײַבט שוין איינער פון זיי צום ווײַב אין דער „אַלטער היים":

„ליבע באַסיע! בײַ אונדז גייט די זון אַזוי, אַז ווען איך שלאָף, האָסטו דאָרטן צאָרעס און, ווען דו שלאָפסט — האָב איך דאָ צאָרעס, מאַכמעס זי איז בײַ אונדז, די זון, אַף זיבן שאָ געענדערט. און וואָס דו זאָגסט, אַ שטייגער, אַז איך בענק נישט — פרעג איך דיך, נאָך וואָס זאָל איך בענקען? נאָך דעם אײַנגעפּאַלענעם יערושע־שטיבל? קען איך נישט בענקען. נאָך דער לײַדיקער שטײַג? — קען איך נישט בענקען. דעם יאַריד, ווייסטו גוט, האָב איך אַלעמאָל פּײַנט געהאַט טאַכלעס סי־נע..."

אַלבערטאָנס ביראָבידזשאַן איז דערפֿאַר פאַרבליבן אַ קלאַסיש בוך ניט נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון סאָוועט־רוסלאַנד אַליין.

פון דער שטעטל טעמאַטיק איז אַלבערטאָן ניט אַוועק. אין זײַן גרע־סערער דערציילונג „שאַכטעס" (1943) ווערן זיי אַרויסגעפירט די לוקי־שיווקער יאַטן, וואָס פאָרן אין דאָנבאַס „בויען דעם סאָציאַליזם".

אַלבערטאָן ווײַזט די איבערבויונג פון די שטעטלשע יאַטן, זייער פאַרליבטקייט אין אַרבעט, אין בויונג. אין דער דערציילונג זעעז מיר ניט נאָר די דינאַמאָ, די טורבינע און די קוילן, נאָר דער איקער דעם מענטש, דעם סאָציאַליזירטן מענטש וואָס הומאַניזירט די נאַטור און דעם יונגן ייִד וואָס געווינט זײַן יוגנט.

זײַנע לעצטע פאַרצייכענונגען האָט אַלבערטאָן געווידמעט די זאַ־וואָדן און פאַבריקן אין אוראַל, וווּ ער האָט געוווינט אין די צײַטן פון דער גרויסער מילכאָמע. אין אַלבערטאָנס שאַפן איז דורכגעגאַנגען איין מאָטיוו — וויאַזוי די ייִדישע יוגנט, וואָס דווירעס האָבן גע־האַלטן אין איין פאַרלירן אין די בלאָטעס פון קאַסרילעווקע און קאַב־

צאַנסק, איז מיטן קלאַפּ פון סאָוועטישן האַמער געוואָרן פאַרן סאָציאַליזם און זיך אַליין געפונען.

⁂

דער טאַלאַנטירטער נאָוועליסט מוישע גאָלדשטיין, וואָס איז אין 1943 העלדיש אומגעקומען אַפן פראָנט, האָט זיך באַרימט געמאַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַן בוך „בירָאבידזשאַנער אַפן אַמור" (מאָסקווע, 1935, ניו־יאָרק 1945). איינער פון די באַדײַטנדיקסטע און פיל צוזאָגנדיקסטע יונגע שרײַבער, האָט ער אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן פאַראייניקט די גרונט־שטריכן פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם מיט דער אידעיִשער ציל־געוועוונדקייט פונעם בירָאבידזשאַנער אויפבוי.

גאָלדשטיינס דערציילונגען אַף דער נײַ־ערדישער און נײַ־לאַנדישער טעמאַטיק, איז אַנדערש פונעם בערגעלסאָנישן סאָציאַלן אימפּרעסיאָניזם און פון אַלבערטאָנס שאָלעם־אַלייכעמיש־בערגעלסאָנישן סינטעז. זײַן קינסטלערישער מעטאָד באַם שילדערן די נאַטור און דעם פּערסאָנאַזש פון דער אויטאָנאָמער ייִדישער געגנט איז ניט קיין באַאָבאַכטנדיקער, נאָר אַן אַקטיווער, אַזאַ וואָס האָט די טרוימער, די ראָמאַנטיק פון דער ברייטשיסדיקער געגנט פאַרבונדן מיט דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

אין זײַן ערשטער גרעסערער דערציילונג „אַפן אַמור" פילט זיך די צוגעבונדנקייט צו ערד, צום פּייזאַזש און צו דער פּיאָנערישער מי, וואָס פּאָרמירט באַם דאָרטיקן מענטשן דאָס קאָלעקטיוויסטישע געפיל, דעם געפיל פון אַכראַיעס פאַרן פאָלק און לאַנד".

„ער, אַמור, איז געוווינט צו הערן מײַסעס וועגן די העלדן־טאַטן פון רויטע פּאַרטיזאַנער, מײַסעס ווי מ'האָט פאַרטריבן ווײַסע באַנדיטן. מײַ־סעס פון העלדישן אומקום, פון רויטע באַפרײַער, מײַסעס פון קאַמף און זיג. הײַנט הערט דער אַמור גאַנץ נײַע מײַסעס: מײַסעס פון מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָזן די אַלטע היימען, פאַרלאָזן גרויסע שטעט פון ווײַטע פרעמדע לענדער און זײַנען געקומען צו די ווילדע אַמור־ברעגעס קאָר־טשעווען די טאַיגע, טריקענען זומפּן, פאַרטרײַבן דעם אייביקן איינ־וווינער פון זומפּ — דעם קאָמאַר — און בויען אַ נײַ לעבן פאַרן באַ־נײַטן מענטשן".

אין גאָלדשטיינס דערציילונגען שײַנט אויף די פּראַקטישנטע שטרע-
בונג, וואָס האָט אים און זײַנע באַווײַרים געבראַכט אַפֿן ווײַטן סאָווע-
טישן מיזרעך, אַנטיילצונעמען אין דער בויונג פֿון ייִדיש-סאָוועטישער
מעלוכעשאַפֿט.

אין דער דערציילונג „אַ שטורעם אין אַ זומער-נאַכט" און „אין
איינעם אַ פֿרילינג" פֿרוווט ער אויפֿווײַזן און אויפֿדעקן און באַווײַזן די
פּסיכאָלאָגישע מאָביליזאַציע פֿון דער מיידל גרוניע. זײַן איקערדיקער
מאָטיוו איז צו באַצייכענען דעם קאָמפּלעקס כאַראַקטער-אייגנשאַפֿטן,
וואָס זײַנען אַרײַן אין בלוט פֿון דעם סאָוועטישן מענטשן, זײַן בויערישן
דראַנג, זײַן סטאַכאַנאָווישן ברויז, דאָס געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט
פֿאַרן קאָלעקטיוו.

„אין איינעם אַ פֿרילינג" זוכט דער שרײַבער די פּראָבלעם פֿון דער
אינדיווידועלער נעשאָמע-דינאַמיק, וואָס פֿירט צום אינערלעכן געראַנגל
פֿון יאָכיד מיט זײַן נײַעם לעבנס-שטייגער.

אין דער טיף פֿון דער בירעבידזשאַנער ערד ציען זיך פֿאַרשיידע-
נע אָדערן, אײַזן, גראַפֿיט, מאַגנעזיום און גאָלד. גאָלדשטיין ווײַזט אונדז
די בירעבידזשאַנער ייִדישע גאָלד-גרעבער אין די דערציילונגען „אַ שטיק
גאָלד" און „אַ מאַיאַנטעק".

אַ „שטיק גאָלד" איז געבויט אויף אַ דורכויס ייִדישן, כּימעט ייִדיש-
היסטאָרישן מאָטיוו, אייגנטלעך אַ וואַריאַציע פֿון י. ל. פּערעצעס פֿאָלקס-
טימלעכע מײַסע „דער אוצר".

דער ייִדישער גאָלד-גרעבער מענדל שוואַרץ, געפֿינט אין ייִשעווו פֿון
די גאָלד-זוכער אַן עמעס שטיק גאָלד. ער בעט זיך אָפּ באַם אויפֿזעער
און גייט אַוועק אַהיים מיטן גאָלד, וואָס ער האַלט אין בוזעם. מענדל
ראַנגלט זיך מיטן אייגנטימערישן יוויצער האַרע, וואָס רעדט אים אָן צו
באַהאַלטן דעם אויצער. „קיינער ווייסט דאָך פֿון דעם גאָרניט — טײַנעט
ער צום ווײַב — קיין האָן וועט קיין קריי ניט טאָן. מיר וועלן נעמען
און זיך באַזעצן אין מאָסקווע, און אַזוי, שטיקלעכווײַז, ברעקלעכווײַז
וועלן מיר עס פֿאַרקויפֿן, דאָס גאָלד, אַ שטיקעלע — אַ טויזנטער, אַ
פּיצעלע — אַ פֿינף-הונדערטער, אַ ברעקעלע — אַ הונדערטער. ווייני-
קער ווי פֿאַר אַ הונדערטער איז גאָר ניטאָ...

מענדל באַהאַלט דאָס שטיק גאָלד אונטערן בעט קעגן ווילן פון סאָרען זײַן ווײַב, וואָס באַפעלט אים צוריקגעבן דאָס גאָלד דעם סאָוועט. אַ גאַנצע נאַכט קען דער גאָלד־גרעבער ניט שלאָפן. זײַן ווײַב סאָרע דערציילט אים וועגן אירן אַ זיידן, אַ דאָרפס־גייער וואָס האָט אַמאָל פּרײַטיק פאַרנאַכט, גייענדיק אַהיים פון דאָרף האָט פאַר אים אַ בליאַסק געטאָן אַ בריליאַנט „אָבער ווי נאָר דער זיידע ציט אויס די האַנט און וויל עס אַ כאַפּ טאָן, פאַרשווינדט עס", ביז עס האָט זיך צוגעקײַקלט צום בייסוילעם און דער זיידע האָט זיך אַוועקגעשטעלט גראָבן בײַ דער בייסוילעם־וואַנט, און האָט אַזוי לאַנג געגראָבן ביז ער איז מעשוגע געוואָרן...

„גילדערנע דעכער שטערן מענטשלעכע רו" (סענעקאַ); „און נאָך ווייס ער, דער יונגער פּעטראָוו, אַז גאָלד וועט ניט זײַן שטענדיק דאָס צוציענדיקע און רייצנדיקע. ער קען אויפמישן דעם באַנד זיבן און צוואַנציק און אײַך ווײַזן שוואַרץ אויף ווײַס, וואָס לענין האָט געשריבן, וואָס פאַר אַ פּאָנעם דאָס גאָלד וועט אַמאָל האָבן..." (אַ מאָיאַנטעק).

דער דערציילער האָט זיך אויסגעקליבן אַ טעמע וואָס האָט שוין גאָר אַ גרויסע קאַוואָנע. דער סאָף:

„האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, ווי דאָס פּאָנעם פלאַמט אים פאַר כאַפּע, ער האָט זיך געשעמט אויפהייבן די אויגן. און אַזוי איז ער צוגעגאַנגען צום בעט, גענומען דאָס שטיק גאָלד, עס אײַנגעוויקלט אין אַ קלאָרן האַנטוך און גיך־גיך אַרויס מיט דעם פון שטוב".

**
*

הירש דאָבין האָט זיך אין זײַן ערשטער בירּאָבידזשאַנער דערציילונג „באַם אַמור" (1935) באַוויזן ווי אַ קרעפּטיקער דערציילער, מיט אַן אויג אויף אימפּרעסיאָניסטיש־רעאַליסטישע עפעקטן. אין דער פײַנער נאָוועלע, וואָס איז געשריבן אין ריטמיזירטער פּראָזע, באַזינגט דער שרײַבער עכט־בערגעלסאָניש זײַנע אָבסערוואַציעס פון בירּאָבידזשאַנער אָנהייב. עס איז דאָ אין דער דערציילונג די העכערע און טיפערע פאַרשטענדעניש פאַרן מענטשן, פאַר זײַן קליינלעכקייט, ווי פאַר זײַן גרויסקייט.

יוינע ליבעס, אַ מענטש אַ שווײַגער, וואָס אַרבעט אויפן היי־שניט,

ווערט ביסלעכווייַז אַרייַנגעוואַקסן אין דער נאַטור פון ביראָבידזשאַן. עס נעמט ניט לאַנג און יוינע, „וואָס האָט קיינמאָל קיין פערד ניט אָנגערירט, דערפילט, אַז דאָס פערד איז אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס פאַרשטייט אים, און אַלץ, וואָס זיי טוען, איז ניט געטאָן גלאַט אַזוי איז דער וועלט אַרייַן, נאָר אַף עפּעס עמיצן צו דערווייַזן".

מיר טרעפן אין דער דערציילונג די שטילע באַגייַסטערונג, וואָס באַהערשט דעם נייַעם אייַנוואַנדערער, מיר טרעפן אָבער אויך מידסייט, בונט און פּראַטעסט פון די געשטרויכלטע וואָס ווערן שטרויכלער. און אַלץ ווערט געגעבן אַפן פאָן פון דער לאַנדשאַפט. אָט זייַנען מוסטערן פון בילדער:

„די מאַשין איז אַרייַן אין אַ יאַם געוויקסן. געדיכט גראָז, אַ מענטשןוווּקס די הייך — פון פאָרנט און פון הינטן. ס'נעמט ניט קיין סאָף צו גראָז. אונטן גראָז און אויבן הימל. אַמאָל דוכט זיך, אַז אָט אַזוי זעט אויס די גאַנצע וועלט דאָ — גראָז און הימל".

„און ווען די זון האָט זיך גענומען אַרויסקאַלופּען, האָט די ערד אין דורכויסיקן טוי נאָך מער באַקומען דעם אויסזען פון אַ טייַך".

„שטאַרק פריש איז דאָ דאָס וואַסער, וואָס רוישט איבער שטיינדלעך קעגן זון. נאָר ערגעץ פון דער טיף, אינעם קוואַל, אונטערן בוים, צווישן גראָז, פּויזעט אום אַן אומעט, אַ בענקעניש, אַ וואַרטעניש אַף מענטשן, וואָס זאָלן קומען אַהער און אַלע גליקן פון דער וועלט באַקומען".

דאָס בילד ווי יוינע פאַרלירט די פערד און צוויי רויט-אַרמייער לאָזן זיך איבערן אַמור, איז אַ שילדערונג, וואָס איז זעלטן צו טרעפן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. פון דער אַמאָליקער מענדעלישער גנילאָפּיאַטעווקע, פון דעם בוג, וואָס שאָלעם-אַלייכעם האָט געשילדערט אין זייַן „אַף פּייַסעך אַהיים", ווי פישל דער מעלאַמעד פאָרט מיט סאַקאָנעס-נעפאָשעס איבער דעם טייַך, ביז ה. דאָבינס „באַם אַמור" איז — פאָלג מיך אַ גאַנג! דאָ פאַרמעסט זיך דער מענטש צו באַזיגן דעם טייַך און דאָרט איז דער ייִד אַ זייַטיקער.

אין „צווישן בינשטאָקן" (1941) האָט דאָבין דערגרייכט אַ דערהויבענעם קינסטלערישן שטאַפּל. דער יונגער דערציילער קאָן זיכער פאַררעכנט ווערן צום בערגעלסאָנישן שטראָם אין דער ייִדישער ליטע־

ראטור. ער האט, דאכט מיר, א סאך געלערנט און א סאך איבערגענו־מען פון דעם עלטערן מייסטער בערגעלסאן. כוץ, נאטירלעך, דאס וואס לאזט זיך ניט איבערנעמען, באזונדערס דעם טיפן עלעגישן טאן, וואס פארקישעפט אפילע בערגעלסאנס קלוגע איראניע.

בא בערגעלסאנען האט דאבין זיך געלערנט צו קריצן א שטריך נאך א שטריך; צו מאכן ריידן די נאטור און צו דעטאליזירן.

„אין צווישן בינשטאקן" ווידמעט דער שרייבער א סאך זייטן צו שיל־דערן די צווישן־באציונגען פון די איבערוואנדערער מיט די אלטע טויש־ווים פון דעם וויים־מיזרעכדיקן קאנט.

די ערשטע דערציילונג, וואס פירט ארוים דעם דריילינג זאכאר גור־דימאוו, דעם אלטן בינען־ציכטלער, כאנאן דעם באכער, וואס קומט זיך לערנען ארבעטן, און דעם אלטנס מיידל, האט אין זיך אזויפיל פון דער ביבלישער פאשטעם און בענימעסדיקייט, אז איר ווערט מאמעש סו־געסטיאנירט. די שטומע גערעדעריי צווישן כאנאן, וואס „האט ביז איצט אף זיין לעבן ניט געזען קיין בינען", און דעם טאיגע־מיידל, וואס דער־ציילט, אז ווען זי איז געווען א קליינע האט זי געמיינט: „הינטער די בערג איז מער גארנישט ניטא" — איז א קינסטלערישע, פאעטישע און טיף־מענטשלעכע זאך.

די דערציילונג האט אזעלכע פיין־ניואנסירטע נאטור־שילדערונגען, רייצנדיקע און פארביקע געמעלן, אז זיי אליין מאכן די גאנצע סטי־ליסטיש רייך און פולקאם. ביישפילן? בלויז א פאר אזעלכע:

„ערשט ניט לאנג האבן ברעקלעך איינגעשרומפענע שאטנס נאך גע־זוכט אויסצובאהאלטן זייער ביסל פארטאגיקע פרישקייט אונטער די ביי־מער און קוסטעס. איצט האט זיי די העלישע ברייניש אויך פון דארטן ארויסגעטריבן, און זיי זיינען פארכאלעשטע אויסגעגאנגען אין דער היץ.

דאס נאך־ניט־אראפגעשניטענע גראז האט זיך צעוויגט אומרויק און שווארץ, אף א רעגע רויק געבליבן, קוים־קוים ציטערנדיק און ווידער האסטיק א פאל געטאן צו דער ערד. פארכאפנדיק, ווי א גראער לאנטעך, א פאר שפיצן פון בארג, איז אנגעפלויגן דער רעגן, שטראלנדיק מיט זון און מיט א וויטן דריי־גארנדיקן רעגנבויגן, האט ער מיט איין שמיים א וואש געטאן דיביימער, דאס גראז און דעם באבער מיטן מיידל. עס

געדענקט זיך באַזונדערס שאַרף דאָס אוועקגיין פון כאַנאַן אין וואַלד ברענגען אַ דעמב פאַרן שײַער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט צו די בינשטאָקן און האָט געזוכט זיך איבערבעטן מיטן מיידל, וואָס האָט געלאַכט פון זײַן שרעק פאַר די בינען.

זי האָט אויפגעהויבן דעם באַקויכטעטן קאָפּ פון ארום פײַער און אַ פּאָר מינוט זיך צוגעהערט אין דער אַוונטיקער שטילקייט צו יענעם ווײַטן ווינקל, וווהין ער איז אוועק. איר ברויגעז־כמורנע פּאָנעם האָט זיך אויסגעלײַטערט. זי האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן דעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעשלאָגן פון די בינען, און ס'האָט זיך איר פאַרגלוסט לאַכן... האָט זי זיך אויסגעדרייט צו יענער זײַט און, צוגעשטעלט אַ האַנט צום מויל, אַ געשריי געטאָן:

— אהו! הו! — הויך אַף אַ קאָל אַ געשריי געטאָן, קעדיי אים זאָל דאָרט פריילעך זײַן.

— אהו! הו! — האָט ער זיך הילכיק אָנגערופן אַף איר קאָל, אין דער נאַכט אַרײַן.

אין דער אָנגעקומענער שטילקייט נאָכן געשריי האָט ערגעץ נאָענט אַ פויגל אויפגעוואַכט און האָט מיט אַ פּאַטשערײַ פון די פליגלען איבערגעזעצט זיך אַף אַ נײַ אָרט.

פונוויַטן, אַפן שוואַרצן האָריזאָנט, האָט די נאַכט געצונדן אַ קרוין־שפּיץ פון אַ צעדער, געצונדן און אים ניט געקענט אָנצינדן".

אין די אַנדערע דערציילונגען ה. דאָבינס, „טונזע", „אין וואַלד", ווערט געשילדערט דאָס באַגעגעניש פונעם איבערוואַנדערער מיט די וועלדער, מיט יאָגד, די אינטימע פאַרוואַקסנקייט פונעם אַלטן ניט־ייִדישן טוישעוו מיט דער ווילדער נאַטור. עס שלאָגט פון ה. דאָבינס פּייזאַזש אַ פרישע ווינטיקע רויטקייט.

ה. דאָבינס ביראָבידזשאַנער פּראָזע פאַרמאָגט סאָציאַלע ראָמאַנטיק. די ראָם פון זײַן שילדערונג איז אַ ברייטע. ווי בונטע בלומען אין אַ רויטן דיוואַן זײַנען אין זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען אַרײַנגעוועבט לירישע סצענעס. אַ פּראָזע מיט אַזויפיל זאַפט און אימפּעט ווײַזט, אַז די ביראָבידזשאַנער ליטעראַטור וואַקסט אַף אַ באָדן, וואָס איז קוואַליק און שעפעדיק.

נײַ־פּױלן

בינעם העלער

פאַראַן אַן אַלטע דיכטערישע טראַדיציע צו דערמאָנען מיט ליבע די ערשטע דיכטערישע טריט. בינעם העלער געהערט צו דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג פון פאַר מילכאָמעדיקן פוילן. אַ קינד פון דער וואַרשעווער ייִדישער אָרעמקייט, פון דער „דזשיקע גאַס" און פון יענער אַטמאָספערע ציט ער זײַנע דיכטערישע זאַפטן. העלער וויל ניט און קען ניט פאַרגעסן יענעם שטאַם זײַנעם, ווײַל פון דאָרטן שטאַמט אויך זײַן דראַנג צו העראָיִק, צו ברייטע און ווײַטע פאַראַלגעמיינערטע פערספּעקטיוון און זײַן מונטערער אָפּטימיסטישער פּאַטאָס.

איינע פון זײַנע ערשטע לידער־זאַמלונגען האָט העלער אַ נאָמען געגעבן „אין אומרו פון טעג" און ווי אַ מאָטאָ צו יענעם בוך האָט ער אויסגעשטעלט די שורעס:

> „הײַנט וועל איך פאַרברענען מײַנע לידער
> פון פראַכנעם אומעט און פון טרויער".

„אין אומרו פון טעג" איז ניט געווען בלויז אַ צופעליקער אָדער צוגעטראַכטער שיינער נאָמען. ס'איז אי אַ גרויסער מאָס געווען זײַן דיכטערישער פּראָגראַם, ווי דער פּאָעט וואָלט קינסטלעריש דעקלאַרירט, אַז בלויז פון „אומרו פון טעג" אָף דזשיקע גאַס פון יענעם פאַרברענטן טרויער און דורך שאָטן קאָן מען גיין צו שײַן און דערפאַר איז ער געגאַנגען צום ליכטיקן הײַנט און ניט צופעליק שליסט העלער זײַן נײַעם בוך לידער, מיט דעם וווּנדערלעכן ליד „פידלער", וועגן זײַן דזשיקע גאַנג; דער דזשיקע־מאָטיוו, זײַן „היים אין פּײַן און נויט", וואָס פון זיי ציט זיך דער ניגון אין זײַן „ליד פון בונט און ברויט".

אָן הויכע רעטאָרישע טענער, ליריש, אינטים דערציילט העלער וועגן

דעם קאָמפּלעקס געפילן וואָס האָט אים טאָמיד באַהערשט אױף זײַן „שווערן וועג צום גליק".

„ווי איך בין אַמאָל געגאַנגען
מיט אַ פאָלק אַנטקעגן בלײַ
און פון הונדערטער גראַנגלען
אױפגעהױבן זיך אַפּסנײַ".

יענע „אומרו"־יאָרן און יענע שטאָט ווו זײַן „יוגנט האָט געשוואָרן" און יענע „דזשיקע ערד" ווו עס האָט זײַן „פויסט געדראָט".

העלערס ליד איז קימאַט פון אָנהייב אָן געווען אַן עמאָציאָנעל־אָנגעזעטיקטע. ער האָט זײַן עמאָציע געשאַפן גיט פון איזאָלירטע אײַנדרוקן, פון איינצל־דערשײַנונגען, נאָר פאַרקערט פון צונויפבינדן די באַזונדערע געפילן אין איין גאַמע. אין „אומרו פון טעג" האָט ער געגעבן אַ גאַנצן קנויף לירישע אײַנדרוקן, וואָס האָבן געפירט אין איין סאָציאַל־בונטאַרישער ריכטונג.

„אַז ברייט איז די וועלט, ביז צו ווערן פאַרלאָרן, —
דאָס ווייס איך פון זילבערנעם עקראַן אין קינאָ,
נאָר דאָ, צווישן וואַרשעס פאַראומערטע מויערן, —
הער איך דאָס רוישן פון ברוקן בערלינער...
ווי ווײַט איז פון באָסטאָן ביז טליעם אַלטונער
פון ראָזעס קאַנאַל ביז נאַפּטאַלים באַגינען?
כ'קען זיי, די שטעט, און די ערטער דערמאָן איך,
ווי עס וואָלטן זיך אַלע אױף דזשיקע געפונען..."

אַזוי איז דאָס ליד „פון אַלץ און פון אַלעם". דאַכט זיך „ברייט איז די וועלט ביז צו ווערן פאַרפאַלן", ברייט ווי די זילבערנע לײַוונטן אין קינאָ, און דאָך זײַנען די געשעענישן אַזוי ענלעך איינע אױף די אַנדערע, אַזוי נאָענט איינע צו די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן פאָרגעקומען אין איין צײַט, אין איין אָרט. עס שלאָגט פון זיי איין און די זעלבע רעוואָלטירנדיקע אימפּולסן. ראָזע לוקסעמבורג און נאַפּטאַלי באָטווין און סאַקאָ וואַנזעטי. אַ גאַנצע קייט דערשײַנונגען אין איין לירישן געפלעכט.

בינעם העלער איז געוואַקסן פון ליד צו ליד. ער האָט דערקענט טי־

פער די ווירקלעכקייט. זיין שורש איז געוואָרן שטאַרקער. ער האָט באַהערשט נייע טעמאַטיק ווייל זיין ציל־באַוווסטקייט, זיין סאָציאַלע אידעאָלאָגיע האָט געפירט זיין ליד און זי דערפירט צו העכערע מאַדרייגעס.

***

אין זיין נייעם בוך „דורך שאָטן און שיין" ווייזט העלער אז ער איז דורכויס א סאָציאַלער לאיריקער. אפילע די דעקלאַראַטיווע טעמע איז בא אים לירישׂ געלייטערט און זי פלאַנצט זיך איין אין אונדזער געפיל און איבערלעבונג.

שטאַרק איז העלער ווו ער טרעט אַרויס אַלס א דיכטער פון אן אָרגאַנישן אָפּטימיזם. דאָס איז אן אָפּטימיזם וואָס איז באַזירט אף דעם קוועל פון א דערלייזנדיקער ענערגיע. דער דיכטער דערציילט אויס דאָס וויכטיקסטע און פירנדיקסטע אין דער קייט פון געשעענישן.

העלער איז אין גרונט גענומען א רעאַליסט און ער זעט שטענדיק דעם איבערפלעכט פון די געשעענישן. זיין לירישער אָטעם, זיין סוביעקטיווקייט איז פאַרקערפּערט אין די אָביעקטיווע געשעענישן. דערזעען די ווירקלעכקייט אין איר דיאַלעקטישן ענדערן זיך, אין אַלע אירע דיאַלעקטישע פאַרבינדונגען און ווידערשפּרוכן איז ניט פון די לייכטע זאכן. העלערן געלינגט אָבער שטענדיק צו געבן אן עמאָציאָנעלע ריכטיקע אינטאָנאַציע די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין דער ווירקלעכקייט, די שיין וואָס רייסט זיך דורך די שאָטנס.

„צוזאַמען מיט ווענט פון מיין הויז —
איך טראָג זיך דורך שאָטן און שיין;
די ערד פירט פון ווינטער אַרויס
און ברענגט מיך אין פרילינג אַריין".

אָט דער דיאַלעקטישער באַוווסטזיין און באַנעם גיט דעם פּאָעט די מעגלעכקייט צו זען טיפער און פילפאַרביקער איידער אַנדערע און צו באַגרייפן דעם סאָד „ווי דאָס לעבן ענדערט זיך און בלייבט גערעכט" (קאַרל ליבקנעכט).

העלער ווייס די קראַפט פון אַלטע טראַדיציאָנעלע און ראָמאַנטי־

שע נעשטאַלטן און געפילן. עלעגיש דריקט ער אויס זײַנע שטימונגען װעגן זײַן „מאַמען אין געטאָ", די ייִדישע געטאָ וואָס „שײַנט אין אָפּגלאַנץ פון טרערן". עס איז אָבער ניט די עלעגיע פון אויסגאַנגסלאָזער פאַרצווייפלונג, פון סאָציאַלן אָנמאַכט.

„כ'בין דאָ — און גענוג איז דאָס רויִקע וואַרטן!
מײַן שפּראַך איז אַ וואַלד מיט געצונדענע שטאַמען,
מײַן דימיען — אַ רוים מיט פאַרלוירענע שטערן
זאָל זײַן, אַז מיט פלאַם איז דער רוים אַ פאַרשפּאַרטער —
מיט פלאַם וועל איך פּרוּוון אַדורכגיין דורך פלאַמען —
דורך רויך וועט מען זען מיך, דורך אומקום — דערהערן!"

דער דיכטער איז גלייביק, אָפּטימיסטיש און בעמיילע קעמפעריש. זײַן אָפּטימיסטישקייט און מונטערקייט פאַרהיט אים פון לעוואַיע־געיאָמער און „אומקום"־עקזאַלטאַציע.

די קינסטלערישע פאָרעם איז ניט קיין זאַך וואָס ליגט מעכאַניש אויסער דעם אינהאַלט און ווײַל העלער איז אַזוי העל־גלייביק און מונטער אין דער אידעע, איז אַף זײַן פּייזאַזש, באַזונדערס דעם רוסישן, וווּ ער האָט פאַרבראַכט אין די גרויליק־קעמפערישע יאָרן פון 1941 — 1944, אויסגעגאָסן די לויטערקייט פון זײַן אָפּטימיזם.

„איך קום פון מײַן לאַנד — פון דעם אייביקן גלויבן,
אַז בלוט קאָן אין פײַער נישט ווערן פאַרניכטעט
אַז אויך יעדער אומגליק קאָן ווערן דערהויבן
צו העלדישן טאַט און נישט בלויז — צו געשיכטע".

אַזוי זינגט דער פּאָעט וועגן זײַן צוריקקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין קאָנדענסירטן אויסדרוק פון געפיל, פאַרקערפּערט אין דער קינסטלערישער דעטאַל און געגעבן אָפּן פאָן פון דער רוסישער און פוילישער לאַנדשאַפט. דאָרט, אין קעמפערישן ראַטנפאַרבאַנד —

„געגאַנגען דער מענטש איז, געגאַנגען איז זאַיע
מיט באָרוועסע פיס איבער רוסישע שנייען" —

און דאָ, אין וואַרשע אַף זײַן אַמאָליקער „דזשיקע־ערד" —

„איז יעדער צעבראָכענער ציגל מיר נאָענט
און היימיש — די ווילדע צעוואקסענע גראָזן".

היימיש און נאָענט, ווײַל דער דיכטער זאָגט און פאַרפּינקטלעכט אַז אים איז פרעמד דער אויסגעוואָרצלטער קאָסמאָפּאָליטיזם, פּונקט ווי אים איז פרעמד די אויסגאַנגלאָזיקייט און אויסוועגלאָזיקייט. אָט דער באַוווּסטזײַן ווערט באַזונדערס שטרענג באַטאָנט אין זײַן לעצט ליד „וועגן גליק", פון וועלכן איך וויל ציטירן בלויז עטלעכע סטראָפן וואָס זאָגן איידעס אף דעם געבענטשטן סינטעז פון דיכטערס מונטערקייט און פאַרוואָרצלטקייט.

„פידלער, שוין גענוג געשוויגן —
קוק זיך מער נישט אום צוריק!
אָט אַזוי שפּיל איצט דעם ניגון
וועגן שווערן וועג צום גליק.

אויב געבליבן איז אַ זייכער,
כאָטש אַ צווײַגל פון אַ בוים —
זאָל עס ווידער פרווון גרייכן
פון דעם גרונט ביז בלויען רוים.

כ'האָב פאַרפלאָנצט זיך אין דעם באָדן
און עס שלאָגט שוין אָן דער זאַפט.
און מיט פרוכטבאַרקייט געלאָדן
ריזלט אין מײַן גוף די קראַפט.

דאָס איז אַ ליד, וואָס לויט איר לירישער פּאַשטעס און אידעיִשן פּאַטאָס און קאָמפּאָזיציאָנעלער שטײַפקייט וועט זי בלײַבן אין אײַזערנעם פּאָנד פון אונדזער דיכטונג.

די יידישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור

בער מארק געהערט צום ייִנגערן דאָר פון די פּויליש־ייִדישע שרײַבער. ער האָט נאָך פאר דער מילכאָמע זיך געשאַפן א נאָמען ווי איינער פון די טיפע היסטאָריקער. זײַן פאר־מילכאָמעדיק בוך „די געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן” זײַנע קריטישע אַרבעטן, עסייען, פּובליציסטיק און זײַן מאָנומענטאַל בוך וועגן געטאָ־אויפשטאַנד „כורוועס דערציילן”, — אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן און שרײַבט פילט זיך ערודיציע, קולטור, זעלבסטשטענדיקייט, דרײַסטקייט, קינסטלערישע אויפריכטיקייט און אידעאָלאָגישע פעסטקייט. די בילדערישקייט פון זײַן סטיל, די פּלאַסטישקייט פון זײַן וואָרט, זײַנען בא אים שטענדיס באַהאָפטן מיט טיפן געדאַנק, מיט פּראָבלעמאַטישקייט. אים ציט שטענדיק צו געשיכטלעכע פאַרגלײַכן, ער זוכט שטענדיק פאַרן געפיל און פאַרן געדאַנק געשיכטלעכע לופט און רוים.

זײַן נײַ בוך „די ייִדישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור” איז אַן אילוסטראַציע צו דעם מעכאַבערס דערמאַנטע מײַלעס.

אין דעם בוך גיט ב. מארק קאָנדענסירטע און טרעפלעכע אָפּהאַנדלונגען פון די ווערק פון איבער 30 הײַנטצײַטיקע פּוילישע דערציילער און פּאָעטן פון פארשיידענע ריכטונגען, ווי אַזוי זיי האָבן באַהאַנדלט און ארויסגעבראַכט די גרויסע, אומפאַרגלײַכלעכע ייִדישע טראַגעדיע אין פּוילן אין דער צײַט פון נאַציזם.

אין זײַן אַרײַנפיר צום בוך זאָגט מארק: „אין קיין שום ליטעראַטור האָט די ייִדישע טראַגעדיע און דער ייִדישער ווידערשטאַנד ניט באַקומען אַזאַ פאַרנעם — העז אין דער צאָל ווערק, העז אין דער פאַרטיפונג — ווי אין דער הײַנטצײַטיקער פּוילישער”.

דער ייִד אין דער קלאַסישער און נאָכקלאַסישער פּוילישער ליטע־

ראַטור איז ניט קיין זעלטנקייט. סײַ מיצקעוויטש און סײַ די פּוילישע ראָמאַנטיקער פון „רעימאָנטן אין זײַנע „פּויערים" ביז יאָזעף וויטלין, און פון נאַרקעווידן ביז סלאָנימסקין האָט יעדער פּוילישער שרײַבער, אויף זײַן אויפן און לויט זײַן פילאָזאָפיע און צוגאַנג, באַהאַנדלט די יידישע טעמע. יענע שרײַבער האָבן אָבער באַהאַנדלט דעם יידן פון אַ שמאָלער איזאָלירט־פּסיכאָלאָגישער ליניע, איז בא זיי די טעמע ייד געגאַנגען אין אַ זײַט, ווײַט פונעם פעלד ווו עס זײַנען פאָרגעקומען די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע קאַמפן פון פּוילישן פאָלק. אַנדערש איז מיט אַ גרויסן טייל פון די שרײַבער אין דער הײַנצײַטיקער פּוילישער ליטעראַטור. זיי האָבן אין ווערק וועגן דער יידישער טראַגעדיע און יידישן העלדישן קאַמף אַרײַנגעפלאָכטן די יידישע טעמע, די יידישע סוויווע, דעם יידישן העלד אינעם געזעלשאַפטלעכן גורל.

די נײַע פּוילישע ליטעראַטור, וואָס איז טרײַ צו די אידעאַלן פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן, האָט בעיים און נאָך דער אָקופּאַציע אָנגעהויבן זוכן די וועגן צו דער גרויסער און הויכער פּאַטעטיק פון די יידישע לײַדן און קאַמפן און געשריבן האָבן זיי אין טאָן פון כעשבן־האַנפעש און אין אײַנקלאַנג מיט די נײַע פּראָצעסן פון פּוילנס קאַמף פאַר סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן.

די באַקאַנטשאַפט מיט די היפּש אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן וועגן דער אונטערערדישער אַרבעט פון דער יידישער יוגנט אין דער נאַצישער אָקופּאַציע אין געטאָ און אין די פּאַרטיזאַנישע טײַלן, די מאַמעש לעגענדאַרע פאַקטן, וועגן וועלכע די שרײַבער האָבן זיך דערוווּסט, — דאָס אַליץ האָט געגעבן וווּנדערלעכן שטאָף פאַר אַ ברייטן פאַרכאַפּנדיקן קינסטלערישן לײַוונט וועגן יענעם טראַגישן און העלדישן צײַט־אָפּשניט.

***

ניט דאָ איז דער אָרט צו אַנאַליזירן ווי אַזוי דעם היטלעריזם האָט זיך אײַנגעגעבן צו פאַרסאַמען אַ גרויסן טייל פון פּוילישן פאָלק, אָבער דער פאַקט וואָס די בעסטע עלעמענטן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ האָבן אײַנגעשטעלט דאָס לעבן קעדיי צו ראַטעווען יידן פון וואַרשעווער געטאָ, האָט געמוזט אָנרעגן די בעסטע שרײַבער צו פאַרהערלעכן דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע יידישע העלדן און צו באַשײַנען דאָס לעבעדיקע לעבן פונעם פאַרבליבענעם יידישן פאָלק אין פּוילן.

מיר האָבן ניט די מעגלעכקייט איבערצוגעבן די סוזשעטן פון אַלע ביכער וועלכע בער מארק אנאַליזירט. מיר ווילן בלויז דערמאָנען זיינע טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פון די פוילישע רעוואָלוציאָנערע שרייבער וולאדיסלאוו בראָניעווסקי, וואנדא וואַשילעווסקא און די אנדערע באַקאַנטע שרייבער פון דער פוילישער ארבעטער־און פויערים־באַוועגונג, וואָס האָבן, ווי דער מעכאַבער זאָגט, „געפילט אין דעם ייִדן־אומקום אַ טייל אייגענע — געזעלשאַפט־לעכע און פערזענלעכע — טראַגעדיע, און אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד — אַ קאַמף פאַר אייגענע געשטאַלטן, אַ געראַנגל פאַר דעם סאָציאַלן אידעאַל, וואָס אים האָבן געדינט זייערע ווערק".

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער ציקל „די אונטערערדישע ליטע־ראַטור", וואָס, ווי ווייניק עס איז באַקאַנט, האָט דאָך עקזיסטירט אין אונטערערדישע פרייהייטס־פּאָעזיע אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן, ווו דער ייִדישער מאַרטירער־געשריי האָט זיך אריינגעריסן אין זייערע פערזן און געגעבן די דיכטער דעם גלויבן, אַז „דער געטאָ־אויפשטאַנד איז ניט קיין אומזיסטער קאָרבן, נאָר אַ קערן פון קינפטיקע באַפרייערישע ניצחונעס".

עס איז אויך קעדאַי צו באַמערקן, אַז גלייכצייטיק מיט דער פּאָזי־טיווער באַהאַנדלונג פון די פּוילישע שרייבער, וועלכע האָבן געשטאַלטיקט די ייִדישע טראַגעדיע, לאָזט ב. מארק דורך אַ שאַרפע קריטיק אויף די רעאַקציאָנערע און נאַציאָנאַליסטיש־אַנטיסעמיטישע פּוילישע שרייבער, ווי די פּאָעטן און פּראָזע־שרייבער פון דער לאָנדאָנער עמיגראַציע. די קאַטוילישע שרייבער, וואָס האָבן אפילו אין די צייטן „ווען דאָס געטאָ איז אונטערגעגאַנגען אין די לעצטע יעסורימדיקע ווייען פון פאַרצווייפל־טן קאַמף פאַרנומען אָדער אַן אָפן־פיינטלעכע שטעלונג, אָדער אַ פּאָזי־ציע פון פרייַנטלעכער נייטראַליטעט צום סוינע", אַ באַווייַז, אַז נאַציאָ־נאַלער פאַרראַט און רעאַקציע גייען שטענדיק געפּאָרט מיט ייִדן־האַס, — פּונקט ווי סאָציאַלער פּראָגרעס גייט אין דער ליטעראַטור האַנט אין האַנט מיט סאָלידאַריטעט לעגאַבע דעם אונטערדריקטן ייִד. עס איז דע־ריבער צו באַגריסן די באַהויפּטונג פון דעם ליטעראַטור־קריטיקער ב. מאַרק, וואָס שרייַבט:

„ווען מיר נעמען איצט די פּראָפּאָרץ פון די פּויליש ליטעראַרישע ווערק, וועלכע שטאַמען פו די אַלטע בירגערלעכע און קאַטוילישע מעקויירים און האַלטן זיך באַם נוסעך פון האַס, אָדער פּאַסיווקייט, לע־

גאַבע דער גאַנצער פּוילישער ליטעראַטור, וועלכע האָט אַזוי דרייסט און ברייט גענומען אַ וואָרט אין דער יידישער פּראָבלעם, קענען מיר פעסטשטעלן, צום לויב פון דער פּוילישער ליטעראַטור, אַז די צאָל נעגאַטיווע שאַפונגען איז אַ מינימאַלע, זי ווערט מאַמעש באָטל בעשישים אין דעם ברייטן שטראָם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די פּאָזיטיווע באַציִונג צו די יידישע מאָטיוון".

ב. מארק באַווייזט מיט זיין גרינטלעכן און ברייטן אַנאַליז ווי די גרויסע יידישע טראַגעדיע, דער אומפאַרגלייכלעכער פּיין פון יידישן פאָלק אין פּוילן האָט אויסגעלערנט די בעסטע פאָרשטייער פון דער פּוילישער אינטעליגענץ צו דערזען און אויפהיטן דאָס מענטשלעכע אויך אין שאָטן פון האַקנקרייץ און דעם דאָזיקן גוטן שטריך פון דער נייער פּוילישער ליטעראַטור הייבט ער אַרויס פון די ווערק, פון דער אומיטלבאַרקייט און דעם עמעס אין דער דערציילונג, ליד, נאָוועלע, ראָמאַן און פּאָעמע.

צום סאָף קען איך זיך ניט אָפּהאַלטן פון ציטירן עטלעכע געדאַנקלעכע אַפאָריזמען, וואָס זיינען מוסטערן פון קריטיק, פון טיפן פאַרשטיין און באַנעמען דעם מעהוס פון ליטעראַטור. אָט זיינען עטלעכע מוסטערן פון ענלעכע סענטענצן, וועלכע זיינען צעשפּרייט אין אַ גרויסער שעפע איבערן בוך:

„פאַר דער פּאָעזיע פון אַ דיכטער איז ניט וויכטיק די קוואַנטיטעט; דער איקער איז דער — ווי אַזוי, מיט איין ליד קאָן זיך אַ פּאָעט פאַרוואָרצלען אָף אייביק אינעם געדעכעניש פון אַ שיכט, פון אַ פאָלק".

„באַוואָפנט מיטן מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, איז דער שרייבער בעקויעך צו געפינען אַן ענטפער אָף גרונטיקע פּראָבלעמען און אָנצוטרעפן אָף דער גנזועצמעסיקייט אין דער געזעלשאַפט, וואָס עפנט אים די אויגן אָף אַ ריי דערשיינונגען, וועלכע ער האָט פריער געזען ווי אַ פאַטום, ווי אייַנגעבוירן מענטשלעך בייז, ווי אומפאַרענדלעכקייט און אייביקייט, ווי אַ פּראָדוקט פון ביאָלאָגיזם".

„איז מעגלעך אַ טויטן־לאַגער־ליריק, אַ קרעמאַטאָריע־פּאָעזיע? דאָס איז מעגלעך אָבער בּאַ איין תּנאַי: ווען דער אומקום־דיכטער דערזעט טראָץ אַלעמען דאָס מענטשלעכע, ווען ער פילט דאָס האַרץ פון די צום טויט־פאַרמישפּעטע, ווען ער איז באַהערשט ניט בלויז מיט האַס צום סוינע, נאָר אייַנציַיטיק מיט ליבשאַפט צו די פאַרמישפּעטע".

„א טראגיקער איז ניט קיין פעסימיסט. ער זעט צוזאמענשטויסן, וואס ברענגען אפט צו פיין, אבער ער דערבליקט די סיבעס פון די טראגישע סיטואציעס. און די סיבעס שטעקן אין די געזעלשאפטלעכע קאטאסטראפעס, וועלכע עס איז אויסגעקומען אונדזער דאר דורכצולעבן אין געוואלטיק פארשטארקטער און אומגעהייער־פארגרעסערטער מאס ווי אונדזערע אוועס".

און שרייבנדיק וועגן דעם רעוואלוציאנערן דיכטער וולאדיסלאוו בראניעווסקי זאגט מארק: „ניט באוויינען איז זיין ציל, האגאס דער טרויער שטיקט אים טיף אין הארצן. ער קומט לערנען זיין פאלק, די פאליאקן, און אט וואס מען דארף: ווי אין א פעלז אויסקריצן אין פוילישן געדעכעניש: מען האט דאס בעשוטפעסדיקע הויז אונדז כארעוו געמאכט און דאס פארגאסענע בלוט פארברידערט אונדז. עס פאראייניקט אונדז דער עקזעקוציע־מויער... דער דיכטער ווארפט אריבער א בריק צו דער צוקונפט, ער שטעלט אויך א וויזיע פון דער קינפטיקער פרייער געזעלשאפט אין א נייעם פוילן. דעמאלט וועט איין זון לייכטן פאר אלעמען, פארן פוילישן און יידישן מענטש".

ב. מארקס אינטערעסאנט און אנרעגנדיק בוך „די יידישע טראגעדיע אין דער פוילישער ליטעראטור" העלפט צו דער פארווירקלעכונג פון דער וויזיע וועגן א פארברידערטן יידישן און פוילישן מענטשן אין א נייעם פוילן.

ניי־העברעיש

יוסעף כאַים ברענער

יוסעף כאַים ברענער איז געווען איינער פון די אייגנאַרטיקסטע שרײַבער אין דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, וועמען די ליטעראַטור־קריטיק האָט צוגעשריבן מאָסן און עפּיטעטן, וואָס האָבן צום קינסטלערישן שאַפן קיין דירעקטע שײַכעס ניט.

אַנדערע האָבן געשריבן אַז זײַנע בוילעטע אייגנשאַפטן זײַנען פון שפּאַנט איבער אַ טהאָם, זײַן וועלט איז אַ וועלט פון געוויסנס־קאָנפליקטן, פון מענטשלעכן צאַר. ער איז אַ מין ייִדישער דאָסטאָיעווסקי.

אַנדערע האָבן געשריבן אַז זײַנע בוילעטע אייגנשאַפטן זײַנען פון אַן אַיִעוו. דאָס זײַנען אָבער אַלץ טיטולן, וואָס שפּאַנען אַריבער זײַן רעאַלן קינסטלערישן טאָך.

דער עמעס איז, אַז ברענערס אויפן פון שרײַבן איז אַף אַזויפיל אַנדערש פון די, מער אָדער ווייניקער, אָנגענומענע ליטעראַרישע נוסכאָעס, אַז עס איז שווער צו געפינען פאַר אים אַ פאַרגלײַך אין דער אָדער יענער ליטעראַרישער דערשײַנונג. און דאָך לאָזט זיך ברענער באַצייכענען מיט איין „שאַבלאָנער" באַצייכענונג: אַ ר ע אַ ל י ס ט.

„פאַר מיר, אַ פּאָשעטן ייִדישן שרײַבער און לייענער — האָט ברענער געשריבן צו זײַן כאַווער אורי ניסן גנעסין — איז נישטאָ קיין קונסט מיכוץ דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט און אויסער דעם רעאַלן אינהאַלט".

ברענערס וועלט איז קוידעם קאָל אַ רעאַליסטישע. עס איז אָבער אַ רעאַליזם פון אַן אַנדער מין. זײַן באַזונדערקייט באַשטייט אין דעם, וואָס ער שילדערט די מענטאַליטעט פון זײַנע העלדן אַסאַך מער ווי זייערע אויסערלעכע דערשײַנונגען.

די קינסטלערישע אינסטרומענטן מיט וועלכע ער האָט מאַניפּולירט האָבן אים דערמעגלעכט אויפצוהאַלטן די פולקאָמע נאַטירלעכקייט פון זײַנע פּערסאָנאַזשן. ער האָט זייערע האַנדלונגען באַהויכט מיט אַ שפּירערישער רעאַלקייט און אין זיי אַרײַנגעאָטעמט די לעבעדיקסטע ניואַנסן

פון ווירקלעכן געשען, אָבער די גאַנצע סוויווע, דער סיפּער־האַמײַסע, די טעמע און די גאַנצע סוויווע, ווערן באַטל אַנטקעגן דעם באַזונדערן פּלאַם, וואָס לויכט דורך די ווערק. אָט דער פּלאַם איז דער „נר תמיד", די מאַכשאָווע, די אידעען פון זײַנע העלדן, דורך וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך דער טיפסטער מעהוס פון אים אַליין.

צוליב דעם גרויסן אידעיִשן שעטעך וואָס זײַנע העלדן האָבן געשאַפן אַרום זיך איז דער אויסערלעכער פּאַרנעם פון זײַן ראָמאַן און דערציילונג פאַרקלענערט געוואָרן. ברענער אַליין האָט גוירעם געווען אַז די ראַכוועס פון דער מאַכשאָווע זאָל אײַנשלינגען זײַן סוויווע.

הערט מען דעריבער אין יעדער שורע פון זײַן ראָמאַן און נאָוועלע אַן עכאָ פון די פּראָבלעמען וואָס האָבן געמאַטערט דעם מעכאַבער. דאָ גלויב איך, ליגט די ספּעציפיק פון זײַן וואָרט־קונסט. הינטער יעדער סיטואַציע שטייט דער געלײַטערטער מענטש, „דער מענטש אָן כאָכמעס", ווי הילעל צייטלין האָט אים גערופן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזויפיל געלײַטערטע לעבנס־כאָכמע.

די פּאָלוסן, צווישן וועלכע ברענערס קינסטלערישע געשטאַלט האָט זיך באַוועגט, איז פון איין זײַט דאָס אומהיימלעך־טראַגישע, די נישט דערגרייכבאַרע דערקענטעניש פון מענטשנס גוירל און פון דער צווייטער זײַט דער גלויבן אין טיקן.

י. כ. ברענערס שרײַבערישער אָנהייב איז געווען אַן עקספּעדיציע איבער דעם ענגן ווײַס־רוסישן און אוקראַיִנער טכום, ער האָט אין זיך אַרײַנגעזאַפּט די אַצוועס און די אומנאָרמאַלקייט פון דער רוסיש־ייִדישער פּראָווינץ און פון דעם טרויעריקן לעבן זײַנען אַרויסגעוואַקסן זײַנע בילדער און סקיצן פון „מעמק עכור" (אין טאָל פון אומגליק), דער נאָמען פון זײַן ערשטער זאַמלונג דערציילונגען.

נאָך איידער ער האָט זיך גענומען באַשרײַבן זײַנע שאָפלדיקע און באַליידיקטע אײַנוווינער פון דעם „עמק עכור" האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו זײַנעם אַ פרײַנט, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זײַן קינסטלעריש־אידעיִשע קרעדאָ:

„מיט דײַן טעאָריע וועגן „ליטעראַטור לעשעם ליטעראַטור", אַלס דעם זין פון לעבן און אַזוי ווײַטער, בין איך קלאָל אוקלאָל נישט מאַסקים. איך האָב נאָר אַן אַנדער בליק אַפן לעבן. קורץ געזאָגט: מיר דאַרפן

זיך מויסער נעפעש זײַן און פּאַרמינערן דאָס שלעכטס, דעם הונגער, די קנעכטשאַפט, די לײדיקגײעריַי, די צוויעס און דאָס גלײַכן. מען דאַרף אַלץ פאַרשטײן, פאַרשטײן און זיך דערווײַטערן פון מיסטיציזם און פאַנ־טאַזיעס. מען דאַרף שטאַרקן דעם רעאַליזם און די קדושע אין דער וועלט. מען דאַרף מעסאַקן זײַן דאָס ייִדישע לעבן. מען דאַרף עס נאָרמאַליזירן. מײַנע אײמעדיקסטע נעשאָמע־יעסורים זײַנען דער רעזולטאַט פון מײַנע ספּײקעס ביכלאַל. איז נאָך פאַראַן אַ טיקן? גײען מיר פאָרויס?"

און אין דער קינסטלערישער וועלט, וואָס ברענער האָט אויסגע־בויט און זיך פאַריגלט אין איר, שפּירן מיר טאַקע זײַנע ספּײקעס און זײַן ווילן מעסאַקן צו זײַן.

די אָנגעגליטע לופט פון פּײַניקונג און זעלבסט־קריטיק אין וועלכן די העלדן אָטעמען איז די זעלבע לופט און אַטמאָספערע, וועלכע דער דערצײלער אַלײן ווײטיקט.

די צעשויבערטקייט פון דער פאָרעם פון זײַנע ווערק, זייער צירקל־דיקע סטרוקטור, מיט די אַרײַנגעוועבטע היך־ און צוריק־לויפּעניש, בריוו, טראַכטונגען און דיסקוסיעס, זײַנען אַ באַשטעטיקונג, אַז ער אַלײן איז דאָ אין דער דערצײלונג.

יעבעזקל, ירמיאָהו פּײַערמאַן און אוראָם מענוכין, די העלדן פון זײַנע פריערדיקע ווערק „בחורף" („אין ווינטער"): „מסביב לנקודה" (ארום אַ פּינטעלע): „בין מים למים" (צווישן וואַסערן): „מן המצר" (פון קלעם): „מכאן ומכאן" (פון דאָ און דאָ) — זײַנען די געשטאַלטן מיט וועלכע ער אַלײן האָט זיך אידענטיפיצירט, זײַנע זעלבסט־פאַר־טרעטן, זײַן גראַנדווײַזע געשטאַלטיקונג.

די הויפּט־טרעגער פון זײַנע ווערק זײַנען טאַקע מענטשן מיט נע־שאָמע־ריסן, אָבער מיט אַזעלכע סטירעס וואָס זוכן גאַנצקייט. און די זעלבע סטירעס, וואָס האָבן צעריסן זײַן געמיט, האָט ער אַרײַנגעטראָגן אין זײַנע הויפּט־העלדן און דורך זיי געזוכט די ריסן צו פאַרגאַנצן. ברע־נער האָט זײַנע העלדן געפירט צום אָפּגרונט פון לעבן, אָבער ער האָט זיי דאָרט נישט געלאָזט דרימלען, נאָר ווײַזנדיק דעם טהאָם זיי געטריבן צום געוואַגטן שפּרונג איבערן טיפן אָפּגרונט.

**
*

דער טיפער זין וואָס שטעקט אין פּראָצעס פון יעסורים, דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון דאָסטאָיעווסקיס שאַפן. ליידן צוליב ליידן ווערן בּאַ דעם רוסישן קלאַסיקער דערהייבן צו אַ מיטאָס. דער הייליקער זוסימאַ בוקט זיך פאַר איוואַן קאַראַמאַזאָוו שוין צוליב דעם פאַרגעפיל, וואָס קאַראַמאַזאָוון שטייען פאַר גרויסע יעסורים. זיין טרייסט האָט דאָסטאָיעווסקי געפונען אין מיסטיש־מעטאַפיזישע וועלטן.

ברענער איז פרעמד געווען די מיסטיק לעשעם מיסטיק. ער האָט געשריבן: „די עמעסע מיסטיקער בּאָדן זיך נישט אין קיין מיסטישער גליקזעליקייט. זי איז פרעמד די הימלישע ספערע. די גרעסטע און פאַרשעטסטע מיסטיק איז, אַז דער מענטש דאַרף האָבן ברויט צום עסן און אַ קלייד צום אָנטאָן".

דער איינציקער עמעס פון ברענערס „אמת זוכן" איז געווען דער רעאַלער עמעס, דער עמעס וואָס זוכט די הייליקייט אין לעבן, ניט ערגעץ אַנדערש.

ווי דער גרויסער רוסישער מייסטער דאָסטאָיעווסקי האָט ברענער געפרעגט, פאַרצווייפלט געוואָרן, געפרעגט און, ניט האָבנדיק קיין ענטפער, דאָך פעסט אַנטשלאָסן געווען אין זיין האַנדלונג.

„אין מאַרקסיזם איז דאָ דאָס געפיל פון גורלדיקס און די עקזאַלטאַציע פון ווילן. יעדער מאָל, ווען דאָס גורלדיקע נעמט די אויבערהאַנט איבערן ווילן, האָב איך קיין צוטרוי ניט", — זאָגט איינער פון די שענסטע העלדן אין אַנדרע מאַלראָס בוך „דער גורל פון מענטש". אויך ברענער און זיינע העלדן האָבן ניט געהאַט קיין צוטרוי צום שיקזאַלהאַפטן, נאָר צום ווילן, דער איינציקער קויעך וואָס קאָן גוויזער זיין די טויט־געפאַר פון פאַרצווייפלונג.

אָט דעם שעפערישן פעסימיזם וואָס האָט אים דערפירט צו אַ טראַגישן אָפּטימיזם האָט ער געמאַכט אין זיין נאָוועלע „מכאן ומכאן" און דורך די רייד פון זיין העלד קומט צום אויסדרוק דער פולער זין פון מענטשנס לעבן.

„דאָס לעבן איז שלעכט אָבער טאָמיד סוידעסדיק... דער מענטש איז אומגליקלעך, אָבער אַמאָל איז ער אויך פרעכטיק. דער טויט איז שלעכט. די וועלט איז פאַרפלאָנטערט, אָבער אויך פאַרביק און צומאָל

שיין... לאגיש האט דאס יידישע פאלק קיין צוקונפט נישט. מען דארף פונדעסטוועגן ארבעטן... זאל לעבן די יידיש־מענטשלעכע ארבעט!"

דער גאנצער עהד־קוגל איז פארמישפעט צום אונטערגאנג, און דאך לעבן מיר! דאס לעבן איז גאלע קאנפליקטן, פול מיט טראגישע סתי־רעס, וואס באפעלן אונטערגאנג, אבער דאס וועזנטלעכע אין מענטשן רעוואלטירט: גיב זיך ניט אונטער, לעב! דער גלויבן האט גובר געווען דעם צווייפלער.

אט דער פארצווייפלטער יא צום לעבן האט ברענערן דערפירט צו די ארבעטס־געצעלטן אין די טאלן פון פיאנערישן ערעץ־יסראעל ווו ער האט געזוכט א טיקן אין די ספערן פון ערד־ארבעט, און מענטשלעכער ווירדע.

אין זיין לעצטן גרויסן ראמאן „שכול וכשלון" (פארוואגלעניש און שטרויכל) גייט דער שטומער העלד, כאנוך, אן איידים פון א רייכן יערו־שאלאימער נאגיד, אוועק אין דער קאלאניע ארבעטן. ווען די קאלאניע ווערט ליקווידירט, בלייבט ער דארטן ווי א שוימער. שטומערהייט „רעדט" ער צו די אלע וואס צווייפלען, קאנען זיך קיין ארט ניט גע־פינען: „וואס ברעכט איר זיך דעם קאפ, זעצט זיך אוועק ארבעטן אף דער ערד און איר וועט געפינען דעם זינען פון לעבן" און נאך זאגט ער דארט: „הער צו, זון פון יסראעל, הער צו, דו זון פון צאר. הייב אויף דעם קאפ און זאלן זיך עפענען די טירן פון דער וועלט. זוך ניט קיין רו און ניט קיין אפנארעניש. זאל זיין וואס זאל זיין, נאר ניט קיין ליגן און ניט קיין פאכדאנעס. גיי ארויס פון דיין נארע, ווארף אראפ די הילע, פארטרייב די וואלקנס, גיי ביז צו דעם נעפל. גיי ארויף אין פארדעס, קוק זיך צו צו דערווירקלעכקייט, באגרייף איר וועזן, איר ווירקלעכקייט און — ווער געהייליקט".

און ברענער אליין איז געהייליקט געווארן, געהייליקט געווארן אין רעאליזם. ער איז אומגעקומען אין די אראבישע אומרוען פון 1921 אין א פארלאזטער שכונע לעבן יאפע, מיטן גלויבן אז עס וועט קומען די צייט ווען דער יידישער און אראבישער ארבעטער וועלן זיך ברידערן. און עס איז ניט קיין צופאל וואס זיין לעצטע ליטערארישע ארבעט איז געווען א פארצייכענונג וועגן א באגעגניש מיט א פארוואגלאזטן אראב־

בישן ייִנגל און האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „הערבי אם הוא עובד — אח הוא לנו". דער אַראַבער אויב ער אַרבעט איז אונדזער ברודער.

אַרבעט. דער יעסאָד פון רעאַליזם. „זאָל לעבן די ייִדיש־מענטשלעכע אַרבעט!".

שאול טשערניכאָווסקי

דרײַ מאָטיוון האָט די העברעיִשע פּאָעזיע פאַרמאָגט ביז שאול טשערניכאָווסקין: דעם יידיש־וועלטלעכן קאָנפליקט אין דער האַסקאָלע־עפּאָכע (אַדאָם האַקויען לעבענזאָן, י. ל. גאָרדאָן — יל״ג), דעם נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלן און בונטאַרישן (כ. נ. ביאַליק), דעם מאָטיוו פון פּערזענלעכן בענקען (יאַנקעוו קאַהאַן, יאַנקעוו פיכמאַן). בײַ טשערניכאָווסקין טרעט אַרויס אַ פערטער, אַ נײַער מאָטיוו, דער מאָטיוו פון שיינקייט און גוורע.

טשערניכאָווסקיס פּאָעזיע קרײַזט אַרום דעם טעמאַטישן הויט־האַמעשולעש: נאַטור, מענטש און שיינקייט.

צווישן דעם הילכיקן יאָמער און צאַר־און־צאָרן ליד פון ביאַליקן און דער יינגערער העברעיִשער ליריק, האָט זיך ווי אַ ליכטיקער פרילינג־שטראַל אַרײַנגעריסן דער קרעפטיקער און ערדיש־פאַרוואָרצלטער שאול טשערניכאָווסקי.

ער איז אײַנגעפלאַנצט טיף אין זײַן לאַנדשאַפט, אין דער אוקראַיִנער ערד, מיט אַלע זײַנע וואָרצלען; פון יעדן ווינקל פון זײַן פּאָעזיע, פון זײַן געשטאַלטן־וועלט, פון זײַן קאָמפּאָזיציע, פון זײַן ריטמיק שלאָגן די רייכעס פון אוקראַינער סטעפּ, פון די גערדיכטע סעדער פון קרים; די ווינטן, וואָס טרײַבן כוואַליעס אין קאַספּישן יאַם; דער אָטעם פון די פרילינגס־פּאַרדייסים אין שאַרוין און די רייכעס פון אַן אוקאַליפּטוס־וועלדל אין יעהודע. און זײַן צוגאַנג צום דומם, צום פלאַנץ, צו כאַיע איז שטאַרק ווײַט פונעם הונגער נאָך ערד, וואָס שרײַט אַרויס פון די אַנדערע העברעיִשע דיכטער. אַנדערש ווי ביאַליק, וואָס האָט זיך (אין זײַן ליד „בשדה״) געוואָרפן אין שויס פון דער מוטער־ערד מיט אַ געבעט „זי זאָל אים אויסשטרעקן איר ברוסט״, שפּירט זיך אין טשערניכאָווסקיס ליד די זאַטקייט פון אַ מענטשן, וועלכער האָט געטרונקען פון דעם נאַטור־בעכער.

אין איינעם פון זײַנע ערשטע לידער זאָגט ער:

„האדם אינו אלא קרקע ארץ קטנה,
האדם אינו אלא תבנית נוף מולדתו,
רק מה שקלטה אזנו עודה רעננה,
רק מה שספגה עינו טרם שבעה לראות...״

(דער מענטש איז בלויז אַ קליין שטיקל ערד, דער מענטש איז נאָר דאָס געשטאַלט פון זײַן געבורט־לאַנד. ער איז נאָר דאָס, וואָס זײַן אויער האָט אויפגעכאַפּט, וואָס זײַן אויג האָט אין דער יוגנט אײַנגעזאַפּט.)

די קרימער לאַנדשאַפט, די ערד, אויף וועלכער דער דיכטער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, סטויגעס טווויע קעגן אַ גאָלדענער זון, ווינטן וואָס בייגן צו דער ערד זאַטע בלומען, אָדלער און שוואַלבן, וואָס פליען אַרום ניט באַוועגנדיק מיט די פליגל, ווײַסע זומער־פייגעלעך וואָס פלאַטערן אין גרינעם יאַם, דער הימל, וואָס קוקט ראַכוועסדיק אַראָפּ מיט אַ דורכזיכטיקער בלויקייט און די ברעגעס פון דעם שיינעם לאַנד, וואָס ס׳וואַשט דער קאַספּישער יאַם, וועמענס כוואַליעס ס׳כאַפּן שטיקער זון, שטיקער שײַן, לויפן דערמיט צום ברעג, שטויסן זיך אָן מיט די קעפּלעך אין זאַמד, ווערן צערונען און באַלד קומט אַ צווייטער צולויפן מיט אַ בלישטש פון דער זון אויף די אַקסלען. אָט די קאָלאָריטרײַכע לאַנדשאַפט האָט זיך אָפּגערופן אויף דער בילדערישקייט פון זײַן געזאַנג. דער ריטם פון זײַן פּאָעזיע איז געגליכן צום קעסיידערדיקן צופלוס און אָפּפלוס פון יאַם־כוואַליעס.

טשערניכאָווסקיס דיכטונג פאַרמאָגט ניט ביאַליקס רײַכע און קוואַליקע וואָרט־זאַפּטן פון טאַנאַך, דערפאַר איז זי אָבער רײַך מיט די פּעטע פאַרבן פון דער נאַטור. ער האָט זײַן פּען ווי געטונקען אין שימער פון שטערן און דימענט־שטויב פון שניי אויף בערג און אין די שפּריצן פון ליכטיקן שוים פון קאַספּישן יאַם. פאַראַן בײַ אים סאָנעטן, וואָס צעשפּילן זיך אין אַ סימפאָניע פון פאַרבן, ווי אין דעם מיטאָס, וואָס ער האָט אַרײַנגעפּאַסט אין דער סאָנעט „הים בילטה״ (דער יאַם בײַ יאַלטע, קרים).

דער יאַם ווערט פאַרגעשטעלט פון דיכטער ווי אַ יאַם־גאָט, וואָס שאַדכנט זיך צו דער קרימער אַפּרו־שטאָט יאַלטע, וועלכע ער שטעלט פאָר אַלס שיין מיידל. דער יאַם־גאָט קומט צו איר אין אַ נאַכט ווי אַן

אָריענטאַלישער סויכער און שפּרייט אויס פאַר איר גרין־סאַמעטענע טעפּיכער צוזאַמען מיט הימלבלוי־קאָליר, איינגעפּאַסט אין פּיאָלעט. שפּעטער, באַם פינקלען פון די שטערן און לעוואָנע־ליכט, ווייל ער זי איבערדרייען מיט אַ זילבער־געפלעכט אויסגעוועבט מיט נאַסע סאַפּירשטיינער און געשטריקט מיט פּעדימער פון ווייס־ליכט. ווען די ערד הייבט שוין אָן צו טאָגן, לייגט ער איר פאַר גאָלד־טאַפּעטן מיט ברעגן פון פּורפּור און שאַרלאַך און צו אָוונט צו (ווען ער זעט שוין, אַז זיין רייכער נאַדן העלפט אים ניט), שטרעקט ער זיך אויס אַפן זאַמד און לעקט יאַלטעם פּיס מיט זיינע ווינטיקע כוואַליעס...

דאָס איז טשערניכאָווסקיס נאַטור־געזאַנג: גרויסע וואָרט־מאָלערייען, מייסטנס פון רוסלאַנד און אוקראַינע און שפּעטער — אויך פון ערעציסראָעל.

אין איין ליד „פּרחה הכלנית" (עס בליט די אַנעמאָנע, אַ ווינטבלום), באַקלאָגט ער זיך אַף דעם, וואָס אין ערעציסראָעל טריפן בלומען בלוט איבער באַרג און טאָל, דער איילבירט־בוים, דער קויהען־גאָדל צווישן די דאָרטיקע ביימער, רויכערט זיין קטוירעס־דופט און קיינער פון זיי געפינט ניט — ניט אַ געליבטע, ניט קיין ליבהאָבער פון ציון, ניט קיין קאָלעגע־פּאָעט — וואָס זאָל זיך דערמאָנען אויסצורייסן אַ בלימל אָדער אָפּפליקן אַ צווייגל און עס אַריינלייגן אין קאָנווערט און צושיקן עס דעם פאַרשמאַכטן אין דער וויַיט.

***

פון דער נאַטור צו גאָט און צום מענטש — דאָס איז דער דיכטערישער וועג פון שאָול טשערניכאָווסקי.

איינער פון די וויכטיקסטע עלעמענטן פון זיין דיכטערישער פילאָזאָפיע איז זיין פּאַנטעיִזם. אין אַ געוויסן זין זיינען אַלע זיינע לידער איין נאַטור־געזאַנג, ווייל אין זיין פּאַנטעיִסטישן באַנעם ווערט דער מענטש אַריינגעוועבט ווי אַ טייל פון נאַטור־לעבן. די נאַטור איז באַ אים אָרגאַניש און סענסועל, אָנגעפילט מיט ליידנשאַפטן. זי ברויזט מיט געשלעכטלעכער טייווע, און עס שלאָגט פון איר מיט לייב־שיינקייט

„לי ספר המעין וספר הגל", „מיר דערציילט די כוואַליע, מיר דערציילט דער קוואַל". דער מענטש איז באַ טשערניכאָווסקין אַ ברודער פון

שטורעם, פון פעלזן און אין זײַנע כּושים דרינגט אַרײַן און ווירקט די נאַטור. ניט נאָר באַלעבט דער מענטש די נאַטור, נאָר ער פאַרגעטלעכט זי.

טשערניכאָווסקיס גאָט איז פאַרקערפּערט אין בוים, אין באַרג, אין דער סאָסנע, ווי אין דעם קרעט.

„וכי תשאלו לי לאלהים אלהי,
איפה הוא ונעבדנו ברננה?
— פה בארץ גם הוא, והשמים לא לו,
והארץ לאָדם נתנה.

אילן נאה, ניר נאה — דמות־צלמו גם בם,
ועל כל הר גבוה יתעלם;
מקום בו רגש־החיים, בשר ודם,
בצומח ומדומם יתגלם".

(מחזיונות נביאי השקר)

(„און אז איר וועט מיך פרעגן אױף מײַן גאָט: ווו ער איז, מיר זאָלן מיט געזאַנג אים דינען? — דאָ אױף דער ערד איז ער, אויך דער הימל איז ניט פאַר אים, און די ערד האָט ער אָפּגעגעבן צום מענטשן.

„אַ שיינער בוים, אַ שיינער אַקער — זײַן געשטאַלט איז אויך אין זיי, און אױף אַ הויכן באַרג באַהאַלט ער זיך. אין דעם אָרט ווו עס צאַפּלט לעבן, בלוט און פלייש, אין שפּראָץ און אין דומם פאַרקערפּערט ער זיך.")

טשערניכאָווסקי איז איינער פון די גאָר ווייניקע דיכטער, וואָס האָבן פאַרשטאַנען דעם טיפן געדאַנק וועגן איינהייט פון גאָט און נאַטור, די פילאָזאָפיע, וואָס איז נאָענט געווען אַזעלכע גרויסע דיכטער ווי שעלי און וויטמאַן.

טשערניכאָווסקי איז ניט דערצויגן געוואָרן אין ישיווע און בית־מדרש ווי י. ל. גאָרדאָן און ביאַליק. עס איז אים פרעמד געווען די צײַט פון טאַנאָים און גאָונים. גיכער האָט ער געהערט צו די נעוויִים־פּאָעטן, מיט אַן אויער צום הימל אָבער מיט אַן אויג צו דער ערד. און עפּשער האָט ער געהערט צו יענע אַמאָליקע געזונטע גאַליל־ייִדן, וואָס זײַנען געווען דורכגענומען מיט דער גריכישער קלאַסישקייט, צו די, וואָס

פאַר זיי איז אַלץ אַף דער וועלט רעגט און צאַפּלט, זינגט און ברומט, טאַנצט און ציטערט פון פרייד.

ווי ווייט איז די נאַטור־היספּעלעם פון אַזאַ דיכטער ווי טשערני־כאָווסקי פון דעם פאַרבאָט אין פּיירעק צו זאָגן: „ווי שיין איז דער בוים, דאָס פעלד!"

אין פּיירעק לערנען מיר וועגן יענעם, וואָס דערזעענדיק אַ קאָפּ וואָס שווימט אפן וואַסער, קימערט אים די זעלטענע דערשיינונג בלויז מיטן מוסער־האַסקל וואָס ער דרינגט פון דעם אַרויס: „על דאטפת — אטפוך", פאַר דערטרינקען — דערטרונקען. דעם דיכטער אָבער אינטע־רעסירט דאָס בילד און די פאַנטאַסטישע רעגונג; דער שפּיל פון קעגנ־געזעצטע פאַרבן און קלאַנגען, דער איינדרוק פון עראָס און די אַנטצי־קונג פאַר דער נאַקעטקייט.

די קרויוועשאַפט פון דעם מענטש מיט דער נאַטור טרעט פאַרן דיכ־טער אַרויס אין דער פאָרעם פון אַן אַלטן אַטאַוויסטישן אינסטינקט און באַצווינגערישער קראַפט. ער פאַרמאָגט אַ שאַרפן דורשט נאָך אַמאָליקער גוורע. זיין דיכטונג איז געגליכן צום שטורמישן טייל פון אַ סימפאָניע. דאָס איז אַ קאַמף קעגן אומקום, דאָס איז אויפשטאַנד, מאָנונג, פּראָטעסט און פעסטער ווילן צום לעבן. זעלטן באַהערשט אים דער גייסט פון די נע־וויִים מיט זייער מאָראַלישן יאָך. ער איז מער באַאיינפלוסט פון יענע פּרימיטיווע און פּאַרציִיטיקע העברעער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין קנאַאַן און געדינט צו געטער פון נאַטור, באַל און אַשטערעס, די זון־ און לעוואָנע־געטער.

„מי אתם דמי רותחים בי?" („ווער זייט איר בלוטן, וואָס זידן אין מיר?"), פרעגט דער דיכטער, און נאָכדעם ווי ער רעכנט אויס דאָס בלוט פון מאַקאַבי, פון די שפּאַנישע מאַרטירער, וואָס זיינען געשטאָרבן מיטן „אחד" אַף די ליפּן, די קעדוישים פון גזיירעס ת"ח, ענטפערט ער: „דם כובשי כנען דמי הוא, קולח ואינו נח". („דאָס בלוט פון די איינגעמער פון קנאַאַן איז מיין בלוט, עס זידט און רוט ניט.")

דאָס איז אַן עפּאָס פון גוורע, אַ בענקעניש נאָך פּאַרציִיטיקער ראַ־סישער קראַפט, נאָך געזונטער שטאַמיקייט.

מען האָט טשערניכאָווסקין געקרוינט מיטן נאָמען „גריך". אין זיין צייט האָבן זיינע לידער „מחזיונות נביאי השקר", „לנכח פּסל אפּולו"

אַרויסגערופֿן אין די פֿרומע קרײַזן אַ שטאַרקע אויפֿרעגונג און פּאָלעמיק. מען האָט געזען אין דעם אַ פֿרעמדקייט צו ייִדישער עטיק און בלויז אַ שפּיל מיט פֿאָרעם און שיינקייט. מען האָט אים אַפֿילו גערופֿן „עובד אלי־לים" (געצנדינער). עס איז אָבער נישט אינגאַנצן ריכטיק געווען די באַ־צייכענונג „געצנדינער". עס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער דיכטערי־שער פּרוּוו צוריק אַרויסצוברענגען דעם מאָטיוו פֿון שיינקייט און גוורה אין ייִדישקייט, גוורה וואָס ליגט באַהאַלטן צווישן די בלעטער פֿון די מאָנומענטאַל־עפּאָסדיקע ספֿאָרים שופֿטים און שמואל, וואָס זײַנען פֿול מיט פּרימיטיוון קאַמף און העראָיִק (זע זײַן קרעפֿטיקע באַלאַדע („שאול בעין דור").

די באַלאַדע איז בײַ טשערניכאָווסקין אַן עמעסע סינטעזע פֿון ליריק און עפּיק און ער האָט מיט איר געגעבן אַ טיפֿן דעם העראָיִזם און טראַ־גיק פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט.

די גאַנצע אַטמאָספֿערע פֿון זײַן באַלאַדע איז אָבער אָנגעפֿילט מיט דער דראַמאַטישקייט פֿון גוורה וואָס גייט געאָרעמט מיט שיינקייט.

מיר דאַכט, אַז זײַן פּאָעטישע קרעדאָ וועגן גוורה און שיינקייט האָט ער געגעבן אין דער באַלאַדע „שלשה כתרים" (דרײַ קרוינען), וואָס איז געבויט אויף אַ טאַלמודישער לעגענדע וועגן באַגעגעניש פֿון דעם טאַנע ר' רייש לאָקיש בײַ אַ טײַך. רייש לאָקיש איז פֿריער געווען אַ גאַזלען. דער דיכטער שילדערט אים ווי אַ גיבער — „זײַנע מוסקלען — אויס־געגאָסן פֿון שטאָל און זײַנע אויגן טוקן זיך אין פֿײַער. ר' יוחנן איז — „אַ מוסטער פֿון שיינקייט", — „שלאַנק ווי אַ יונגער הירש, נאָר וואָס אַרויס פֿון די וואַלד־געדיכטעניש". דערזען ווי דער גאַזלען וואַרפֿט זיך פֿלינק אין וואַסער, האָט אים ר' יוחנן אַ זאָג געטאָן: „דײַן קויעך איז פֿאַר דער טוירע". — „דײַן שיינקייט איז פֿאַר פֿרויען" — האָט אים רייש לאָקיש צוריקגעוואָרפֿן.

אין דער באַלאַדע קומט צום אויסדרוק, מיט מאָנומענטאַלע שטריכן, טשערניכאָווסקיס שטרעבן צום סינטעז פֿון גוורה און שיינקייט. דער וואָס שטרעבט אײַנצונעמען אַ וועלט, פֿאַר אים מוז די וועלט זײַן שיין. און ער רעכנט אויס די דרײַ קרוינען, וואָס עס זײַנען דאָ אויף דער וועלט:

„שלשה כתרים ישנם בעולם,

כתר וכתר וזיו שלו —
כתר של גבורה,
כתר של תורה
וכתר של יופי — כתר של נוי

— — — — — — — — — — — —

ואמת היופי העולה על על".

(דרײַ קרוינען זײַנען דאָ אַף דער וועלט. יעדע קרוין מיט איר לויטערקייט. די קרוין פון גוורע, די קרוין פון טוירע, און די קרוין פון שיינקייט און צירונג. דער עמעס פון שיינקייט שטײַגט אַלץ איבער).

דעם שטאַרקסטן אַקצענט האָט דער דיכטער געלייגט אַפן עלעמענט פון גוורע. „שווערד" איז אַ וואָרט וואָס כאַזערט זיך אָפט איבער אין זײַנע לידער, באַלאַדעס און פּאָעמעס. מיט זײַן גרויסער באַר־קויכווע פּאָעמע איז ער אויסן געווען צו באַווײַזן: געווען אַמאָל לייבן־גוורע און אַדלער־שוווּנג באַ ייִדן, געווען שטרעבן צו פרײַהײַט און שיינקייט און מען דאַרף עס צוריקברענגען.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער דיכטער איז שוין געווען אין ערעצים־ראָעל, האָט ער געפרעגט די „קלעטערער אַף די בערג פון יעהודע": „צי האָט איר זיך ניט אָנגעשלאָגן אָן זייער אַן אַלטן שטאָל, צי האָט איר אין אים ניט דערקענט די שווערד פון יעהודע, באַר־קויכוועס שווערד?"

טשערניכאָווסקי איז ניט געווען קיין „גריך", נאָר אַ קאַדמוינישער ייִד, צעאָוס און יהוה האָבן שאָלעם געמאַכט אין זײַן נעשאָמע און זײַן גאָט איז ניט געווען קיין טעאָלאָגישער, נאָר אַן ערדישער, אַ פּאַנטעיִסטישער און פול מיט לוסט. אַזאַ וואָס די גאַנצע וועלט איז זײַן הייכל און דער שליסל צום הייכל איז אין אונדזערע הענט.

„קום ועלה, אמץ וחשוק
משפט חיים הוא וחוק".

(שטיי אויף, שטײַג אויף און גלוסט. עס איז אַ געזעץ פון לעבן דאָס גלוסטעניש).

צי איז ער געווען „גריכיש־העלעניש" צי ניט — איין זאַך איז זי־

כער. ער האָט געוואָלט דערנענטערן דעם אַלימפּ צום סיני און געגלויבט, אַז דער באַרג סיני קאָן דורכדעם פאַרשענערט ווערן.

***

טשערניכאָווסקי האָט אויסגעברייטערט די קולטור־ספערע פון העב־רעיִש. ער האָט איבערגעפלאַנצט אין דער העברעיִשער שפּראַך און העב־רעיִשער ערד קולטור־בלומען פון ווייטע פעלקער און לענדער. האָמערס „איליאַדע״, די פינישע „קאַלעוואַלאַ״ לאָנגפעלאָס „הייוואַטאַ״. פון דעם קינסטלערישן פּרימיטיוו פון אַמעריקאַנער לאָנגעפעלאָ ביזן אוראַלטן באַ־בילאָנישן עפּאָס — פון אַלע פעלקער און טקופעס האָט טשערניכאָווסקי איבערגעזעצט, און זיינע איבערזעצונגען זיינען נייע אויסשמידונגען פון וואָרט־קאָמבינאַציעס, דורכגעדרונגען מיט ליבע און שאַפונגס־פרייד. ער איז געווען אוניווערסאַל אין זיין פּאָעטישן גייסט.

טשערניכאָווסקי האָט געשפּילט אויף אַלע קיילים פון דער פּאָעזיע. ער האָט געבראַכט אַ שעפע פון געזאַנג, קלאַנגען און האַלב־קלאַנגען. די באַלאַדע, די פּאָעמע, די אידיליע, די סאָנעט.

אַ באַזונדער כּאָשעוו אָרט אין זיין שאַפן פאַרנעמט די אידיליע. אויף דעם געביט איז ער עפּשער דער איינציקער אין דער מאָדערנער העב־רעיִשער ליטעראַטור. עכטע עפּישע געשטאַלטן האָט ער פאַרקערפּערט אין זיינע אידיליעס. די יידן זיינען געזונטע, פעסטע, איינגעוואָרצלטע יידן פון די קרימער פעלדן. צעוואַרעמטע מיט יידישן שטייגער און געזונטן לעבנס־באַנעם.

אין דער אידיליע „ברית מילה״ ווערן געגעבן פיין־געשניצטע גע־שטאַלטן, וואָס פאַרלירן זיך אין דער אַטמאָספערע פון געשילדערטן דאָר־פישן לעבן. ווי געזונט איז דאָס לעבן פון די דאָזיקע יידן! זיי זיינען אַזוי קרעפטיק פאַרוואָרצלט און אַזוי אומגעבראָכן אַז מ׳פאַרגעסט וועגן גאָ־לעס. אין דער אידיליע „חתונתה של עלקע״ (עלקעס כאַסענע) ווערן ברייט געמאָלן די אַלטמאָדישע דאָרפס־כאַסענעס בא אוקראַינער יידן — מיט סודעס, טענץ און צערעמאָניעס, וואָס פלעגן זיך ציען וואָכן און כאָדאָ־שים.

אין דער אידיליע „כחום היום״, געפינען מיר איינע פון די שענסטע

און טיפסטע קינדערשע געשטאַלטן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. „וועלוועלע שויטע", וואָס האָט אַ גאָלדן האַרץ און זאָרגט, אַז די טויבן זאָלן האָבן וואָס צו עסן. ווי ליב מיר באַקומען אים פאַרן „געלײַטערטן גאָלד פון זײַן האַרצן", וועלכע מענטשן האָבן אַ נאָמען געגעבן — נאַרישקייט.

פאָלקסטימלעכע פּראָסטקייט איבערגעפלאָכטן מיט פעדימלעך פון האַרציקער אינטימקייט און איבער אַלץ איז צעגאָסן אַ יאָנטעוודיקע פײַערלעכקייט — אַזעלכע זײַנען שאול טשערניכאָווסקיס „אידיליעס".

וואָס מער טשערניכאָווסקי האָט זיך אײַנגעוואָרצלט אין ערעציסראַעלדיקן באָדן, אַלץ אײַנגעהאַלטענער, אַלץ שטילער איז געוואָרן זײַן טאָן. אין ערעציסראָעל איז ער עפּשער געקומען צום באַוווּסטזײַן, אַז די עמעסע גוווּרע ווערט ניט פּראָקלאַמירט מיט גרויסע ווערטער. ניט קיין פאָלק פון „כובשי כנען" דאַרפן מיר, נאָר פאַרײַנגערן אַן אַלטע אומע. דאָס ליכט דאַרף מען ניט זוכן אויף די באַרג־שפּיצן: עס לײַכט אַרויס פון דער טונקלקייט, פון „חולין", פון דער גרויער מי.

די „שווערד פון באַר־קויכווע" טאָר ניט פאַרגעסן ווערן. אָבער זי טאָר ניט זײַן קיין ראָמאַנטיש ריטער־געווער. דער איקער איז דאָס גראָבאײַזן, דער פּיאַש און די מילבן־מי. און טשערניכאָווסקי האָט דאָ, אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן, אָנגעשריבן זײַן עפּאָפּייע פון לעבן פון די בינען „עמא דדהבא" (דאָס גאָלדענע פאָלק).

אין דער פּאָעמע, וואָס איז אַ מין סינטעז פון באַלאַדישער שטרענגקייט און לירישער זינגעוודיקייט האָט ער געגעבן נאַטור־סימבאָלן פון מיפּולער כאַלוצישער אַרבעט. ס'איז אויך אַ געבענטשטער סינטעז פון וויסנשאַפט און קונסט. איר האָט דאָ יעדיעס וועגן גראָזן, בלומען, אינזעקטן. די אייגנשאַפטן און די בוימײַסטערשאַפט פון די בינען ווערן געגעבן אין וווּנדערלעכע פאַרבן און זאַטער בילדלעכקייט.

די ריטמען און די קלאַנגען פון דער געזאַנגען־עפּאָפּייע זײַנען געגליכן צו אַ סימפאָניע. דער אויסדרוק איז פול, סענסיטיוו און גלײַכצײַטיק רײַף און שוועררוואָגיק. דאָ ווערט געגעבן דער מענטש אין די ראַמען פון דער נאַטור, די ליריק, ווי אַ טייל פון דער לעבעדיקער זשומענדיקער בינען־געזעלשאַפט, אַ רעמעז אויף דעם קאָלעקטיוון לעבן פון מענטשן וואָס ווערט שוין פאַרווירקלעכט צווישן די בינשטאָקן אין בלומען־פעלד, ווו עס

ווערט פאַראַרבעט די זיסקייט פון דער וועלט, די פרוכט פון מי און קאָ־לעקטיווער האָרעוואַניע.

און אין זײַנע לעצטע יאָרן האָט ער ווידער אויפגעלעבט דעם פײַער־לעכן גלויבן אין דעם, אין דער צוקונפט, אין דעם טאָג פון וועלט־פרידן און דעם ווידעראויפבלי פונעם אייגענעם פאָלק.

„אאמינה גם בעתיד
אף כי ירחק זה היום".

(איך גלויב אויך אין דער צוקונפט, כאָטש ווײַט איז דער טאָג)?.
און אָט דעם האָפערדיקן טאָן פון זײַן פּאָפּולער ליד „שחקי, שחקי" האָט ער פאַרבונדן מיט אַ פערז אין „עמא דהבא", געשריבן שוין אין זײַנע לעצטע טעג. פון זײַן ווינקל אין ישׂראל האָט ער געשיקט זײַן בראָכע דער וועלט:

„זאָל אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד
די הערשאַפט פון שלעכטסקייט!
אָפּגעשאַפט זאָלן ווערן קייטן
און הארן וואָס נייטן
אין מײַנע און אַנדערע טעג
זאָל אויפגעריכט ווערן די טאָכטער פון יעהודע
ישׂראל זאָל רוען זיכער, אין טוירע און אין אַרבעט".

אַוויגדער האַמאירי

די נײַע העברעיִשע דיכטונג אין יִשׂראל און אויך די ווייניק יִדיִשע (פּאַפּערניקאָוו, אריע שאמרי, שאַרגעל און אַנדערע), איז געקומען נאָך טעג פֿון שטורעם און כורבן, נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, נאָך שקיִע פֿון אויפֿגעטרייסלטן בלוטיקן נעכטן, ווער מיט אַ קאַדיש אַף די ליפּן און ווער מיט שירע צום מאָרגן.

מיר דערמאָנען בלויז דעם דאָר נאָך ביאַליקן און טשערניכאָווסקין. יעדער איינער איז געקומען מיט זײַן אייגענער פֿאָרעם און ריטם. ווער פֿון זיי איז געוואָרן אַ שאַפֿער פֿון נײַע שפּראַך־פֿאָרמען (שלאָנסקי), ווער עס איז געוואָרן דער דיכטער פֿון אַ העברעיִשן פּאַשיזם (דער טאַלאַנטירטער אורי צבי גרינבערג), ווער עס בלאָנדזשעט (יִצכאָק לאַמדן), און ווער עס איז דערגאַנגען צום טיפֿערן סינטעז פֿון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן — מיר מיינען דעם דיכטער און פּראָזאיִקער אַוויגדער האַמאירי (פֿײַערשטיין) איז פֿול מיט זיגזאַגן און ווידערשפּרוכן. פֿון דער נאַטור אַ בונטאַר, האָט ער לאַנג געזוכט דעם וועג צו זײַן קינסטלעריש־איידעיִשן עמעס.

געבוירן מיט אַ 58 יאָר צוריק אין דער קאַרפּאַטישער אוקראַינע, האָט אַוויגדער פֿײַערשטיין־האַמאירי זיך דערצויגן בײַ אַ זיידן אַ מאַסקיל און חב״דניק (דעם זיידן האָט האַמאירי שפּעטער געגעבן אַ קינסטלערישן טיקן אין אַ צאָל לידער). ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג אין כיידער, יעשיווע, ראַבינער־סעמינאַר, ביז ער איז אַוועק קיין בודאַפּעסט, ווו ער האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע.

פֿײַערשטיין האָט צו 17 יאָר דעבוטירט אין קראַקאָווער „המצפּה״ מיט אַ ליד, וואָס האָט גלײַך צוגעצויגן אויפֿמערקזאַמקייט. נאָכדעם האָט ער געדרוקט לידער אין „השילוח״ און ״הצפירה״, פֿון וועלכער ער איז אויך געוואָרן דער בודאַפּעסטער קאָרעספּאָנדענט. אין 1912 דערשײַנט

זײַן ערשטער באַלד לידער „טשירי אביגדור האמאירי", וואָס די קריטיק האָט אויפגענומען מיט סימפּאַטיע.

עס ברעכט אויס די מילכאָמע פון 1914. פײַערשטיין ווערט מאָבי־ליזירט. ער קעמפט אַפן עסטרײַכישן פראָנט, פאַלט אַרײַן אין געפאַנגען־שאַפט, וואַנדערט איבער די גרענעצלאָזע רוסישע סטעפּעס, דערגרייכט סיביר און בלײַבט דאָרט העכער דרײַ יאָר. דעם גרויל פון זײַנע מילכאָמע־איבערלעבענישן האָט ער פאַרפיקסירט אין זײַנע קריגס־דערציילונגען „השגעון הגדול" (דאָס גרויסע מעשוגאַס), וואָס איז איבערגעזעצט גע־וואָרן אין עטלעכע שפּראַכן, און די צוויי בענדער „בגיהנום של מטה" (אונטערשטער געהענעם) און „תחת שמים אדומים" (אונטער רויטע הימלען), וואָס האָבן אים געשאַפן אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור. די מילכאָמע־טעמאַטיק פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין האמאירים שאַפן.

אונטערן דרוק פון דער ערעציסראָעלדיקערווירקלעכקייט, מיט איר פיבערהדיקן טעמפּאָ פון בוי און אויפבוי, ווידעראויפבוי און איבערבוי, מיט איר סאָציאַלער דיסהאַרמאָניע, — האָט האמאירי אָנגעהויבן שרײַבן זײַנע טיף־ייִדישע און סאָציאַלע לידער.

זייער גיך האָט דער דיכטער באַנומען דעם סאָציאַלן אָפּגרונט צווישן אויסנוצער און אויסגענוצטן, וואָס הערשט אויך אין נײַעם היימלאַנד. עס איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז כאָטש אין דער וועלט, וואָס איז אי־בערפולט מיט קאַשמאַרן, איז ערעציסראָעל אַ קליין ערד־ווינקל, ווו עס איז פאַרזייט ס'קערנדל פון דער צוקונפט, די דערלייזונג פון ייִדישן מענטשן, איז אָבער דאָ די געפאַר, אַז דער כאַלעם זאָל אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט אויסרינען. אים איז אײַנגעפאַלן, אַז אויך אין דעם קלימאַט, ווו נעווייִם האָבן געאָטעמט און אויסגעטרוימט זייער נעוווּע וועגן יוישער, איז נאָך ניט אײַנגעשטעלט געוואָרן די אָרדענונג, וואָס קאָן אידענטיפיצירט ווערן מיט סאָציאַלער גערעכטיקייט.

דעמאָלט שרײַבט ער אָן זײַן ליד „ציון הנגאלת" (אויסגעלייזטע ציון) לויטן נוסעך און אין די ריטמען פון יעהודע האַלייוויס קינע „ציון הלא תשאלי" (פרעג, ציון). טיף דערשיטערט פון סאָציאַלן עלנט, וואָס הערשט אויך אויף דער גלײַקער ערד, ווענדט ער זיך צו ציון מיט די ווער־טער:

„האף גם אסיריך גאול יגאלו
מידי אחיהם יושבי ארמונותיך?
הבוא יבוא היום, תבוא בו הנבואה:
להיות אסיר עני חפשי תחת שמיך?
או אולי גם בך יהיו הגאיונים
שותים דם שרירים בשם כל קדושיך?"

(ציון, וואָס ווערסט אויסגעלייזט אין בלוט פון דײַנע קינדער, וואָס באַלד וועלן דײַנע האָריזאָנטן אויפלויכטן; וועלן דײַנע געבונדענע אויך אויסגעלייזט ווערן פון די הענט פון זייערע ברידער, וועלכע וווינען אין פּאַלאַצן? וועט קומען דער טאָג און מיט אים די נעוואוע: אַז דער אָרע־מאַן וועט פרײַ זײַן אונטער דײַנע הימלען? אָדער אויך באַ דיר וועלן די האַרן טרינקען מוסקולן־בלוט אין נאָמען פון הייליקייטן?)

דער דיכטער האָט אין אַלט־נײַעם לאַנד געלערנט, אַז אויך דאָ האָט זיך נאָך זײַן אויפגאַבע ניט פאַרענדיקט; אַז דער דיכטער, אַף וויפל ער טראָגט אין זיך אַ סימבאָל פון אַ העכערער גאַנצקייט, קאָן ניט אָננעמען דאָס לעבן ווי עס ווערט געשטאַלטיקט, נאָר דאַרף נאָכטראַכטן, און ער קומט צו זײַן ליב היימלאַנד מיט טוויִעס. ער פאַרגעסט ניט דעם אָביעקט פון מעלוכע און ער פרעגט מיט נעוויִישער טאַרומעס:

„מה לי מקדש מלך ומה עיר מלוכה,
אם מלכך יושב על כס־עצמות בניך?
מה לי רוב עשרך, אם לא תחלצי שד
לבנך המתיפח באפל מרתפיך?"

(וואָס איז פאַר מיר אַ מײַלעכם הייליקטום און וואָס טויג מיר אַ מעלוכע־שטאָט? אויב דײַן קעניג וועט זיצן אַף אַ ביינער־שטול פון דײַנע קינדער; וואָס איז פאַר מיר דײַן רײַכקייט, אויב וועסט ניט אויסשטרעקן דײַן ברוסט פאַרן קינד, וואָס קוועלט זיך אין דער פינצטערניש פון דײַנע קעלערן?)

דער דיכטער שטייט פאַר דער נײַער וועלט און אַף זײַנע ליפּן אַ שטומע קלאָלע צו זיך אַליין, אַז אויב דאָס לאַנד וועט ניט זײַן די „מלכת האור", דאָס פלאַמענדיקע לאַנד פון נײַעם גרויסן סאָציאַלן אָנהייב, נאָר

וועט געבויט ווערן סטאַם ווי אַן „עם בין עמים”, — „אל אזכה לראות אותך בשמחותיך”, זאָל ער, דער דיכטער, ניט זוכע זײַן צו דערלעבן די סימכע.

*****

איינס פון די כאַראַקטעריסטישסטע שטריכן אין האַמאירס פּאָעזיע איז די פּאַטעטיק. פּאַטעטיק איז אָבער אָפט געווען אויך דער כעסאָרן אין זײַן ליד.

יידישע מעקובאָלים האָבן דעם געדאַנק וועגן באַגרענעצטקייט פון פאָרעם אויסגעדריקט מיט די ווערטער „שבירת הכלים”. ווען די קיילע, די פאָרעם, ווערט איבערגעפולט מיט אינהאַלט, מוז זי צעבראָכן ווערן. אין די ערשטע יאָרן פון זײַן שרײַבן איז די שפּראַך־אַשירעס געווען דער כעסאָרן פון זײַן ליד. ניט שטענדיק איז שעפע פון שפּראַך אַ סימען פון בראָכע פאַר אַ פּאָעט. אָפט איז פאַרקערט: ווען אַ דיכטער קאָן ניט געפינען דאָס איינציקע וואָרט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זײַן געמיט, דעקט ער דעם מאַנגל מיט אַ סאַך ווערטער, מיט אַ שפּראַך־איבערפלוס. אָפט קומט ער ניט צום וואָרט און בלײַבט בײַ די ווערטער, וואָס גיבן בלויז אַן אָנדײַטונג אויף שטימונג.

האַמאירס פאָרעם, זײַן שפּראַך, די מעטאַפאָרן און קאָלירן פון זײַן ליד, באַלאַדע און פּאָעמע, דערמאָנען אָפט אין ערענבורגן, כאָטש ער האָט ניט ערענבורגס אָרקעסטראַלן און דינאַמישן ריטם.

ערשט די לעצטע יאָרן, ווען האַמאירי איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם העלדישן קאַמף קעגן פאַשיזם, איז זײַן פערז שטײַפער און לירישער געוואָרן.

האַמאירים לעצט בוך לידער „המוקד הרן” (דער זינגענדיקער שײַטער) איז אַדורכגעדרונגען מיט פלאַמיקן האַס צום פאַשיסטישן סוינע פון ייִד און מענטש.

אין די לידער פון האַס, צאַר און צאָרן זײַנען דאָ אַלע סימאָנים פון רײַפער דיכטונג: אַפאָריסטיק, אינטעלעקטועלע ליריק, דראַמאַטישע שפּאַנונג און דינע איראָניע, און איבער אַלץ — הומאַניזם, פלאַמיקער עטישער פּאַטאָס, געווײַשער בונט קעגן רישעס, וואָס איז דער גרונט־מאָטיוו פון זײַן גאַנצן שאַפן.

באַזונדערס איז דער דיכטער מיטגעריסן געוואָרן פון דער העראָיִ־שער סטאַלינגראַדער עפּאָפּייע, אין וועלכער ער האָט געזען דעם פאַר־מעסט פון דעם געראַכטן מאָרגן אַפן רישעסדיקן נעכטן און דעם גורל פון זײַן פאָלק. אָט זײַנען מוסטערן פון דער שטאַרקער פּאָעמע, וועלכע ער ווידמעט איליא ערענבורגן:

„אסוף יגונך התהומי, יהודי בן־אדם,
עצור דבריך יום תמים, ליום צום־המילה,
ואחר התקדש ולחש את השם: סטלינגרד".

(זאַמל־אײַן דײַן אָפּגרונטיקן טרויער, ייִד, מענטשן־זון; פאַרהאַלט דײַנע רייד מיט אַ טאָגנעם פון ווערטער און נאָכדעם הייליק זיך און שעפּ־טשע דעם שעם: סטאַלינגראַד.)

דאָס טיפע פאַרשטײן, אַז אין סטאַלינגראַד איז פאָרגעקומען דער ענטגילטיקער צונויפמענשטויס צווישן צוויי וועלטן, פירט אים צו פאַר־בינדן די אַלטע גלאָריפיצירטע ייִדישע פאַרגאַנגענהייט מיט דער נײַער דערלייזונג:

„לתפלת אם־שמשון והבעש"ט והגר"א וחבד
הלוהטת היום במלה האחת: סטלינגרד
— — — — — — — — — — — — —
וקח את בנך ולמדהו להאמין בגאולה
ושנן לו בדחילו ורחימו לזכר לעד:
בדמיך נחיה, בדמיך נחיה, סטלינגרד!"

(צו דער טפילע פון שימשונס מוטער, און פון ווילנער גאָען און באַל־שעם און כאַבאַד, וואָס פלאַמען הײַנט אין אײנציקן וואָרט: סטאַ־לינגראַד! און נעם דײַן קינד און לערן אים צו גלויבן אין דערלייזונג, כאַ־זער אײַן מיט אים די ווערטער מיט ציטער און מיט ליבשאַפט: אין דײַן בלוט וועלן מיר לעבן! אין דײַן בלוט וועלן מיר לעבן, סטאַלינגראַד!)

פון דער וועלט-ליטעראַטור

טאָמאַס מאַן

און זיין „יוסעף און די ברידער“

אין איינער פון זיינע עסייען האָט ד״ר א. קאַראַלניק אַמאָל געשריבן: „עס האָט מיך אָפט געוווּנדערט, פאַרוואָס האָבן יידן אַזוי ווייניק ביבלישע ליטעראַטור? וווּנדערלעכע טעמעס, פּאַרטיקע בילדער, גרויסאַרטיקע געשטאַלטן, און די יידישע האַנט רירט זיך צו זיי נישט צו. די גריכן האָבן אין זייער לעגענדן־אוצר געהאַט ניט מער ווי דריי אָדער פיר טעמעס — הערשאַפט, ליבע און פאָטער־פּראָבלעם, און אַרום די דאָזיקע דריי טעמעס האָט אויפגעבליט אַ געוואַלדיקע דראַמאַטורגיע. יעדע דראַמע פון עסכיל אָדער סאָפאָקל איז ניט מער ווי אַ וואַריאַציע אַף איינער פון די דאָזיקע טעמעס און זיי זיינען אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פאַר דער ווייטערער אייראָפּעישער ליטעראַטור. באַ יידן, אָבער, אַ מילגרוים, פול מיט טעמעס, און די קערנער צעפאַלן און קיינער הייבט זיי ניט אויף. און רירט זיך צו אַ מאָדערנער ייד צו אַ ביבלישער טעמע, ווערט זי סענטימענטאַל און פּאַטעטיש־נאַציאָנאַל, אָבער דאָס מענטשלעכע פעלט — דאָס אייביק־מענטשלעכע“. (געשטאַלטן און געדאַנקען.)

קאַראַלניק אַליין האָט עס פאַרענטפערט מיט דעם, וואָס יידן האָבן ניט קיין דיסטאַנץ צו דער ביבל.

אין ד״ר קאַראַלניקס אָפּשאַצונג ליגט אַ טיפער פּסיכאָלאָגישער עמעס. יידן האָבן ניט קיין דיסטאַנץ צו דער ביבל, ווייל צו זיך אַליין קאָן מען קיין דיסטאַנץ ניט האָבן. אַ ייד זעט די אָוועס, אַווראָם, ייִצכאָק און יאַנקעוו, מיט הייַנטיקע אויגן. פאַר אים זיינען די יידן פון קלויז, פון בייסמעדרעש, יידן מיט לאַנגע בערד, קאַפּאָטעס, יאַרמעלקעס און פאַנטאָפל. אַ ייד זעט זיינע אור־עלטערן אין זייער אַלטקייט, ניט אין זייער אַמאָליקער יוגנטלעכער פרישקייט. אַ ייד איז אַזוי נאָענט צו דער ביבל, אַז ער פילט ניט די פרישקייט, די מאָרגנדיקייט פון דער ביבל. אָבער פאַר דעם מאָדערנעם ניט־ייד זיינען די אָוועס „פּאַטריאַרכן“ — מיט דער גאַנצער אָריענטאַלישער זוניקער, שטראַלנדיקער גרויסקייט, און דער טאַנאַך אַליין — פאַנטאַסטיש און איבערמענטשלעך גרויסאַרטיק.

ניט לאנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אן אויסצוג וועגן טאנאך פון א ווערק, וואס קארל ליבקנעכט האט געשריבן אין טפיסע, ווו די פרייסישע רעגירונג האט אים פארשפארט פאר זיין קאמף קעגן פרייסישן מיליטאריזם בעיים דער ערשטער וועלט־מילכאמע.

אט וואס ליבקנעכט שרייבט: „דער טאנאך גיט אונדז א שפיגל פון יעדן יעבידישן לעבן, א שעפע פוןביישפילן פון מענטשלעכע בלאנדזשעניש, טאעסן, האפענונגען, צווייפלען, ליידן, האנדלען, בייקומען, פון פארבילדלעכטן פארהאלטן זיך אין אלע דאנקבארע אינערלעכע און אויסערלעכע נויטן און שטרייטן; אן אויצער פון לעבנס־כאכמע און דערהויבונג; אנשוילעכע לעקציעס פאר מענטשן פון בלוט און פלייש, לעבנס־קראפט און שוואכקייטן. ביישפילן פון קוועלנדיקער ווירקלעכקייט גיסן זיך אן א סאף, ווי שטראמען רעגן אין ארייננדרינגלעכע מאשל־פארמען".

טאמאס מאנס טעטראלאגיע° „יויסעף און זיינע ברידער" האט די קריטיק באצייכנט ווי „דאס מאנומענטאלסטע ווערק פון דעם יארהונדערט", און די לויב ווערט באשטעטיקט נאכדעם ווי מען לייענט איבער די איבער צוויי טויזנט זייטן פון די פיר בענד.

טאמאס מאן האט ניט גענומען, ווי אנדערע קינסטלער, שרייבער פון היסטארישע ראמאנען, רוי־מאטעריאלן, וואס מען דארף שלייפן און באארבעטן. ער האט גענומען דעם טאנאך ווי א פארטיק קונסט־ווערק, וואס מען דארף בלויז איינארדענען, סיסטעמאטיזירן און איבערדיכטן.

דער אינהאלט פון ט. מאנס ווערק לאזט זיך ניט אויסשעפן. עס איז אייגנטלעך ניט מער ווי די אזוי גוט באקאנטע לעגענדע פון מעכיראס יויסעף, אט די ביבלישע מייסע, וואס זי איז דערנאך אויסגעברייטערט געווארן און אויסגעפוצט פון די פארשיידענע מעדראשים און לעגענדעס. גארניט צוגעגעבן, גארניט אראפגענומען. אבער די פארעם, די פארטיפונג האט קיין גלייכן ניט אין דער ליטעראטור.

ט. מאן נעמט דעם סיפער־האמייסע און מאלט אים איבער אזוי, אז פון איין ווארט אין כומעש, אין דעם אריגינעלן סיפער־האמייסע, שאפט זיך א בילד און א ברייטער פסיכאלאגישער געמעל.

„לייענען א בוך הייסט קוקן איבערן אקסל פון פארפאסער", זאגט דער פראנצויזישער דענקער און פאעט פאול וואלערי. טאמאס מאן האט מיט זיין ווערק באוויזן, אז ער האט בעיים לייענען דעם ביבלישן עפאס

ווענן יויסעף און זײַנע ברידער אַריבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון דער פאַקטישער דערציילונג. ער האָט פון דעם כּוימער אַליין, פון דעם שטאָף, אַרויסגעוויקלט די געדאַנקען און די שטימונגען פון דער דערציילונג אַזוי, אַז דאָס אומבאַשטימטע, האַלב־אומבאַוווּסטזיניקע, וואָס ער האָט אַרײַנגעוועבט אין זײַן ראָמאַן, איז געוואָרן עמעס, רעאַל.

טאָמאַס מאַן האָט צוגעלייגט זײַן אויער צו דעם אַלטן קוואַל — דעם טאַנאַך, און דערהערט דעם אורקלאַנג, און וואָס ער האָט דערהערט, האָט ער דערציילט אויף אַ וווּנדערלעכן אופן און אַזוי נײַ און פריש, ווי קיינער ניט פאַר אים.

***

פאַר „יויסעף און זײַנע ברידער" פּאַסט עפּשער ניט דאָס וואָרט ראָמאַן. עס איז גיכער אַ פּסיכאָלאָגישער עפּאָס.

דאָס ווערק הייבט זיך אָן מיט אַ שילדערונג ווי יאַנקעוו זיצט „אין אַ שאָטנדיקער לעוואָנע־נאַכט איבער אַ שטילער קליינבאַרגיקער לאַנדשאַפט, בײַ אַ ברונעם. ער פילט די מילדע פרישקייט פון אַן אויסגעלײַטערטער פרילינג־נאַכט און קוקט אין די שטערן, וואָס שפּיגלען זיך אין ברונעם". ער רופט אַרויס זײַן זיבעצן־יאָריקן זון יויסעף, זײַן אויג אין קאָפּ, זײַן בען־זקונים, זון פון זײַן עלטער, זון פון זײַן ליבע, וואָס איז שיין ווי אַ כאָלעם און קלוג ווי דער טאָג, און דערציילט פאַר אים זײַנע כאָלוימעס. און באַלד הייבן זיך אָן די דיאַלאָגן פון יאַנקעוון און יויסעפן, וואָס ציען זיך ביזן דריטן בוך.

די דיאַלאָגן זײַנען טיף־פּסיכאָלאָגיש, זיי זײַנען אין איינקלאַנג מיט די געשילדערטע פּראָצעסן און די שטורמישע באַוועגונגען פון די דראַמאַטישע געשעענישן.

דער ערשטער טייל גיט איבער די ערשטע יאָרן פון יאַנקעווס לעבן. זײַן כאָלעם ווערט אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זײַן שפּיץ גרייכט צום הימל, און זײַן וויזיע וועגן אַ געראַנגל מיט גאָט און זײַן געדולדיק דינען פאַר זײַן געליבטער ראָכלען.

דער ערשטער באַנד ענדיקט זיך מיטן געבורט פון ביניאָמינען און מיט ראָכלס טויט.

דער צווייטער באַנד ענדיקט זיך מיט יאַנקעווס טרויער נאָכן „פאַרצוקטן" יויסעף און דער דריטער — מיט יויסעפס אַרײַנפאַלן אומשולדיק

אין טפיסע פאר זײַן ניט וועלן זינדיקן מיט זײַן הארס ווײַב. דאָס פערטע
בוך — מיט דעם צוריקקער פון די ברידער אין מיצראים, נאָכדעם
ווי זיי באַגראָבן יאַנקעוון אין דער מעאָראס־האַמאַכפּיילאָ.

די יויסעף־געשטאַלט וואַקסט אונטער מאַנס מײַסטער־האַנט פון
קאַפּיטל צו קאַפּיטל, ביז זי ווערט איינע פון די גרעסטע וועלט־פיגורן,
אַ פיגור מיט אַ דראַמאַטישער קאָמפּליצירטקייט און נעשאָמע־רײַכקייט,
וואָס רופט אַרויס יִיראַס־האָרומעמוים.

„דו ווילסט וויסן מײַן גרונט, איז — קענסטו מײַן אָפּגרונט? —
האָט ניצשע געפרעגט. אָפּגרונטן ניט נאָר פון פּערזענלעכן לעבן זײַנען
נייטיק צו וויסן, נאָר אויך פון דענקען.

צונויפגעוועבט מיט פאַרשיידענע מאָטיוון: קינע, הערשאַפט, גע־
ראַנגל און אַנטוישונג — איז דער גרונט־מאָטיוו פון דער יויסעף־מײַסע
פאָרט אַ פּסיכאָלאָגישער. דאָס איז דער קערן פון דער ביבלישער דער־
ציילונג. אָבער מען דאַרף קאָנען אַרויסאַנטפּלעקן די פּסיכאָלאָגישע עלע־
מענטן אין דער מײַסע, און טאָמאַס מאַן האָט באַוויזן די מײַסטער־
שאַפט אַרויסצואַנטפּלעקן זיי דאָרט, ווו זיי זײַנען אַזוי פאַרפלאָכטן,
אַרויסוויקלען און געבן אין אַן אַלגעמיין־באַגרײַפלעכער פאָרעם. אין „יוי־
סעף און זײַנע ברידער" שטראַלן די פּסיכאָלאָגישע עלעמענטן אַרויס פון
לעבן און פון די האַנדלונגען.

עס בעט זיך מאַמעש אַ פאַרגלײַך צווישן טאָמאַס מאַנס ווערק און
דאָסטאָיעווסקיס טיף־פּסיכאָלאָגישע ראָמאַנען. ווי בײַ דאָסטאָיעווסקין,
דערוועקט אין אונדז דער ריטם פון דער באַוועגונג, דער ריטם פון אַ גע־
וויסן איבערלעבן און דערפילן, אַזוי אויך בײַ טאָמאַס מאַנען קומט דער
פּסיכאָלאָגישער עמעס אַרויס פון דער האַנדלונג, פון דעם העלדס באַ־
וועגונגען. פּונקט ווי דאָסטאָיעווסקי, אַזוי שפּאַלט ער די נעשאָמע פון
נעם העלד און לאָזט די צוויי טיילן פירן אַ וויקועך איינער מיטן צווייטן.

***

אין די פיר בענדער „יויסעף און זײַנע ברידער" ווערט אויפגע־
וויקלט אַן עפּיש־דראַמאַטישע פּאַנאָראַמע פון דער אַנטיקער עגיפּטי־
שער וועלט.

עס גייען פאַר אונדז פאַרבײַ די אַלע ברידער, זין פון יאַנקעוו, מיט

זייער פּרימיטיווער ברייטשיפּדיקייט. ער ווײַזט אונדז די עגיפּטישע קע־ניגן, פילאָזאָפן, מיט זייערע געטער, רעליגיעזע פּראָפעסיעס און געצנדי־נערישע אָרגיעס. מיר זעען זייערע פּאָליטיקער און ריכטער און מיר ווערן אַרײַנגעבראַכט אין די פּאַלאַצן פון די מעכטיקע פּאַרעס.

טאָמאַס מאַן שילדערט ברייט דאָס לעבן פון די פּאָלקס־שיכטן, זייער לעבנס־שטייגער, זייערע שטימונגען און קאַמפן. די רעליגיעזע באַ־גריפן פון די אונטערטעניקע צו פּאַרען און די דעמאָלדיקע סאָציאַלע קוייכעס־פאַרהעלטענישן, און יעדע שילדערונג ווערט דיקטירט פון דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג פונעם סיפּער־האַמײַסע.

טאָמאַס מאַן האָט באַוויזן צו געבן אַ קווערשניט פון אוראַלטן מיצראַים און דער עגיפּטישער קולטור אין שפּיגל פון זײַן ראָמאַן.

טאָמאַס מאַן האָט געמאַכט אַ געניאַלן נוץ פון אַ טיפן שטודיום אין דער געשיכטע פון דער אַלטער עגיפּטישער קולטור. זײַן קינסטלערי־שער אַרײַנבליק אין דער געשיכטע איז פון אַזאַ סאָרט, אַז קולטור־פאָר־שער קאָנען באַ אים געפינען ליניעס פאַר זייערע אַרכעאָלאָגישע און היס־טאָרישע פאָרשונגען, וואָס קאָן פירן צו נײַע אַנטדעקונגען.

*****

וואָס איז די קאַוואַנע פון בוך? אין וואָס פאַר אַ מאָס קאָנען מיר אין דער גרויסער עפּאָפּייע געפינען פּאַראַלעלן צווישן יענע אוראַלטע מיצרישע צײַטן און אונדזער מאָדערנער עפּאָכע?

ווי געזאָגט, איז שווער איבערצוגעבן די אַלע טיפע געדאַנקען, געפילן און שטימונגען, וואָס געפינען זיך אין אַזאַ שעפע אין מאַנס ווערק. אי־בערצוגעבן דעם אינהאַלט וואָלט מען געדאַרפט האַלטן אין איין ציטירן ווי פון שפּינאָזאַס „עטיק" אָדער פּלאַטאָנס „דיאַלאָגן", ווײַל דער ראָ־מאַן איז אויך אַ פּסיכאָלאָגיש־פילאָזאָפיש ווערק. אָבער באַם פאַרענדיקן איבערלייענען די פיר בענד, קאָן מען דאָך אַרויסבאַקומען די צענטראַלע אידעע פון ווערק.

טאָמאַס שילדערט, וואָס יאַנקעוו און זײַנע שוואָטים האָבן צוגע־טראָגן צו דער וועלט־ציוויליזאַציע. יאַנקעווס וויזיע וועגן גאָראַנגל מיט גאָט האָט דעם גרויסן דײַטשן וואָרט־קינסטלער געגעבן די מעגלעכקייט אָף אַ פּסיכאָלאָגיש־דערציילערישן אויפן אַרויסצוברענגען זײַן אייגענעם

באַגריף וועגן דער גאָט־און־מענטש שײַכעס. ער ברענגט אַרויס די באַגע־געניש פון צוויי קולטורן, פון דער אַלטער עגיפּטישער קולטור מיט דער נײַער אויפקומענדיקער יידישער אָדער ייִדיש־קריסטלעכער קולטור, וואָס דאַרף זײַן, אין דער ווײַטער צוקונפט, אַ דערלייזערישע קולטור.

דער ביבלישער צונויפטרעף פון יוסעפן, וואָס אין אים איז פאַר־קערפּערט דער כאַראַקטער פון זײַן פאָטער יאַנקעוו, מיט דער מיצרישער קולטור, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געראַנגל צווישן מאַכט און גײַסט.

אין פערטן באַנד, וואָס הייסט „יוסעף דער שפּײַזער", איז דאָ איין קאַפּיטל, וווּ ס'איז עפּשער דאָ די צענטראַלע אידעע פונעם גאַנצן ראָ־מאַן. דאָס איז דער קאַפּיטל וועגן טאָמאַרן, די אַלמאָנע פון יעהודעס זון, וואָס האָט באַשלאָסן „זיך אַרײַנצוקוועטשן אין דער געשיכטע פון דער וועלט".

טאָמאַס מאַן שילדערט ווי יאַנקעוו, „וועלכער איז אַביסל פאַר־ליבט אין זײַן שנור", לערנט מיט איר די „געשיכטע פון דער מישפּאָכע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון גאָט און איז די גאַנצע צײַט אונטער זײַן פירונג".

טאָמאַס מאַן לאָזט טאָמאָרן דערפילן מיט איר נאַטירלעכן כוש פון פרוי און מוטער, אַז זי איז די אור־מוטער פון מלאָכים און דערלייזער. „זי האָט געהערט די האַווטאָכע וועגן אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע פון געולע, וואָס האָט זיך אויפגעלייזט אין אַ דונער־געקנאַל און אין דעם מאָמענט האָבן צוויי שטערן אויפגעפלאַמט אין צאָרן איינס קעגן אַנדערן: דער שטערן פון מאַכט און דער שטערן פון גערעכטיקייט". אין ליכט פון די שטערן האָט די אור־מוטער פון מאָשיעכן געלערנט פון יאַנקעוון, אַז מאָ־שיעך, דער דערלייזער, דער מענטש פון דערוואַרטונגען, וועט קומען פון אַ מוטער און וועט הייסן „שילה", וואָס האָט דרײַ באַדײַטונגען: שאָלעם און שאָלווע און אויך אַ זון פון אַ מוטער (ווידער אַ מעדרעש). אַזוי האָט יאַנקעוו פאַרבונדן דעם אור־אָנהייב מיט דער ווײַטסטער צוקונפט.

דאָס בילד פון דער דערלייזטער צוקונפט קומט אַמבעסטן צום אויס־דרוק אין די עטלעכע ווערטער, מיט וועלכע טאָמאַס מאַן פאַרענדיקט זײַן ווערק: „אַ מענטש, וואָס נוצט מאַכט נאָר דערפאַר, ווײַל ער פאַרמאָגט זי... איז קעגן גערעכטיקייט און קעגן פאַרשטאַנד, און אַזוי ענדיקט זיך די שיינע דערציילונג און גאָט דערפינדונג פון יוסעפן און זײַנע ברי־דער".

אַנאַ זעגערס

און איר רעוואָלוציאָנערער רעאַליזם

אַנאַ זעגערס, די גוט־באַקאַנטע דײַטש־ייִדישע שרײַבערין, געהערט צו די אָנגעזעענסטע אייראָפּעיִשע וואָרט־קינסטלער און דײַטשע ראָמאַ־ניסטן און נאָוועליסטן פון דעם דאָר, וועלכער איז קינסטלעריש רײַף גע־וואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, אין די צײַטן פון דײַטשן ספּאַר־טאַקוס־אויפשטאַנד און דער ווייַמאַר־רעפּובליק.

געבוירן אין יאָר 1900, מיט פופציק יאָר צוריק, האָט די אימפּעריאַ־ליסטישע מילכאָמע זי געטראָפן און איבערראַשט בײַ אירע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור. זי איז באַלד מיטגעריסן געוואָרן מיט די רעוואָלו־ציאָנערע כוואַליעס אין אייראָפּע, האָט זיך אידעאָלאָגיש אײַנגעוואָרצלט אין די אַרבעטער־רייען און געוווּנען דעם „קלייסט־פּרײַז” פאַר ליטעראַ־טור פאַר איר ערשט ווערק „דער אויפשטאַנד פון די פישערלײַט”, וואָס האָט זי אַוועקגעשטעלט אין מיזרעך וואַנט פון די בעסטע דײַטשע עפּי־קער.

אין די יאָרן פון נאַציזם אויפקום איז זעגערס געשטאַנען זײַט בײַ זײַט מיט די מיליטאַנטישע אַרבעטער־קעמפער, וואָס האָבן געפירט זייער אונטערערדישע טעטיקייט אין דעם גײַסט פון די ליבקנעכט געשטאַלטן פון ליבקנעכט און לוקסעמבורג. די היטלעריסטן האָבן געקלערט, אַז זייע־רע היסטערישע גוואַלדן בײַ פאַרטויבנדיקע הויך־רעדנערס, וועלן פאַר־בײַטן די בעסטע שאַפונגען פונעם מענטשלעכן גײַסט, די ווערק פון געטע און שילער, פון לעסינג און היינע, פון מאַרקס און ענגעלס. דאָס פרײַע מענטשלעכע וואָרט קאָן מען אָבער ניט צאַמען. איז אַנאַ זעגערס אַנטלאָפן קיין פראַנקרײַך און פון דאָרט קיין מעקסיקע, ווו זי האָט אָנגעשריבן איר וועלט־באַרימטן אַנטי־נאַצי ראָמאַן „דער זיבעטער קרייץ” וואָס איז אַ לעגנדערע צײַט ניט נאָר געווען אַ „בעסט סעלער”, נאָר אויך איינס פון די העלונגענסטע פילמען, ווו עס איז מיט גרויס קראַפט און מײַסטער־

שאַפט געשילדערט געוואָרן דער דײַטשער פאַשיזם אין זײַן בלוטיקן אָפּגיי און גלײַכצײַטיק די איבערמענטשלעכע העראָיק פון זיבן אנטיפאַשיסטישע קעמפער אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס האָבן זיך דערהייבן צו גרויסקייט אין די דראַמאַטישסטע מאָמענטן פון גרעסטער געפאַר.

אין איר נײַ, גרויס און פאַרכאַפּנדיק ווערק, „די טויטע בלײַבן יונג", שילדערט די טאַלאַנטירטע שרײַבערן דעם שטופנווײַזן אויפוואוקס פון דער פאַשיסטישער כאַיע אין דײַטשלאַנד, די גאַנצע פינצטערניש, אין וועלכער דער נאַציזם האָט געווירקט, און באַווײַזט אַז בלויז פיזיש און גײַסטיק געזונטע מענטשן, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ וואַכן סאָציאַלן געוויסן, האָבן זיך געקענט אָריענטירן אין דעם דאָזיקן כוישעך און געפונען דעם וועג צום קאַמף און דעם ליכטיקן אויסוועג צום זיג איבערן נאַציזם.

דאָס ווערק הייבט זיך אָן מיט אַ שילדערונג פון יאָר 1919 — דאָס יאָר ווען „יענע גרויסע פרוי (ראָזע לוקסעמבורג — א. ב.) איז אַרײַנגעשלײַדערט געוואָרן אין בערלינער קאַנאַל". אַ יונגער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער ווערט געפאַנגען פון אַ רעאַקציאָנערן אָפיצער און זײַן געהילף און ווערט דערשאָסן אָן אַ געריכט, — אַ געוויינלעכע פּאַסירונג אין יענע טעג, די צײַטן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן נאָסקע־שײַדעמאַן רעזשים. שפּעטער איז זײַן קערפּער געפונען געוואָרן, אָבער די מערדער זײַנען קיינמאָל ניט געמישפּעט געוואָרן.

דער דאָזיקער עפּיזאָד דינט ווי אַ לייט־מאָטיוו פאַרן גאַנצן ווערק, וואָס נעמט אַרום די צײַט 1919 — 1945. ערווין, דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן, פאַלט און לאָזט איבער זײַן פרוי מאַריע, וועלכע געבערט אַ זון נאָך זײַן אומקום, און האָט כאַסענע מיט אַן אַנדער אָרעמען אַרבעטער מיט פיר קינדער. דער טויטער ערווין לעבט־אויף אין זײַן זון האַנס, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט ווער זײַן פאָטער איז געווען. ער לעבט אויך, זײַנע אידעאַלן לעבן, אינעם האַרצן פון זײַן פרוי, פון זײַן כאַווער מאַרטין און אין דער גאַנצער מישפּאָכע נעשקע, ווו דאָס קינד ווערט דערצויגן אין אַ פּראָלעטאַרישער אַטמאָספערע.

סײַ די מוטער און סײַ דער זון ווערן נאָכדעם אויסגעצייכנטע אונטערערדישע קעמפער קעגן נאַציזם. דעם יונגן האַנס קומט אויס שפּעטער צו קעמפן מיט די מערדער פון זײַן פאָטער, די פאָרשטייער פון די באַ־

ראָנען, באַנקירן, וואָס הייבן־אָן צו פאַרווירקלעכן היטלערס „טויזנט־יאָריקן רײַך". האַנס ווערט געפּײַניקט פון דער געשטאַפּאָ. ער לעבט מיטן לעבן און מיטן קאַמף פון די אונטערערדישע קויבעס און ווען ער ווערט געשיקט אַפן סאָוועטישן פראָנט מיט דער נאַצישער אַרמיי, העלפט ער די העלדישע רויט־אַרמייער, דורך איבערגעבן זיי געהיימע ידיעות וועגן די נאַצישע באַפעסטיקטע פּאָזיציעס.

פאַרן זיג איבערן נאַציזם טרעפט זיך האַנס אויג אויף אויג מיטן אָפּיצער ווענצלאַו, דעם מערדער פון זײַן אומבאַקאַנטן פאָטער. ווען דער נאַצי־אָפיציר דערזעט אים, טראַכט ער אויף אַ מאָמענט, אַז דאָס איז דער זעלבער ערווין, וועמען ער האָט מיט אַזויפיל יאָרן צוריק דערמאָרדעט. ער רופט אויס:

„אָבער ווי יונג ער איז געבליבן! מעגלעך, אַז אַלע וועלכע זײַנען געווען דאָן (אין 1919), שוין טויט, אָבער דער דאָזיקער יונג, אים האָט דער טויט ניט גענומען... די נאַציס האָבן אים צוגעזאָגט הימל און ערד, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט נאַרן. זיי האָבן געדראָשן זײַנע ביינער אין יעדן קאָנצענטראַציע־לאַגער; זיי האָבן אים מיט גוואַלד געשיקט אַפן סאָוועטישן פראָנט, אָבער דער טויט האָט אויף אים קיין שליטע ניט. ער איז געבליבן יונג!"

דאָס איז בעקיצער דער סוזשעט פון דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן ראָמאַן, אָבער אייגנטלעך איז עס נישט מער ווי די קאַנווע, אַרום וועלכער די ראָמאַניסטן לעבט אויף די גאַנצע ווירקלעכקייט, ניט בלויז פון די נאַצי־יאָרן אין דײַטשלאַנד, נאָר אויך פון די מילכאָמע־יאָרן אויף די סאָוועטישע פראָנטן.

די גרויסע מײַלעס פון דעם דאָזיקן ראָמאַן באַשטייען אין דעם, וואָס ער שילדערט אויף אַ שפּאַנענדיק־פאַרכאַפּנדיקן אופן, רעאַליסטיש און דאָך רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטיש, די טרוימען און די קאַמפן פון די אַנטי־פאַשיסטישע אידעאַליסטן. די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע עפּאָפּייע איז צונויפגעפלאָכטן מיטן פערזענלעכן גורל פון איינצלנע מענטשן, וועלכע ווערן געשילדערט אויסערגעוויינלעך בוילעט און טיף.

די רעאַקציאָנערע מיליטאַריסטן און שפּעטערדיקע נאַציס, ווי דער אינדוסטריאַליסט פאָן־קלעם, דער באַלטישער באַראָן ערנסט פאָן־ליוועו,

ווערן געשילדערט מיט דער גאַנצער פּסיכאָלאָגישער טיפקייט פון ברוטאַלע און טעמפּע העלדן. דורך זייערע רייד און האַנדלונגען ווערט גע־שטעלט צום מישפּעט אַ דעגענערירטער קלאַס.

לעבן האַנסן — דער געוויסן פון דער מישפּאָכע — שטייט זיין גע־ליבטע עמי און זיין מוטער מאַריע, וועלכע ווערן אַוועקגעריסן פון זייער פאַמיליע־זאָרג און שטעלן זיך אין די געווער־פאַבריקן, צווישן אַנדערע פרויען, וועלכע האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט צו סאַבאָטירן די טויט־פּראָדוקציע. קיין זאַך, אַפילו די שמערצלעכסטע איבערלעבונגען קאָנען ניט אָפּרייסן זיי פון זייער ציל, מיט וועלכן זיי פאַרבינדן באַוווּסטזיניק זייער עקזיסטענץ.

די אַטמאָספערע, די סוויווע אין וועלכע אַנאַ זעגערס פירט אַריין אירע פּערסאָנאַזשן, איז אַ ספערע פון נויט, עלנט און מוירע. אין צענד־ליקער וואַריאַציעס צייכנט זיך דאָס דאָזיקע שוידערלעכע בילד, ביז זי שעפּט עס אויס דורך ווידער און ווידער איבערלעבן, איבערשאַפן, אָבער טאָמיד איז בײַ איר די נויט, דער ייִעש פאַרבונדן מיט קאַמף און ניט סטאַם מיט שיקזאַל.

מאַריעס רייד צו איר „אומגעזעצלעכן” זון האַנס, איז דער שטוים צו זיין פאַרוואַנדלונג אין זיין אומגעקומענעם מאַרטירערישן פאָטערס געשטאַלט. די מוטער זאָגט אים:

„אונדזער ליבע, אונדזער גרייטקייט צום קאָרבן און צו זעלבסט־פאַרלייקענונג בלייבן אומפּרוכטבאַר, ווען מען ווידמעט זיי אַבס־טראַקטע און ניט מענטשלעך־געזעלשאַפטלעכע סימבאָלן... די העכס־טע מאָראַל קאָן אויפגיין און בליִען אין פּראַקטישן לעבן... דאָס שלעכטס וואָס מוז באַקעמפט ווערן, איז ניט יענע טרויע־ריקע אַבסטראַקציע, וואָס מען רופט — טײַוול, דאָס שלעכטס איז דאָס, וואָס שטעלט איין מענטש קעגן אַנדערן, וואָס לאָזט אַז איין קלאַס זאָל באַהערשן דעם אַנדערן”.

זעגערס שילדערונגען זײַנען אַ געמיש פון גרויל און העראָיזם, פון טויט־געראַנגל צווישן נאַקעטן, ברוטאַלן שאָוויניזם — און רײנעם מענ־טשנטום. זי ווײַזט, אַז די גוטע זײַנען באַזיגט געוואָרן דורך די שלעכטע — ניט צוליב אייגענער שוואַכקייט, נאָר ווײַל זיי האָבן באַצײַטנס ניט געפונען די וועגן ווי צו קעמפן.

איז דער קאָרבן פון ספּאַרטאַקוס־העלד געווען אומזיסט? איז ער פאַרזונקען געוואָרן שפּורלאָז אינעם בלוט פון די באַזיגטע אַנטי־פאַשיסטן, אינעם ניצאָכן־רויש פון די נאַצישע זיגער?

מיט קאָנקרעטע קינסטלערישע מיטלען גיט די פאַרפאַסערין אַן ענטפער אויף די פראַגן. דאָס בוך איז פול מיט טרויער, וואָס איז אייגנאַרטיק אין זיין געפלעכט פון פערזענלעכע און סאָציאַלע פאַרלוסטן, אָבער די העלדן ווערן ניט אָן די האָפענונג, די העראָישע טרייסט... „די יעניקע, וועלכע קעמפן באַוווּסטזיניק, זיינען ניט קיין שאָטנס, וואָס פאַרגייען, זיי בלייבן לעבן און אייביק יונג אפילו ווען זיי זיינען געשלאָגענע, אפילו פאַרפייניקטע, אפילו זייענדיק טויט...

אַנאַ זעגערס איז די קינסטלערין פון גרויסע ליידן, וואָס זי פאַרקערפּערט אין דער פרוי, אין דער מוטער מיטן קינד. אָבער זי זעט זיי נישט נאָר אין זייערע לייד־מאָמענטן, נאָר אויך אין זייער העלדישקייט און בראַווקייט. זי שילדערט אירע פרויען־טיפּן ווי לייכט־שטערן, ווי זיי ראַנגלען זיך מיט דער צייט, — נישט קעדיי צו אַנטלויפן פון איר אין פאַנטאַזיעס, נאָר קעדיי צו געפינען אויסדרוק, שאַפן פאַר זיי די געשטאַלטונג, וואָס איז אַ טריט צו דערלייזונג.

מיט איר נייעם ראָמאַן האָט זעגערס ענדגילטיק אָפּגעלייקנט די באַהויפּטונג פון ליטעראַרישע „פיינשמעקער", אַז אַ ווערק וואָס איז סאָציאַל־קעמפעריש, קאָן נישט זיין קינסטלעריש. די ווירקלעכקייט איז אין דאָזיקן בוך אַזוי קינסטלעריש אַרומגעשלייפט, אַז איר סאָציאַלער אינהאַלט הייבט־אָן אַרויסצושטראַלן פון איר אָן שום קינסטלעכער באַלויכטונג, ווי בײַ אַ גוט פּאָלירטן און אַרומגעשליפענעם דימענט. זי פאָרמולירט אין ווערטער דאָס, וואָס איז געגנוג בוילעט אין דעם עצעם האַנדלונג. די פערסאָנאַזשן — סיי די הויפּט־העלדן, סיי די זייטיקע העלדן — זיינען פול מיט לעבן, מיט אינדיווידועלן אייגנאַרט און זיינען אָנגעלאָדן מיט אַזאַ קראַפט און וואַרעמקייט, אַז שוין לאַנג נאָך זייער פאַרשווינדן שפּירן מיר זייער אָנוועזנהייט.

נאָך אויף איין אייגנאַרטיקייט פון דאָזיקן בוך וויל איך אָנווייזן: די הויפּט־העלדן גייען נישט מיט קיין גלייכער ליניע צו זיג. זיי מאַכן דורך זיגזאַגן צווישן זיג און מאַפּאָלע. אַט דאַכט זיך קראַכט זייער וועלט. איצט וועלן זיי זיך שוין נישט קאָנען ראַטעווען. אָבער ניין, זיי גייען

טאָמיד אַרוים אַלס זיגער. אינעם דאָזיקן בוך איז אַף אַ געלונגענעם אויפֿן פֿאַרשמאַלצן אַ טיפֿער אינהאַלט מיט אַ שפּאַנענדער פֿאָרעם, אַ גײַסטיק אידעיִשער פֿאַרנעם מיט דערציילערישער פֿאַרביקייט.

שאַפֿונגען, וואָס פֿאַרנעמען זיך אַזוי אָדער אַנדערש מיט די אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פֿון אונדזער צײַט, און באַזונדערס שילדערונגען פֿון דער דעמאָנישער גרויזאַמקייט וואָס דער פֿאַשיזם האָט געבראַכט אַף דער וועלט אין לעצטן פֿערטל יאָרהונדערט, זײַנען ניט קיין זעלטנקייט אין דער ליטעראַטור. אָבער אין דער גאַנץ גרויסער ליטעראַטור אַף דער טעמע פֿון פֿאַשיזם און אַנטיפֿאַשיזם, זײַנען זיכער ניטאָ קיין סך אַזעלכע ווערק ווי א. זעגערס נײַ בוך: „די טויטע בלײַבן יונג".

אין פֿלוג קאָן זיך דאַכטן, אַז זעגערס האָט אין דעם בוך אָפּגענויגט פֿון שטרענג רעאַליסטישן ראָמאַן, ווײַל דאָס בוך איז אויך אַ סימבאָל. אָבער עס איז אַזוי אינעם זין פֿון העכערן רעאַליסטישן סימבאָליזם. די שרײַבערן ברענגט ניט אַרויס סטאַם אידעען און טענדענצן, וועלכע זײַנען איר אייגן און טײַער. זי וואַרט ניט אַרויף אַף דערווירקלעכקייט קיין נעזועלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע טענדענץ, נאָר צווינגט די ווירקלעכקייט אַליין אַרויסצוגעבן איר טענדענץ. דאָס איז אין אײַנקלאַנג מיט דעם ליטעראַרישן שעפֿערישן מעטאָד וואָס הייסט: סאָציאַליסטישער רעאַליזם, פֿון קומען פֿון זאַכן צו אידעען, ניט פֿאַרקערט צו זאַכן פֿון אידעען.

זעגערס מעטאָד באַשטעטיקט די ווערטער פֿון איר גײַסטיקער לערערין און פֿאַרגייערן, ראָזע לוקסעמבורג. בײַ אַ גרויסן קינסטלער — שרײַבט לוקסעמבורג אין איר אינטערעסאַנטן אַרײַנפֿיר צו קאָראָלענקאָס ווערק, „די נעשאָמע פֿון דער רוסישער ליטעראַטור" — האָט דער געדאַנקלעכער רעצעפּט, וועלכן ער לייגט פֿאָר, אַ צווייט־ראַנגיקע באַדײַטונג; אַן אַנטשיידנדיקער מאָמענט איז דער קוואַל פֿון זײַן קונסט. דער גײַסט, וואָס באַלעבט אים, און ניט דער ציל, וואָס ער האָט זיך באַוווּסטזיניק געשטעלט".

אין אַנדערע ווערטער: דער געדאַנק, די אידעע, דאַרף אַרויסשטראַלן דורך בילד און געפֿיל, דורך אויסדרוק פֿון וואָרט. דאָס לעבן אַליין דאַרף באַשטעטיקן די אידעע.

***

לייענענדיק דאָס דאָזיקע בוך, וואָס הייבט זיך אָן אַזוי טראַגיש און

פארענדיקט זיך אזוי מענטשלעך ליכטיק, האב איך געצווונגען אן אנאלאגיע מיט אן ענלעך ווערק אף דער זעלבער טעמאטיק: „די גרויליקע היטלער־נאכט". און ווי לאבלוטן אנדערש עס איז די פראגרעסיווע, סאציאל־אריענטירטע טעמע פון אנא זעגערס בוך, פון דער מארעשכווירעדיקער, טונקעלער, פעסימיסטישער ליטעראטור פון די עקזיסטענציאנאליסטן און רעאקציאנערן (סארטר, ט. ס. עליאט, דאס־פאסאס), וואס זעען נישט פאר זייערע העלדן קיין שום אויסגאנג, קיין שום אויסוועג, וואס לאזן איבער די ווירקלעכקייט אין פינצטערן עלנט.

אין די ליכטיקע מענטשלעכע קאפיטלען פון בוך „די טויטע בלייבן יונג" ווייזט די שרייבערן, אז עכט־דעמאקראטישע דייטשע נאוועליסטקע און צופעליק א יידישע טאכטער פון דער היסטארישער שטאט מיינץ, איר טיפן גלויבן אין דער צוקונפט פון דער מענטשהייט, וואס שטייט ניט באם „אונטערגאנג", ווי עס האבן געוויעס געזאגט די אידעאלאגן פון דער צעפוילטער דייטשער קולטור. זי באשטעטיקט מארקס בארימט ווארט וועגן דעם, אז דאס גאנצע פאריקע מענטשלעכע לעבן איז בלויז פאר־געשיכטע, און אויך די בארימטע ווערטער פון פרידריך ענגעלס: „ווי יונג עס איז נאך די געשיכטע פון דער מענטשהייט!"

אַמעריקאַנער פּראָזע

רעאַקציאָנערע טענדענצן

די פראַגע פון דער טעמע איז ניט אָפּגעריסן פון דער פראַגע וועגן דער אידעיִשער ציִלגעווענדקייט, וועגן דעם אידעאָלאָגישן אינהאַלט פון דער ליטעראַטור.

קינסטלעריש דענקען באַדייט — פאַרשטאַנד פאַר געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, פאַרשטאַנד פאַר דעם פּראָבלעם פון מענטש אין זײַנע געזעלשאַפטלעכע סאָציאַלע צווישן־באַציִונגען.

גרויס, קאָמפּליצירט און פילאַרטיק זײַנען געווען די געשעענישן פון דער קורצער תקופה, וואָס איז דער לעצטער יאָרצענדליק, און באַנעמען, פאַרשטיין, קינסטלעריש אָרגאַניזירן די געשעענישן איז אוממעגלעך אָן אַ טיפן געדאַנקלעכן אַרײַנדרינגען אין זייער סאָציאַל־געשיכטלעכן וועזן, וואָס פאָדערט באַם שרײַבער, ווי אַן אומפאַרמײַדלעכן באַדינג, באַוואָפנטקייט מיט אַ פּראָבלעמען־געדאַנק, מיט אַן אידעיִשן צוגאַנג צו דער טעמע, צו דעם באַהאַנדלטן לעבנס־שטאָף.

אינעם אויסוואַל פון דער טעמע ליגט דאָך שוין דער וועג, וואָס פירט דעם שרײַבער צו דעם בילדעריש־אויסגעדריקטן געדאַנק, די טעמע באַאומרויִקט דעם עמעסן שרײַבער דערפאַר, ווײַל ער זוכט דורך איר אַן ענטפער אָף דער אָדער יענער פּראָבלעם פון דער איבערגעלעבטער ווירקלעכקייט. און וואָס נענטער די טעמע איז צו דער אַקטועלער ווירקלעכקייט, אַלץ שאַרפער און דירעקטער ווערט אין איר אויסגעדריקט די פּראָבלעם פון דער ווירקלעכקייט. אָבער אויך די דערווײַטערטע טעמע, אַפילע די געשיכטלעכע, קאָן און דאַרף זיך אידעיִש ציִען צו די פראַגן פונעם הײַנט־צו־טאָג.

די הויפּט־טעמע פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ווי פון דער וועלט־ליטעראַטור, האָט אָף אַזאַ אויפן געדאַרפט זײַן דירעקט פאַרבונדן

מיט די פראגן פון לעצטן קריג קעגן פאשיזם, מיט די פּראָבלעמען פונעם אויפקומענדיקן אגרעסיוון אימפּעריאַליזם אַף דעם קאָנטינענט, מיט דער רעאַקציאָנערער כוואַליע וואָס האַלט אין איין שטײַגן אין דער העמיס־פערע און מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פראגן וואָס די היסטאָריע און די אַטמאָספערע פון דער „קאַלטער מילכאָמע" האָט געשאַפן.

וואָס זײַנען די גרונט־אידעען מיט וועלכע די אַמעריקאַנער פּראָזע האָט זיך אָפּגעגעבן די לעצטע צען יאָר? דאָס איז זייער וויכטיק צו וויסן איצט, ווען צוזאַמען מיט דעם אויפשטייג פון די שוואַרצסטע קויכעס זײַנען מיר אַרײַנגעטראָטן אין פעריאָד פון קולטור־דעקאַדענץ.

מיט יאָרן צוריק האָט אַנאַטאָל פראַנס, אין אַן עסיי וועגן דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, געשריבן: „אונדזער הײַנטצײַטיקע ליטעראַטור וואַקלט זיך ווי דער אומרו פון אַ זייגער צווישן כאַיעשן גראָבן נאַטוראַליזם און עקזאַלטירטן מיסטיציזם".

ווען מיר וואָלטן ווען פאַראַפראַזירן אַנאַטאָל פראַנס דעפיניציע און זי אָנווענדן אַף דעם צושטאַנד אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור אין לעצטן יאָרצענדליק, וואָלט מען עס געקענט אַזוי פאָרמולירן:

די אַמעריקאַנער ליטעראַטור, פאַרן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע ביז 1950, וואַקלט זיך צווישן אינדיווידועלן פּסיכאָלאָגיזם (אי־בערגעטריבענעם פּרווידיאַניזם) און אַמאָראַלישקייט, וואָס אַף ענגליש איז פאַראַן אַף דעם אַ טרעפלעכער וואָרט „עקסעיפּטיזם" — מאָראַלישע דעזערטירעריי.

סינקלעיר לואיס איז אַ קלאַסיקער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. דער מעכאַבער פון „בעביט" און „דאָ קאָן עס ניט פּאַסירן" איז יאָרנלאַנג געווען דער שילדערער סײַ פון דעם ערלעכן און באַגרענעצטן אַמעריקאַנער קלייַנבירגער און סײַ פון דעם פּראָלעטאַריער, וואָס ער האָט געצייכנט מיט גרויס טאַלאַנט און קענטעניש. דער וואָס האָט געלייענט לואיס „בעביט", האָט מער ניט געקענט פאַרבײַגיין גלײַכגילטיק זײַנעם אַ נײַעם ראָמאַן. מיט זײַן נאָמען איז פאַרבונדן אַ שטיק געשיכטע פון דער מאָדערנער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. לואיס האָט אין זײַן שאַפן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צו די פאָלקס־מאַסן, צו דער פאָלקסטימלעכער אַמעריקאַנישקייט.

באַם אויסברוך פון דער „קאַלטער מילכאָמע" איז לואיס געווען אַפן

שפּיץ פון זײַן אַמעריקאַנער ליטעראַרישן רום, אָבער ער האָט ניט אַרויס־געוויזן קיין מוט צו גיין קעגן רעאַקציאָנערן שטראָם. דער אויפשטייג פון דער רעאַקציע באַדייט דערפאַר אַ גרענעץ־ליניע אין זײַן קינסטלערישן וווּקס, פּונקט ווי דער נאַציזם און שפּעטער דער דעגאָליזם איז געוואָרן די גרענעץ־ליניע צווישן פריערדיקן און שפּעטערדיקן שאַפן פון אַזעלכע גרויסע וואָרט־קינסטלער ווי גערהאַרד הויפּטמאַן, אַנדרי זשיד און אַנדרי מאַלראָ.

זײַן לעצט בוך „דער גאָט־זוכער" („דהי גאָד־סיקער") באַשטעטיקט די דאָזיקע טעזע.

„דער גאָט־זוכער, איז די געשיכטע פון אַראָן גאַד, אַ מיסיאָנער פון מינעסאָטאַ, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין די „פּרעריעס" פון די דאַקאָטאַס, ווו די אינדיאַנער באַפעלקערונג איז אויסגעראָטן געוואָרן פון די ווײַסע צו־ליב זייער לוסט און גייציג נאָך פּראָפיטן. פון אָנהייב באַמיט זיך גאַד צו־העלפן די פירער פון אונטערדריקטן אינדיאַנער פאָלק, אָבער נאָכדעם קאַפּיטולירט ער ביסלעכווײַז פאַר די קויכעס פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל, ווײַל ער וויל קלוימערשט ניט פאַרראַטן זײַן „אייגענעם פאָלק", די ווײַסע ראַסע. זײַן פאַרראַט מאָטיווירט דער העלד מיט די ווערטער „צו העלפן דעם ווײַסן אַמעריקאַנער מעג זײַן פאַרראַט צום עמעס, אָבער עס איז בעס־ער ווי פאַרראַט צום אייגענעם שטאַם, צום וואָרצל פון וועלכן איך בין אַ צווײַג".

ווי אַלע אידעאָלאָגן פון אַמעריקאַנער יאָרהונדערט, וואָס ריידן וועגן „דער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע און קולטור" פאַלט לואיסן גאָרניט אײַן, אַז פאַרראַט צום עמעס איז דער גרעסטער פאַרראַט צום אייגענעם שטאַם, צום אייגענעם וואָרצל.

אין זײַן לעצט בוך האָט סינקלעיר לואיס פאַרלאָזן דעם קליינעם מענטשן. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך וואָס איז געפעלן די „בעביטס". אין עמעסער קונסט איז טאָמיד שווער אָפּצוטיילן די נײַע פאָרעם פון נײַעם אינהאַלט, און דאָרט, ווו עס לאָזט זיך יאָ אָפּטיילן, דאָס הייסט, דאָרט ווו עס איז דאָ בלויז נײַקייט פון פאָרעם, איז זי טאָמיד פרוכטלאָז און ווערטלאָז. בלויז דער צעמענט פון נײַעם אינהאַלט, פון נײַער אידעע, גיט אַ לעבנס־קראַפט דער נײַער פאָרעם און דאָ ליגט טאַקע די שוואַכקייט פון

סינקלעיר לואיס נײַ ווערק. ס'פעלט דאָ זײַן פריערדיקער פרעציזער רעאַ־ליסטישער סטיל, זײַן אייגנאַרטיקער הומאָר.

ע ר נ ע ס ט ה ע מ י נ ג וו ע י געהערט שוין צו די אַזוי גע־רופענע מאָדערנע קלאַסיקער פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער האָט שוין געשאַפן זײַן אייגנעם מאַניר. העמינגוועיס אַ זאַץ קאָן מען דער־קענען צווישן צענדליקער אַנדערע. ער האָט אַ גוט אויג און גאָר ווייכע כושים.

העמינגוועי איז אַ שרײַבער מיט שאַרפע סענסועלע געפילן, וואָס האָט ניט ווייניקער האַנאָע פון אַקסן־געפעכט ווי פון גוטע ווײַנען, און דעם פאַרגעניגן פון ביידע גיט ער איבער מיטן זעלבן עראָטישן אַרײַנ־דרונג.

די וועלכע האָבן זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון העמינגוועין, האָבן אים פאַרגעשטעלט ווי איינעם, אין וועלכן אַמעריקע האָט זיך נויקעם געוועזן אין איר אייגענעם פּוריטאַניזם, וואָס זי האָט דווירעסלאַנג אין זיך געשטיקט.

אַ גרויסער קינסטלער, האָט ער אָבער ניט באַוויזן זיך צו באַפרײַע' פון זײַן באַגרענעצטן שמאָלן בליק, און זײַן געשטאַלטלעכקייט און פּלאַס־טישקייט ווײַזן בלויז דעם מאַנגל פון טיפן געדאַנק און פּראָבלעמאַטיש־קייט. מיט רעכט האָט אים דער פּראָגרעסיווער אַמעריקאַנער יִידישער שרײַבער מייקל גאָלד באַצייכנט ווי דעם „באַאַבאַכטער אָן אכראַיעס. דעם מענטש וואָס זיצט אין אַ לאָזשע און אָבסערווירט ווי די מענטשהייט ווערט געקרייציקט.

העמינגוועיס קרויז־ווערק, וואָס איז דערשינען גלײַך פאַר דער מיל־כאָמע איז דער ראָמאַן „פאַר וועמען דער גלאָק קלינגט" („פאָר הום די בעלל טאָללס"). ער איז געפאָרן אָפן שפּאַנישן לאָיאַליסטישן שלאַכט־פעלד, אָבער דאָס וואָס ער איז געווען מיט די לאָיאַליסטן און ניט מיט פראַנקאָס רעבעלן איז געווען בלויז אַ צופאַל. זײַן הויפּט־העלד, ראָבערט דזשאָרדאַן, אַ מיטגליד פון דער לינקאָלן־בריגאַדע און געוועזענער אַמע־ריקאַנער לערער איז צום גאַנצן קאַמף נעגאַטיוו. ער פילט אין דער שפּאַ־נישער מילכאָמע בלויז אַ צעשטערנדיקע קראַפט. פאַר אים איז דער קריג אַ פינצטערע פאַטאַלע קראַפט.

דאָס גאַנצע בוך גייט בּאַ אים דורכוים אונטער אַן אומרויִק פּאַטאַ־לער שטימונג.

ווען איז וואָס האָט העמינגוועי־דזשאָרדאַן דערזען אָפּן שפּאַנישן שלאַכטפעלד, היטלערס און מוסאָלינים פּרעליוד צו דער גרויסער וועלט־שכיטע?

אין זײַן „פּאַר הום די בעלל טאָאָלס" איז ער אין די גרענעצן פון זײַן קאָפּע־פילאָזאָפיע. דאָ האָט איר זײַן באַליבטן פערסאָנאַזש, דעם סענ־סועלן אינטעליגענט, דעם סאָציאַל ניט־דערצויגענעם באָהעם.

העמינגוועי מאָלט ניט דעם סאָציאַל־טיפּישן שטריך, נאָר דאָס אינ־דיווידועלע פון זײַן העלד און זײַן פערסאָנאַזש. ער האָט אין אויג בלויז סאָציאַל־דעסטרוקטיווע עלעמענטן און לאָזט זיך אינגאַנצן אײַנשליננען דורך זייער האַנדלונג. כאַראַקטער־שטריך און געמיט־צושטאַנד. צייכע־נענדיק די דאָזיקע עלעמענטן גיט ער דערהויפּט זייער אינדיווידועלע האַנדלונג און די פאַרפּלאָנטערטע כושימדיקע וועלט־שפּירונג זייערע.

ער מאָלט אַן אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליסטישע סוויווע אין אַנאַר־כאָ־אינדיווידועלע טענער. דעריבער איז בּאַ אים דער קאַמף קעגן פאַ־שיזם נישט אַזוי די טעמע, ווי דער פאַן פאַרן ראָמאַן: דער גרויסער סאָ־ציאַל־רעוואָלוציאָנערער קאַמף טרעט אָפּ דאָס אָרט פאַר דעם קליינלעכן אינדיווידועלן געברויך.

ראָבערט דזשאָרדאַן זאָגט: „מענטשן דאַרפן איבערגעלאָזן ווערן אַליין און קיינער דאַרף זיך ניט מישן אין קיינעמס לעבן. און וואָס איז מיקוייעך פלאַנירטער געזעלשאַפט? אַ נײַער סאָציאַלער אָרדענונג? דאָס זאָלן אַנדערע טאָן. ער האָט עפּעס אַנדערש צו טאָן. וואָס פאַר אַ פּאָלי־טישע איבערצײַגונג האָט ער? ער האָט גאָרניט, האָט ער זיך אַליין גע־ענטפערט, אָבער האָט זיך באַפוילן קיינעם ניט אויסזאָגן. און וואָס וועסטו טאָן נאָך דער מילכאָמע? איך וועל זיך אומקערן אהיים צו פאַרדינען מײַן ברויט זײַענדיק אַ שפּאַנישער לערער אין קאָלעדזש און אָנשרײַבן אַן עמעס גוט בוך".

קאָן אָבער אַ מענטש וואָס „האָט ניט קיין פּאָליטיק" אָנשרײַבן אַ גוט בוך וועגן דעמאָקראַטישן קאַמף אין שפּאַנישן בירגער־קריג? זיכער ניט. און העמינגוועיס ראָמאַן גיט טאַקע אַ פאַלש בילד פון דעם העל־דישן קאַמף אויף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער. ראָבערט דזשאָרדאַן דער־

ציילט, אַז ער איז געווען אַפּן פּראָנט אונטער פּאַרטיי־דיסציפּלין. „אַזעלכע פּראָזעס ווי „פּאַרטיי־דיסציפּלין", סאָנים פון פּאָלק" האָט ער אויפגענומען צום ערשטן אָן שום קריטיק. אָבער די לעצטע נאַכט האָט עפּעס מיט אים פּאַסירט, וואָס האָט אים אָוועקגעשטעלט אין אַ קלאָרערער פּאָזיציע און געענדערט זײַן באַציִונג צו דעם גאַנצן געשעפט פון פּאָליטיק, אים געמאַכט צווייפלען אין דער פּאַרטיי־ליניע".

וואָס האָט פּאַסירט? נעכטן האָט ער געהאַט אַן אינטימען צונויפקום מיט זײַן געליבטער מאַריע... דאָס האָט געווירקט ער זאָל אָנהייבן צווייפלען אין דיסציפּלין און אין דער „פּאַרטיי־ליניע".

דער אָקסן־פּעכטער און אָנהענגער פון שאַרפע געטראַנקען גיסט באַלד אויס זײַן צאָרן אַף „די קאָמוניסטן וואָס זײַנען טאָמיד קעגן באָהעמישקייט און אויב דו ביסט אָנגעטרונקען אָדער פאַרקערסט צופיל מיט פרעמדע פרויען האָסטו אָפּגענויגט פון זייער קרעדאָ און פּאָליטישן שולכן־אָרוך".

אַזעלכע מאָמענטן כאַפּט העמינגוועי אויף און שילדערט אין דער עפּאָכע פון העלדישן לאָיאַליסטישן קאַמף. ניטאָ דאָ קיין איין בליץ פון אידעאַל, קיין טראָפּן מאָראַלישע אַכראַיעס, קיין שאָטן פון אידעע.. די טשיקאַווע סענסועלע סיטואַציעס פאַרנעמען דאָס אָרט פון סאָציאַלער פּראָבלעמאַטישקייט.

מען דאַרף אויך, אַגעוו, צוגעבן, אַז העמינגוועי צייכנט זיך אויס מיט אַ „אהבת־ישראל" פון גוט באַקאַנטן רעאַקציאָנערן מוסטער. אין איינעם פון זײַנע פריערדיקע ביכער „די זון גייט אויך אויף" („דהי סאָן אַלסאָ רייזעס") שילדערט ער אַ יִדישן טיפּ קאָהען, אַ טאַלאַנטלאָזער שרײַבער וואָס יאָגט זיך נאָך פרויען און האָט צו זיי קיין מאַזל ניט. דאָ ווערט העמינגוועי מיטאַמאָל אַ מאָראַליסט און גיסט אויס זײַן גאַנצן פאַריטאַנישן קאַס אַף קאָהענס אוממאָראַלישקייט. ווען די קריסטלעכע געליבטע נאַרן קאָהענען הינטער די פּלייצעס דערציילט עס העמינגוועי מיט ניצאָכנדיקן כוויזעק.

אין זײַנע לעצטע ווערק וואַקלט זיך שוין העמינגוועי אַפילע ניט צווישן אינדיווידועל פּסיכאָלאָגישן און אוממאָראַלישקייט. ער פאַרלאָזט זיך אַף זײַנע כושים און פאַרלירט אינגאַנצן דעם רעאַל־לאָגישן צובונד צו דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט.

אַ צווייטער מאָדערנער קלאַסיקער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז דער ראָמאַניסט דזשאָן דאָס פּאַסאָס, וואָס האָט לעצטנס פאַרענדיקט דעם לעצטן באַנד פון זײַן טרילאָגיע „ספּאָטווּד", „דער גרויסער פּלאַן" („דהי גרעיט דעזיין"), ווו ער באַהאַנדלט די עפּאָכע פון רוזוועלטס „ניו דיל" פון זײַן אָנהייב ביז זײַן אונטערגאַנג. בײַ דאָס פּאַסאָסן דערגייט די סינע צו אַלדאָס פּראָגרעסיווע אין אַמעריקע אַזוי ווײַט, אַז ער פּריידיקט דעם ערגסטן אַנטיסעמיטיזם. צווישן די טיפּן פון ראָמאַן דערקענט מען גאַנץ בוילעט די פּראָטאָטיפּן פון די ייִדישע „ניו־דילער", ווי פעליקס פראַנקפורטער, בען קאָהען און אַנדערע. זיי ווערן בײַ אים די טרעגער פון סאַמע שלעכטס אין דער אַמעריקאַנער סוויווע, די קאָנספּיראַטאָרן און פאַררעטער וואָס האָבן אַרײַנגעשלעפּט אַמעריקע מיט גוואַלד אין קריג, ווי אַ טרעגער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ייִדישער בורזשואַזיע און קאָמוניסטישע מיטלויפער וואָס האָבן געהאַט איין ציל... אײַנשטעלן אַ סאָוועטישע דיקטאַטור אין אַמעריקע.

אין דעם ראָמאַן האָט זיך דאָס פּאַסאָס, אַליין אַ ייִד, אַרויסגעוויזן ווי אַ טיפּישער ייִדישער זעלבסט־האַסער און פאַררעטער פון אַמעריקעס בעסטע אידעאַלן.

איבערגעבן דעם „אינהאַלט" פון בוך, אָפּשטעלן זיך אויף זײַנע איינצלנע קינסטלערישע און אידעיִשע ווילדקייטן איז אַן אומזיסטע צײַט־און פלאַץ־פאַרשווענדונג. דאָס פּאַסאָס פריערדיקע ביכער האָבן געהאַט אַן אַלגעמיין מענטשלעכן און קינסטלערישן ווערט. דאָס לעצטע בוך איז פאַר אונדז בלויז אינטערעסאַנט אַלס דאָקומענט פון אַ טראַגיש דעגענעראַט און אַ שאַנד־ווערק פון אַ קינסטלערס גײַסטיקן און קינסטלערישן זעלבסטמאָרד, און דאָס בין איך אויסן געווען צו רעגיסטרירן.

דער נעגערשער שריפטשטעלער ר י ט ש אַ ר ד ר ײַ ט, איז אַ נאָמען אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ווען דער יונגער רײַט איז געקומען מיט זײַן נעגער־ראָמאַן פון נעגערישן לעבן „נייטיוו סאַן" האָבן מיר געזען פאַר זיך אַ קינסטלער מיט אַ פאַרשאַרפּטן סאָציאַלן באַוווּסטזײַן. זײַן לעצט בוך „דאָס שוואַרצע ייִנגל" („בלעיק באָי"), ריטשאַרד רײַטס אויטאָביאָגראַפיע ווערק, איז אַ דאָקומענט וועגן האָפענונגסלאָזן לעבן פון נעגער־לעבן אין אונדזער סאַוט (די דאָרעם־

שטאַט), וואָס ברענגט אָבער ארויס דעם שרייבערס סינע צו דעם לעבן פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן און איז אַ בילבל אַף זיין אייגענעם פאָלק.

רייט דערציילט, אַז ווי אַ זיבעצן־יאָריקער באָכער האָט ער אויסגע־פונען דעם סאָד ווי אַזוי צו לעבן, טראָץ דער טויט־געפאַר, וואָס לויערט שטענדיק אַפן נעגערס לעבן. ער דאַרף אַנטוויקלען אין זיך אַ דואַליסטיש לעבן. איינס פאַר זיך און אַ צווייטן פאַרן ווייסן. ער דאַרף לעבן ווי אַ הונט צווישן וועלף, מאַכן אַ פריילעך פּאַנעם קעדיי ניט דערצערנען דעם ווייסן מיט צופיל ערנסטקייט. ער טאָר אַפילע ניט ווייזן דעם ווייסן, אַז ער, דער נעגער, האָט אים פיינט.

פאַראַן אין בוך סצענעס פון מוירעדיקן עלנט, פון הונגער און טויט־געפאַר, אָבער רייט הייבט ארויס זיין אייגענע סינע צום לעבן פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן. ער איז אַזוי עגאָ־צענטריש, אַז ער זעט ניט קיינעם, אַפילע ניט זיין ברודער און זיינע אייגענע כאַווײרים. ער האַלט, אַז ער שטייט העכער פון זיין געדריקטער אָרעמער נעגערשער סוויווע און ער דאַרף זיך ראַטעווען פון זיי. לויפט ער פון די אָרעמס פון אַ יונגער שיי־נער נעגערטע, אַלץ צוליב פיינטשאַפט צו זיין אייגענער סוויווע.

ניט ווילנדיק בעט זיך אַ פאַרגלייך צווישן רייטן און די גרויסע סאָציאַל־הומאַניסטישע קינסטלער גאָרקי און אַנדערסען נעקסע. גאָרקיס „אוניווערזיטעט יאָרן" און נעקסעס „פעלע דער זיגער", זיינען אויך פול מיט ביטערע טיפן. אויך די גרויסע שריפטשטעלער זיינען פול מיט סינע צו די טעמפע און ברוטאַלע רוסן און דענער, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אַזאַ געבענטשטע ליבע פאַרן מענטשן, אַזאַ וואַרעמען מענטש־לעכן טאָן, אַז זיי פאַרכאַפן אייך מאַמעש. רייט ווייזט אייך נאָר דעם שאָפלדיקן נעגער, וואָס לעבט נאָר אין זכוס פון איבערכיטרעווען דעם ווייסן. ניטאָ אין בוך קיין איין סימפּאַטישער נעגער, כוץ עפשער דעם שרייבערס אייגענע מאַמע.

רייט איז צופיל פאַרנומען מיט זיך צו קענען באַנעמען זיין אייגענע לײַדנדיקע ראַסע. מער ווי זיך זעט ער ניט. נאָר ער נוצט דאָס וואָרט „איך" זיך ארויסצופירן.

וואָס פאַר אַ מעהאַלעך פון וואָלט וויטמאַנס מאָראַלישן פּאַטאָס, וואָס האָט די האַנאָע פון זיינע אייגענע גלידער איבערגעטראָגן אַף האַ־

נאָע פֿון דער וועלט, אַף ברודער־ליבע, ביז דעם נעגערשן שרײַבער וואָס פּאָסמאַקעוועט זיך מיט זײַן סינע צו אַלע.

עס איז קיין ווונדער ניט, וואָס גלײַך באַם אַרויסגעבן „בלעק באָי" האָט רייט דעזוערטירט פֿון דעם פּראָגרעסיוון לאַגער און זיך גלײַך געפֿונען אין דער מאַכנע פֿון די רעאַקציאָנערע סאָוועטן־האַסער.

מעטי סמיטס „אַ בוים וואַקסט אין ברוקלין" („איי טרי גראָוס אין ברוקלין"), וואָס איז דערשינען אין יאָר 1943, טראָגט אויך אַן אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אַ סאַך אַ סאַך אַמעריקאַנער יונגע פֿרויען, פֿאַר וועלכע די האָריזאָנטן פֿון לעבן און שאַפֿונג זײַנען פֿאַרשטעלט צוליב די סאָציאַלע באַדינגונגען. עמאָציאָנעל, מיט אַ געוויסער פֿאַרכאַפּנדיקער לירישקייט, דערציילט די שרײַבערן וועגן אַ קינדהייט און אַ יוגנט, וועגן דעם זיסן געפֿיל פֿון רײַפֿקייט. זי מיידט ניט אויס די שוועריקייטן. דאָס איז אַ ברייט ווערק, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן לעבן פֿון דער וויליאַמס־בורג־געגנט אין ברוקלין, ווו די נאָוועליסטן האָט אַלס קינד געהונגערט, זיך געפֿרייט און געטראַכט. מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז עס איז אַ בוך וואָס האָט טיפּן און גאָר ווייניק כאַראַקטערן און אויך דאָ דאָמינירט דער פּרווידיאַניזם.

אין בוך געפֿינען זיך אומפֿאַרגעסלעכע בילדער פֿון מולטינאַציאָנאַלן לעבן פֿון דער אײַנגעוואַנדערטער עמיגראַציע קיין ברוקלין, אָבער עס איז ניטאָ דאָרט קיין פּראָטעסט קעגן דער אַנגלאָ־זאַקסישער העגעמאָניע איבער די עמיגראַנטן, און עס זעט זיך ניט קיין ווילן אַרויסצוהייבן די שיינקייט פֿון די נאַציאָנאַל־עטנישע אייגנאַרטיקייטן פֿון דער עמיגראַציע. די עמיגראַנטישע טיפּן אין ראָמאַן: דער איטאַליענישער קאַטע־רינטשיק, דער דײַטשער גראַמען־פֿלעכטער און דער כינעזישער „לאָונ־דרימאַן" (וועשער), זײַנען אינטעלעקטועל און מאָראַליש קליינלעכע מענטשן וואָס אַלס יעבידים האָבן זיי זייערע אַמעריקאַנער שכיינים גאַנץ ליב, אָבער אַלס נאַציאָנאַלע און קולטורעלע גרופּירונגען איז ניטאָ קיין איין אַמעריקאַנער, וואָס איז גרייט צו זאָגן, אַז זיי זײַנען אים סימפּאַ־טיש. בעטי סמיט געפֿינט ניט קיין אָביעקטיווע דערקלערונג פֿאַר דער אַנטיפּאַטיע פֿון „יענקי" צום פֿרעמד־געבוירענעם און פֿרעמד־שפּראַכי־קן. „אַזוי זײַנען מענטשן". דאָס איז דער וועג פֿון זיגמונד פֿרויד, וואָס

געפינט אויך ניט קיין אָביעקטיווע מאָטיווירונג פאַר סינע כּוח דער באַ־הויפּטונג: אַט אַזאַ בין איך!

דער ייִדישער טיפּ אין „אַ בוים וואַקסט אין ברוקלין" ווערט בײַ דער פאַרפאַסערן פאַרגעשטעלט סטערעאָטיפּיש, ווי אַ פאָרשטייער פון אַ באַשטימטער אײדע, שיכט, ער איז ניט קיין אינדיווידואַליזירטער טיפּ.

די לעגענדע וועגן ייִדן ווי אַ מעשונעדיק פאָלק איז ווירקזאַם אין אַמעריקע פּונקט ווי אויף אַנדערע קאָנטינענטן, און האָט אויך אַ ווירקונג אויף דער אַמעריקאַנער שרײַבערן, כאָטש בעדערעך קלאַל איז זי דאָ ניט אַנגלאָזאַקסיש. אַט ווי ב. סמיט שילדערט די ייִדישע געטאָ אין ברוקלין און עס ווערט פון דעם אַ לעגענדע:

„פרענסי איז געגאַנגען צוריק אַהיים דורך גרעהעם עוועניו, די געטאָ־גאַס. זי איז אַרײַן אין אַ היספּיילעם פון די אָנגעפּילטע פּושקאַרטס, יעדערער אַ קליינע קראָם פאַר זיך, פון דעם דינגען זיך, די געפּילרײַכע ייִדן, די רייכעס פון דער נאַכבאַרשאַפט, אָפּגעבאַקטע געפילטע פיש, זויערער קאָרן־ברויט פריש פון אויוון. זי האָט געשטעלט גרויסע אויגן אויף די מענער מיט די בערד, אין זייערע סאַמעטענע יאַרמעלקעס און אַטלעסענע קאַפּאָטעס און האָט זיך געוווּנדערט פאַרוואָס זייערע אויגן זײַנען אַזוי קליין... זי האָט באַמערקט די פּערענעס, וואָס זײַנען געווען אַרויסגעלייגט אָנגעבלאָזענע אויף די פענצטער, די קליידער פון מיזרעך־שרײַענדיקע קאָלירן, וואָס טריקענען זיך אויף די „פייער־עסקייפּס", און די האַלב־נאַקעטע קינדער, וואָס שפּילן זיך אין מיטן גאַס. איין פרוי איז געזעסן, זיך צוגעקוקט צו דעם לעבן אויפן גאַס און אָפּגעהיט אין זיך איר אייגענעם סאָד פון לעבן.

„פרענסי האָט זיך דערמאָנט, ווי דערשטוינט זי איז געוואָרן דעמאָלט ווען איר מאַמע האָט איר דערציילט, אַז יעזוס איז געווען אַ ייִד. פרענסי האָט געמיינט, אַז ער איז געווען אַ קאַטאָליק. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז די ייִדן האָבן געקוקט אויף יעזוסן ניט אַנדערש ווי אויף אַ צאַרעדיקן ייִדישן ייִנגל, וואָס וויל ניט אַרבעטן בײַ זײַן טאַטן אין סטאָליערײַ, וויל ניט כאַסענע האָבן, ווערן אַ באַלעבאָס, אויפהאָדעוווען אַ מישפּאָכע. און די ייִדן גלויבן אַז מאַשיעך דאַרף ערשט קומען, האָט די מאַמע געזאָגט. פרענסי האָט געטראַכט וועגן דעם און שטאַרק אָנגעקוקט די מעוּבערעסדיקע ייִדענע.

„מיסטאמע צוליב דעם האבן ייִדן אזויפיל קינדער, האט פרענסי צו זיך געדעדט אין די געדאנקען... און צוליב דעם זיצן זייערע ווייבער אזוי רויִק... זיי ווארטן. דערפאר שעמען זיי זיך ניט, וואס זיי זיינען אזוי פעט. יעדע איינע פון זיי דענקט, אז זי מאכט דעם עמעסן יעזוסל. דערפאר גייען זיי ארום אזוי שטאלץ, בעיס זיי זיינען אין יענעם צושטאנד. די איירישע פרויען שעמען זיך שטענדיק. זיי ווייסן אז זיי קענען קיינמאל ניט מאכן קיין יעזוסל. עס וועט בלויז זיין נאך א מיק (איירישמאן). ווען איך וועל אויפוואקסן און איך וועל וויסן אז איך דארף האבן א קינד, וועל איך געדענקען ארומצוגיין פאמעלעך און שטאלץ, כאטש איך בין ניט קיין ייִדישע".

אט די לעגענדעס שטארבן ניט און פאראורטיילן וואס ווערן איינגעזאפט אין דער קינדהייט פארשווינדן ניט. די פראגע איז נאר צו וואס זיי סטימולירן.

אין „א בוים וואקסט אין ברוקלין" פירט די לעגענדע וועגן ייִדן בעשום אויפן ניט צו שאפן בעסערע באציִונגען צווישן ייִד און ניט־ייִד.

איך וועל זיך לאנג ניט אפשטעלן אף צוויי „בעסט סעלערס" (בעסטע פארקויפטע ביכער) פון אמעריקאנער שרייבערנס: ק ע ט ל י ן וו י נ ז א ר ס „עמבער אף אייביק" („פארעווער עמבער") און ג ר ע־ה ע מ ס („ערד און הויכער הימל") („אוירטה ענד היי העווען").

די העלדן פון ווינזארס היסטארישן ראמאן, וואס האט זיך פארקויפט אין קארגע צוויי מיליאן עקזעמפליארן, איז א מעטרעסע פון ענגלישן קעניג טשארלס דעם פינפטן און אין דעם בוך האט די דעקאדענץ און פאר־סעקסואליזם דערגרייכט די העכסטע מאדרייגע. די זעקס הונדערט זייטן ווו זי דערציילט אירע הויף־דערפארונגען מיט דער גאנצער איינציקארטיקער אפנקייט, דאס אנרופן זאכן באם נאמען, שטעלן דעם ראמאן אוועק אין דער סעריע ליטעראטור וואס גרענעצט זיך מיט פארנאגראפיע.

די נאקעטע, עראטישע סצענעס פונעם בוך גיבן דעם איינדרוק, אז דא קומט צום ווארט ניט דער ווילן אנצורופן זאכן באם נאמען, קעדיי צוצונעמען בא זיי דעם ארעאל פון הייליקייט, נאר דעקאדענץ און ברוטאלקייט פון ערגסטן מין. דאס ווערק ברענט מיט סעקסועלן פארברעכן, כאטש עס וויקלט זיך קלוימערשט אין די שלייערן פון פסיכאאנאליז.

דער סעקסועלער שֵׁעד נעמט אָן, ווי מיר ווייסן, פאַרשיידענע געשטאַלטן. ניטאָ קיין בעסערער באַוויַיז אַף דער קולטור־יערידע פון אמעריקע, אויב אזא בוך האָט זיך געקענט צעגיין אין קאַרגע צוויי מיליאָן עקזעמפּלאַרן.

דער גרונט־מאָטיוו פון גרעהעמס „ערד און הויכער הימל" איז די פּראָבלעם פון געמישטער הייראַט. אַנדערש ווי ווינזאר איז די שרײַבערן פאַשעט און ניכטער, האָט ניט קיין שום טענדענצן אין די שילדערונ־גען. איר סטיל איז קאַלט און זאַכלעך און וואַרעמט זיך קיינמאָל ניט אָן. זי ווערט אינטימער בלויז דאַן בעיים עס קומט צו אַ שילדערונג פון לאַנד־שאַפטן.

***

די כוואַליע פון מילכאָמע־ביכער האָט געהאַלטן אין איין שטייגן אין מעשעך פון לעצטן יאָרצענדליק. די מילכאָמע, די שטאַרקסטע אומ־מיטלבאַרע איבערלעבונגען פון צענדליקער מיליאָנען מענטשן, זוכן אָן אויפהער אַן אויסדרוק פאַר אירע דראַמאַטישע געשעענישן.

אין גאַנג פון גרויסע געשעענישן איז שווער אויסצוטיילן דעם יאָ־כיד. זײַנע מײַסים און זײַנע געדאַנקען ווערן אָפּט דיקטירט דורך דעם ריטם פונעם קלאַל. די האַנדלונגען, וועלכע דאַרפן דערגרייכן דעם זעלבן ציל, מאַכן ענלעך איין יאָכיד צום צווייטן. קעדיי צו דערזען דעם קלאַל ניט בלויז ווי אַן איינטאָניקע מאַסע, נאָר ווי אַ צוזאַמענשטעל פון באַ־זונדערע לעבעדיקע אינדיווידן, וועלכע לייגן אַרײַן אין געמיינזאַמען גאַנג געשעמע און טיפע איבערלעבונג, דאַרף מען אָפּט דערזען דעם יאָכיד, אָדער גרופּעס יעכידים, אין אַזעלכע סיטואַציעס, וועלכע זײַנען כאַראַק־טעריסטיש פאַר זײ גופע.

דער גלאָבאַלער שלאַכטפעלד קעגן היטלעריזם האָט לויט זײַן מעהוס פאַרמאָגט יעכידים פון גרויסן פערזענלעכן מוט, נאַציאָנאַלער און מענטש־לעכער ווירדע און די העכסטע אידעאַלן און פעיִקע יעכידים אַף גרויסע מענטשלעכע טאַטן. אויפדעקן די דאָזיקע מענטשן, אַנטפּלעקן זייער אי־נערלעכע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט קען מען אָפּט דורך איין פּראַט, וועלכער האָט אין פלוג קיין גרויסן באַדייט נישט, אָבער דורך וועלכן דאָס דאָזיקע געשטאַלט, די דאָזיקע פערזענלעכקייט אַנטפּלעקט זיך אין איר גאַנצן פאַרנעם.

וואָס מער מילכאָמע־ביכער עס דערשיינען, אַלץ מער וואַרפט זיך אין די אויגן דער גרונט־אונטערשייד צווישן די קריגס־נאָוועלן אין די מייַרעוודיקע לענדער און אין די פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און די נייַע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד פון די דאָזיקע צוויי שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור?

בעשאַס דאָ, אין אַמעריקע, פליסט די קריגס־שילדערונג און איבערלעבונג אין ענגע גרענעצן, וואָס זייַנען אַזוי ענלעך אין זייער אַבזאַריעס, מאָרד און געוואַלט און אַזוי איינטאָניק, ווערט דאָרטן, אין דער סאָציאַליסטישער און דעמאָקראַטישער קריגס־ליטעראַטור, וואָס איז סאָציאַל דורך און דורך, אַנטפּלעקט דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון יעדער געשטאַלט באַזונדער אין אַלגעמיינעם אויסגעמאָסטענעם גאַנג צו דערגרייכן דעם זעלבן ציל.

אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז די מילכאָמע־טעמאַטיק קיימאַט אויסשליסלעך פאַקטן־ליטעראַטור, גרוויל־כראָניק. די שרייַבער האָבן די מילכאָמע איבערגעלעבט פּאַסיוו און זייַנען געבונדן צו דער גרוויליקער־ווירקלעכקייט. אַנדערש איז עס געווען אין דער סאָוועטישער און מיזרעך־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור. דאָרטן איז עס כראָניק פּלוס שעפערישע פאַנטאַזיע, ווייַל באַם אַקטיוון איבערלעבן האָבן זיי געקנאָטן די ווירקלעכקייט ווי זיי האָבן געוואָלט, ווי זיי האָבן געטרוימט. זיי האָבן זיך געשטעלט צילן, אין וועלכע זיי האָבן געגלויבט צו דערגרייכן און האָבן זיי דערגרייכט.

דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער זעלנער איז געווען פאַרזונקען אין דער ווירקלעכקייט, וואָס האָט אומבאַגרענעצט געהערשט איבער אים אויסערלעך און אינערלעך, בעיס אַפן סאָוועטישן שלאַכטפעלד און אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער זייַנען די מערסטע שלאַכטלייַט געשטיגן איבער דער ווירקלעכקייט. זיי זייַנען ניט געלעגן הינטער די רעדער פון די טאַנקען און געציילט די וווּנדן וואָס די גרויזאַמע קליי־מאַשכים האָבן זיי געשאַפן, נאָר האָבן די ווייטיקן אַריבערגעטראָגן ווייַטער. דאָס זייַנען געווען לייַדן און וווּנדן באַם פאַרוואַרפן אַ צוים אַף דעם פאַשיסטישן סוינע און פאַרדאַרבער.

די מענטשלעכע פערזענלעכקייט, די מענטשלעכע שעפערישקייט,

וואָס דער נאַציזם האָט אָנגעהויבן אַזוי גרינגלעך דערשטיקן, האָט דער פּאַטריאָטיזם באַפרייט. דאָס איז ניט געווען קיין פּאַסיוו, פּאַטאַל קריכן און ליגן אין אומגליק, נאָר אַ טראַגיש־שעפערישער קאַמף מיטן גורל.

פון די מילכאָמע־ביכער וואָס זיינען געוואָרן „בעסט־סעלער" אין אַמעריקע וועלן מיר בלויז דערמאָנען דריי אַזעלכע.

נ אָ ר מ אַ ן מ יי ל ע ר ס „די נאַקעטע און די טויטע" („דהי נייקעד ענד דהי דעד"), וווּ עטלעכע העלדן זיינען ייִדן. נאָרמאַן מיילער געהערט צו דער גאָר יונגער, אין דער מילכאָמע אויפגעקומענער גרופּע שרייבער אין אַמעריקע. זיין בוך גיט די פראָנט־קאַמפן באַם פּאַסיפיק, די האַנדלונג צו דער מילכאָמע און דעם אָפּקלאַנג פון קריג אָפּן הינטער־פראָנט. די גאַנצע האַנדלונג ווערט קאָנצענטרירט אַרום אַ קליינער גרופּע סאָלדאַטן וואָס האַלטן אוים אַ נאַכט־אַטאַקע קעגן יאַפּאַנישן פיינט און לעבן נאָכדעם הינטער די ליניעס פון סוינע. אַרום זיי שילדערט דער שרייבער די גאַנצע מילכאָמע־אַטמאָספערע, די יעבידישע איבערלעבע־נישן און דעם מענטשלעכן טהאָם.

אין דער מילכאָמע פילט מיילער אַ פינצטערע פּאַטאַלע קראַפט, וואָס קומט נאַקעט אויפדעקן דאָס אַכזאָריעסדיקע און רויִנירן דאָס מענטשלעכע. אין זיינע טיף־לירישע בריוו פון טפּיסע שרייבט ק. ליב־קנעכט: אונרום „געשלעכט", שטעלט רעטענישן ניט קיין באַשיידן. דעם דיכטער קען מען צורעכענען צו יענע וועלט־כאַכאָמים וועגן וועלכע לע־פינג זאָגט, אַז זיי זיינען זיך מער מאַטריעך צו מאַכן וואַלקנס, איידער זיי צעטרייבן — ווי אַ מיטגליד פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועל־כער אַמפּערט זיך מיטן גורל, פּאָכעט מיטן פויסט קעגן די שטערן, קלאָגט אָן דעם סיידער־האָוילעם און פּייניקט זיך אַליין; ער זעט ניט קיין אויס־וועג; ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן און קאָן ניט. — ער איז אַריינגעפּאַלן אין אַ ייִעש וואָס פירט ניט צו קיין מייַסים. אָנשטאָט צו קעמפן, צו שאַפן אַ נייַע וועלט, — פּראָבלעמען פון אַ צווייטער מאַדרייגע פאַרשטעלן אים דאָס וויכטיקסטע. צוליב די רעזולטאַטן זעט ער ניט די סיבעס. ער זעט ניט דעם סאָציאַלן שורעש פון דער מוירע, וואָס כאַפּט אים שטאַרק אַרום, ער זעט ניט דעם קויעך וואָס קען אויסראָטן די מוירע".

מיילער האָט אַ כוש פאַר פּסיכאָלאָגיע. אָבער ער איז אין די גרע־נעצן פון זיין אינטעלעקטועלער סוויווע און אין פּסיכישן קלעם פון זיין

פערסאנאזש. ווען דער שרייבער וואלט געוועז מאכן אן אנשטרענגונג ארויסצוגיין פון די דאזיקע גרענעצן, וואלט ער זיכער דערזען עפעס מער ווי האפענונגסלאזע דערדריקטקייט. א בליק אין דער צוקונפט אריין, אן אידעישע נאענטקייט מיט די אנטיפאשיסטישע קעמפער, וואלט פאר־טיפט זיינע ברייטע און פארבאפנדיקע קינסטלערישע כראניקעס, אבער ווען עס קומט צו סאציאלע אידעען בלייבט בא מילערן ניט מער ווי א רעמעז.

מיילערס קינסטלערישער כוש איז אף אן ארט דעמאלט, ווען ער שילדערט אינדיווידועלע כאראקטערן און היימישע טראגעדיעס; ער וויקלט פונאנדער די כאראקטערן פון זיינע סאלדאטן, דער איקער פון די יידן, מאכט זיי בוילעט, שילדערט זייער אינערלעכע וועלט; ער פאר־בינדט אבער ניט זייערע דראמעס מיט סאציאלע געשעענישן און קאנ־פליקטן און דעקט ניט אויף זייער דראנג צו טאט.

דער מינדערווערטיקייט־געפיל פונעם שלאכטמאן און די סאטירע פון קריג: דאס זיינען צוויי גרונט־ליניעס אין מיילערס אינטערעסאנטן מילכאמע־בוך: פאר מיילערס העלד איז כאראקטעריסטיש די מאכטלאזע עמאציע און שטענדיק בלייבט ער באם גרונט־געפיל פון פאטאליזם און איינזאמקייט.

ער שפאט דעריבער אפ פון די סאציאלע ראנגלעגישן קעגן מיליטאר־ריזם און האלט, אז „די איינציקע מאראלישע זאך פון דער צוקונפט איז די מאכט־עטיק. עס איז ניט ליבע און ניט העכערע גייסטיקייט, נאר מאכט".

אויך עראס, די ליידנשאפט און די ליבע, גיבן דעם מענטשן ניט קיין גליק. אפילע אין זיינע באגליקנדיקע ליידנשאפטן קריכט דער מענטש צוריק צום כאאס, „ווארעם ער אליין, דער מענטש, איז נישט מער ווי א טייל פון דעם כאאס".

די מילכאמע און כורבן דערדריקט און פארשטעלט אלע אויסגאנגען צו דער העלערער צוקונפט. דער מענטש איז עלנט אין דער גרויסער עלנטקייט פון דער וועלט, דאס איז דער פילאזאפישער טאמצים פון זיין אינטערעסאנט בוך, וואס האט פונדעסטוועגן גרויסע מיילעס אין פראט פון שילדערונג און פסיכאלאגישער פארטיפונג.

„די נאקעטע און די טויטע" טראגט אף זיך דעם שטעמפל פון א

גרויסער קינסטלערישער סטיכיע. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס דער גאָר יונגער יִדיש־אַמעריקאַנער שרײַבער קאָן אונדז נאָך געבן. די איצטיקע רעאַקציאָנערע באַדינגונגען איז זיכער מעסוגל אים שווער צו באַווירקן. אימפּולסירן אים צום ווײַטערדיקן קינסטלערישן שאַפן און אידעאָלאָגיש באַפרוכפּערן קען בלויז אַ פּראָגרעסיווע סוויווע. מיילערס בוך איז געווען אַ „בעסט סעלער" און וועגן זײַנע לעצטע שעפערישע טריט איז אונדז גאָרניט באַוווּסט.

א ו י ר ו י ן ש א ו ס „יונג לייבן" („יאָנג לייאָנס") איז אַ צווייטער „בעסט־סעלער" אַף דער מילכאָמע־טעמאַטיק. דאָס בוך באַהאַנדלט די מילכאָמע־דערפאַרונגען פון אַ געפערלעך רעאַקציאָנערן שטאַנדפּונקט. דער קריג איז לויט אים אַ מילכאָמע זיך צו באַפרײַען פון שולד־געפיל, וואָס דרימלט אין אונדז (ווידער פרויד!). עס אַנטהאַלט אַלץ וואָס דער אַמעריקאַנער ליטעראַרישער מאַרק פאָדערט פון אַ בוך: רייניע ליבע און זינדיקע ליבע, שלימאַזלדיקע אַפיצערן, סאַטירישער בויזעס פון מילכאָמע־קאָרעספּאָנדענטן און אַ היפּשע דאָזע פּאָרנאָגראַפיע.

איינער פון זײַנע הויפּט־העלדן איז דער יִיד נויעך אַקערמאַן, וואָס באַווײַזט זײַן שטאָלצע יִדישקייט דורך דערלאַנגען קלעפּ ניט־יִדישע סאָלדאַטן. דאָס איז, לויט דעם שרײַבער, דעם יִידס מוטיקייט. „אַקערמאַן איז אַ יִדישער אינטעליגענט, וואָס קאָן אויסנווייניק עליאָטס פּאָעזיע", אָבער זײַן שטאָלצע יִדישקייט געווינט ער נאָר נאָכדעם ווי ער באַווײַזט, אַז ער קאָן געבן קלעפּ אַ ניט־יִדישן אָפיצער...

מען וואָלט געקענט געבן צענדליקער באַווײַזן, ווי אַזוי שאו פּאַרקריפּלט זײַנע העלדן, ווי אַזוי ער קאָן ניט דערהייבן דאָס ווירקלעכע צו אַ סימבאָל, נאָר זינקט אײַן גרויל און שמוץ פון דער מילכאָמע־ווירקלעכקייט און שילדערט בלויז דאָס כאַיעשע, גראָבע.

דאָס לאָשן פון די סאָלדאַטן איז דורכויס גראָב און פּראָפּאַן און ווערט דערפירט ביז צום אָפענעם נאַטוראַליזם. דער הונגער נאָך סעקסועלער איבערלעבונג איז ניט מענטשלעך, נאָר עכט פּאָרנאָגראַפיש.

איך וועל זיך באַגנוגענען נאָר מיט איין בײַשפּיל וואָס קאָן דינען ווי אַ פּאַראַלעל צווישן גרויסן הומאַניסטישן מילכאָמע־ווערק „פײַער", פון אַנרי באַרביס, און צווישן שאוס „יאָנג לייאָנס".

בײַ שאון איז דאָ אַ סצענע ווי דער העלד קומט אַהיים צו זײַן ווײַב,

וועלכע איז אים אומטרײַ געוואָרן. זײַן קומען צו איר ווערט געשילדערט אַזוי פּראָסט און וווּלגאַר, אַז עס טראָגט זיך פון דעם דער באַקאַנטער אַראָמאַט פון פאַן־סעקסואַליזם.

אין באַרביס „פײַער" איז דאָ אַן אַנדער עפּיזאָד וועגן סאָלדאַטס הונגער נאָך פאַמיליען־לעבן.

אַ זעלנער פאָרט אױף דרײַ טעג אורלויב צו זײַן פרוי. ערשט אױף דער דריטער נאַכט קומט ער אָן אין זײַן דאָרף. עס פּליִיצט אַ רעגן און עס איז שטאָק־פינצטער. אױפן וועג צו זײַן הויז באַגעגנט ער צוויי קאַמעראַדן. נישטאָ אין דאָרף קיין אַנדערע שטיבער, לאַדט ער אײַן די זעלנער צו זיך.

איין צימערל פאַרמאָגט דער סאָלדאַט. די לעצטע נאַכט פון זײַן אורלויב. ער האָט אַזוי לאַנג געכאָלעמט וועגן זײַן פרוים נאָענטקייט... די באַוויירים סאָלדאַטן ווילן גיין, ניט שטערן די פאַרווירקלעכונג פון זייער באַוועדס כאָלעם, אָבער עס גייט אַ רעגן. עס איז פינצטער. דער זעלנער מיט זײַן פרוי קוקן זיך איבער, זײַנען גוויוער דעם אייגענעם כיישעק פון אַ נעלײַטערטער מענטשלעכקייט. דער באַגינען גרויט אַרײַן. דער שלאַכט־פראָנט רופט. דער זעלנער געזעגנט זיך מיט זײַן פרוי צום לעצטן מאָל.

באַ אוירווין שאָו קומט דער זעלבער אהיים, טרעפט זײַן פרוי מיט אַן אַנדערן. גייט ער אַוועק צו אָט־דעם זעלנערס פרוי און פאַרברענגט מיט איר. צאָלט אים אָפּ מידע קענעגעד מידע.

באַ באַרביסן — דערהייבונג פון מענטשן, גרויסער געראַנגל צווישן אינסטינקט און מענטשלעכקייט, קאָנפליקט צווישן עגאָ און מאָראַל און דער רעזולטאַט — טראַגישע קונסט. באַ שאָון — נאַטוראַליסטישע סצענע רעאַל דערציילט און דער רעזולטאַט — אַ שונדישע סצענע פון זעלנער־לעבן.

ווירקלעך רעאַליסטיש זײַנען בײַדע סצענעס. באַרביס איז עפּשער ווינציקער רעאַליסטיש און מער סימבאָליש, בעשאַס שאָו האָט געטרײַער קאָפּירט די ווירקלעכקייט, אָבער דערפאַר איז באַרביס „פײַער" אַ גרויסער מענטשלעכער דאָקומענט וועגן קריג און שאָוס „יאַנג לייאָנס" איז בלויז אַ סענסאַציע פון אַמעריקאַנער ביכער־מאַרק.

איינע פון די פעיִקסטע געראָטנסטע ראָמאַניסטקעס איז מאַרטאַ געלהאָרן, אַ גאָר נאָנטע קרויווע פון העמינגגוועי. זי האָט געדינט אַלס קאָרעספּאָנדענטקע אױפן אייראָפּעיִשן פראָנט, און איר ראָמאַן „ווײַן פון

פאַרביטערונג" ווײַן און אַסטאַנישמענט") שילדערט אַ צײַט־אַפּשניט אין דער מילחמה קעגן די נאַציס אין איינער פון די ראַנד־לענדער. לוקסעמבורג. זי פירט אַרויס צוויי הויפּט־העלדן אַפן פראָנט: דעם לייטענאַנט דזשאָן ראַוסאָן סמיטהערס, אַ טיפּישער אַמעריקאַנער פון די דאָרעמשטאַטן און זײַן שאָפער דער „פּרייוועט" דזשייקאָב לעווי. די באַציִונג צווישן די צוויי איז צום אָנהייב אַ ריין מיליטערישע. לעווי, אַ זון פון אַ יידישן דראַג־סטאָר־איינגנטימער אין סט. לואיס האָט אַ קליינע שייכעס צו זײַן יידישן אָפּשטאַם, כאָטש ער דערפילט אַפן פראָנט, אַז „ער איז עפּעס אַנדערש", „ער איז אַ ייד און מוז פאַרדינען זײַן רעכט". אין לוקסעמבורג פאַרליבט ער זיך אין אַ פראַנצויזיש מיידל, ווען ער דערציילט ניט, אַז ער איז אַ ייד פון אָפּשטאַם, אָבער נאָכדעם קומט ער אין נאַציישן גרויל־לאַגער דאַכאַו און ער דערזעט וואָס די נאַציס האָבן געטאָן יידן „בלויז דערפאַר ווײַל זיי זײַנען יידן". אַרויסגייענדיק פון די מאַטערקאַמערן זידט אין אים אויף זײַן בלוט און ער באַשליסט נעקאָמע נעמען אין די פרידלעכע דײַטשן „וואָס שטייען אין די גאַסן אַזוי גלײַכגילטיק ווי דאָ אין דער נאָענט וואָלט גאָרניט פּאַסירט". ער פאָרט מיט זײַן „דזשיפּ" גלײַך אַרויף אַף די דײַטשן...

דאָס איז לעווים לעצטע שלעכטע טאַט אַפן פראָנט. אַ מיליטעריש געריכט דאַרף אים מישפּעטן און דער לייטענאַנט סמיטהערס פאַרטײַדיקט אים.

דאָס איז דער סיפּער־האַמײַסע אין געלהאָרנס בוך און עס ווערט דערציילט מיט אַלע מיטלען פון גוטער ראָמאַנטישער פּראָזע. דער דאַכאַו־קאָנצענטראַציע־לאַגער איז מײַסטעריש געשילדערט; אייניקע נעבן־פּערזאָנען, ווי דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט, וואָס באַווײַזט קונצן דורך אויפעסן אַן עלעקטרישן לאָמפּ איז שטאַרק געצייכנט. אַף גײַן־צענטל פונעם בוך קאָן מען זאָגן ליטעראַרישע שוואָכים און דאָך איז דאָס בוך פּוסט, ווײַל עס פעלט דער איקער: אַן אידעע. לעווי האָט אייגנטלעך גיט קיין אידעאַל פאַרוואָס צו קעמפן. ער קריגט נישט קיין צוטריט צו אונדזער געמיט, נישט מיר פילן אים אין זײַן ליבע און גליק און נישט אין זײַן פּײַן. אַפילע צו זײַן נעקאָמע־טאַט ווערט ער ניט גענוג פּסיכאָלאָגיש אידעיִש צוגעגרייט.

דאָס זײַנען די טענדענצן און מאָטיוון וואָס הויפּט־ווערק אין דער

אַמעריקאַנער ליטעראַטור האָבן אָפּגעשפּיגלט אין לעצטן יאָרצענדליק. זעלטן ווען איינער פון די שרײַבער האָט זיך דערהייבן צו גרויס־רעאַליזם און דערהייבענער סימבאָליק. די דעגראַדאַציע פון די טאַלאַנטירטע שרײַבער איז אַ רעזולטאַט פון דעם פּאָליטישן מאַצעוו אין וועלכן אַמעריקע געפינט זיך. ווײַל די דעפיניציע וועגן וועלכע אַנאַטאָל פראַנס האָט גערעדט, און ווי מיר האָבן זי פּאַראַפראַזירט, איז אַן אַלזײַטיקע קאַטעגאָריע און באַווײַזט ווי שווער עס איז אָפּצוטיילן ליטעראַטור פון פּאָליטיק און קונסט פון דער ווירקלעכקייט.

האוואַרד פעסט און אַלבערט מאַלץ
- שרייבער און קעמפער

מיר ווייסן פון ביכער, וואָס זייַנען מיט זייערע בליקן געווענדט צו דער פאַרגאַנגענהייט. מיר האָבן ביכער, וואָס קוקן אַפן הייַנטיקן טאָג. עס זייַנען דאָ ווערק, וואָס באַמיִען זיך צו זען בלויז די צוקונפט. אַלע זעען זיי אויס אָפּגעריסענע רינגען פון א צעריסענער קייט. זעלטן ווען עס דערשיינען ביכער, וואָס קוקן דורך דער פאַרגאַנגענהייט, דורך דעם הייַנטיקן טאָג מיט יונגע און קלוגע אויגן אין דער צוקונפט.

אייניקע ביכער קומען פונעם נאָענטן און ווייַטן נעכטן ווי זקיינים, וואָס טאַפּן מיט די בלינדע שטעקנס די אומבאַקאַנטע וועגן. אַנדערע ווערן געבוירן ווי פליענדיקע באַבעלעך, וואָס ווייסן אפילע ניט, אַז עס איז פאַראַן אַ צוקונפט. אַנדערע זעען אויס ווי כאַלוימעס וואָס דאַרפן זיך ערשט כאַלעמען. זייער ווייניק קומען פון אָוואַר ווי שלאַכטמענער, וואָס האָבן שוין דאַן, אין דער טיפער פאַרגאַנגענהייט געקעמפט פאַרן בעסערן הייַנט און אַ בעסערן מאָרגן. אַזעלכע ביכער ווערן ניט.

די היסטאָרישע טעמע אין דער ליטעראַטור קאָן אָפּט זייַן פונקט אַזוי אַקטועל און הייַנטצייַטיק ווי די איצטיקע. שרייַבער, וואָס פאָרשן היסטאָרישע דאָקומענטן, מאַטעריאַלן, פאַרגאַנגענע לעבנס־פּראָצעסן, קאָנען קינסטלעריש באַהאַנדלען אויך עלטערע טקופעס, געשיכטלעכע פּאַסירונגען, פּראָגרעסיווע דערשיינונגען, וואָס זייערע וואָרצלן געהערן צו דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט, אָבער זייערע צווייַגן, זייערע אידעיִשע טענדענצן ציען זיך צו אונדזער הייַנט.

די פּראָגרעסיווע יערושע פון די דאָזיקע טקופעס געהערט אונדז. מיר זייַנען דעריבער באַרופן אויפדעקן זייער סאָציאַל־היסטאָרישן עמעס אין שייַן פון אונדזער קעגנוואַרט, פון שטאַנדפּונקט פון אונדזערע הייַנטצייַטיקע קאַמפן און פּראָגרעסיווער וועלט־אָנשויונג.

דער גרויסער מאקסים גארקי האט געשריבן: „וואס ברייטער עס איז די סאציאלע דערפארונג פונעם שרייבער, וואס העכער זיין אינטעלעקטועלער שטאנדפונקט, אלץ ברייטער איז זיין אנשויונגס־קרייז, אלץ מער זעט ער, וואס מיט וואס עס בארירט זיך אף דער ערד און וואס פאר א צווישנווירקונגען עס זיינען דא צווישן די דאזיקע דערנענטערונגען און בארירונגען. דער וויסנשאפטלעכער סאציאליזם האט באשאפן פאר אונדז די העכסטע בארג־פלאך פון וועלכער עס זעט זיך בוילעט די פארגאנגענהייט און ס'ווערט אנגעוויזן דער גראדער און איינציקער וועג אין דער צוקונפט אריין, דער וועג — פון „דער מעלוכע פון מוז אין דער מעלוכע פון פרייהייט".

די שעפערישע פראזע פון דעם טאלאנטירטן אמעריקאנער שרייבער האווארד פעסט איז אומאפטיילבאר פון זיין סאציאלער פאזיציע ווי אן אקטיווער קעמפער פאר שאלעם און דעמאקראטיע, קעגן די אימפעריאליסטישע מילכאמע־צינדער און ראסן־העצער.

אין זיין אפענעם בריוו צום אמעריקאנער פאלק, וואס איז פארעפנטלעכט געווארן ערעוו זיין איינגעשפארט ווערן אין טפיסע, פאר זיין אנטיפאשיסטישער אקטיוויטעט, האט דער קעמפערישער שרייבער גערופן אלע ערלעכע און מוטיקע אמעריקאנער אויפצוהייבן זייער שטים קעגן דער אמעריקאנער רעאקציע, וועלכע מאכט א שריט צום אנקום פון יענער גרוילוקער נאכט, וועלכע האט איינגעהילט א סאך לענדער און וואס מענטשן רופן אן פאשיזם".

דער ברענענדיקער רוף צום קאמף קעגן דער „אוממענטשלעכער נאכט", וועלכע לאזט זיך אראפ איבער זיין היימלאנד, גייט דורך ווי א רויטער פאדעם אין קינסטלערישן שאפן פון האווארד פעסט.

אין זיינע ווערק ווענדט זיך פעסט צו דער געשיכטע פון זיין לאנד ניט ווי א גלייכגילטיקער כראניקער פון לאנג פארגאנגענע פאסירונגען. זיין שילדערונג פון דער פארגאנגענהייט איז טאמיד באהויכט מיטן לעבעדיקן אטעם פון היינטצייטיקן קאמף, ער העלפט אונדז דערזען ווי די אוועם פון דער היינטצייטיקער אמעריקאנער רעאקציע האבן שוין אין ווייטן אוואר צוגעגרייט דעם באדן פארן אויפקום פון פאשיזם.

די אמאליקע ווירקלעכקייט איז בא פעסטן אזוי קינסטלעריש אויסקריסטאליזירט, אז איר טיפסטער סאציאלער אינהאלט הייבט אן ארויס־

שטראלן פון איר אן שום קינסטלעכער באלויכטונג. אין זיין „אומבאַזיגבארע״, אדער „בירגער טאום פעין״, צום ביישפיל, ווארפט ער ניט אן אף דער ווירקלעכקייט, וועלכע ער שילדערט, קיין שום טענדענץ, נאר ער צווינגט דער טעמע ארויסצוגעבן איר אינעווייניקסטן סאציאלן טאך. ער שרעקט זיך אבער אויך ניט אפ פאר פארמולעס, פאר בוילעט מאכן די דאזיקע סאציאלע טענדענץ מיט דער הילף פון געדאנקען, מיט וועלכע זיינע העלדן ריידן און האנדלען אין זייער גאנג. ער מאלט אלץ מיט די פארבן פון יענער עפאכע, אבער אויסן איז ער אונדז צו ווייזן ניט נאר יענע עפאכע. בא דער גאנצער היסטארישער אייגנארטיקייט איז לאקאלן קאלאריט איז עס א סוויווע, וואס איז גאנץ גוט באקאנט אונדזער אייגענעם געמיט.

ווען מען לייענט „בירגער טאם פעין״ („סיטיזען טאם פעין״) באַזערן זיך איבער ניט נאר מענטשלעכע טיפן, נאר אויך די אטמאספערע, אויב מען האט אין זינען דעם סאציאלן אינהאלט. ער שילדערט, דער איזער, טאך־זאכן, ניט קיין צופעליקע פראטים פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן. דעקט ער דעריבער אויף פאר אונדז דיווארצלען פון יעדן סאציאלן קאנפליקט.

פעסט האט די גרויסע מיילע פון קענען ארויסהייבן רומרייכע טראַדיציעס פון רעוואלוציאנערן קאמף. די יערושעדיקייט פון דוירעס סעמפער פאר פרייהייט און דעמאקראטיע. ניט אומזיסט ווידמעט ער זיינע ווערק „אלע מענער און פרויען, שווארצע און ווייסע, געלע און ברוינע, אלע די וועלכע האבן אוועקגעגעבן זייער לעבן אין קאמף קעגן פאשיזם״. עס לוינט זיך אפשטעלן ברייטער אף זיין קרוין־ווערק „דער וועג צו פרייַהייט״ („פרידאום ראוד״).

דער ראמאן „דער פרייהייטס־וועג״ פירט ארויס דעם העלד גידעאן דזשעקסאן, וואס האגאם ער האט געלעבט מיט אכציק יאר צוריק, האט ער געקעמפט אין די גרויסע שלאכטן קעגן רעאקציע ווי די הייַנטצייטיקע קעמפער קעגן פאשיזם.

דער העלד טרעט אויף אין דער עפאכע, ווען ערשט ניט לאנג צוריק האט זיך אין אמעריקע פארענדיקט דער בירגער־קריג צווישן צאפן און דארעם.

דער זיג פון די צאָפנדיקע שטאַטן האָט באַדייט די אָפּשאַפונג פון שקלאַפנטום: אין די דאָרעם־שטאַטן זײַנען געשאַפן געוואָרן קאָנסטיטוציאָנעלע אָפּטיילונגען, ווו נעגערס און ווײַסע האָבן געהאַט גלײַכע רעכט. און גידעאָן דזשעקסאָן, וועלכער האָט אין די טעג פון דער מיל־כאָמע אויך געטראָגן אַ בלויען מונדיר פון לינקאָלנס באַטאַליאָנען, פון דער צאָפנדיקער אַרמיי, קומט ער אין דער דאָרעמדיקער שטאָט טשאַרלסטאָן, ווי אַ געזעצלעכער שעליעך פון זײַנע לאַנדסלײַט, אין דער נישט ווײַטער פאַרגאַנגענהייט פונקט אַזעלכע רעכטלאָזע שקלאַפן, ווי ער אַליין, קעדיי צוזאַמען מיט די שוואַרצע און ווײַסע דעפּוטאַטן אויס־צואַרבעטן אַ יווישערדיקע קאָנסטיטוציע פונעם שטאַט דאָרעם־קאַראָלינע.

עס גייען פאַרבײַ יאָרן פון אָנגעשטרענגטן קאַמף און אָנגעשטרענג־טער אַרבעט. דער נעכטיקער שקלאַף גידעאָן דזשעקסאָן — דער ריז מיט די נישט אײליקע באַוועגונגען און רויִקן אויפן פון ריידן, וועלכער איז אַמאָל געקומען אין געזעצגעבערישן קאָנווענט פון דער דאָרפישער העק און מיט שוועריקייט אונטערגעשריבן אַפן פּאַפּיר זײַן נאָמען — ווערט אַ גרויסער מעלוכעשער טוער, און גלענצנדיקער אָראַטאָר, דער געביל־דעטסטער מענטש פון זײַן צײַט. ביזן סאָף פון זײַנע טעג פאַרהיט ער די פרײַהײַט צו יענע דעמאָקראַטישע אידעאַלן, וועגן וועלכע ער האָט גע־רעדט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל עפנטלעך זיך באַמיט צו פאָרמו־לירן זײַנע פּאָליטישע אָנשויונגען: „כ׳וויל בילדונג — פאַר אַלע ווײַסע און שוואַרצע, כ׳וויל פרײַהײַט... כ׳וויל ערד, נישט קיין סאַך, קעדיי דער נעגער זאָל זייען און אַראָפּנעמען אַליין פאַר זיך, דאָס גאַנצע לעבן. אָט וואָס איך וויל״. אַלס מיטגליד פון קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן לאָזט ער מוטיק הערן זײַן שטימע קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציע, פאַר אַל־געמיינער אָבליגאַטאָרישער בילדונג, פאַר די הייליקע פּרינציפּן פון דע־מאָקראַטיע.

דער שרײַבער באַווײַזט, אַז אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פון אַזעלכע ענערגישע פּראָגרעסיווע טוער, ווי גידעאָן דזשעקסאָן, דעם מענטש, וועל־כער פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן פון אַן עמעסן פירער פון זײַן פאָלק, איז אין לאַנד געלונגען, נאָכן פאַרענדיקן דעם בירגער־קריג, אויסצוהאַדעווען געוויסע שפּראָצן פון דעמאָקראַטישע פרײַהײַטן, אין נאָמען פון וועלכע

עם האָבן אין דער צאָפּנדיקער אַרמיי געקעמפט טויזנטער פּאַשעטע אַמע־ריקאַנער.

פונדעסטוועגן באַווייַזט האָווארד פעסט, אַז דער דאָזיקער קורצער פּעריאָד פון דעמאָקראַטישע איבערגעשטאַלטיקונגען איז ברוטאַל איבער־געריסן און דערשטיקט געוואָרן דורך די שקלאַפן־אייגנטימער פון דאָרעם און די קאַפּיטאַליסטן פון צאָפן. איבערגייענדיק צו טעראָר, האָבן די פּלאַנטאַטאָרן בעסטיאַליש געמאָרדעט די פאָרשטייער פון פאָלק, וועלכע האָבן זיך דערהויבן, פּונקט ווי גידעאָן דזשעקסאָן, צו געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט. מיט דער הילף פון דער בורזשואַזיע פון צאָפן האָבן זיי אָפּסנייַ אָנגעטאָן די נעגערס די קייטן פון שקלאַפעריַי, פאַר־קנעכטעט זיי עקאָנאָמיש.

שוין פון די ערשטע בלעטלעך פון ראָמאַן פילן מיר שאַרף, מיט וואָס פאַרא ברענענדיקער סינע עס זייַנען אַרומגערינגלט געוועזן די נע־גערס און דער „ווייַסער אָפּפאַל", ווי די אַריסטאָקראַטן האָבן פאַראַכטנ־דיק אַ נאָמען געגעבן די ווייַסע אָרעמשאַפט פון דאָרעם, וועלכע האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט די נעגערס און פאָרשטייער פון צאָפן אינעם קאָנ־ווענט. די פּלאַנטאַטאָרן זייַנען נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך דער מאַ־פּאָלע, נאָך נישט געוואַגט אָפן צו קעמפן קעגן דער וואַקסנדיקער פּאָלי־טישער אַקטיווקייט פון די מאַסן. אָבער די פעסט־פאַרשלאָסענע טירן און לאָדנס פון די רייַכע פּאַלאַצן אין טשאַרלסטאָן, וועמענס אייגנטימער האָבן זיך אונטערגעוואָרפן אַ פּריַיווויליקן אַרעסט אין משך פון גאַנצן פּעריאָד, ווי לאַנג עס האָט אין שטאָט געפירט זייַן אַרבעט דער קאָנ־ווענט, האָט איידעם געזאָגט וועגן דער קראַפט פון זייער סינע.

באַ אַן אַנדערער טאַקטיק האָט זיך געהאַלטן סטעפאַן כאָלמס. דער דאָזיקער ווייַטזיכטיקער, כיטרער און אויסגערעכנטער דאָרעמדיקער אַריס־טאָקראַט האָט פון סאַמע אָנהייב אָן געהאַלטן פאַר נויטווענדיק „צוצו־פּאַסן" זיך צו די נייַע מענטשן, צו די נייַע פירעכצן.

אינעם ענגן קרייַז פון זייַנע אָנהענגער אַנטוויקלט כאָלמס אַ גאַנץ סיסטעם פון גענוי דורכגעטראַכטע, מיט האַס אָטעמענדיקע אָנשווּונגען: די רעאָרגאַניזאַציע און פאַרשטאַרקונג פון קו־קלוקס־קלאַן; אַרייַנציען אין זייַנע רייען די פּלאַנטאַטאָרן, אַוואַנטוריסטן, שקלאַפן־הענדלער; שאַפן אַ גאַנצע אַרמיי פון צוקונפטיקע טעראָריסטן, פאַרגוואַלטיקער, טאַליאַנים.

אָבער דערווײַל איז נאָך די צײַט פאַר אַרויסטרעטן און אַ בעסטיאַלישער צערעכענונג מיט די דעמאָקראַטישע טוער נישט געקומען. כאַלמס רופט צו פאַרפעסטיקן די פאַרבינדונגען מיט די קאַפּיטאַליסטן פון צאָפן, מיט די אייגנטימער פון די גרויסע טעקסטיל־פאַבריקן, וועלכע זײַנען פאַרינ־טערעסירט אין די ביליקע צושטעלונגען פונעם דאָרעמדיקן בײַנוואָל און, פאַרשטענדלעך, אין ביליקע אַרבעטס־הענט. דער דאָזיקער ראַפינירטער אינטריגאַנט זאָגט פאַר, נישט אָן אַ גרונט, אַז מיט דער הילף פון דער בורזשואַזיע פון צאָפן וועט לײַכטער זיך אײַנגעבן צו דערשלאָגן זיך דאָס אַרויסציען דאָס פעדעראַלע מיליטער פון דאָרעם. „אין צוויי יאָר אַרום, אין פינף יאָר אַרום, — זאָגט ער מיט איבערצייגונג, — וועלן מיר דער־לאַנגען אַ קלאַפּ. מיר וועלן אָנווענדן געוואַלט — געוואַלט און טעראָר! ווײַל נאָר די דאָזיקע צוויי מיטלען — געוואַלט און טעראָר — קאָנען אַנטשיידן דעם איניען... צו יענער צײַט וועט דער קלאַן זײַן אַן עמעסע אַרמיי, און דער קלאַן וועט צערײַבן דאָס גאַנצע נײַע, וואָס איז דאָ גע־שאַפן געוואָרן, צערײַבן אַזוי גרינטלעך, אַז עס וועט שוין קיינמאָל נישט קאָנען אויפהייבן דעם קאָפּ. דזשענטלמענער, דער נעגער וועט ווידער זײַן אַ שקלאַף, ווי ער איז געווען, ווי ער באַדאַרף זײַן".

טראַגיש וויקלען זיך פונאַנדער די געשעענישן אין דער צווייטער העלפט פון ראָמאַן. גידעאָן פאַרשטייט אויסגעצייכנט, וואָס פאַרא שרעק־לעכע געפאַר עס דראָט דער זאַך פון פרײַהײַט, דעם לעבן פון פיל טויזנ־טער מענטשן. שטיצנדיק זיך אויף זײַן אויטאָריטעט פון אַ קאָנגרעס־מיט־גליד, פרוּווט ער נאָך טאָן עפּעס, דערשלאָגט זיך אַ וויזיט באַם פרעזי־דענט אוליס גראַנט. אָבער גידעאָן איז נישט בעקוועך עפּעס וואָס צו ענ־דערן.

פעסט צייכנט אויסדריקלעך דעם פּאָרטרעט פון גראַנטן, דעם אַמאָל פּאָפּולערן באַם פאָלק העלד פון דער מילכאָמע קעגן די שקלאַפן־אייגנטי־מער פון דאָרעם און איצט גלײַכגילטיקן, פאַרמאַטערטן מענטש, וועלכער זאָגט זיך פאַכדאָנעסדיק אָפּ אין די לעצטע טעג פון זײַן פרעזידענט־שאַפט אָנצונעמען מיטלען, קעדיי צו פאַרמײַדן דעם געוואַלט און טע־ראָר, וועלכע באַדראָען דאָס לאַנד.

דער שמועס מיט גראַנטן איבערצײַגט בלויז ענדגילטיק גידעאָנען, אַז די זאַך פון פרײַהײַט איז פאַראַטן געוואָרן אין וואַשינגטאָן. ערעוו

דעם איבערנעמען דעם פּאָסטן דורכן נײַעם פּרעזידענט פון די פאַרייניק־טע שטאַטן, רעזערפאָרד כיים, וועלכער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די פּלאַנטאַטאָרן וועגן ארויספירן פון דאָרעם דאָס אָקופּאַציע־מיליטער, קערט זיך גידעאָן צוריק אַהיים, קעדיי אין דער דאָזיקער גרויזאַמער פאַר זײַן פאָלק צײַט צו זײַן צוזאַמען מיט אים, קעמפן אין זײַנע רייען. און גידעאָן פאַלט ווי אַ פרײַער מענטש, פאַרטיידיקנדיק בעראָש פון עטלעכע צענדליק ווײַסע און שוואַרצע פרײַנט קעגן אַ באַנדע כאַיעשע קוקלוקס־קלאַנאָווצעס זײַן הויז, זײַן ערד, זײַן קאָוועד און אומאָפּהענגיקייט, די גרויסע אידעאַלן פון דעמאָקראַטיע, וועלכע ער איז טרײַ געבליבן ביזן סאָף פון זײַן לעבן.

מערקווירדיק ווערט דורך פעסטן געשילדערט דאָס דאָזיקע אויפקו־מען און פאַרפעסטיקן זיך פון דער אַרבעטס־געמיינשאַפט, און שפּעטער אויך קאַמפס־געמיינשאַפט פון די ווײַסע און שוואַרצע, וועלכע האָבן זיך פאַרייניקט אין זייער היימישער געגנט אין דער געמיינדע קאַרוועל. דער שרײַבער האָט עמעסדיק באַוויזן, אַז פאַר געוויסע ווײַסע העלדן פונעם בוך, ווי לעמאָשל פאַר דעם שווער־געמיטיקן אָרעמען פערמער אַוונער לעיט, וועלכער האָט בעיים דער מילכאָמע געקעמפט אַף דער זײַט פון די דאָרעם־לײַט, איז נישט לײַכט געווען גוווער צו זײַן די אַף זיי לאַסטנדי־קע דווירעסדיקע מאַסע פון ראַסן־פאָרורטיילן. אָבער דאָס לעבן גופע האָט געהאָלפן די דאָזיקע מענטשן טיף פאַרשטיין, אַז די ווײַסע אָרעמעלײַט זײַנען אינדערעמעסן פונקט אַזעלכע שקלאַפן, ווי די שוואַרצע, אַז די גע־מיינזאַמע אינטערעסן און געמיינזאַמע שטרעבונגען פאַרייניקן זיי מיט דער נעגערישער מאַסע.

טאַקע אָט די דערנענטערונג און צוזאַמענאַרבעט צווישן די נעגערס און ווײַסע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין די צײַטן פון די אַלגע־מיינע וואַלן און אַרבעט פון די געזעצגעבערישע קאָנווענטן, האָט זיך סטעפּאַן באַלמסן אויסגעוויזן ווי די סאַמע געפערלעכסטע און דראָענ־דיקע פון אַלע דעמאָקראַטישע דעראָבערונגען נאָך דעם בירגער־קריג אין די יאָרן 1861—1865. שוין אין סאַמע אָנהייב פון זײַן פּאָליטישער קאַריערע האָט ער מיט צינישער אויפריכטיקייט גערופן די פּלאַנטאַטאָרן אויסצושפּילן „אַ גאַנצע סימפאָניע... אַף דער ווײַסער הויט“, אויסבויען

אף איר „א קולט, א רעליגיע”. און אט די דאזיקע ראסיסטישע אידעע זײַנען ווערט די פראגראם פון דער טעטיקייט פון קו־קלוקס־קלאן.

מיר ווייסן ווען עס האבן פאראייניקט ארום זיך די קוקלוקסקלאנישע באנדעס: אויסוואורפן פון דער געזעלשאפט, הענדלער מיט נעגער, אויפזעער, שווינדלער. די פאשעטע מענטשן פון אמעריקע, די ערד־ארבעטער, וועמענס הויט עס איז נישט געווען שווארץ, נאר וועמענס לעבן עס איז אדורך אין מי, האבן פארגאסן בלוט צוזאמען מיט גידעאן דזשעקסאן, און דער דאזיקער רומרײַכער געמיינזאמער קאמף זייערער לעבט אין פעסטס ראמאן ווי א דראענדיקע ווארענונג פאר אלע אנהענגער פון ראסן־דיסקרימינאציע, פאר אלע הײַנצײַטיקע פאשיזירנדיקע קאניבאלן, וועלכע גייען אין די וועגן פון די ערשטע אינספּיראטארן פון קו־קלוקס־קלאן.

די גרויסע באדײַטונג פון האווארד פעסטס היסטאריש־אמעריקאנער ראמאן איז דאס, וואס דורכן אמאל העלפט ער אונדז בעסער צו פארשטיין דעם הײַנט. אזוי אנטפלעקט ער זיך אין זײַנע ראמאנען „דער וועג צו פרײַהײַט”, די „אומבאזיגבארע”, די „אמעריקאנער”, „בירגער טאם פעין” און „כאים סאלאמאן”.

אביסל אנדערש איז ער אין זײַן ראמאן אף א יִדיש־היסטארישער טעמע, אין ווערק „מײַנע העלדישע ברידער”, וועגן מאקאבעער אויפשטאנד. דאס איז א בוך פון יִדישן העראיזם, וואס איז אייגנארטיק אין זײַן געפלעכט פון פערזענלעכע און סאציאלע איבערלעבונגען. אבער אין דעם בוך רײַסט זיך ארײַן, דא און דארט דער סוביעקטיווער יִדישער נאציאנאליזם און דאס שטערט דעם פראגרעסיוון מאטיוו.

פעסט שילדערט אין דער פארעם פון זיכרוינעס פון שימען, דער לעצטער פון די פינף „העלדישע ברידער”, די זין פון מאטיסיאהו. מיט זייערע העלדישע טאטן האבן זיי באגײַסטערט די יִדן פון יִסראעל, וואס האבן מיט צוויי טויזנט יאר צוריק אנגעפירט און אויסגעקעמפט די זיגרײַכע מילכאמע פאר פרײַהײַט און זעלבסטשטענדיקייט קעגן זייערע סאנים, די גריכן־סיריער.

ער מאלט אלץ מיט די פארבן פון דער עפאכע און די העלדן זײַנען, מער ווייניקער, סאציאל־פסיכאלאגיש מאטיווירט. עס ווערט אונדז קלאר און פארשטענדלעך ווי אזוי אזא פרומער מאן ווי מאטיסיאהו קויהען

גאַדל האָט אויפגענומען דאָס אויווער זײַן פון זײַנע זין אַפן שטרענגן געבאָט פון „לא תרצח!״ ווען זיי דערציילן אים מיט פּאַכעד און ציטער, אַז זיי האָבן דערמאָרדעט דרײַ גריכן און אַז דער יינגסטער יווינאָסן האָט אין איין וויינען, זאָגט אים מאַטיסיאָהו: „יווינאָסן בען מאַטיסיאָהו, וויש אויס די אויגן, צי ביסטו אַ מיידל, וואָס דו באַגיסט זיך מיט טרערן? אַ הונט איז טויט — איז דאָס אַן אורזאַך צו וויינען?״

עס וואַקסט פאַר אונדז אויס דאָס געשטאַלט פון מאַטיסיאָהו ווען מיר הערן ווי ער זאָגט „שאַבעס איז הייליק, נאָר דאָס לעבן איז נאָך הייליקער״. מיר באַקענען זיך מיט דער גאַנצער פאַרביקער סוויווע און לאַנדשאַפט, מיט די גרויזאַמקייטן פון די גריכן און מיט זייער דעקאַדענ־טער קולטור, ווי אויך מינהאָגים פון יידישן לעבן.

טעכניש איז עס זיכער אַ ראָמאַן פון הויכער קוואַליטעט, אָבער די סאָציאַלע קאָנצעפּציע איז אַ היבש ביסל איבערטריבן. ווען פעסטס שימען גיט אַ זאָג: „יידן האָבן קיינמאָל ניט געוווּסט פון קיין קנעכטשאַפט״, איז עס ניט אין הסכם מיט דער יידישער געשיכטע, אפילו לויט די ביבלי־שע און טאַלמודישע קוואַלן. אין דער ביבל, אין טאַלמוד, געפינען מיר גענוג שקלאַפערײַ. ער פאַרורטיילט צופיל דאָס גאַנצע גריכנטום און פאַרגעסט, אַז דער העלענישער גײַסט האָט אַ סאַך באַאיינפלוסט דעם יידיש־וועלטלעכן צענטער אין אַלעקסאַנדריע פון מיצראַים, און דער הויפּט־כעסאָרן זײַנער איז, וואָס ער ווײַזט ניט די סיבעס פון דעם דאָזיקן זיג. איינע פון די הויפּט־סיבעס איז, וואָס די גריכן זײַנען געצווּנגען געוועזן צוריקציען זייערע גאַרניזאָנען אין אַנדערע לענדער, ווו עס זײַנען דאַן פאָרגעקומען אויפשטאַנדן קעגן דער צעפאַלנדיקער גריכישער אימ־פּעריע.

דער כאַראַקטער פון מאַקאַבעישן זיג ווערט אַזוי אַרום איזאָלירט פון דער אַרומיקער ניט־יידישער וועלט און בעמיילע פעלן דאָ די קלאַסן־מאָ־טיוון און עס באַקומט זיך אַ גוזמעדיקע אידעאַליזאַציע.

אין דעם ראָמאַן „מײַנע העלדישע ברידער״ ווערט צו ווייניק אָפּ־געגעבן דעם קלאַסן־געראַנגל אין יידישן לעבן פון אַמאָליקן ייסראָעל אין דער עפּאָכע פון מאַקאַבייער אויפשטאַנד. צו אָפט טראָגט פעסט אַריבער דעם שטרײַט מיטן גריכנטום אין אַ ריין אידעאַליסטישער ספערע, וואָס עס שטערט אים אויפצודעקן אַ ריי טיפע סאָציאַלע פּראָצעסן. גאַנץ אָפט

ווערן די גריכישע פארפאלגונגען פון יידן אין גריכישן יעהודע באטראכט בלויז ווי א קאנפליקט צווישן ליכט און פינצטערניש. עס קומט אויס אז די יידן, אלע יידן זיינען דורכויס געווען קעגן שקלאפעריי. מען קען האבן נאך טיינעס צו האווארד פעסטן. דאס שטערט אבער ניט צו אנערקענען, אז אויף אפן געביט פון יידיש־געשיכטלעכן ראמאן האט הער מוטיקער און קאנסעקווענטער שרייבער געמאכט א ביישטראג.

האווארד פעסטס ווערק אטעמען מיט גרויסן פאטאס און רופן צום קאמף פאר א פרייער און ליכטיקער אמעריקע.

***

אלבערט מאלץ איז א יונגער אמעריקאנער פראזאיקער און דראמא־טורג, וואס האט שוין פארנומען גאר אן אנגעזעענעם ארט אין דער אמע־ריקאנער ליטעראטור. זיין טאלאנט האט זיך באזונדערס צעבליט בעשאס דער צווייטער וועלט־מילכאמע. מאלץ האט ביז איצט אנגעשריבן פאלגנ־דיקע ווערק: א באנד דערציילונגען „ווי זאכן זיינען", די ראמאנען: „דער אונטערערדישער שטראם", „דער פייל און דער קרייץ" און „די רייזע פון סימאן מעקייווער", וואס איז אויך דערשינען אין דער ניו־יארקער יידישער צייטונג „מארגן־פרייהייט", א. נ. „אף דער עלטער".

אין א פרעכטיקן עסיי „דער שרייבער, דאס געוויסן פון פאלק" זאגט מאלץ: „די געשיכטע פון דער ליטעראטור ווערט דאמינירט פון שריי־בער, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט ליבע צום פאלק און ניט דורך ציניזם און גלייכגילטיקייט, נאר דורך זייער פאזיטיווער באציונג צו די ראדיקאל־סאציאלע באוועגונגען פון זייער צייט. אנדערש האט עס ניט געקענט זיין. ווייל דער שרייבער ווערט געפירט בלויז פו די ליידן פון זיינע מיטמענטשן. דער שרייבער קען ניט שילדערן אן אומפערפעקטע וועלט, ער קען אויך ניט פארמאכן זיין הארץ און ניט בענקען נאך א בע־סערער וועלט".

מאלץ איז פון די ערשטע אמעריקאנער שרייבער, וועלכע האבן אנערקענט אז אין דעם איבערברוך־מאמענט, ווען אמעריקע איז געווארן דער אוואנגארד פון אימפעריאליזם און וועלט־רעאקציע, דארף די ליטע־ראטור העלפן אויסלייזן דאס לאנד פון איר גייסטיקער און ענגהארציקער באגרענעצטקייט נאר דורך דעם סאציאל־אויסלייזנדיקן אידעאל וואס

הייסט עטנישע און פאָלקס־דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. זייענדיק אי־דעאָלאָגיש פאַרוואָרצלט אין דעם גלויבן אין אמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און גרויס־הומאַניזם, איז מאַלץ בא זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט מיטגעריסן געוואָרן דורך דער כוואַליע פון אַנטיפאַשיזם.

אין מיטן פלאַקער פון די אַליאירטע פעלקער קעגן קאַניבאַלישן נאַציזם האָט מאַלץ אָנגעשריבן זיין אַנטיפאַשיסטישן ראָמאַן „דער קרייץ און די פייל" („דהי קראָסס ענד די עראָ").

אין דעם ראָמאַן שילדערט ער דעם צעיושעטן פאַשיזם בא דער מאַכט. דער הויפּט־העלד פון ראָמאַן, וואָס צינדט אונטער א שייער, קעדיי צו באַלייכטן די הימלען און דעם וועג אין דער סטראַטאָספערע פאַר די אַליאירטע עראָפּלאַנען, איז אַן אַרבעטער, וואָס האָט פון ווילדע ניט געצווימטע ליידנשאַפטן זיך דערהויבן צו גרויסקייט דורך א טיפן גלויבן אין א הויכן אידעאַל, און אָט דער טיפער גלויבן גיט אים ניט נאָר ווילן און קויעך נאָר אויך כאָכמע און אויסדרויער אין די דראַמאַטישסטע מאָמענטן פון גרויסע געפאַרן.

זייער איבערצייגנדיק זיינען בא מאַלצן די געשטאַלטן פון דער דייטשער נאַצישער סוויווע. מיט גרויס מייסטערישקייט און מיט קראַפט פון סינע צום פאַשיזם, שילדערט ער דעם מעהום פון דער נאַצישער טיראַניי און ווייזט, אַז בלויז מענטשן מיט א וואַכן געוויסן האָבן אין דער דאָזיקער פינצטערניש פון דער היטלער־נאַכט זיך אָריענטירט און געפונען דעם וועג פאַר דעם ליכטיקן אויסוועג פון אָט דער פינצטערניש.

אין ראָמאַן „די רייזע פון סימאָן מעקייוועער" ווערט אַרויסגעשטעלט דער גרויער פאַשעטער מענטש וואָס לאָזט זיך אַרויס אף א רייזע פון זיין קאַליפאָרניער היים־שטעטל צו זוכן דעם פאַרווירקלעכטן אידעאַל פון דעם מאַסן־מענטשן וועלכן ער געפינט אין דער צוקונפט.

סימאָן מעקייוועער ווייס, אַז דער פּראָצעס פון געווינען די וועלט פאַר דעם גרויען מאַסן־מענטשן איז א דויערנדיקער און א שווערער און קעדיי צו דערזען זיינע רעזולטאַטן וואָס שנעלער דאַרף מען קעמפן און קעמפן שטאַרק.

איניינעם מיט האָווארד פעסטן און די איבעריקע אַנטיפאַשיסטישע שרייבער און קינסטלער פו ניו־יאָרק און האָליווּד האָט זיך מאַלץ געשטעלט אין דער ריי פון די קעמפער.

טויזנטער מײַלן ווײַט — פון ניו־יאָרק ביז לאָס־אַנדזשעלעס — טיילן אָפּ די טפּיסעס פון די צוויי יונגע מיליטאַנטע אַמעריקאַנער וואָרט־קינסטלער: האָוואַרד פעסט און אַלבערט מאַלץ, אָבער איבער אַלע אַכט און פערציק שטאַטן, וואָס זײַנען איצט באַהאַנגען מיט אַ געדיכטן שלייער, איבער די פעלדער און פליינען, בערג און טײַכן פון דער אומגעהייער רײַכער און פאַרשיידנאַרטיקער פאַרבן־געזעטיקטער וועלט, טראָגט זיך זייער מוטיק וואָרט, דאָס וואָרט פון דעמאָקראַטיע צום אַמעריקאַנער פאָלק.

די ווערק פון פעסטן און מאַלצן וואָרענען קעגן די געפאַרן פון פאַשיזם, שטורעמען קעגן דער מילכאָמע־צינדערישער מאַכט אין וואַשינגטאָן און ווייטיקן מיטן מאַסן־מענטשן, און דער ערנסט־דענקענדיקער און פּראָגרעסיווער אַמעריקאַנער מאַסן־מענטש דערפילט זייער ווייטיק, די לײַדן פון דער אינטעליגענץ פאַרן פאַשעטן פאָלקס־מענטש, פאַר דער אַמעריקע פון מאָרגן.